STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01041

SPINOZA UN ZAYN SVIVE

Jacob Shatzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Concordia Yiddish Club, Cranbury, NJ

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך דע ספינאָזא
(1632-1677)
קופּערשטיך.

דר. יעקב שאַצקי

שפינאזא און זיין סביבה

נ י ו - י אָ ר ק

1927

ארויסגעגעבן פון א גרופע פריינד.

Copyright by Dr. Jacob Shatzky

New York, 1927.

דעם ליכטיקן אנדיינק פון מיין יונג פאר־
שטאָרבענעם ברודער, י ש ש כ ר, געווידמעט.

אינהאלט:

הקדמה ... 7
די אידן אין אמסטערדאם ... 9
מיכאל דע ספינאָזא ... 21
„עץ חיים" ... 29
אויף די ברעגן פון ספקות ... 37
די דערוויטערונג ... 46
ברוך אחר ... 55
צווישן גאָטזוכער ... 64
צווישן פרייגייסטער ... 76
דער לאטייניזשער לערער ... 85
„דער מלאך הגואל" ... 95
אין א פארוואָרפענעם ווינקל ... 103
קאזועריום ... 112
א גאסט פון לאָנדאָן ... 119
וואָרבורג ... 128
יאָהאן דע וויט ... 140
דער טעאָלאָגיש־פאָליטישער טראַקטאַט ... 149
א ויכוח מיט א תבואה־סוחר ... 157
דאָס לעבן אין האג ... 166
דער טעאָלאָגישער שטורם ... 175
שבתי צבי ... 189
די געהיימע נסיעה ... 200

די היידעלבערגער פראפעסור 211
דער רוף צום שמד 225
לייבניץ 244
לוקאס 265
אין די ארעמס פון אייביקייט 276
די ירושה 289
מאלעדיקטוס און בענעדיקטוס 300
כראָנאָלאָגיע פון ספינאָזאס ווערק 310
באמערקונגען 311
ביבליאָגראפיע 319

I don't pretend to paint the vast
And complex picture of the past;
For detail, detail must I care
Ce superflui, ci necessaire. . . .
(Austin Dobson)

הקדמה

„ספינאזא און זיין סביבה“ איז ניט אנשטאנען אין דער געהויבענער אטמאספערע פון יובילײ שטימונגען און איז אויך ניט אינספירירט געווארן פון א יובילײ דאטע.

פארטראכט מיט יארן צוריק אין אן אנדער וועלט און אין אן אנדער שפראך — איז די אידעיע פון א בוך געווארן א ווירקלאכקייט גראד דא, אין אמעריקע, און דערצו אין אידיש.

אויב דער לייענער וועט דא און דארטן פילן א געהויבענעם און אפשר א פאנעגירישן טאן — טא זאל ער דעם דאזיקן טאן ניט צושרייבן אויפ'ן חשבון פון דער יובילײ־אטמאספערע, וואס איז זייער לייכט מסוגל צו אנשטעקן א שרייבער מיט א שטימונג, וואס איז ווייט פון דעם אזוי גערופענעם אביעקטיוון צוגאנג צום ענין.

איך בין זיך מודה און מתודה אז דער געהויבענער אדער סובּיעקטיווער טאן באגלייט מיך אין משך פון יארן, זינט עס איז מיר באשערט געווארן איבערצוטרעטן די שוועלן פון ספינאזא'ס געדאנקען־וועלט. ווייל פאר מיר פערזענלאך איז דאס דאזיקע ספינאזא־בוך ניט נאר א פארשונגס־ארבעט, נאר א אינטימע איבערלעבעניש!

לכתחילה איז די ארבעט פארטראכט געווארן צוזאמען מיט א פאפולערער עקספאזיציע פון ספינאזא'ס פילאזאפישער שיטה. דער ביאגראפישער טייל האט זיך אבער אזוי צואוואקסן — אז כדי ניט צו ברעכן די סטרוקטור פון דעם בוך — האב איך באשלאסן איבערגעבן ספינאזא'ס פילאזאפיע אין א באזונדער בוך. דער געפלאנטער באנד א. נ. „די פילאזאפישע שיטה פון ברוך ספינאזא“ וועט האפנטלאך אין קורצן דערשיינען. ביידע בענד זיינען אזוי געשריבן, אז יעדער באנד איז א זעלבסטשטענדיק ווערק און קען באזונדער געלייענט ווערן.

צוליב רײן פינאנסיעלע סיבות איז אויפגעגעבן געװאָרן דער געדאַנק צו דרוקן די הערות אין טעקסט פונ׳ם בוך — הגם זײ זײנען אַלע געװען צוגעגרײט. איך טרײסט מיך מיט דעם, װאָס דער ספּינאָזא־ספּעציאַליסט װעט זיך זײער לײכט קענען אָריענטירן בנוגע די קװעלן — מיט װעלכע איך אָפּעריר — און פאַר דעם אַלגעמײנעם לײענער זײנען זײ נוצלאָז, פּשוט דערפאַר, װײל ער װעט זײ סײ װי סײ ניט קענען באַנוצן.

די רשימה פון די באַנוצטע קװעלן, װאָס איך גיב אָן צום סוף פון מײן בוך — קענען אויך דינען פאַר אַן אָריענטירונגס מאַטע־ריאַל פאַר ספּינאָזא־פאָרשונג.

איך װיל אויך באַמערקן אַז אַלע ציטאַטן פון ספּינאָזא׳ס װערק, בריװ פון אים און צו אים זײנען איבערזעצט פון מיר גופא, פון די אָריגינאַלן, לויט דער נײעסטער, קריטישער אויסגאַבע פון ק א ר ל ג ע ב ה א ר ד.

די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך געדרוקט פריער קאַפּיטלװײז אין דער „פרײער אַרבעטער שטימע“. אין דער בוך־פאָרמע איז זי אָבער שטאַרק פאַרגרעסערט געװאָרן און עס זײנען צוגעגעבן גע־װאָרן אַ פּאָר קאַפּיטלען, װאָס זײנען אין ערגיץ קײנמאָל ניט געװען געדרוקט.

צום סוף װיל איך דאַנקען אַ גרופּע פרײנט מײנע, װאָס האָבן מיר געגעבן מוט און קוראַזש דאָס בוך צו פאַרענדיקן און אַרויסצוגעבן.

ניו־יאָרק דעם 15טן אָקטאָבער, 1927.

דר. יעקב שאַצקי.

די אידן אין אמסטערדאם

אין אן אלטן מאנוסקריפט, וואס געפינט זיך אין ביבליאטעק פון „חברת תועלת” אין אמסטערדאם ווערט דערציילט ווי אזוי די ערשטע אידן זיינען געקומען קיין האלאנד. דער מחבר פון דער דערציילונג איז ד א ן מ י ג ו ע ל ד ע ב א ר י א ס א מאראנער, וועלכער האט זיך שפעטער גערופן ד ו ד ד ע ב א ר י א ס.

אט וואס מיר לייענען אין דעם דאזיקן מאנוסקריפט.

אין יאר 1589 איז אין דער אומגעגנד פון שטאט עמדען (האלאנד) געווען א שרעקלאכער שטורם און צוויי שיפן מיט ארויס־געטריבענע אידן פון שפאניען, וועלכע זיינען געווען אויפ'ן ים זיינען שיעור ניט אונטערגעגאנגען. די פאסאזשירן זיינען באשטא־נען פון רייכע מאראנען, וועלכע האבן געפירט מיט זיך א סך געלד און טייערע חפצים. זייער ציל איז געווען אמסטערדאם, די שטאט וואו מענטשן זיינען פריי און אויב מען רודפט דארטן עמיצן איז עס גראד די קאטוילן, די, וועמענס קירכע פארפאלגט אזוי שטארק די אידן. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואס אויף דעם שטורמ־דיקן ים האבן צוויי שיפן מיט מאראנען געבענקט נאך אמסטער־דאם. אבער גאט האט מסתמא ניט געוואלט באווליקן זיי אזא גרויס גליק, אז זיי זאלן פון די הענט פון אינקוויזיציע ארייננפאלן אין דעם גן־עדן, וועלכער הייסט אמסטערדאם, אין וועמען מען האט שפעטער גערופן „דאס נייע ירושלים.”

און דער שטורם איז געווארן אלץ שטארקער און שטארקער, און די תפילות פון די מאראנען אלץ הייסער און הייסער. און גאט האט זיך אויף זיי דערבארעמט אין דער לעצטער מינוט און האט געהייסן דעם שטורם שווייגן. אבער די שיפן זיינען געווען אזוי דורכגעלעבערט פון שטורם אז ווייטער פארן האט מען ניט געקענט. איז מען געבליבן שטיין ביי דעם שטעטל ע מ ד ע ן. די מאראנען

זיינען אַראָפּ אין שטעטל אַריין, געדונגען אַ דירה און אַרויס אין גאַס שפּאַצירן. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך דערפילט פריי און ניט געצווימט אין זייערע פאַרלאַנגען. און דער ערשטער פאַרלאַנג פון די מאַראַנען איז געווען אַ גאַנז... אַ לעבעדיקע גאַנז, וועלכע זיי האָבן דערזען אין אַ פענצטער. אַ היימישער אינגל האָט זיי געבראַכט די גאַנז מיט אַן אויפשריפט: „כשר". די מאַראַנען זיינען געבליבן ערשטוינט. זיי האָבן ניט געגלויבט אַז דאָ אין עמדען געפינט זיך אַ איד. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן ביים בעל־הבית, ביי וועלכן זיי האָבן געוואוינט, און יענער האָט זיך מודה געווען פאַר די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע „קריסטן", אַז ער איז אויך אַ איד.

דער ווירט האָט דערציילט, אַז אין יאָר 1581 ווען די נידערלענדישע פּראָווינצן האָבן זיך אָפּגעריסן פון שפּאַניען איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז עס ווערט דערלויבט יעדערן „אָן אונטערשייד פון זיין נאַציע אָדער שפּראַך זיך דאָ צובאַזעצן און זיך אויסלעבן אין זיין רעליגיע פריי און ניט געשטערט" אחוץ... די קאַטוילן, ווייל זיי זיינען אינטריגאַנטן און קענען נאָך צוריק ברענגען די שפּאַנישע דעספּאָטן.

„מיר לעבן דאָ גליקלאַך און אָפן — האָט זיך דער ווירט באַרימט — די מלוכה באַאמטע שעצן אונז זייער און מיר פּראַקטיצירן אונזערע רעליגיעזע מנהגים אָפן פאַר אַלעמענס אויגן.

און די מאַראַנען האָבן באַשלאָסן אויפן צווייטן טאָג צו גיין צו דעם אידן ביי וועלכן זיי האָבן געקויפט די גאַנז.

ער האָט געהייסן משה אורי הלוי.

די טיר האָט זיך געעפנט מיט פריינדשאַפט און צוטרוי. ר' משה אורי הלוי האָט קיין שפּאַניש ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען פון די ווערטער, וואָס זיי האָבן צו אים גערעדט אין אַ ספּעציעלן צימער — אויס מורא פאַר פרעמדע — אַז דאָס זיינען אידן.

דו ביזט אונזער ברודער; מיט גרויס ליבע זיינען מיר מתפּלל, און זאָגן יעדן טאָג צוויי מאָל: „שמע ישראל"!

און דאַן האָבן זיי אים דערציילט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון קאַסטיליען, וואו די אינקוויזיציע האָט זיי פאַרפאָלגט און זייער

ציל איז אמסטערדאַם, די שטאָט וואו מען האָט אַלעמען ליב, אחוץ די קאַטוילן. עס פעלט זיי אָבער איין זאַך: א וועגווייזער, א גייס־טיקער מדריך. געלט האָבן זיי אסך אָבער תורה פעלט זיי. און כדי האָבן די זכיה צו הערן תורה מוזן זיי און ווילן ווערן אידן כדת משה וישראל, אזוי ווי אין דער תורה.

האָט זיי דערויף געענטפערט דער איד משה אורי הלוי.

„גייט קיין אמסטערדאַם, ווייל דאָ איז א שטאָט פון בלויזע לוטעראַנער. מיר אַלע וועלן אייך נאָכפאָרן און איך וועל אייך און אייערע קינדער מל זיין און מיר וועלן לעבן צוזאַמען.

ער האָט זיי נאָר געבעטן, אז אויף דער הויז וואָס זיי וועלן דינגען, זאָלן זיי אַרויסשטעלן א רויט שנירל אַלס א סימן פאַר אים.

האָבן זיך די מאַראַנען צוגעהערט מיט צוטרוי צו ר' משה אורי הלוי'ס ווערטער און אזוי שנעל ווי די שיפן זייערע פאַרריכט געוואָרן איז פאַרט זייענען זיי אוועק און געקומען בשלום קיין אמסטערדאַם.

דעם 22טן אפּריל 1593 האָבן זיי געדונגען א הויז אין אמסטער־דאַם און אין א פאַר וואָכן אַרום איז געקומען ר' משה אורי הלוי, און האָט די מאַראַנען געמאַכט פאַר אידן.

און די שטאָלצע ספּאַנישע אידן האָבן געבויגן די קעפּ פאַר'ן דייטשן איד ר' משה אורי הלוי. ער איז געוואָרן זייער לערער פון העברייאיש און געראַוונט פאַרן עמוד ניט אין זייער קלינגענדיקער ספּרדישער אויסשפּראַך, נאָר אין נוסח אשכנז.

געוואַקסן איז די עדה אידן אין אמסטערדאַם. יעדע שיף האָט געבראַכט נייע מאַראַנען, און ניי גאָלד איז אַריינגעפלאָסן קיין האָלאַנד.

האָבן די אַרומיקע, די פּראָטעסטאַנטישע איינוואוינער ניט פאַר־שטאַנען וואָס פאַר א מענטשן זייענען דאָס אָט די נייע תושבים, וועלכע ריידן אויף דער גאַס אין א פרעמדער שפּראַך, וועלכע איז זיי אַביסל באַקאַנט, ווייל אין דער שפּראַך ריידן די פּאָרטוגעזישע סוחרים. האָבן זיי געהאַט א חשד, אז אפשר זייענען דאָס געהיימע קאַטוילן. עפּעס זאַמלען זיי זיך צונויף באַזונדער אין א הויז און מורמלען אזוי מאָדנע! און דאָס הויז איז גאָר ניט ענלאַך צו א גאָטס־הויז! קיין הויכע טורמס האָט עס ניט און קיין שום צייכן פון דרויסן זאָגט ניט אז דאָ קומט מען תפילה טאָן.

איז עס געווען יום־כּיפּור שנת שנ"ז (1596). האָבן די שכנים געהערט אז אין יענער הויז שרייט מען עפּעס אויפן גאַנצן קול. זיינען זיי געגאַנגען צום הויפּט ריכטער און אים דערציילט, אז פאַרדעכטיקע מענטשן שטערן די רו פון די פרידלאַכע שטאַט־בירגער; און די רו און דעם פרידן האָבן זיי איצט מיט גרוים מי און אסך בלוט־קרבנות פאַר זיך אויסגעקעמפּט. און איצט קומען פרעמדע, געווים קאַטוילן, געווים די, וואָס שטרעבן אז דער ניט טאָלעראַנטער שפּאַניער זאָל הערשן איבער די שטילע, רייכע שטעט פון נידערלאַנד און מאַכן אזעלכע חוצפה'דיקע אסיפות מיט הויכן ליאַרם און גרילצענדן געפּילדער.

האָט דער הויפּט ריכטער געטאָן באַפעלן מען זאָל תיכף ומיד שיקן סאָלדאַטן, אריינגיין אין הויז און מיט געווער אלע פאַרטרייבן און די אָנפירער אין תפיסה פאַרשפּאַרן.

און ווען די סאָלדאַטן זיינען צו דער שול געקומען און האָבן אין טיר א קלאַפּ געטאָן, האָט א פּחד די אָנוועזנדע ארומגענומען. זיי האָבן געמיינט אז די אינקוויזיציע קומט כדי זיי אלעמען כאַפּן אויפן אָרט און פאַרברענען, האָבן זיי מורא געהאַט די טיר צו עפענען. זיינען אבער שוין די סאָלדאַטן אריין און האָבן דערזען עפּעס מאָדנע מענטשן מיט מאָדערנע קליידער און באַדעקונגען איבער די קעפּ. וועלכע האָבן זיך באַלד א וואָרף געטאָן צו די פענצטער און טירן. האָבן די סאָלדאַטן ארעסטירט, די וועלכע האָבן ניט געקענט אַנטלויפן און אראָפּרייסנדיק פון זיי די מאָדנע באַדעקונגען האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען.

— „גיט ארוים אייערע בילדער! גיט אהער די האסטיע מיט דער מאָנסטראַנציע, גיט אהער דעם צלם און אייערע תפלה ביכער!

אלע האָבן געשוויגן, ווייל זיי האָבן דעם לשון פון די סאָלדאַטן ניט געקענט באַנעמען.

איז אָבער געווען איין מענטש, וועלכער האָט זיך ניט דערשראָקן. דאָ איז געווען זייער אָנפירער י ע ק ב ט י ר א ד אָ. איז ער געגאַנגען צום עלטסטן פון שטאָט, האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט און אין א מייסטערהאַפטן לאַטיין דערציילט אז זיי האָבן ניט קיין צלם, און קיין האסטיע באַנוצן זיי ניט, ווייל אידן זיינען זיי,

און אהער זיינען זיי געקומען כדי ניט צו גֶעטער דינען, נאָר צו איין איינציקן גאָט.

„פון פלאַמען פון אוטאָ־דאַ־פע האָבן מיר זיך אויסגעריסן, האָט ער ווייטער דערציילט, און גאָלד און צירונג ארויסגעראטעוועט צוזאמען מיט די לעבנס אונזערע אוןביידע אהער געבראכט: גאָלד און צירונג, אז דאָס לאַנד זאָל רייך ווערן און די לעבנס אונזערע, כדי גאָט דעם איינציקן געטריי צו דינען“.

און עס ווארטן דאָרטן אין שפּאַניען די ברידער אונזערע אויף אונזער ידיעה, אז דאָ איז פרייהייט און יושר, און דאַמאָלסט וועלן זיי אַהער קומען און אויך גאָלד און צירונג ברייננגען.

זיינען די ווערטער דעם עלטסטן פון שטאָט זייער געפעלן געווארן, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך די באאמטע און יענע האָבן באַשטעטיקט אז קיין צלמים און אַנדערע סימנים פון דער קאַטוילי־שער קירכע האָבן זיי ניט געפונען.

האָט געהייסן דער עלטסטער פון שטאָט די אומשולדיקע פון דער תפיסה צו באַפרייען און צו ר׳ יעקב טיראדא האָ ער געזאָגט מיט זאַנפטער גוטסקייט:

„בעט גאָט ער זאָל אייערע תפילות אויסהערן און אייך אלעמען רייך מאַכן פון אלע אייערע זינד. אויך פאר דעם וואוילזיין פון דער שטאָט און פון דער מלוכה זאָלט איר בעטן.“

האָבן זיך געפרייט די מאַראנען מיט דעם אויסגאַנג פון דעם צופאַל און די נעילה איז פארענדיקט געוואָרן מיט פרייד און נחמה.

און אין דריי חדשים שפּעטער האָבן די נייע אידן באַקומען א שטח פון דער שטאָט און אָנגעהויבן בויען א גרויסע שול, און זיי האָבן דער שול א נאָמען געגעבן: „בית יעקב“.

ראש השנה שנת שנ״ח (1598) איז מיט גרוים פּאַראַד די שול געעפנט געוואָרן, און ר׳ יוסף פּרדא איז זייער רב געוואָרן און דער תלמיד חכם און משורר ר׳ יוסף שלום פאר זייער חזן באַשטימט, און אלס דער שול דרשן איז ר׳ משה אורי הלוי באַשטימט געוואָרן. ער האָט צו זיי אויף אידיש דרשות געהאַלטן, און דער זון זיינער האָט זיי די דרשות אין דעם שיינעם קאַסטילישן דיאַלעקט פאַר־טייטשט.

אזוי דערציילט אונז מיט תמימות און פשטות די ערשטע כראָניק, געשריבן אין לשון קודש ווי אזוי איז געשאַפן געוואָרן דער אידישער ישוב אין אמסטערדאַם.

און ווען אפילו עס שטימט ניט דער טרוקענער היסטאָרישער אמת מיט דער פּאַטעטיש געשילדערטער מעשה פון דער כראָניקע דאָך לאָזט זיך אין איר דער קערן פון געשיכטע אויפזוכן.

אידן זיינען געקומען קיין אמסטערדאַם — אין יאָר 1593. און געקומען זיינען די ערשטע תושבים פון דעם פירענעאישן האַלב־אינזל מיט א פּחד אין הארצן און מיט אַן אומזיכערקייט אין דער נשמה. עס האָט זיי אומעטום פאַרפאָלגט דער ברענענדער שייטער־הויפן פון דער אינקוויזיציע און די אַלצזעענדע אויגן פון די אינ־קוויזיטאָרן.

די ערשטע צייטן האָבן זיי זיך באַהאַלטן פאַר די איינוואוינער פון שטאָט; אויסגעמיטן פרעמדע מענשן און געוואָלט בלייבן אומבאַמערקט און ניט אָנזעענד.

און שפּעטער איז די ערדה געוואַקסן. די רייכע האָבן זיך שיינע מויערן אויסגעבויט און די אָרעמע האָבן זיך אין שכנות געטוליעט אין ענגע, הילצערנע נעסטלאַך.

און באַלד האָט מען א צווייטע שול אויפגעבויט, און א נייער שטראָם האָט זיך באַוויזן אויף די שטילע גאַסן פון אמסטערדאַם.

און א פריידיק געמיט האָט זיך פאַרנאַנדערגעשפּרייט איבער די גאַסן און א ניט געצוימטע שמחה האָט געשפּאַרט פון אַלע אידישע הייזער וואו מענטשן האָבן גאָט געדאַנקט פאַר די באַ־פרייאונג פון פייער און פאַר דעם ליכטיקן גן־עדן, וועלכן זיי האָבן לעבעדיקערהייט זוכה געווען צו זען.

„ניי־ירושלים" האָט דערזען שטאָלצע אידן און מיט א קנאה האָט אויף זיי געקוקט דער אמסטערדאַמער בירגער.

„זיי גייען ארום אָנגעטאָן אין גאָלד און אין זילבער, מיט קאָסטבאַרע פּערלען און איידעלע שטיינער. אויף זייערע חתונות עסן זיי פון זילבערנע געשיר און פאָרן אין רחבות'דיקע קאָטשן ווי מענטשן פון הויכן אדל קענען זיך נאָר דערלויבן. זיי פלעגן האַלטן ספּעציעלע קוטשערס און א גרויס באַדינערשאַפט פלעגט זיי ארומרינגלען."

אזוי האָט באַשריבן די גליקלאַכע תושבים פון אַמסטערדאַם א פּאַסטאָר, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער לעבן.

און אין גיכן איז א דריטע קהילה אַנגעשטאַנען. פון דייטש־לאַנד, פון דעם מבול פון פייער און בלוט האָבן זיך דערשראָקענע אידן געראַטעוועט און אין די שטילע שטעט און שטעטלאַך פון נידער־לאַנדן א רואיקייט און א שטיקל ברויט געזוכט. מיט א ביטול האָבן אויף זיי, אויף די „שמויסן“, ווי מען האָט זיי גערופן, געקוקט די „אדל אידן“ פון פירענעאישן האַלב־אינזל. זיי האָבן זיך פון זיי אָפּגעזונדערט און ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די, וואָס האָבן ניט אזעלכע פיינע מאַנירן ווי זיי, וועלכע שטאָל־צירן מיט זייער יחוס און מיט דער קלינגענדער קאַסטילישער שפּראַך.

איבער א וואַנט האָבן זיי געוואוינט; אָן די זעלבע מויערן די פּלייצעס געריבן און ווי צוויי פרעמדע, פיינדלאַכע פעלקער אויסגע־מיטן איינע די צווייטע.

און געוואַקסן איז די גליקלאַכע, רייכע און זעלבסטצופרידענע עדה פון די בלאַנדע, הויכוויקסיקע ארויסגעטריבענע זין פון דער זוניקער שפּאַניען.

„מיט קנאה האָבן געקוקט די טייטשע אידן אויף זייערע ספּרדישע גלויבנס־ברידער, וואָס האָבן געהערט א דאַנק זייער ביל־דונג און וואוילשטאַנד צו דער אויבערשטער געזעלשאַפט, דאַמאָלסט — ווען זיי א דאַנק דער ארעמקייט האָבן קוים געקענט מיט גרויס מי געפינען פאר זיך חיונה“ — אזוי כאַראַקטעריזירט א היסטאָר־קער די לאַגע פון די אידן אין אַמסטערדאַם.

די ספרדים האָבן באַלד ארויסגעוויזן זייער אָרגאַניזיר־פייאיג־קייטן. פּאַראַלעל מיט דער גרינדונג פון דער שול ווערן געגרינדעט אויך די קהילה און פאַרשיידענע אנשטאַלטן, וואָס זיינען נויטיק געווען כדי צו באַפעסטיקן דאָס רעליגיעזע לעבן פון דער עדה.

אין יאָר 1609 פאַרמאָגן שוין די ספּרדישע אידן אַן אייגענעם „בקור חולים“; אין יאָר 1615 ווערט באַשאַפן א „בית יתומים“ — וואָס בליט ביז היינט צו טאָג.

מיט דער צייט אנטשטייען פאַרשיידענע חברות, וואָס האָבן געאַרגט פאר די ארעמעלייט און געוואָלט אביסל מילדער מאַכן

די קנאה צו די רייכע, וואָס האָט עקזיסטירט ניט נאָר ביי די אשכנזים בנוגע די ספרדים — נאָר אויך צווישן די ספרדים גופא.

א ספּעציעלע חברה „ברית יצחק" האָט באַזאָרגט די אָרעמע־לייט, אז זיי זאָלן האָבן א מוהל אין פאַל פון א ברית און א באַשיידענע סעודה זאָל פּריילאַך מאַכן די פאַרבעטענע אורחים.

די חברה „משפט הבנות" האָט געזאָרגט דערפאַר, אז די קימפּעטאָרינס זאָלן האָבן די נויטיקע הילף און וואַרימע אַטמאָספערע— אפילו ווען עס ווערט געבוירן א מיידל — ניט קיין גרויסע שטאָלץ ביי די פרומע, גאַטספאַרכטיקע עקס־מאַראַנען.

און אויך אז די תורה זאָל בליען אין די „געצעלטן פון יעקב" האָבן די פרומע, ערלאַכע אידן געזאָרגט.

אין יאָר 1616 האָט מען געעפנט א „תלמוד תורה" — דער ערשטער קוואַל פון תורה פאַר די אמסטערדאַמער אידן. איז זייער שנעל געוואָרן ענג אין די באַשיידן־נייע וועגט פון דער שולע, האָט מען אין א פּאָר יאָר אַרום אָפּגעדונגען צוויי הייזער, ניט ווייט פון דער שול „בית יעקב" און דאָרטן געעפנט א נייע תלמוד תורה.

דער חזן פון „בית יעקב" דער סאַלאָניקער איד ר' י ו ס ף ש ל ו ם ק א ל ע ג אָ איז געוואָרן באַשטימט פאַרן הויפּט רבי.

און אין דעם וואוקס פון דער אידישער קהילה אין אמסטערדאַם — האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די עקאָנאָמישע רייכטקייט פון די, וואָס האָבן די אלע אינסטיטוציעס געשאַפן, מיט פרייד געשטיצט און מיט רעכט שטאָלצירט מיט זיי.

פעסט איז געווען דער עקאָנאָמישער מצב פון די אמסטערדאַמער אידן. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרטראָטן אין דער צוקער ראַפינעריען, אין דער דימענטן — אינדוסטריע און אין האַנדל מיט טייערע שטיינער.

מיט א אומדערמידלאַכן אימפּעט האָבן זיך די אמסטערדאַמער אידן א וואָרף געטאָן אויף דעם געפערלאַכן, פּיאָנערישן האַנדל מיט די האָלענדישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען רואיק און שטענדיק האָט געלויערט די געפאַר פון פרעמדע עראָבערונג אָדער צופעליקן פּיראַטיזם.

זיינען געגאַנגען אידישע שיפן צווישן האָלאַנד און מאַראָקאָ און געפירט פליישׁ, איידל־שטיינער, זיידנס און קאָלאָניאַלע

סחורות. שטאָלץ און רחבות'דיק האָבן געפּלאַטערט די זעגלען מיט די אידישע נעמען פון די ב אַ ר ב א ס ע ס, א ז א ר י א ס, ד ע ק ר אָ ס ט א ס, ט א ר א ס און אנדערע.

אויף די ברייטע האנדלס שליאכן פון האָלאַנד ווערט אַלץ אָפטער און אָפטער דער איד דער אימפּאָרטער און עקספּאָרטער, דער עראָבערער פון נייע האַנדלס־טעריטאָריעס פאר דעם נייעם פאָטערלאַנד זיינעם. קיין בראַזיליען האָבן די האָלענדישע אידן געפירט שווארצע שקלאַפן און פאַרקויפט צו די דאָרטיקע קאָלאָניסטן די ארבעטס־הענט, אָן וועלכע עס האָבן ניט געקענט בליען די קאָלאָניעס. דאָס פאָטערלאַנד האָט עס אָפּגעשאַצט און האָט אין אַ ערך אַ גרעסערע פרייהייט געגעבן די נייע ענערגישע תושבים ביי זיך אין לאַנד — ווי דאָס איז געווען אין אַנדערע מדינות.

אמת, עס האָבן נאָך אסך אבערגלויבן געשטערט צו דער פולער פרייהייט. די אַלטע שטאָט־אָרגאַניזאַציע האָט מיט גרויס עקשנות זיך אנטקעגנגעשטעלט וועלכע עס איז הנחות פאר די נייע תושבים.

די קינדער פון דער „פּאָרטוגעזישע־אידישער נאַציע" האָבן ניט געקענט באַזוכן קיין הויך־שול, ווייל זיי האָבן ניט געטאָרט אָננעמען קיין שטאַט־אַמטען און זיין אַדוואָקאַטן.

מעדיצין האָבן אידן געקענט שטודירן און אפילו האַלטן אַפּטייקן; אָבער רפואות האָט מען זיי דערלויבט פאַרקויפן נאָר צו אידן.

גייסטיקע פרייהייט אָבער האָבן די אידן געהאַט אסך: קיין צענזור אויף ביכער איז ניט געווען; מען האָט דעריבער געקענט דרוקן אַ תלמוד בבלי פראַנק און פריי — ניט אַזוי ווי אין איטאַליען — וואו די האַנט פון אַפּאָסטאָלישן צענזאָר האָט געמאַכט חורבונות אין טעקסט פון די ספרים.

דערפאר האָט אין האָלאַנד אָנגעהויבן בליען די דרוקאינדוסטרי און אַמסטערדאַם איז געוואָרן פון 1627 דער צענטער פון העברייאישע דרוקערייען. אין יענעם יאָר האָט מנשה בן ישראל ארויסגעגעבן אין זיין דרוק דעם „סדר תפלות" בנוסח הספרדי דער דאָזיקער ערשטער ספר געדרוקט אין אַמסטערדאַם איז ארויסגעגעבן געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון א פ ר י ם ב ו ע נ א א ו ן

א ב ר ה ם ה צ ר פ ת י. דער ערשטער קאַרעקטאָר איז געווען י צ ח ק א ב ר ה ם.

מיט'ן וואוקס פון די אידן — וואקסן אויך די לער־אַנשטאַלטן.

אין 1629 ווערט געגרינדעט א ישיבה „ראשית חכמה". די גרינדער זיינען געווען דער ח כ ם ש א ו ל ה ל ו י מ א ר־מ י י ר א און י ע ק ב ב ר' י ש ר א ל ב ע ל מ א נ ט ע.

אין יאָר 1636 באַוויזן זיך אין אמסטערדאַם די דייטשע אידן. זיי זיינען געקומען אַן קאַפּיטאַלן און זיך געמוזט דעריבער נעמען צום קליינעם האַנדל. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט די פּוילישע אידן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין האָלאַנד באַלד נאָך די גזירות ת"ח, ווען די קאַזאַקישע מלחמות האָבן חרוב געמאַכט הונדערטער אידישע קהילות און געצוואונגען די אידן צו זוכן פאַר זיך א נייעם מקום מקלט.

אויב דער ספרדישער איד האָט צו זיך ניט צוגעלאָזט דעם פּויליש־דייטשן אידן — האָט ער אָבער ארויסגעוויזן אסך פילאַנ־טראָפּישע באַרמהארציקייט און געזאָרגט פאַר די רעליגיעזע נויטן פון זיינע ווייטע, פרעמדע ברידער.

די דייטשע פּליטים אין אמסטערדאַם באַרגען אויס ספרי תורות ביי די ספרדים.

אפילו פון די ליי קאַסעם ביי דער קהילה, וואָס באָרגט אויס געלט אויף משכנות אַן פּראָצענט גענייסט אויך דער דייטש־פּויליש־שער איד.

אָבער אין דער קהילה פאַרוואַלטונג האָט געהערשט אַן אולטרא־אַריסטאָקראַטישער רעזשים. די פון דער קהילה זיינען באַ־שטאַנען פון דריי קלאַסן מיטגלידער. דער ערשטער קלאַס איז באַשטאַנען פון געוויינלאַכע מיטגלידער, וואָס צאָלן א געוויסע סומע א יאָר לטובות די אָרעמעלייט און קענען אליין געניסן פון א שטיצע — אין פאַל, אז זיי ווערן פאַראָרעמט.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבן געהערט די מיטגלידער, וואָס צאָלן א געוויסן אָפּצאָל — האָבן אָבער ניט קיין שום רעכט אויף שטיצע.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע האָבן געהערט „פרעמדע ניט קיין

ספרדים". זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום רעכט און ממילא איז די קהילה ניט געווען מחויב זיי צו העלפן. זיי האָבן אָבער געקענט פון צייט צו צייט באַקומען אַ נדבה פון דער קהילה־קאַסע.

די הויפּט־דעה האָבן געהאַט די פּרנסים. דער פּרנס איז געווען דער אויטאָקראַט.

די ערשטע מיטגלידער פון דער אַמסטערדאַמער קהילה האָבן פון צווישן זיך נאָמינירט פּרנסים און יעדן יאָר געביטן אַ געוויסע צאָל — אָבער דער באַזיס איז אַלעמאָל געבליבן דער זעלבער.

די אויטאָקראַטישע מאַכט פון די פּרנסים, וואָס האָבן אַפילו די רבנים געהאַלטן אונטער זייער קאָנטראָל — האָט זיך פאַר דער דרויסנדיקער וועלט אויסגעדריקט אין פּאָמפּעזע פייערונגען און טעאַטראַלישע אָנגעשרויפטע שבועה־צערעמאָניעס. די דאָזיקע דע־קאָראַטיווע אָפיציעלקייט האָט נושא חן געווען אין די אויגן פון המון — ווי אויך ביי די פאַרשטייער פון דער מלוכה.

עס איז אויבנאויפיק געווען פאַר אַלעמען קלאָר אַז די ספרדים זיינען די „אמתע" אידן מיט בילדונג און געלט. און אין זכות פון זייער געלט און גדלות קומט זיי אַלע כבודים און די העגעמאָניע אין אידישן לעבן.

ווען עס קומט אַפילו אין 1639 צו דער פאַראייניגונג פון די דריי קהילות און דעם 3 אַפּריל 1639 ווערן אויסגעאַרבעט די תקנות פאַר דער נייער קהילה, בלייבט אָבער פאָרט די העגעמאָניע ביי די יחסנישע, שטאָלצע ספרדים.

די דאָזיקע העגעמאָניע פאַרשטאַרקט זיך מיט'ן נייעם צופלוס פון אַנטלאָפענע מאַראַנען און אידן פון פּאָרטוגאַליען.

אין יאָר 1650 האָט שוין אַמסטערדאַם געציילט 400 אידישע מישפחות, וואָס האָבן באַזיצט אַן ערך 300 הייזער. דאָס באַווייזט אַמבעסטן, ווי עקאָנאָמיש שטאַרק זיינען געווען די אידן אין אַמסטערדאַם.

און אָט צווישן די דאָזיקע שנעל אויפגעקומענע אין רחבות, כבוד און גדולה — וואוינט אויך אַ איד מיט'ן נאָמען א ב ר ה ם ד ע ס פּ י נ אָ ז אַ.

ער איז געקומען קיין אַמסטערדאַם צוזאַמען מיט זיין יונגן זון מיכאל. ווען דעם אברהם ד ע ס פּ י נ אָ ז אַ שווייגן די

קוועלן; וועגן זיין זון אָבער, דעם שפּעטערדיקן חשוב'ן מיטגליד פון דער ספרדישער קהילה — ווייסן מיר אסך מער.

און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל ער איז געווען א פרנס — נאָר ווייל מ י כ א ל ד ע ס פּ י נ אָ ז א איז דער פאָטער פון ב ר ו ך ד ע ס פּ י נ אָ ז א.

מיכאל דע ספינאָזא

וועגן דעם זיידן פון ברוך עספינאָזא, אברהם, שווייגן סאָלידאָריש די קוועלן. מיר ווייסן נאָר אז ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם אידישן בית הקברות אונטער אמסטערדאַם. דאָס איז א געניגנדער באַווייז פאר זיין סאָציאַלער חשיבות — ווייל דער דאָזיקער אַמט איז געווען א בכבודיקער. אסך מער ווייסן מיר אבער וועגן זיין פאָטער, מיכאַל.

מיכאַל עספינאָזא איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1600 אין א פאָרטוגעזיש שטעטל מיטן נאָמען פ י ג ו ע ר א. ער איז מסתמא אַלס קינד געקומען קיין האָלאַנד צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. אויף דער געזעלשאפטלאַכער אַרענא באַגעגענען מיר אים אין יאָר 1628. ער איז א פּרנס אין דער ספרדישער קהילה און א בכבודיקער סוחר; א בעל־הבית׳ישער מענטש צו וועלכן אַלע האָבן געהאַט צוטרוי און דרך ארץ. געוואוינט האָט ער אין א אָרים שמוציק פארשטעטל פלאָיענבורג וואו עס איז געווען ענג און זומפּיק, אויף א גאַס, וואו רייכע פלעגן זיך זעלטן באַווייזן. ביסלאַכוויז ווערט ער אָבער חשוב אין דער קהילה א דאַנק דעם וואָס ער האָט באַזיצט א גרעסערן סכום פון אידישע ידיעות, ווי דאָס רוב פון מאַראַנען און שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע עקסולאַנטן.

קיין תלמיד חכם איז ער אָבער ניט געווען און דער קולט פאר אידישקייט האָט געשעפּט די יניקה פון דער פרומער צוגעבונדקייט צום אידישן דת, ווי דאָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאר געוועזענע מאַראַנען, איידער פון א אינטעלעקטועלן אינטערעס פאר אידישע גייסטיקייט. ער איז געווען פרום, אָפּגעהיט אַלע דינים, געהאַט גרויס דרך ארץ פאר רבנים און תלמידי חכמים און לויט זיין גאַנצן אַרט לעבן דערמאָנט ער אונז א אידישן חשובן בעל־הבית פון אונזערע אַלטע היימען, אָהן שום ספּעציעלע נייגונגען, געלאַסן,

רואיק אויסגערעכנט, גאַטספּאַכטיק און קליינלאַך אין מאַטעריעלע ענינים.

א איד מיט שכל, טאַקט און ענערגיע האָט ער זיך געקענט לייכט ערווערבן צווישן פּראָסטע מאַראַנען א חשובן פּלאַץ. אין די יאָרן 1633-51 ווערט מיכאל ספּינאָזא געווילט פינף מאָל אויף פאַרשיידענע אמטן אין דער קהילה און דערפון דריי מאָל אַלס אַ פּרנס.

איינמאָל איז ער אפילו א פּרנס פון דער „תלמוד תורה" — וואו ער ווערט געווילט אין 1635

אין יאָר 1651, ווערט מיכאל עספּינאָזא אויסגעקליבן פאַר'ן ממונה איבער דעם באַנק פון דער קהילה.

דער דאָזיקער באַנק איז געגרינדעט געוואָרן אין 1639 — בעת עס האָבן זיך פאַראייניקט די דריי אידישע קהילות.

דער באַנק פלעגט באָרגן געלט אויף משכנות צו אָרימע אידן — פאַרשטייט זיך אָן פּראָצענט.

צו קיין פאַרמעגן איז מיכל ספּינאָזא קיינמאָל ניט דערגאַנגען, קיין דינסטן האָט ער ניט געהאַט. די פרוי איז ביי אים די מוטער און די בעל־הביתטע. זי דאַרף אָפּהיטן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך ערציען לייטיש און זי דאַרף עס זיי האַלטן ווייט פון גאַס, וואו זיי קענען חס וחלילה, קומען אין אַ באַרירונג מיט די „שמויסן", מיט די דייטש און פּויליש־אידישע קינדער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דעם שטילן, גליקלאַכן אַמסטערדאַם.

דריי מאָל האָט מיכאל עספּינאָזא אָנגעטאָן דעם קדושין רינג. צום ערשטן מאָל אַלס אַ צוואַנציק יאָריקער בחור האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ געוויסער רחל. ווער איז זי געווען — ווייסן מיר ניט. זי האָט אים באַשאָנקען מיט דריי קינדער. מסתמא איז זי געווען אַ קראַנקע און אפשר האָט אויך דער זומפּיקער אינזל אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען די אידישע גאַסן אין אַמסטערדאַם מיטגעווירקט אַז די קינדער זאָלן זיך ניט קענען האַלטן אויף דער וועלט. דעם 2טן דעצעמבער 1623 און דעם 29טן אַפּריל 1624 האָט דער מלאך־המות אַ קלאַפּ געטאָן אין די טירן פון מיכאל ספּינאָזא און אוועקגענומען צוויי קרבנות. די מאַמע האָט זיי אויך לאַנג ניט איבערגעלעבט און איז געשטאָרבן דעם 22טן פעברואר 1627, איבערלאָזנדיק איר מאַן מיט אַ קליין טאָכטערל רבקה.

דער מסחר האָט אים ניט ערלויבט זיך אָפּגעבן מיט דער דער־ציאונג פון דער שוואַכער בת־יחידה און באַלד צום ערשטן יאָרצייט פון זיין ווייב׳ס טויט האָט מיכאל ספּינאָזאַ חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל. זיין צווייטע פרוי ח נ ה ד ב ו ר ה פון הויז אויך ד׳ עספּינאָזאַ איז געווען א ווייטע קרובה פון מיכאל עספּי־נאָזאַ. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון דער יתומה. באַלד איז זי געוואָרן א מוטער פון א טאָכטער, וועלכער מען האָט א נאָמען געגעבן מ ר י ם (אין 1629). האָט דער פרומער מיכאל געהאַט שוין צוויי טעכטער און קיין „קדיש" האָט עס אים ניט פאַרזיכערט. מסתמא האָט ער אסך געהאָפט, אז סוף כל סוף וועט ער זיי שכר באַקומען פאַר זיין פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט; און ער האָט זיך ענדלאַך דערוואַרט.

דעם 24טן נאָוועמבער האָט זיין פרוי געבאָרן א זון, און כדי אונטערשטרייכן דאָס גרויסע גליק, וואָס זיי האָבן דערלעבט צו האָבן א יורש, א „קדיש"־זאָגער, האָט מען אים א נאָמען געגעבן — ברוך.

ווי אזוי איז געוואַקסן דער קליינער ברוך ספּינאָזאַ, וועגן דעם ווייסן מיר זייער ווייניק. מיר קענען זיך אָבער פאָרשטעלן אז דער טאַטע האָט גראָד פון זון דעם אויג ניט אראָפּגעלאָזט, ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס ער איז תמיד געווען באַשעפטיקט. די אַטמאָספערע פון בעל־הביתישער פרומקייט האָט געמוזט האָבן א גרויסע ווירקונג אויפן קינד. געהאַלטן אין די ד׳ אמות פון דער פינצטערער דירה, וואו מען האָט פון די פענצטער געזען דעם פערד־יריד, ניט ווייט פון זייער הויז, איז דער קליינער ברוך געווען שטענדיק אַן איינזאַם קינד. פון דערווייטנס האָט אים געקענט צוציען א שיינער היל־צערנער בריק, וואָס האָט פאַרייניקט די פאָרשטאָט פלאַיען־בורג וואו די אידן האָבן געוואוינט מיט דער שטאָט גופא. און ניט ווייט פון עספּינאָזאַ׳ס הויז האָבן זיך געפונען די פוילישע און דייטשע אידן, וועלכע האָבן זיך געלעבט באַזונדער מורא האָבנדיק צו קומען אין א קאָנטאַקט מיט די שטאָלצע שפּאַנישע אידן, וועלכע זיינען געווען חשובע און לעגאַלע איינוואוינער פון שטאָט, דאַ־מאָלסט ווען זיי האָבן וועגעטירט האַלב־לעגאַל, אָהן א פאַרטרע־טערשאַפט מיט א סוראָגאַט פון א קהילה. אפילו אויפ׳ן געביט

פון פרנסה האָבן זיי ניט געוואָלט שטערן די ספרדים, כדי ניט אויפוועקן זייער אומצופרידנקייט און געזוכט פאַר זיך אזעלכע קוואַלן פון חיונה, פון וועלכע די ספרדים האָט אפילו ניט געטראַכט.

דאָרטן ניט ווייט פון די „שמויסן“ אויף דער האַלצגאַס האָט ברוך ספינאָזא פארבראַכט זיינע קינדער יאָרן. ערשט אין 1641 האָט דער טאַטע פארביטן די ענגע און שמוציקע האָלצגאַס אין פלאַיענבורג אויף א ברייטע און ציכטיקע „סטראַאט“ אין שטאָט אמסטערדאַם.

אין א הארבסטיקן טאָג, דעם 5טן נאָוועמבער 1638 האָט דער מלאך־המות נאָך אמאָל באַזוכט דאָס הויז פון די עספינאָזאס און האָט דעם זעקס יאָריקן ברוך צוגענומען זיין מוטער. דאָס מאָל וואַרט מיכאל עספינאָזא אביסל לענגער, ווייל די טאָכטער רבקה, פון דער ערשטער פרוי, א מיידל פון א יאָר דרייצן האָט געקענט שוין אליין בעל־הבית־עווען און אכטונג געבן אויף די ניין יאָריקע מרים און אויף ברוך און יצחק. וועגן יצחק'ן וועלן מיר ריידן שפּע־טער. אין דריי יאָר שפּעטער האָט מיכאל עספינאָזא חתונה געהאַט צום דריטן מאָל נעמענדיק פאַר א ווייב א שוועסטער פון דער צווייטער פרוי א ס ת ר ד' ע ס פ י נ אָ ז א (דעם 28טן אפּריל 1641) אסתר עספינאָזא די „שטיפמאַמע“ האָט זיך אלזאָ אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון די דריי קינדער; פון דער 16 יאָריקער רבקה פאַר וועלכער מען האָט שוין געהאַט אויפן אויג א חתן און פון די די צוויי זין. ווען איז יצחק, דער צווייטער זון, געבאָרן געוואָרן איז ניט זיכער. מעגלאָך אז ער איז געווען מיט א יאָר עלטער פון ברוך'ן, אָבער עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן אז יצחק און ברוך זיינען געווען א צווילינג. יצחק איז אויך יונג געשטאָרבן, דעם 24טן סעפּטעמבער 1649 שטאַרבט ער, דאָס מאָל שוין ניט אין די ענגע צימערן אויף האָלצגאַס, נאָר אין דער ליכטיקער, געזונטער דירה אין אמסטערדאַם. דאָס באַווייזט, אז די סיבות פון דעם יונגן שטאַרבן אין הויז פון מיכאל עספינאָזא דאַרף מען ניט זוכן אין די היגיעניש און קלימאַטישע באַדינגונגען, נאָר גיכער דאַרף מען דאָס צושרייבן א גערשנטער קראַנקהייט. ברוך ספינאָזא איז אויך ניט געווען קיין געזונטער און זיין יונגער טויט איז פאַראורזאַכט פון א שווינדזוכט, וועלכע ער האָט גערשנט פון זיין מאַמע. עס

איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן אַז דער 17 אָדער 18 יאָריקער יצחק עספינאָזא איז אויך געשטאָרבן פון דער דאָזיקער קראַנקייט.

די נייע „שטיפמאמע" איז געווען א פשוטע פרוי, משמעות אין „די יאָרן", ווען מען דאַרף שוין פון לאַנג אָן ניט זיין קיין יונג ווייבל. זי האָט אכטונג געגעבן מערסטן טייל אויף די צוויי מיידלאך, ווייל ברוך איז צו זיבן יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן אין א תלמוד תורה. דער צווייטער ברודער מסתמא כל ימיו א שוואַכער און א קראַנקער איז אויך געווען אין שטוב אונטער דער אויפזיכט פון דער שטיפמאמע. מיר ווייסן אפילו ניט צי ער האָט זיך געלערנט עפּעס, און אויב יאָ איז נאָר מיט'ן טאַטן אין דער היים, ווייל צוזאמען מיט זיין ברודער ברוך האָט ער אין תלמוד תורה ניט געלערנט.

אין וואָס פאר א סביבה האָט דאָס קינד ברוך עספינאָזא פאַר־בראַכט ביז מען האָט אים געשיקט אין תלמוד תורה?

דער פרנס הקהילה מיכאל עספינאָזא האָט שטאַרק אָפּגעהיט די ריינקייט פון זיין שטאַם. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין ספרדישער אָפּשטאַמונג און מיט זיין גוזעלשאַפטלאַכן אמט, וועלכן ער פאַרנעמט אין דער קהילה. ער האָט זיינע קינדער אָפּגעהיט, זיי זאָלן קיין מגע ומשא ניט האָבן מיט די ניט ספרדישע קינדער. אין שכנות האָבן אידישע מאמעס געוויגט זייערע קינדער מיט וויג־לידער אין צוויי שפּראַכן. אין איין ליד האָבן געקלונגען טענער פון א שפּאַנישער קאַנצאָנע און אין א צווייטער — פשוטע אידישע קלאָג־ווערטער, און אויף דער גאַס האָבן די צוויי שפּראַכן געשאַפן צוויי פרעמדע קינדער וועלטן, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל ניט גע־קענט צוזאמענקומען. מיכאל עספינאָזא האָט געהיט אַז זיין קינד זאָל ניט קומען אין די ספערן פון יענע נייע תושבים, וועלכע זענען אוים „ווי פויערים, ביי וועלכע אַלץ איז צונויפגעמישט" און זיי די „אַלטע" תושבים זיינען כמעט אַלע „אדל־לייט". אזוי כאַראַקטע־ריזירט די ספרדים און די אשכנזים א רייזנדער פון אמסטערדאַם. און א צווייטער האַלט דאָס וויכטיק מיטצוטיילן דרך אגב'דיק, אַז די ספרדים קוקן אויף זייערע דייטשע „שטאַמגענאָסן" ווי אויף „פאַנאַטישע, שמוציקע נפשות" און ווי אויף שנאָרער און ווילן מיט זיי ניט קומען אין קיין שום באַרירונג. אָבער דער זעלבער אינפאַר־

מאטאר ווייס אונז צו דערציילן אז די „שנאָרער"-אשכנזים האָבן גערעט מיט א ביטול וועגן דער לומדות פון די ספרדים, מיט חשד געקוקט אויף זייער פרומקייט און בכלל געהאַלטן זיי פאַר עמארצים און האַלבע אידן.

אין אַזאַ מין אטמאָספערע איז געווען פאַרשטענדלאַך דאָס אָפּהיטן אַז דער קליינער ברוך זאָל זיך ניט דערנענטערן צו די קינדער פון די אשכנזים. אביסל יחסניש און אפשר אויך גאוה'דיק האָט זיך מיכאל עספּינאָזאַ געהאַלטן לגבי די אשכנזים שוין צוליב דעם, וואָס ער אַלס א פּרנס הקהל האָט געהאַט צו טאָן מיט דער העכסטער אידישער פּלוטאָקראַטיע און דאָס ביסל גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, וואָס די אמסטערדאַמער קהילה האָט פאַרמאָגט.

און פאַרמאָגט האָט זי צו יענער צייט א פּאָר „עקזעמפּלאַרן", וועלכע זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן.

געלעבט האָט צו יענער צייט אין די זעלבע גאסן ר' יעקב יהודה ליב טעמפּלא (1603-1671) א מחבר פון א גאַנצער ריי ווערק, וועלכע זיינען בלי ספק געווען אין מיכאל עספּינאָזאַ'ס ביבליאָטעק, שוין צוליב דעם וואָס מאַנכע פון זיי זיינען געווען אויף פּאָרטוגעזיש. ער האָט געשטאַמט פון האַמבורג; איז געקומען קיין אמסטערדאַם און איז צו אכצן יאָר (אין 1621) געוואָרן א „רבי" אין דער דאָרטיקער „תלמוד תורה". אין יאָר 1650 האָט ער ארויסגעגעבן זיין „תבנית היכל", א טשיקאַווען ספר, אין וועלכן עס ווערט באשריבן „בלשון לעז" (דאָ מיינט עס פּאָרטוגעזיש) און „בלשון הקודש" דער בית המקדש וואָס שלמה המלך האָט אויפגעבויט. איז אים געווען ווינציק דעם בית המקדש צו באשרייבן, האָט ער אים מיט א אומזיכערער האַנט פון א קינסטלער-אויטאָדידאקט אויסגעשניצט און אין זיין שטוב א מין „פּאַנאָפּטיקום" געמאכט. און קינד און קייט איז געלאָפן אָנקוקן די „הייליקע געביידע", וועלכע עס האָט פון האָלץ אויסגעשניטן זייער שכן און גוט באַקאַנטער יעקב יהודה ליב. דער דאָזיקער האָלצשניצער איז אזוי באַרימט געוואָרן, אַז מען האָט אים איינגעלאַדן קיין לאָנדאָן ער זאָל אויף דעם קעניגלאכן הויף ווייזן זיין הילצערנע וויזיע פון בית המקדש.

יעקב יהודה ליב האָט אויך איבערגעזעצט „תהילים" אין פּאָר-

טוגעזיש, וועלכער איז דערשינען אין דעם זעלבן יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן ד. ה. אין 1671.

אויך מנשה בן ישראל איז געווען גוט באפריינדעט מיט מיכאל עספינאָזא. דער דאָזיקער „מער פיל־וויסער, ווי א דיינקער", לויט גרעץ'ס אויסדרוק, האָט געווידמעט עספינאָזאן און זיינע חברים פון דעם ועד הקהילה זיין שפּאַניש ספר „עספּעראַנסאַ דע איזראעל" (מקוה ישראל), וועלכע איז דערשינען אין אמסטער־דאם אין יאָר 1650.

פון דער דאָזיקער ווידמונג האָט זיך מיכאל עספינאָזא געמוזט פילן געשמייכלט, ווייל די קהילה האָט פאַרמאָגט אזוי פיל רייכע, שטאָלצע אידן, וועלכע האָבן געגאַרט נאָך כבוד און מיט א ברייטער האַנט געצאָלט דערפאַר. ווער וויים, אפשר האָבן די קינדערשע אויגן פון ברוך עספינאָזא געקוקט אויף דעם פּאָפּולערן און פעאיקן רעדנער און פּאָליגלאָט נאָך פריער איידער ער איז געוואָרן זיין תלמיד אין דער תלמוד תורה! עס איז ניט אויסגעשלאָסן אז מנשה בן ישראל האָט באזוכט דאָס הויז פון אמסטערדאמער פּרנס הקהילה. זיי זיינען ביידע געווען אין די זעלבע יאָרן; דער מחבר פון „מקוה ישראל" איז געווען נאָר מיט פיר יאָר עלטער פון ספינאָזאס פאָטער. די געזעלשאפטלאַכע ראָלע פון מיכאל ספינאָזא האָט געמוזט ברענגען דערצו, אז אזא פּראַקטישער עכט שתדלנישער כאַראַקטער, ווי מנשה איז געווען זאָל זוכן באקאַנטשאַפט דווקא אין די קרייזן, וואָס האָבן געהאַט א דעה אין שטאָט און געקענט אויך מיטהעלפן אין דער פאַרווירקליכונג פון ר' מנשה'ס שטרע־בונגען.

צוגעהערט האָט זיך דאָס קינד צו די הייסע דעבאַטן אין טאַטנס הויז מכח די גאָר שטאַרקע קאַטוילישע טענדענצן ביי די צוריקגעוואָרענע אידן. די דאָזיקע טענדענצן זיינען געווען שטאַרק געטאַדלט אין די פּלאָמענדיקע מוסר דרשות פון דעם רב ר' יצחק עוזיאל נאָך אין יאָר 1618 און האָבן געבראַכט דערצו אז די ניט צופרידענע מיט די דרשות האָבן געגרינדעט פאַר זיך א נייע שול.

ספּינאָזא איז אַלט געווען זיבן יאָר, ווען נאָך לאַנגע און פיינ־לאַכע אונטערהאַנדלונגען האָט מען אין יאָר 1639 געשלאָסן שלום און עס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן איין גרויסע ספרדישע קהילה מיט איין ועד אין וועלכן זיין פאָטער איז אויך געזעסן.

דער דאַזיקער שטורם פון די פרומע רבנים קעגן די מאַראַנען, וועלכע ווילן זיין פרום, אָבער קענען זיך ניט באַפרייען פון דער קאַטוילישער ירושה און איבערהויפּט פון דעם בײנקען נאָך דער עסטעטישער זייט פון דעם רעליגיעזן אויסלעבן זיך, ווי דאָס איז געווען אין דער קירך — דאָס איז דער הינטערגרונד פון ברוך ספּינאָזא׳ס קינדערשע און יוגנטלאַכע איינדרוקן.

מיט די דאָזיקע איינדרוקן טרעט ער אריין אין די ערשטע שולע זיינע. די שולע איז ניט נאָר דער ערשטער קוואַל, פון וועלכן ער וועט א דאַרשטיקער טרינקען תורה, נאָר ער ווערט זייער שנעל דערזען דאָרט דאָס פּנים פון לעבן, וואָס עס האָט אים פאַרשטעלט די היימישע, פאַרשלאָסענע סביבה און די שטילע פרומקייט פון טאַטן, וועלכער האָט אים מיט זיך געפירט אין שול אריין בדי צו פאַרשטאַרקן דעם אזוי אויך געגנוג שטאַרקן רעליגיעזן געפיל פון זיין זון. און אז די דאָזיקע רעליגיעזע געפילן האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער טרוקענער דאָגמע פון דינים און מיט דער שול-אַטמאָספערע, דאָס האָט דער ניט ווייט דייַנקענדער פאָטער ניט געקאָנט וויסן.

אין דעם זעלבן יאָר, ווען עס קומט צו א פאַראייניקונג פון די דריי קהילות ווערט איז אמסטערדאם געגרינדעט א תלמוד תורה, וואוהין מיכאל עספינאָזא האָט אָפּגעגעבן זיין זיבניאָריקן זון ברוך. דאָס איז געווען די תלמוד תורה „ארבאָר דע לאָס ווידאָס“ אָדער „עץ החיים“.

„עץ חיים"

ער האָט באַדאַרפט נאָר א פּאָר גאַסן דורכגיין, כדי צוקומען צו דער גרויסער, רחבות'דיקער געביידע, וואָס האָט אזוי געשיינט מיט איר ריינקייט, זיכערקייט און שטאָלץ צווישן די גאסן פון אמסטערדאַם. דאָס איז געווען די ספרדישע שול אָדער די „פּאָרטוגעזישע סינאַגאָגע". דאָרטן האָט זיך געפונען די שול, א ליכטיקע, א ברייטע מיט אסך גערוימקייט ארום דעם באַלעמער. דאָרטן האָבן קינדער זיך געלאָזט וואויל גיין אין דעם טאָג פון פורים. אנשטאט א תחנונים טאָן און אן איכה־זיפץ פון די מתפּללים, אין וועלכע עס איז געלעגן פאַרבאָרגן דער טיפער צער פון דער פרישער פאַרגאַנגענהייט פון וועלכער מען האָט געשעפּט די אביסל טרוקענע אָבער רירנד אויפריכטיקע פרומקייט האָט זיך אין יענעם טאָג פון דעם נס אין פּרס געהערט א ניט געצוימטער לאַכן און א דרום'דיקע פרייד פון קינד און קייט, פון גרוים און קליין, פון אָרים און רייך. דאמאָלסט האָט מען דאָרטן געקענט זען א פּילפּארביקן מאסקאראד און מען האָט פאָרגעשטעלט די „קאָמעדיא פאמאזא" פון מרדכי און אסתר המלכה און אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גרויסן אויסברוך פון שמחה און פרייד; די פרייד פון באַפרייטע קנעכט.

און לעבן דער דאָזיקער געביידע האָט זיך געפונען דער לערנאנשטאַלט „עץ חיים", די קרוינארבעט פון די צושפּליטערטע קהילות, וועלכע האָבן זיך אין אפּריל 1639 ענדלאַך פאַראייניקט און געגרינדעט דעם שפּעטער אזוי באַרימטן אנשטאַלט פאַר תורה, א מין סימבאָל פון אחדות.

דער „עץ חיים" איז געווען עפּעס מער ווי א חדר און א סך

ווינציקער ווי א ישיבה. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז דער „עץ חיים" איז געווען אַ מין תלמוד תורה. דער „קורס" האָט געדויערט מינימום זיבן יאָר און דאָס מאַקסימום האָט ניט געהאַט קיין שיעור. מיט דעם וואוקס פון דער התמדה פון תלמידים איז געוואַקסן די צאָל פון די לערער און דאָס בעסטע, וואָס דאָס האָלענדישע אידנ־טום האָט פאַרמאָגט צווישן די תלמידי חכמים, האָט דאָרטן געשיינט מיט זייער תורה, חכמה און מוסטער פון פרומען, גאָטספאָרכטיקן לעבן. און אויב עס האָבן פאַרפעלט מדריכים צווישן די אייגענע האָט מען גענומען פון אנדערע מקומות און אפשר אַמאָל האָט געקענט דאָרט פאַרבלאָנדזשען אלס א לערער איינער פון די פאַר־אכטעטע „שמויסן" צו וועלכע מען האָט סוף כל סוף געמוזט אָנ־קומען, ווייל אויב זיי זיינען ניט געווען אינגאַנצן די ספרדים צום הארצן, דאָך האָט מען זייער לומדות ניט געקענט פאַרלייקענען. צי איז געווען דער זיבניאָריקער ברוך צווישן די ערשטע פאַרשרי־בענע תלמידים פון „עץ חיים" איז אַ גרויסער ספק. אפשר האָט דער טאַטע געוואָרט און געוואָלט זען, ווער וועט עס דאָרטן אָפּגעבן זיינע קינדער כדי צו וויסן מיט וועמען וועט זיין קינד אויסקומען צו זיצן אויף איין באַנק?

די באַקוועמלאַכקייטן זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט פאַר מיכאל עספּינאָזאַס אינגל. עס איז געווען נענוג פאַר אים איבערגיין די „שמויסן" בריק, פאַרקירעווען זיך אביסל לינקס און אט איז ער שוין אין דער תלמוד תורה. מען האָט ניט באַדאַרפט אפילו האָבן קיינעם אָפּצופירן דאָס קינד אהין. אין דער תלמוד תורה האָט מען נעגעבן די קינדער עסן און געהאַלטן ביז מנחה־צייט, און דאָס איז געווען זייער באַקוועם פאַר דער משפּחה. מען האָט געקענט אַ גאַנצן טאָג זיין זיכער אז דאָס אינגל געפינט זיך אין רשות פון „גוטע גייסטער", אין „נעסט פון תורה", און וועט ניט האָבן צו טאָן מיט דער גאַס און מיט צופעליקע גאַסן־חברים.

„עץ חיים" איז געווען אַ שטאָלץ פון דער ספרדישער קהילה אין אמסטערדאַם. מען וואָלט אפשר געקענט חושד זיין די מנהלים און רעדל פירער פון דער קהילה, אַז די שטאָלץ איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז ז י י ע ר תלמוד תורה, אַז כמעט אַלע לערער זיינען ז י י ע ר ע אידן און עס הערשט דאָרטן

ז י י ע ר גייסט. האָבן אָבער גראַד צוויי פון די „שמויסן“, דווקא פוילישע אידן, וועלכע זיינען צופעליק פאַרבייגעפאָרן אַמסטערדאַם און האָבן צווישן אַנדערע אויך באַזוכט די תלמוד תורה איבערגע־לאָזט אונז אויספירלאָכע באַשרייבונגען, וועלכע לאָזן ניט קיין שום ספק, אַז דערדאָזיקער ספרדישער לער־אַנשטאַלט, איז באמת געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, ווי עס איז פאַר יענער צייט.

איינער פון זיי איז ר׳ שבתי (שעפטיל) בן ישעיהו הלוי הורוויץ, דער זון פון דעם באַרימטן מחבר פון „שני לוחות הברית“ (של״ה). דער צווייטער איז דער באַרימטער ביבליאָגראַף ר׳ שבתי משורר כס, דער מחבר פון „שפתי ישנים“, וועלכער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן פאַר געשיכטע פון דער אַלטער אידישער ליטע־ראַטור.

דער ערשטער האָט אין זיין „ווי העמודים“, אַ הקדמה צו זיין טאַטנס ספר „שני לוחות הברית“ (אַמסטערדאַם 1649) איבערגע־געבן וויכטיקע איינצלהייטן פון דעם סדר הלימוד אין ספינאָזאַס ערשטער שולע.

„עס גייט מיר איבער אַ רים איבערן האַרצן, שרייבט ער דער־מאָנענדיק זיך וועגן דעם קלאָגעדיקן צושטאַנד פון לערנען ביי אידן אין אַנדערע לענדער — ווען איך טראַכט וועגן דעם ווי איך בין ביי מיין איבערפאָרן פון פראַנקפורט קיין פּויזן דורך ים־וועג געקומען קיין אַמסטערדאַם. איך האָב דאָרטן געטראָפן חשובע מענטשן און אַסך תלמידי חכמים צווישן זיי. איך בין געווען אין זייערע בתי מדרשים און געפונען אין יעדן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, און איך האָב געזען ווי מען לערנט מיט קליינע קינדער דעם חומש ביז צום סוף. דאַן לערנט מען די עשרים וארבע און שפּעטער גאַנץ משניות. און ווען דער אינגל וואַקסט אויס דאַן הייבט מען אָן צו לערנען גמרא און תוספות, און די קינדער וואַקסן וואונדערבאַר און דאָס לערנען ברייננגט רעזולטאַטן“.

און דאַן קלאָגט זיך דער בעל של״ה׳ס זון פאַרוואָס איז ניט אַזוי אין אַנדערע לענדער פון גלות? ער דריקט אויס דעם וואונש הלואי וואָלט אַזוי געווען אומעטום, דאַמאָלס וואָלט תורה און חכמה געבליט ביי אידן.

דער צווייטער עדות, דער מחבר פון „שפתי ישנים“ (ערשטע

אויסגאַבע אַמסטערדאַם 1680) גיט אונז אָבער נאָך אינטערעסאַנ־טערע ידיעות. ער דערציילט אונז סיסטעמאַטישער איבער דעם, וואָס זיינע „פּוילישע" אויגן האָבן געזען.

די שולע איז פאַרטיילט אין זעקס קלאַסן. יעדער קלאַס האָט אַ לערער, אפילו דאַן, ווען אין קלאַס איז פאַראַן איבער הונדערט תלמידים. אין ערשטן קלאַס לערנען זיך קליינע קינדער אַזוי לאַנג, ביז זיי דערגרייכן די פּייאיקייט צו לייענען דעם סידור, דאַן ווערן זיי איבערגעטראָגן אין צווייטן קלאַס, וואו מען לערנט שוין חומש מיטן „ניגון". אין דריטן קלאַס לערנען זיי זיך איבערזעצן די תורה אויף שפּאַניש. יעדע וואָך לערנען זיי אַ פּרשה מיט רש"י. אין פערטן קלאַס לערנט מען נביאים און כתובים „כסדר בניגון הטעמים".

דאָס אינגל, וועלכער ווערט אַרויסגערופן לייענט אין דער הויך דעם פּסוק אויף העברעאיש און פאַרטייטשט אים אויף שפּאַניש און די אַנדערע הערן זיך צו. אַזוי גייט עס נאָך דער רייע ביזן לעצטן תלמיד.

אין פינפטן קלאַס לערנט זיך דער תלמיד זעלבסטשטענדיק צו באַגרייפן די הלכה. אין דעם קלאַס רעדן זיי אויסשליסלאַך העברייאיש, נאָר די הלכה פאַרטייטשן זיי אויף שפּאַניש. זיי לערנען זיך אויך פלייסיק דקדוק, יעדן טאָג לערנט מען איין הלכה פון דער גמרא. ווען עס קומט ערב אַ יום טוב לערנען זיך אַלע תלמידים דעם פּאַסיקן טייל פון שולחן ערוך.

דער זעקסטער קלאַס איז שוין די ישיבה. דאָרטן לערנט שוין דער רב הכולל אליין הלכה מיט רש"י און תוספות, און מען פירט ויכוחים און מען באַנוצט זיך שוין מיטן רמב"ם, מיטן טור, בית יוסף און אַסך פּוסקים. אין בית המדרש געפינט זיך אַ גרויסע ביבליאָטעק, אָבער אהיים טאָר מען קיין ספר ניט נעמען.

אַלע אַנדערע האָבן די זעלבע צאָל שעה'ן צו לערנען.

דאָס לערנען הויבט זיך אָן אַכט אַזייגער אין דערפרי און גע־דויערט ביז עלף. שפּעטער פון צוויי ביז פינף. ווינטערצייט לערנט מען ביז מען גייט דאַוונען מעריב.

יעדער פאָטער האַלט נאָך פּריוואַטע לערער, וועלכע לערנען מיט די קינדער שרייבן שפּאַניש און העברעאיש, חזרן איבער מיט

זיי די שיעורים פון דער שולע, שרייבן שירים און בכלל אנדערע למודים, אויב א פאָטער וויל עס.

די לערער באקומען די שכירות פון דער תלמוד תורה קאסע. די שכירות זיינען ניט קיין גלייכע; עס איז אפּהענגיג פון השיבות, לומדות און ווערט. אָבער דער לערער דאַרף קיינעם ניט חנפענען און באהאנדלען אלע קינדער גלייך.

וועגן דער געביידע גופא ווייס אונז צו דערציילן דער וויכטי־קער און אינטערעסאנטער באשרייבער, אז „ווער עס האָט ניט געזען דעם דאַזיקן בנין האָט בכלל ניט געזען א שיין געביידע אין זיין לעבן ביי אידן" (לא ראה בנין נאה מימיו בתוך בני ישראל — זע בבא בתרא ד׳ א׳).

די דאָזיקע באשרייבונגען זיינען אויסערגעוועהנלאך וויכטיק פאַר דעם אנאליז פון דער אטמאָספערע, אין וועלכער עס האָט געלעבט און האָט זיך ערצויגן דער יונגער ברוך ספינאָזא.

ווי מיר זעען איז דאָס א ריין אידישע אטמאָספערע און מיט קליינע אונטערשידן די זעלבע אין וועלכע עס איז אונז אויסגעקומען צו פארברייגגען אונזער יוגנט. אן אטמאָספערע פון סיסטעמאטישן לערנען מיט א פּראָגראַם, דיסציפלין, מיט א שטארקן דעמאָקראַטישן גייסט. אָרים און רייך, דאָס קינד פון פּרנס און דאָס קינד פון אן אביון האָט געקענט געניסן פון לערנען און פון א ראַציאָנאַלן אָנזאפּן זיך מיט תורה און מיט אזעלכע פארבאַרייטונגען אין דער העברעאישער שפּראך, גראמאטיק, פּאָעטיק, אז מען האָט געקענט באמת ארויסגיין פון דאָרטן באוואפנט מיט די אלע כלי זיין, וואָס זיינען נויטיק צו א וויסנשאַפטלאַכן צוגאַנג צו „חכמת ישראל". ספינאָזא׳ס לערנען זיך אין דער דאָזיקער תלמוד תורה האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אויף זיין אָרט דיינקען און מעטאָדן. דאָרט האָט ער ערוואָרבן די פּרעלימינארע ידיעות, וועלכע האָבן אים געגעבן שפּעטער די מעגלאכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט גראממאטיקאַלישע פאָרשונגען פון העברעאיש און מיט א ווייטער פּארטיפטן שטודיום פון אידישע פילאָזאָפן און פילאָלאָגן, וועמענס שפּורן זיינען אזוי לייכט צו אנטדעקן און פעסטצושטעלן אין זיינע ווערק. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

איצט לאָמיר א קוק טאָן ווער האָט ספינאָזא׳ן געלערנט?

דעם אלף־בית האט אים געלערנט מרדכי דע קאסט־ר א. וועגן וועלכן די קוועלן ווייסן ווינציק צו דערציילן. מסתמא האט ער זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין אויסערגעוויינלאכן לומדות, אז ער זאל פאראייביקט ווערן אין די אנאלן פון דער תלמוד תורה.

דאס זעלבע לאזט זיך זאגן וועגן זיין רבי'ן פון חומש, יוסף דע פארא (Faro) פארטגעזעצט דאס לערנען פון חומש מיט רש"י האט יעקב דע גאמעץ, פון מאראנישער אפשטאמונג א מענטש מיט אסך וויסן, א מיוחס מיט בארימטע מיטגלידער אין זיין משפחה. לערנען לייענען מיט טראפ און איבערזעצן אויף שפא־ניש איז געווען די אויפגאבע פון דעם חזן אברהם ברוך.

ר' שלמה בן יוסף שלום האט געלערנט נביאים וכתובים און אויך „מליצה ושירה". שפעטער איז די „מליצה ושירה" איבערגעגאנגען אין די פאסיקע הענט פון מנשה בן ישראל, וועלכער איז לעבן דעם רב שאול הלוי מארטיירא געווען די שטאלץ פון דעם דאזיקן לער־אינסטיטוט.

עס מוז קאטעגאריש אפגעלייקנט ווערן די לעגענדע, וועלכע בלאנדזשעט נאך ארום אפילו אין די נייע ביאגראפיעס פון ספינאזא, אז ר' יצחק אבוהב איז געווען ספינאזא'ס רבי.

ר' יצחק אבוהב איז שוין אין יאר 1632 אוועקגעפארן קיין בראַ־זיליען, אין דער שטאט פערנאמבוקא (Pernambuco) וואו ער איז געווארן דער רב פון דער דארטיקער מאראנען קהילה. אין משך פון דריי יאר האט ברוך ספינאזא ניט געקענט דערגרייכן די קלאסן, וואו דער דאזיקער רב האט געלערנט.

מנשה בן ישראל האט געלערנט „שירה ומליצה", דקדוק און מוסר. א לערער איז ער געווען א גוטער, הגם קיין ספעציעלע פע־דאגאגישע פייאיקייטן האט ער ניט געהאט. אן עלוי, וועלכער האט צו פופצן יאר באוואונדערט אלעמען מיט זיינע פאטעטישע דרשות און צו אכצן יאר שוין געווען אויסגעוויילט פארן אמסטערדאמער רב (אין יאר 1622) האט ער באמת אימפאנירט הן די תלמידים, הן די עלטערן און דער גאנצער עדה מיט זיין ענערגיע און פיל־וויסן.

די ענערגיע איז אבער געווען א ענערגיע פון א פוסטן מענטשן,

פון א בעל־גאוה וועלכע רייסט זיך צו יעדן ענין און שטופט זיך צו אַלע אמתן.

זיין וויסן איז געווען א וויסן פון א דילעטאַנט, אָן גרינדלאַכ־קייט, קריטישקייט און טיפקייט. דער דאַזיקער „טעאָלאָג, פילאָזאָף און דאָקטאָר פון פיזיק" ווי ער פלעגט זיך אָפּטמאָל אונטערשרייבן איז געווען א לייכטזיניקער, אומקריטישער פאָרשער, וועלכער האָט יעדע מעשה גענומען פאר אמת און יעדער ידיעה געגלויבט ניט באַמיענדיק זיך זעלבסטשטענדיק דערגיין די קוועלע.

ספינאָזא האָט געמוזט וויסן וועגן דער געשיכטע מיט א געוויסן אהרן הלוי אָדער אנטאָניא מאנטעסאנא, וועלכער איז געקומען קיין אמסטערדאם אין יאָר 1644, אַלזאָ צו דער צייט, ווען דער שפּעטער־דיקער פילאָזאָף איז נאָך געווען א תלמיד פון „עץ חיים" און האָט דערציילט מעשיות וועגן די זיטן און מנהגים פון די אמעריקאַנער אינדיאַנער, און האָט זיי געשילדערט אלס א אידישן שבט, איינעם פון די פארפאַלענע צען שבטים. דער אלוויסנדער מנשה בן ישראל האָט אָנגעשטעלט זיין נייגעריק אויער און האָט געגלויבט דעם דערציילער. אין זיין „עספּעראַנצא דע איזראעל", וואָס איז דערשינען אין אמסטערדאם אין 1650, האָט ער די דאָזיקע מעשיות אריינגעשטעלט אָן א שום קריטישער אונטערזוכונג. דאָס בוך האָט ספינאָזא געלייענט, ווייל מען האָט עס געפונען צווישן די 160 ספרים פון דעם פילאָזאָפ'ס ביבליאָטעק.

מנשה בן ישראל האָט זייער געגאַרט נאָך רום און כבוד. ער האָט זיך באַקאַנט מיטן גרויסן פּאָרטרעטן מאָלער רעמבראַנד, וואָס האָט אים באמת פאראייביקט מיט זיין געניאַלן פּאָרטרעט. ער האָט געוואָלט פארפיקסירן אין אים דעם טיפּ פון אן אריסטאָ־קראַטישן אידישן תלמיד חכם פון דער ספרדישער קהילה.

מער דרך ארץ האָט געקעט ערוועקן דער צווייטער בארימטער לערער פון „עץ חיים", דער ר ב ש א ו ל ה ל ו י מ א ר ט י י־ר א. ביי אים האָט ספינאָזא געלערנט גמרא, תוספות, הלכה און פוסקים. ער איז הייסט ער געוואָרן זיין תלמיד, ווען ער איז אַלט געווען 14 אָדער 15 יאָר.

שאול הלוי מארטיירא האָט גע'שמ'ט פאר א גוטן פילפּוליסט. א גרויסער געלערנטער, א ערשט־קלאַסיקער תלמודיסט לויט די

צאָלרייכע אורטיילן וועגן אים פון פריינד און פון געגנער זיינע.

ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט דער גראָדליניקייט פון זיין כאַראַקטער, וועלכע איז כאַראַקעריסטיש פאַר א טיפּ פון א פרומען מענטשן, וועמען עס איז אויסגעקומען מיט זיין פרומקייט צו זיין דער העכסטער מוסטער פון גאָטספאַרכטיקייט פאַר זיין גרויסער, נאָך ניט פעסטער אין איר גלויבן עדה. אזא מין גראָדליניקייט גרעניצט זיך ממילא מיט עקשנות, וואָס גייט איבער אין א פאַנאַטיזם, וועלכער וויים ניט פון קאָמפּראָמיסן. אין א עדה פון רעליגיעזע ספקות צווישן אידן וואָס האָבן געהאַלטן איצט אין פאַרמירן און קריסטאַליזירן זייער אני מאמין און נאָך געקעמפט אָדער געוואָלט קעמפן געגן די נאָך טיף איינגעוואָרצלטע קאַטויל־ישע נייגונגען פון דעם נאָענטן עבר — איז אזא שטעלונג געווען א פאַרשטענדלאַכע. און ווען מען גיט צו, אז אין הינטערגרונד האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי די קריסטן, די גרויסע שלאַכט פון פרייען געדאַנק מיטן פאַרגליווערטן דאָגמאַטיזם ניט נאר פון קאַטאָליציזם, נאר אויך פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם, וועלכער האָט שוין געהאַט די מעגלאַכקייט זיך צו פאַרגליווערן און ווערן אומטאָלעראַנט צו יעדן „אַפּיקורס" און אנדערש דיינקענדן, דאַמאָלס ווערט די סיטואַציע פון דעם רב־מקובל א פאַרשטענדלאַכע און ממילא א קלאָרע.

מאַרטיירא האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם קליי־נעם ספּינאָזא. אזוי פאַרזיכערט אונז דער ערשטער ביאָגראַף זיינער, א מיטצייטלער לוקאַס, און מיר האָבן קיין שום אורזאַכן אים ניט צו גלויבן. דער בלאַסער אינגל, מיט די שאַרפע פּנים־שטריכן, מיט די פאַרטראַכטע אויגן און איינגעהאַלטענע, כמעט ווי דרעסירטע זשעסטן האָט געטראָגן אויף זיין פּנים א אויסדרוק פון סודותפולקייט, פאַרטיפטקייט, וואָס דער רבי אפשר אויך א גוטער נשמה קענער האָט געמוזט באַמערקן.

מיט אים וועט ספּינאָזא'ן אויסקומען האָבן דעם ערשטן גייסטיקן דועל, וואָס איז געווען אומפאַרמיידלאַך, ווען מסורה און דאָגמע האָבן זיך באַגעגנט מיט קריטישן אַנאַליז און לאָגיק פון דעם יונג־רייפן ברוך ספּינאָזא.

דאָס איז די ערשטע גייסטיקע סביבה פון ספּינאָזא מחוץ די ד' אמות פון דעם פאָטערס הויז.

אויף די ברעגן פון ספקות

גרויס האָט געמוזט זיין דעם טאַטנס שמחה, ווען ער האָט אים אוועקגעגעבן אין „עץ חיים" אונטער די זיכערע פליגלען פון די שטרייַנגע וועכטער פון דער תורה. און ניט קלענער איז געווען די פרייד פון דעם יונגן ברוך שוין צוליב דעם, וואָס ער האָט די קארעקטע שטילקייט און מאָנאָטאָנע זאַכלאַכקייט פון הויז פארביטן אויף א נייע וועלט מיט פרישע מענטשן און פרעמדע פנימער. דאָרטן אין דער נייער סביבה האָט ער זיך באגעגנט מיט דעם לעבן, וואָס איז געווען דער הויפּט־תוך און גרונד פונדאַמענט פון דער אמסטערדאמער קהילה.

געקלאַפּט האָבן אין די קליינע טויערן פון דעם קינדישן הערצל פאקטן, וועלכע האָבן פאר אים, דעם פארטראַכטן און סענסיטיוון געהאָט דעם כח פון דונערן, דאמאָלס ווען פאר די מנהיגים זיינען דאָס געווען דערשיינונגען אויף וועלכע מען דאַרף זיך ריכטן, אַפּוואַרטן זיי און נידערשלאָגן.

אין שכנות מיט דער תלמוד תורה, דאָרטן אין דער פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע האָט זיך געלאָזט הערן פון דעם עמוד דער גרויזאמער חרם איבער א ו ר י א ל א ק אָ ס ט א, אויף וואָס ס'האָט דער פארשטויסענער, אין אפריל 1640, געענטפערט מיט א פּראָטעסט־קול, און מיטן זעלבסטמאָרד זיך באפרייט פון אלע ספקות. מען האָט וועגן דעם מסתמא גערעדט אין דער תלמוד תורה און די הייסע ויכוחים און ליידנשאפטלאַכע געשפּרעכן האָבן געמוזט דערגיין צו די וואַכנדע אויערן פון אכט־יעריקן ברוך.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין ערך 1644־1645 האָט זיך די אומרואיקע גאָט־זוכעריי אריינגעריסן אין די מויערן פון „עץ חיים", פארקערפּערט אין דעם האַלב טונקעלער געשטאַלט פון א האַלענ־

דישן ארכיטעקטאר י א ן פ י ע ט ע ר ש א ן, וועלכער פלעגט באזוכט די שולע און מיט א פאנאטישן ברען, וואס איז געווען אזוי באראקטעריסטיש אויך פאר א פראטעסטאנטישן סעקטאנט, האט ער זיך נאר מתוכח געווען מיט די רבנים און מנהיגים פון דער ת"ת אויף די איינציקע טעמע, וועלכע האט אים טאג און נאכט געפייניקט: אלעמאי שטימט ניט די אידישע אויסטייטשונג פון תנ"ך מיט דער קריסטלאכער? ער איז געווען ווייט פון צו זיין א פאנטעאיסט, געגלויבט אין א פערזענלאכן גאט. די סתירה אין דער אויסטייטשונג האט אים געבראכט אהין, אין געצעלט פון דער אידישער תורה, וואו, ווי ער האט געגלויבט, געפינט זיך דער אורשפרינגלאכער מקור פון דער געטלאכער אנטפלעקונג פון ווארט אין דער תורה. האט עס געהערט דער צוועלף יעריקער ברוך און א וועלט האט זיך פאר אים געעפנט. ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין און צו באגרייפן אז מחוץ די דיקע מויערן פון דער דאזיקער שולע געפינט זיך אויך אן אמת און יענער אמת וויל אויך האבן דעם אביעקטיוון כח פון דעם איינציקן אמת. און אים האט זיך גערוכט אז דא הערט ער דעם אמת, וועלכער איז דער איינציקער און ניט קיין אנדערער, ווייל ער קומט פון גאט און האט זיך דעם פאלק אנט־פלעקט אין דעם ברענענדן ארעאל פון בארג סיני פאר דעם הארץ און די אויגן פון דעם אויסדערוויילטן משה.

און נאך מיט א צוויי יאר פריער, אין די ווינטער אוונטן פון 1642 האט מען אין דער תלמוד תורה אסך גערעדט און מיט א גאטספארכטיקן עקסטאז דערציילט די האלב־לעגענדארישע, הערא־אישע געשיכטע פון א ב ר ה ם ז כ ו ת ל ו ז י ט א נ א, דעם מערקווירדיקן גלייביקן, וועלכער האט געלעבט דרייסיק יאר אלס מאראנער, געקומען קיין אמסטערדאם און זיך דא אין עלטער פון פופציק יאר געלאזט מל זיין און געלעבט א לעבן פול מיט צדקות און יראת שמים. האט מען אין „עץ חיים" גערעדט וועגן אים, ווי פון א קדוש און זיין לויה איז געווארן א ספאנטאנער אויסדרוק פון טיפער רירנדער דאנקבארקייט צו איינעם פון די, וועלכע האט טיף גע־גלויבט אין דעם אמת פון זיינע אבות, און האט מיט זיין לעבן באַ־פעסטיקט די וואקלענדע הערצער פון די האמלעטיזירנדע מאראנען.

שטארק איז געווען דער איינדרוק פון דעם שטאלצן טויט פון

דאן לאפע דעווערא אי אלארקאן, וועלכער האָט אויסגעהויבט זיין פרומע נשמה אויף אַ אינקוויזיטאָרישע תליה אין וואַלאדאיד, אין 1644.

האָט זיך אויך אפשר ברוך ספינאָזא צוגעהערט צו די לירישע אויסגוסן פון דעם עקסטאטישן אל מלא רחמים, וואָס האָט זיך פאַרנאַנדערגעטראָגן אין די מויערן פון דער סינאַגאָגע בעת די צאַלרייכע משפּחה טארטאס האָט באַוויינט יצחק דע קאסטרא טאַרטאַס, וועלכער איז אומגעקומען אויף אַ שייטערהויפן אין ליסאבאָן, דעם 22טן דעצעמבער 1647?

די דאָזיקע אַלע פאַקטן, גרויס אין צאָל, העראָאיש אין תוך האָבן געווירקט ווי אַ בלוטיקער און פעלזנהאַרטער באַווייז פון גערעכטיקייט און קדושה פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אומברענגען גלויבנדיק אין דער אמת׳דיקייט און הייליקייט פון דער תורה אין וועמענס נאָמען זיי זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם.

און אין דרויסן אין דער סביבה פון גראַע, היימישע ענינים און ענינימלאַך האָבן אַנדערע פאַקטן געווירקט להיפּוך צו דער גראַנדיעזער ראָמאַנטישקייט פון דער מאַרטירערישקייט פאַר אמת, וואָס האָבן ספּינאָזאַ׳ן אַזוי אימפּאָנירט.

דער טאַטע שיקט אַמאָל דעם קליינעם ברוך צו אַ אידענע, ער זאָל אָפּנעמען ביי איר אַ חוב. דאָס אינגל טרעפט די דאָזיקע פרוי איינגעטיפט אין אַ תפילה. מסתמא איז דאָס געווען שבת צו נאַכט, ווען דאָס אינגל איז געווען פריי און האָט געקענט לויפן באַזאָרגן קליינע געשעפטן פון דעם פאַרהאָרעוועטן טאַטן. און די אידענע האָט וואָרשיינלאַך געשעפּטשעט אויף שפּאַניש די חנעוו׳דיקע סטראָפן פון „גאָט פון אברהם“. זי באַמערקט נאָך אַ לענגערער צייט די אַנוועזנהייט פון ר׳ מיכאל׳ס עספּינאָזאַ׳ס געראָטענעם זון. ער ערקלערט איר די סיבה פון זיין וויזיט און זי טרעט צו אים אויסצוציילן די נויטיקע סומע. בשעת ציילן — אַזוי דערציילט אונז דער ערשטער ביאָגראַף זיינער, לוקאַס, אַ מיטצייט־לער זיינער און אַ חסיד — האָט זי נאָר גערעדט פון תורה און מדות טובים און גלייכצייטיק באַהאַלטן אַ טייל פון די אויסגעציילטע מטבעות אין טיש. ברוך האָט עס באַמערקט און קאַלט־

בלוטיק נעבעטן זי זאָל נאָך אַמאָל איבערציילן די סומע, און ווען די פרוי האָט עס ניט געוואָלט טאָן, האָט ער איר באַוויזן דעם שווינדל און קאַטעגאָריש אויפגעפאָדערט זי זאָל תיכף ומיד אויסצאָלן דעם גאַנצן חוב.

און זאָל אפילו דער דאָזיקער פאַקט זיין א שפּעטערדיקע ביאָגראַפישע אינטערפּאָלאַציע פון א חסיד, וואָס וויל דעם רב'ן, וועלכן ער פאַררעכנט מזכה זיין מיט עטישער גראַדליניקייט און שאַרפער באָאַבאַכטונגס פייאיקייט פון מענטשלאַכע פאַלשקייטן און סתירות צווישן „זאָלן" און „זיין" — האָט אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד די עלעמענטן פון לעבנס-וואַרשיינלאַכקייט אין די עקזיסטענץ ראַמען פון זיין שטוב און פון אסך אַנדערע ענלאַכע סוחר'שע הייזער אין האָלאַנד, אז פּסיכאָלאָגיש איז אזא פאַקט מעגלאַך און וואַרשיינלאַך.

אין דעם טאָג-טעגלאַכן לעבן זיינען די טאַטעס פון די קינדער, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר העברעע, גייסטיקע אויפגאַבן און צילן אין לעבן געווען פּשוטע סוחרים, גראָשן-זאַמלער, וואָס האָבן דעם זעלבן נאָמען גענומען אלס עדות אין זייערע האַנדלס טראַנזאַקציעס צוליב וועלכן זיי האָבן זיך געלאָזט ברענען און אומברייגען אויף שייטער-הויפנס און אין די פייכטע קעלערס פון די אינקוויזיטאָרישע תפיסות.

די דאָזיקע סתירה צווישן אידעאַל און ווירקלאַכקייט אין טאָג-טעגלאַכן לעבן האָט געמוזט ווירקן אויף דעם שאַרפן קריטישן מוח פון דעם יונגן ספּינאָזאַ, ווייל ער האָט דעם עטישן פּרינציפּ פון דער תורה געזוכט קודם כל פאַרווירקלאַכט אין די מעשים פון די מענטשן גופא.

און אין דער וועלט פון דער אבסטראַקציע, אין די ברייטע און טיפע וועלטן פון דער שטרייגנער, מסור'ישער תנ"ך-עפּאָפּעיע, אין דעם פאַרפלאָנטערטן שכרות פון תלמודישן פּלפּול האָט ער געזוכט די זעלבע לאָגישקייט, גראַדליניקייט און אביעקטיווע געזעצמעסיקייט, ווי אין דער וועלט פון וואָכעדיקע, גראָע פאַקטן.

ברוך ספּינאָזאַ זוכט זיי ניט מיט א חוצפה פון א באַוואוסטזיניקן אפּיקורס נאָך מיט א טראַגישן ווייטאָק פון איינעם, וועלכער

וויל זיך ניט אַנטווישן אין דעם, וואָס די מדריכים לערנען אים און ווילן, אַז ער זאָל זיי גלויבן.

קיין חצוף איז ער ניט געווען, פונקט ווי ער איז קיין עלוי ניט געווען. ער האָט פאַרנומען אַ ענין מיט אַנשטרענגונגען. די דאָזיקע אַנשטרענגונג איז געווען אַ פּריוויליקע, אַ ווילן צו דערגיין די נאַטור און די לאָגיק פון אַ אידעע אָדער פון אַ פאַקט ניט דורך דעם אַנשטעקנדן באַגרייפן אין אַ קאָלעקטיוון לערנען, נאָר דורך דעם ביחידות דערוואָרבענעם פועל יוצא פון יעדן געדאַנק און פשט.

דער אויבנאויפיקער איינדרוק פון פאַרנעמען, ווייל אַלע אַרום נעמען אָן דעם פשט פון דעם רבין איז אים געווען דערווידער און פרעמד. ער האָט אָבער טיף פאַרבאָרגן אין זיך די שטרעבונג צו דערגיין דעם אמת מיט אייגענע אינטואיטיווע סטעזשקעלאַך פון זיין געדאַנקען וועג, כדי מען זאָל אויף אים ניט קוקן קרום.

קיין חברים האָט ער אין דער שולע ניט געהאַט. די, מיט וועמען דער גורל האָט אים צוזאַמענגעבראַכט אויף די זעלבע ביינק פון דער שולע זיינען געווען זיינע מיטזיצער, קיינמאָל אָבער ניט זיינע חברים, אַ פשיטא זיינע פריינט. אפילו מיט דעם פלינקן שמואל דע קאַזערעז, אַ שול חבר זייַנעם, הגם מיט דריי יאָר עלטער פון אים, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער מאַן פון זיין שיינער שוועסטער מרים (דעם 14טן אויגוסט 1650), האָט ספינאָזאַ קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט. דער דאָזיקער דע קאַזערעז האָט פון דעם ערשטן שול יאָר געהאַט די הענט אויסגעשטרעקט צו אַ כסא הרבנות, וואָס זאָל אים געבן אַ רואיקן און זיכערן לעבן און זיינע הענט האָבן דעם ציל דערגרייכט.

און דער דאָזיקער בעל־התכלית האָט מער נושא חן געווען אין די אויגן פון ר׳ מיכאל עספּינאָזאַ איידער אין די אויגן פון זיין זון, ברוך.

ער האָט ניט געהאַט אין זיך דעם געזעלשאַפטלאַכן אינסטינקט פון צוזאַמענלעבן, וועלכער איז מערסטנטיילס אַ פועל יוצא פון אַ צופאַל און אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלאַכער נייגונג זיך אָנשפּאַרן אויף די אַקסלען פון צופעליקער פריינטשאַפט, איידער אויף די זיילן פון באַוואוסטזיניק געזיכערטער, פרייהייטלאַכער און אומ־קאָמפּראָמיסבאַרער אינטימיטעט.

אזוי איז ער געוואַקסן אין דער סביבה פון רעשיקע תלמידים און שטריינגע, אַסקעטישע לערער. אין דער איינזאַמקייט האָט ער געזוכט אַ חבר אָדער חברים, וועמען ער זאָל קענען פאַרטרויען זיינע ספקות. אין דער געזעלשאַפט פון זיינע באַנק־חברים האָט ער מיט דער גאַנצער הייסקייט פון זיין יונגער נשמה געביינקט נאָך איינזאַמקייט, נאָך יחידות.

זיין אויסערלאַכקייט האָט אויף אַ האָר ניט פאַראַטן, אַז אין דעם דאָרן קערפּער מיטן בלאַסן פּנים און גוטע, בלויע דיינקענדע אויגן ברענט אַ שמערצלאַכער פלאַם פון טראַגישן צווייפל און פייניגענדער ניט זיכערקייט. די תורה איז ניט הייליק, ווייל זי איז פול מיט סתירות און די תנאים און די אמוראים האָבן געפירט לאַנגע און לאַנגווייליקע ויכוחים איבער פאַרשיידענע אויסטייטשונגען און רמזים פון גאָטס ווערטער אַנטפּלעקטע אין דער תורה. ווער איז גערעכט, משה אָדער די בעלי התלמוד? און וואו זיינען די אַלע אַנדערע מפורשים און מדקדקים, וועלכע ווייזן אָן אויף די סתירות און דאָך בלייבן זיי אומבאַאירט אין זייער גלויבן, פעסט איז זייער אמונה?

ווי קען מען גלויבן, ווען עס איז ניטאָ קיין איינקלאַנג צווישן די וועלכע גלויבן אַז אַלץ איז אמת, וואָס איז פונם באַרג סיני גאָט'ס פאָלק געשיינקט געוואָרן? דעם תנ"ך הויבט ער אָן אַלץ טיפער און טיפער אַנאַליזירן. מיט דער דורשטקייט פון אַן איינזאַמען אין מדבר, וועלכער גראָבט כדי צו געפינען וואַסער, הגם ער ווייס ניט אויף זיכער אַז דאָס וועט אים געלינגען — אזוי האָט ספּינאָזאַ געזוכט דעם אמת, און גראָבנדיק אַלץ טיפער און טיפער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם באָדן אונטער זיינע פיס און עס איז ביסלאַכווייז צורונגען געוואָרן דער קינדערשער גלויבן און אַנשטאָט יאוש האָט אַ ליכטיקייט אים באַזעלט, ווייל עס האָט זיך אים אַנטפּלעקט דער אמת, אַז ניט דאָ איז דער מקור און ניט די זיינען די אָנווייזער און ניט די זיינען די וועגן און מעטאָדן פון דערגיין צום שם המפורש פון לעבן און נאַטור, וועלכע מען וויל אויף אים אַרויפצווינגען אין דעם זכות, אַז אזוי איז געווען און מוז זיין, ווייל צוליב אים און דורך אים זיינען זיינע אבות געבליבן אידן; דער זכות איז אָבער פאַר אים קיין זכות ניט געווען.

ער האָט שטודירט די אגדה און די משנה, געשליפן זיין גייסט, געוואָרן רייף פאַר ספעקולאַטיווע ויכוחים און דורך פּלפּול איז ער געקומען אויף דעם וועג פון אַנטפּלעקן דיאַלעקטישע סתירות און אונטערשידן, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצער פילאָזאָפישער מעטאָדע.

וואָס ער זאַפּט אריין אין זיך אין משך פון די שול יאָרן, דאָס וועט ער שוין קיינמאָל ניט פארלירן. ער ווערט ווי עס זאָגט וועגן אים זייער פיין דער פראַנצויזישער ביאָגראַף זיינער ק אָ ש א (Couchaud) סיסטעמאַטיש, קאָנדענסירט.

אין שטוב לערנט ער ווייטער; א דייטשער סטודענט לערנט מיט אים לאַטיין, אַן אנדער לערער האָלענדיש און סתם וועלטלאַכע לימודים. דער טאַטע קוועלט פון זון. אפשר וועט ער ווערן דער יורש פון זיינע געשעפטן. א קלייניקייט! אַזוי פיל תורה און אַזוי פיל וויסן! פאַר גאָט און פאַר לייט! פארן יחוס פון די שטאָלצע ספינאָזאַס א ליכטשיין און פאַר דער וואָגיקער פרנסה אין געשעפטן א לייטער. דער צווייטער ברודער, יצחק, וועלכער האָט מסתמא באַדאַרפט זאָרגן פאַר די גשמיות פון די ספינאָזאַס, שטאַרבט יונגערהייט דעם 26טן סעפּטעמבער 1649. אין דער משפּחה ווערט דער מלאך המות אויפסניי אַן אָפטער גאַסט. קומט ער דעם 8טן סעפּטעמבער 1651 און נעמט אַוועק דאָס יונגע ווייבל מרים, וועלכע שטאַרבט פון א קימפּעט. און אין א יאָר שפּעטער טראָגט מען ארויס פון עספינאָזאַ׳ס הויז אויף דער „האָלצגראַט“ די ערדישע רעשטלאַך פון דער פרומער, גוטער „שטיפמאַמע“ אסתר. דער טאַטע בלייבט א שוואַכער און א פאַראיינזאַמטער. ער קען שוין אפילו ניט אַכטונג געבן אויף דעם שוין דערוואַקסענעם זון, צי היט ער אָפּ די דינים און מנהגים אין דעם טרוקן פרומען הויז צי ניט? ווער האָט געקענט אַכטונג געבן? גאָט צו דאַנקען אַז מ׳דאַרף ניט זאָרגן פאַר פרנסה און עס איז דאָך עפּעס געבליבן נאָך א שווערערן לעבן פון ארבעט און מי, אַז מען זאָל האָבן צו עסן פון גרייטן אויף דער צו־פרי אָנגעלאָפענער עלטער און אויך די איבערגעבליבענע אין שוים פון לעבן קינדער עפּעס איבערלאָזן אין דער זאַכלאַכער, געשעפטסמעסיק געשריבענער צוואה!

קלאַפּט אָן דער מלאך המות נאָך אַמאָל אין די שמאָלע טירן

פון דעם רואיקן הויז וואו אין בין השמשות פון לעבן האָט געוואָרט דער מידער קערפּער פון ר׳ מיכאל עספּינאָזא אויף אן ערדישער אויסלייזונג.

דעם 30טן מאַרץ 1654 ווערט ער ארויסגעטראָגן פון זיין לעצטער דירה אויף די אַקסלען פון די בכבוד׳יקע פּרנסים און מנהלים פון דער אַמסטערדאַמער קהילה און אוועקגעפירט אַהין, וואו עס האָבן געוואַרט אויף אים די דריי פרויען מיט די פיר קינדער.

ספּינאָזא איז שוין דאַמאָלט 23 יאָר אַלט. די תלמוד תורה איז שוין ביי אים כמעט ווי פאַרגאַנגענהייט. קיין סמיכות האָט ער נישט באַקומען און נישט געשטרעבט דערצו. און דער טאַטע האָט עס דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט!

אבן עזרא, רמב״ם און ר׳ חסדאי כרשכש (קרעסקעס) האָבן פאַר אים וועלטן געעפנט. דעם „מורה נבוכים״ האָט ער שטודירט אין דער איינזאַמער דירה דאַמאָלט ווען זיינע חברים און אפשר שפּעטערדיקע רבנים האָבן די פרייע צייט פאַרבראַכט אין שפּילעריי אויף די גאַסן און הויפן.

אין זיין ביבליאָטעק האָט ער דעם רד״ק און דעם רלב״ג, א לאַטיינישן יוסיפון און אויף שפּאַניש די דיאַלאָגן איבער ליבע פון ר׳ יהודה אברבנאל, דעם „מאיר נתיב״, א תנ״ך קאָנקאָרדאַנץ פון ר׳ יצחק נתן בן קלונימוס און די קריסטלאַכע מיטלאַלטערישע ביבל מפורשים. און ער לייענט און לייענט, און שטעלט פראַגן.

אין דער תלמוד תורה האָבן אים די תשובות נישט באַפרידיקט און ער איז געשטאַנען א בלאַסער אָבער א רואיקער אויסערלאַך און געדענגט מיט פראַגן און אליין א דאַרשטיקער זיך דערפילט.

און ר׳ שאול מאָרטיירא באַמערקט עס און פילט עס. זיין האָפנונג ווערט אים צוראָנען. אָבער זאָל דאָס געשען! בעסער פאַרלירן איין האָפנונג איידער די אמונה פון דער קיבוץ. דער פונדאַמענט איז וויכטיקער פון איין ציגל אין בנין. ר׳ שאול מאָרטיירא וויל אָבער ראַטעווען. די צוקנדע אַקסלען פון דעם דאָרן תלמיד זאָגן פאַרט מער, אפילו אים, דעם שטרייגן, פרומען און גאָטספאָרכטיקן פאַסטוך און רבי.

ער וועט עס טאָן — פריער נאָך אין די ד׳ אמות פון „עץ חיים“ און שפּעטער פון הויכקייט פון שול באַלעמער, ווען דער גורל וועט אַנדעש באַשערן.

די אויגן פון ברוך ספּינאָזאַ זיינען אָבער געווען פון לאַנג אָן פאַרקוקט מוטיק און פריידיק אין די תהומען פון ספקות.

ספּינאָזאַ׳ס יוגנדבילד פון יאָר 1660.

די דערוויטערונג

פאראן ביי לוקאס׳ן א דערציילונג וועלכע איז זייער וויכטיק פאר דער שילדערונג וועגן ספינאזא׳ס דערוויטערונג פון די אידן. ס׳איז אוממעגלאך פעסטצושטעלן צו וועלכער תקופה דארף מען זי צורעכענען. לוקאס האט בכלל ניט געוואוסט, וואס מיינט כראנאלאָגיע, אבער לויט אלע ווארשיינלאכקייטן איז די סצענע (אויב זי איז באמת פארגעקומען) געווען מעגלאך אין די יארן 1651-52. דאַמאָלט איז נאך ספינאזא א תלמיד פון „עץ חיים". ער איז אין דעם העכסטן קלאס, אין דער גרופע, וועלכע ווערט אנגעפירט פון מארטיירא גופא. דארטן האט שוין דאס לערנען ניט געטראגן קיין גרופן־כאראקטער, נאר מער אינדיווידועל. דער רבי איז שוין געווען אומשטאנד אפשאצן די פייאיקייטן און די חריפות פון דעם תלמיד. ער האט זיך אויך געקאנט אריענטירן אין די וועגן (געהיימע און פארבארגענע) פון זיינע געדאנקען און מחשבות.

דערציילט אונז דער געטרייער, ענטוזיאסטישער ערשטער ספינאזיסט לוקאס, אז ספינאזא האט געמאכט אן אנשטעל, אז ער איז זייער צופרידן מיטן לערנען און מיט די לערער, דאמאלט ווען אין דער אמת׳ן איז ער געווען גאר ווייט דערפון. די צופרידנהייט איז געווען, אזוי מיינט לוקאס, א רעזולטאט פון וועלן זיין כשר אין די אויגן פון די לערער. ער האט ניט געוואלט ביי זיי אויפוועקן קיין צארן און קיין חשד. דאס וואלט אים געקענט שטערן אין זיין זעלבסטשטענדיקער פארשונגס ארבעט וועלכע הויבט זיך שוין דאמאלט אן.

עס איז שוין געווען קלאר פאר אים, אז פון די לערער וועט ער דעם אמת ניט דערגיין. האט ער אנגעהויבן צו שטודירן די מפרשים, פון וועמען ער האט ערווארטעט צו באקומען תשובות אויף דעם שטראם פון אנלויפנדע שאלות.

מארטיירא האָט באַמערקט, אז דער תלמיד וועלט זיך ניט מיט קיין שאלות צו אים. ער האָט באַוואונדערט ספינאָזאַ'ס חריפות, האָט אָבער ניט פארשטאַנען זיין באַשיידנקייט. כדי אויפוועקן אין ספינאָזאַ'ן צוטרוי צו אים און ברעכן דעם אייז פון באַציאונגען, האָט מארטיירא אויסגעקליבן א מיטל פון עפנטלאַכן לויבן פון זיין תלמיד. ער האָט געהאָפט אז אויף אַזאַ וועג וועט זיך ביי ספינאָזאַ'ן אנטוויקלען דער געפיל פון גאוה און ער וועט דאַמאָלט ארויסגיין פון די ד' אמות פון זיין באַשיידנקייט און לע־בען מיט זיך אליין. דאַמאָלט וועט ער אפשר פארטרויען זיינע ספקות דעם באַרימטן רבין זיינעם.

דאָס איז אָבער ניט געשען.

„הגם ער איז געווען גאָר יונג" — אזוי דערציילט לוקאַס — „דאָך, א דאַנק דער איבערגעשפיצטער פאַרזיכטיקייט, האָט ער ווינציק געבויט אויף פריינטשאַפט און אויף גוטע מיינונגען פון מענטשן. די ליבע צום אמת האָט איבערשטיגן אלץ ביז אַזאַ מדרגה, אז זי איז געוואָרן זיין הויפּט לײַדנשאַפט. ער האָט אחוץ איר קיינעם און גאָרניט ניט געזען".

ער האָט אָבער ניט געקאָנט אויסמיידן ויכוחים און סתם לומדישע שמועסן מיט די זיין־חברים זיינע. עס זיינען געווען אין קלאַס צוויי תלמידים, וועלכע האָבן געוואָלט אויף אלע מעגלאַכע אופנים קומען צו א נאָנטער באַציאונג מיט ספינאָזאַ'ן. זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך טיילן מיט די געדאנקען זיינע מכח פאַר־שיידענע ספקות וועגן דער תורה, וועגן די סתירות און אומוואַר־שיינלאַכקייטן אין דעם הייליקן ספר.

און זיי האָבן אים פאַרזיכערט — אזוי זאָגט ווייטער דער זעל־בער לוקאַס — אז ניט נייגעריקייט אָדער סתם א שוואַכקייט צו שמועסן האָט זיי געבראַכט צו אים, נאָר זיי ווילן זיין זיכער מיט זייערע געדאנקען, וויל בייזע מחשבות פון ניט גלויבן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף די האָריזאָנטן פון זייערע יונגע לעבנס.

ספינאָזאַ איז געוואָרן איבעראַשט פון אַזאַ ציטריק אויפריכטיקן, פשוט מענטשלאַכן ריידן. א געוויסע צייט האָט ער געשוויגן, ווי דאָס איז געווען זיין שטייגער. צום סוף, געצוואונגען פון זייערע דרינגנדע בקשות, האָט ער שמייכלנדיק געענטפערט, אז זיי האָבן

א משה'ן און די נביאים, וואָס זיינען דאָך געווען אמת'ע אידן און וועגן אלץ אָנגענומען באַשלוסן.

זאָלן זיך די בחורים ווענדן צום קוואַל פון די אמת'ע אידן, אויב זיי זיינען דאָס נאָך באמת.

האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי א מין שמועס־ויכוח וועגן פאַר־שיידענע ענינים פון רעליגיע.

איינער פון די בחורים האָט פאַרוואָרפן ספינאָזא'ן מיט פראַגן.

ער זעט ניט — אַזוי האָט ער געזאָלט טענה'ן — אַז עס זאָל עקזיסטירן א ניט־מאַטעריעלעס וועזן, אַז גאָט זאָל ניט האָבן קיין קערפּער, אַז די נשמה זאָל זיין אומשטערבלאַך. ער ווייס ניט צי זיינען באמת פאַראַן מלאכים און האָבן זיי א קאָנקרעטן יש? און ווי מיינסט דו? — ווענדט ער זיך מיט די שאלות צו ספינאָזא'ן.

ספינאָזא האָט געענטפערט זייער לאַקאָניש און פאָרזיכטיק. ער פאַרופט זיך אויף דעם אויטאָריטעט, אויפ'ן תנ"ך און וויל אַרומריידן די פראַגן, וועלכע די חברים האָבן אים געשטעלט.

אומשטערבלאַכקייט פון נשמה (השארת הנפש)? עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזע אין תנ"ך. נשמה (נפש) ווערט ערקלערט אין תנ"ך אין זין פון לעבן, פון לעבעדיקע וועזנס. עס איז דאַריבער אוממעגליך צו זוכן אין תנ"ך באַווייזן פאַר דער אומשטערבלאַכ־קייט פון דער נשמה. אָבער אויך פאַרקערט. עס זיינען פאַראַן אין תנ"ך ערטער פון וועלכע עס קאָן קלאָר ווערן, אַז עס האָט עקזיס־טירט א גלויבן אין דער אומשטערבלאַכקייט פון נשמה.

פאַרטיפט אין זיין אַרגומענטאַציע, באַמערקט ספינאָזא, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר אַזעלכע שמועסן און רייסט איבער דעם ברויזנדן קוואַל פון לאָגישער ענערגיע וואָס האָט אונטער די אַנרע־גענדע פראַגן פון די צוויי חברים אָנגעהויבן צו שטראָמען פון דעם שווייגנדן ספינאָזאַ.

האָט מען באַשלאָסן זיך צו דעם ענין צוריקקערן. ספינאָזא האָט זיך אָבער ניט געאיילט מיט דער פאַרטזעצונג פון דעם שמועס און האָט די חברים אויסגעמידן.

„האָבנדיק אין זינען, אַז זעלטן ווען האָט די צו־גרויסע מענטש־לאַכע ניינעריקייט גוטע כוונות" — אַזוי ערקלערט ווייטער לוקאַס. האָט ער געפאַרשט די מעשים פון זיינע צוויי חברים און האָט גע־

פונען אין זייערע מעשים אַזויפיל ניט פּאָסיקייט, אַז ער האָט איבער־געריסן מיט זיי די באַציאונגען און האָט מער ניט געוואָלט ריידן מיט זיי".

די חברים האָבן זיך געפילט באַליידיקט מיט דעם אומצוטרוי מצד ספּינאָזאַ'ן צו זיי. זיי האָבן זיך באמת פאַרגלעטן דעם אומ־גינסטיקן איינדרוק, וואָס האָט זיך ביי ספּינאָזאַ'ן געשאַפן פון דעם ערשטן שמועס זייערן און געוואָלט מיט חניפה אויפסניי געווינען זיין פריינטשאַפט. אָבער ווען דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן, האָבן די צוויי חברים באַשלאָסן זיך נוקם זיין. זיי האָבן אָנגע־הויבן הויך צו דערציילן, אַז ר' מיכאל'ס זון וועט קיין זייל פון דער תורה ניט זיין. ער איז א צושטערער, ווייל ער גייט ניט בדרך המסורה נאָר מיט אַנדערע, פאַרדעכטיקע, געפערלאַכע וועגן פון אָנווייזן מענטשלאַכע טעות'ן און סתירות אין די הייליקע ספרים. דאָן האָבן זיך די צוויי חברים מודה געווען אַז זיי האָבן מיט אים געשמועסט אויף די פאַראָרדענונג פון ר' שאול מאַר־טיירא, צו וועמען עס זיינען שוין דערגאַנגען ידיעות וועגן די "גע־פערלאַכע" געדאַנקען פון זיין באַליבטן תלמיד.

זיי האַלטן דאַריבער, אַז ר' מאַרטיירא איז זיך טועה, אויב ער מיינט אַז פון דעם יונגן ספּינאָזאַ וועט אויסוואַקסן א לייט פאַר דער משפחה, און א מאמין פון דער תורה. האָט מען אָנגעהויבן אין שטאָט ריידן וועגן דעם און אויך דער טאַטע האָט שוין וועגן דעם געוואוסט. ר' מכאל ספּינאָזאַ האָט מסתמא אַלץ געהאָפט, אַז דער זון וועט זיך מיט דער צייט באַפרייען פון די אינגעלשע מעשים זיינע, וועלכע זיינען באַשטאַנען נאָר אין מחשבות און ער האָט גע־שוויגן. ער האָט געוואוסט אַז לויט דעם אידישן דין שטראָפט מען ניט פאַר מחשבות, נאָר פאַר מעשים. עס איז אָבער ניט אויסגע־שלאָסן, אַז דעם טאַטנ'ס שווייגן איז געווען מער צוליב דעם צער, וואָס ער האָט געפילט, ווען פון דער גאַנצער שטאָט זיינען געפלויגן ווי זלידנע פליגן רכילות און מסירות אויפ'ן זון און האָבן שנעל דערגרייכט זיינע אויערן.

דערווייל האָבן די צוויי בחורים איבערגעגעבן אויספירלאַך דעם ועד הקהילה דעם אינהאַלט פון זייער שמועס מיט ספּינאָזאַ'ן. האָבן די ריכטער פון דער קהילה באַשלאָסן אויסהערן דעם

יוננן ספינאָזאָ און אויסגעפינען אויף וויפיל זיינען ריכטיק די באַשולדיקונגען.

וויסט ווייטער לוקאס צו דערציילן, אז איינמאָל איז ער געקומען א פריילאכער אין דער שולע, ווייל „ער האָט געפילט, אז דער געוויסן איז ביי אים א ריינער.“

האָט מען אים געגעבן צו וויסן, אז ער זאָל באַלד קומען אין דער קהילה, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון „עץ חיים“. דאָרטן האָבן די ריכטער (דאָס מיינט די מיטגלידער פון ועד) אים אריינגערופן אין א חדר מיוחד און דערציילט, אז ער ווערט באַשולדיקט אין אפיקורסות. זיי ווילן אָבער אין דעם ניט גלויבן, און בעטן אים ער זאָל זיי זאָגן דעם גאַנצן אמת.

ספינאָזאָ האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייגט זיין שולד. דאַמאָלט האָבן די ריכטער גערופן די צוויי חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין א נעבן צימער באַהאַלטן. האָבן די חברים־שפּיאָנען עפנטלאַך אים באַשולדיקט פאַר די לערער אז ער האָט זיך אויסגעלאכט פון די אידן און זייערע גלויבונגען.

ספינאָזאָ האָט קאַטבלוטיק אויסגעהערט די אַלע באַשולדיקונגען. ער האָט וואַרשיינלאַך געשוויגן און ניט געענטפערט מיט אַזאַ חוצפה, ווי עס וויל אונז דערציילן לוקאס. לויט לוקאס'ן האָט ספינאָזאָ בלומרשט געענטפערט, אז זייער שרעק און דראָאונגען רופן אין אים ארויס א געפיל פון רחמנות. וואָס איז שייך די עדות באַשטעטיקט ער דאָס, וואָס זיי האָבן דערציילט אין זיין נאָמען, ווייל כדי צו דערגיין די אַלע סתירות אין דער תורה מוז מען קיין סך ניט פאַרמאָגן, אחוץ שכל.

אויב די צווייטע תשובה איז פּסיכאָלאָגיש וואַרשיינלאַך, איז די ערשטע אן אויסגעטראַכטע פון לוקאסן און דורך און דורך פאַלש. זי שטימט ניט מיט זיין גאַנצן וועזן. זי איז א שרייענדער דיסאַנאַנס מיט זיין שטילן, זייער באַשיידענעם כאַראַקטער, אַזוי ווי עס גיבן אונז איבער הן זיינע פריינט, הן זיינע שונאים.

דערווייל האָט זיך מאַרטיירא דערוואוסט אז עס קומט פאַר אן אויספאָרשונג מכח ספינאָזאָ'ס אפיקורסישע געדאַנקען. האָט ער זיך שנעל א לאָז געטאָן אהין כדי מיט'ן כח פון זיין אויטאָריטעט, אין וועלכן ער האָט דורך אַגב שטאַרק געגלויבט, צוריקפירן

דעם געראָטענעם תלמיד אויפן דרך הישר. האָט ער זיך אוועקגע־שטעלט אנטקעגן דעם יונגן תלמיד זיינעם און האָט אים אָנגעהויבן צו מוסרן דראָען און שרעקן מיט בילדער פון גיהנום און אומ־רחמנות׳דיקער שטראָף אויף יענער וועלט.

ספינאָזא איז געבליבן שטום און ווי פארגליווערט. ער האָט גאָרניט ניט געענטפערט. זיין שווייגן האָט ארויסגערופן א צאָרן ביים רבין און אלס דער עלטסטער פון דער קהילה האָט ער זיך געווענדעט צום בית־דין מען זאָל אים באַשטראָפן, און אויב ער וועט זיך ניט אומקערן אויף די פרומע וועגן פון זיינע אבות און וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון זיינע פאלשע תורות, דאמאָלט וועט מען אים מחרים זיין.

און דאָ קומט ווייטער דער האלב־בעלעטריסטישער עדות לוקאס און וויל אונז פארזיכערן אז ספינאָזא האָט געענטפערט, אז ער פארשטייט די וואָגיקייט פון די דראהונגען און אלס א לוין פאר דעם, וואָס ער האָט אים אויסגעלערנט לשון קודש, וויל ער אים געבן די געלעגנהייט אויסצושליסן אים פון דער קהילה.

ספינאָזא האָט אזוי ניט געענטפערט, וויל אזא ענטפער, וואָלט תיכף ומיד געמוזט ארויסרופן א חרם אויף אים. דערווייל זעען מיר איז צווישן דער צייט פון דער אויספאָרשונג און דער ערשטער הזהרה, וואָס איז היסטאָריש זייער ווארשיינלאַך, און דער צייט פון חרם גייט פאריבער א פאָר יאָר. וואָס איז די סיבה דערפון? פארוואָס האָט מען ספינאָזאן באַלד ניט מחרים געווען?

אייניקע ווילן האָבן אז דאָס האָט מען געטאָן צוליב דעם, וואָס שאול מארטיירא האָט ניט געוואָלט אז אזא שארפע קאָפּ זאָל ביי אידן פארפאַלן גיין. ער וואָלט דאָך געקענט זיין א רב, א שטאָלץ פון א קהילה און אפשר פון דער זעלבער אמסטערדאם קהילה, וואו זיין פאָטער איז געווען פרנס?

אנדערע ווילן גאָר, אז דער מעמד (ד. ה. די פארוואלטונג) האָט ניט געוואָלט אזוי לייכט און שנעל זיך באנוצן מיט דעם שרעק־לאַכסטן מיטל, וואָס איז געווען אין רשות פון די רבנים, ווי דער חרם. דער פראָטעסט־שאָס פון אוריאל אקאסטא, אין אפּריל 1640, איז געווען א גענוגענדע „מעמענטא“, אז מען זאָל דעם חרם אזוי לייכט ניט אָנווענדן.

עס איז אָבער וואַרשיינלאַכער, אַז דאָס איז געשען צוליב דעם פֿאָטער פֿון ברוך ספּינאָזאַ. דער אַלטער פּרנס הקהילה, אַ חשובער סוחר און כּלל טוער, דאַמאָלסט שוין אַ קראַנקער וואָלט ניט געקענט איבערטראָגן אַזאַ גרויסע בושה און אַזאַ אומגליק, פֿאַרוואָס ער וואָלט אָן צווייפֿל געהאַלטן — דאָס אויסשליסן פֿון זיין זון פֿון דער אידישער קהילה.

און מיר זעען טאַקע אַז באַלד נאָך דעם, ווי דער טאַטע פֿאַרמאַכט אויף אייביק זיינע מידע אויגן (דעם 30טן מאַרט 1654) ווערט שוין די שטעלונג צום יונגן ספּינאָזאַ אַסך אַגרעסיווער, אָפֿענער און שאַרפֿער. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דער מעמד האָט אים אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן אויף די אַסיפֿות און איינגעטענה׳ט ער זאָל זיך ניט דערווייטערן.

און די דערווייטערונג איז שוין געווען זייער אַ טיפֿע, אויב נאָך ניט אין שטח איז שוין אין גייסט. די באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿאַרשיידענע קריסטלאַכע סעקטאַנטן, מיט וועמען ער פֿלעגט זיך אָפֿט טרעפֿן נאָך ווען דער טאַטע האָט געלעבט, האָט געמוזט אַרויסרופֿן אַ שטאַרקע ניט צופֿרידנקייט מצד די מנהיגים פֿון דער אידישער קהילה.

האָט ער אָנגעהויבן אויסמיידן די געזעלשאַפֿט פֿון אידן; אַפֿילו אין דער סינאַגאָגע איז ער אַ זעלטענער גאַסט און שטאַרק אויפֿגערעגט האָט די אידן זיין אָפּוועזנהייט יום כּפּור צו „כּל נדרי“, צום קדוש הקדושים פֿון די שפּאַנישע עקס־מאַראַנען.

די שנאה צו אים איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ספּינאָזאַ איז אַמאָל אַרויס פֿון טעאַטער האָט זיך אויף אים אָן אומבאַקאַנטער איד אַ וואָרף געטאָן מיט אַ מעסער אין האַנט. ער איז קוים ניצל געוואָרן פֿון טויט. ער האָט זיך נאָך מער אָנגעהויבן דערווייטערן פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט. דער אָנפֿאַל איז מסתמא פֿאַרגעקומען נאָכ׳ן פֿאָטערס טויט, ווען ספּינאָזאַ האָט שוין ניט געוואוינט אין טאַטנס הויז און האָט פֿאַר זיך געפֿונען אַ דירה אין שכנות מיט יענעם אָרט, וואו די סעקטאַנטן פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אויף זייער געוויינלאַכע דיסקוסיע־אָוונטן איבער פֿאַרשיידענע רעליגיעזע און פּאָליטישע פֿראַגן.

ספּינאָזאַ האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן וואוינענדיק אין

ה א א ג דערציילט זיין בעל־הבית וואן דע ספיק, אז די קהילה אין אמסטערדאַם האָט אים אפילו פאָרגעשלאָגן א געהאלט פון טויזנט פלארענען ער זאָל ניט ארויסטרעטן פון אידנטום און ווייזן זיך פון צייט צו צייט אין שול, דאָרט וואו דער טאַטע האָט געהאַט זיין בכבוד׳יקע „שטאָט״ צווישן די ערשטע פּני פון „ניי־ירושלים״.

האָט ער זיי געענטפערט — אזוי גיט איבער א צווייטער ביאָגראַף פראנץ האלמע — אז ער איז ניט קיין היפּאָקריט און וועט קיין געלט ניט נעמען און אין שול אריין ניט גיין.

אויך די משפּחה האָט זיך שאַרף אָפּגעגרעניצט פון זייער „פארבלאָנזשעטן״ מיטגליד. אפילו דעם קדיש האָט ער אויפגע־הערט צו זאָגן פאר דער נשמה פון זייער פרומען פאָטער. האָבן די איינציקע געבליבענע: די שוועסטער רבקה און דער שוואָגער דע קאזערעס באשלאָסן אים אויסשליסן פון דער באשיידענער ירושה, וואָס איז געבליבן נאָכן טאַטן. דע קאזערעס האָט גע׳טענה׳ט, אז די ירושה קומט זיין בן יחיד דניאל פאר ווענענס קומען אויף דער וועלט האָט די פרוי זיינע מרים, ברוך׳ס שוועסטער, באצאָלט מיטן יונגן לעבן.

ספינאָזא האָט באשלאָסן אויסמאָנען דאָס, וואָס קומט אים אויפן וועג פון טרוקענעם, אָביעקטיוון געזעץ. און ווען דער געריכט האָט אים צוגע׳פּסקנ׳ט א טייל פון דער ירושה, האָט ער זיך דאַמאָלסט גרויסמוטיק פון איר אָפּגעזאָגט, וועלנדיק נאָר באווייזן אז פארמעל איז ער גערעכט, און די אומגערעכטיקייט פון דער משפּחה איז דיקטירט ניט לויטן יושר, נאָר לויט זייערע געפילן צו אים. און יושר און ניט יושר געמאָסטן און געוואויגן אויפן סמך פון געפילן, מוזן זיין פאַלש און מען דאַרף זיי באקעמפן.

אין דעם דאָזיקן טאַט פון ברוך ספינאָזא געפינען מיר דעם ערשטן פּראַקטישן קערן פון זיין שפּעטער־דיקער טעאָרעטישער עטיק, וועלכע איז ניט אפּעקטירט פון מענטשלאכע געפילן און שטימונגען נאָר איז געבויט אויפן קאַלטן שכל אָהן דער מיט־ווירקונג פון מענטשלאַכן פּערזענלאַכן אינטערעס סיי אין גוטע און סיי אין שלעכטע מעשים.

צו יענער צייט רייסט איבער ספּינאָזא די באַציאונגען מיט די

אמסטערדאמער מקובלים, מיט וועמען ער איז א געוויסע צייט געשטאנען אין נאנטע באציאונגען.

„איך האב איייניגע קאבאליסטישע פלוידערער געלייענט און א חוץ דעם האב איך זיי אויך געקענט — האט זיך שפעטער ספינאזא מודה געווען — איך האב זיך ניט געקענט אנוואונדערן איבער זייער משוגעת".

דאס מיינט אבער ניט, אז ספינאזא האט זיך באפרייט פון די נעצן פון דער קבלה, ווי מיר וועלן דאס ווייטער באווייזן.

דערווייל האט ער זיך אלץ מער און מער פארטיפט אין די ווערק פון די קריסטלאכע מקובלים און טעאלאגן, פילאזאפן און יוריסטן. אין דער געזעלשאפט פון די קריסטלאכע גאט זוכער, וועלכע זיינען פארטריבן געווארן פון פארשיידענע לענדער אין דער תקופה פון דער קאטוילישער רעאקציע, און וואס האבן געפונען א צייטווייליקן מקום מקלט אין דעם פרייהייטלאכן האלאנד, האט ספינאזא אנגעהויבן זיך פילן היימישער און זיכערער.

ער איז אבער שוין געווען אין די יארן, ווען מען מוז זיך אפגעבן א דין וחשבון וואוהין מען גייט און וואס מען וויל. דאס זיינען געווען פראגן אויף וועלכע ער האט נאך ניט געקענט זיך אליין ענטפערן, ווען ניט די דרויסנדיקע און שוין במעט אים פרעמדע אידישע וועלט וואס האט אים געצוואונגען צו געבן דארויף אן ענטפער.

די אידישע עדה פון אמסטערדאם האט באשלאסן דורכפירן א פארמעלע אפשיידונג פון דעם „כופר", דעם זון און אייניקל פון פרומע מאראנען, וואס האט זיך שוין גייסטיק דערווייטערט פון דער אמונה און פון לעבן פון דעם אידישן קיבוץ.

דער פייערלאכער חרם האט באשטעטיקט פאר דער עדה און קהילה אז דער, וואס האט זיך פון איר דערווייטערט מיט דער מחשבה דארף זיך אויך דערווייטערן פיזיש.

דער חרם איז א ווענדפונקט אין זיין לעבן, אבער דער דאזיקער ווענדפונקט איז שוין א קלארער און דער וועג אין די צוקונפט איז בולט אנגעמערקט.

ברוך אחר

עס איז מער ווי ווארשיינלאך אז ברוך ספינאָזא האָט מיט זיינע אַלע כחות געוואָלט אויסמיידן דעם ענדגילטיקן, שאַרפן פאנאנ־דערגיין זיך מיט דער אידישער קהילה. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אז פונקט ווי ביי קריסטן, וועט מען סוף כל סוף מוזן טאָלערירן אויך ביי אידן די, וואָס זיינען ניט איינשטימיק מיט דער ביז איצ־טיקער אויפפאסונג פון דער תורה און ווילן זיך דערוועכבן דאָס רעכט פון פרייער קריטיק און אנאַליז. פונקט ווי אין האָלאנד גופא, וואו די מלוכה האָט אָפּגעהיט, אז אין די אוניווערסיטעטן זאָל מען ניט פארבייטן טעאָלאָגיע מיט פילאָזאָפיע און מ'זאָל ניט רודפן די פילאָזאָפן דערפאר וואָס זיי זיינען ניט קיין טעאָלאָגן, האָט ספינאָזא געגלויבט אז אזוי דארף זיין אויך ביי אידן.

דערווייל איז ער נאָך פּארמאליש א איד און באווייזט זיך אפילו אין שול. צום לעצטן מאָל זען מיר אים אין דער סינאַגאָגע דעם 5טן דעצעמבער 1655. דאָס איז געווען שבת אין דער וואָך פון חנוכה. מען האָט ספינאָזא מכבד געווען מיט אַן עליה און ער האָט מנדר געווען זעקס פלאסאס

אין א האַלב יאָר ארום האָט זיך די זעלבע עדה צוגעהערט צו די הארטע ווערטער פון חרם, וואָס מען האָט געוואָרפן אויף דעם „פארעקשנטן" זון פון מיכאל עספינאָזאָ.

ספינאָזא האָט זיך אַלץ מער באפריינדעט מיט די קריסטלאַכע סעקטאַנטן איז אַמסטערדאַם, צווישן זיי איז אים געווען נענטער צום הארצן די סעקטע פון מענאָניטן וואָס האָט געפּריידיקט דאָס רעכט פון טויפן זיך צו יעדער צייט, ווען דער מענטש ווערט רייף דערצו, און געזוכט פון כריסטוסן ארויסברענגען דאָס מענטשלאַכע, דאָס עטישע, דאָס, וואָס וואָלט געקאָנט אפּעלירן צו יעדן דיינקענדן

מענטשן. ספינאָזאַ איז געשטאַנען מיט די מענאָניטן אין נאָנטע באַציאונגען, און ווי עס וויל איינער פון זיינע ערשטע ביאָגראַפן, האָבן זיי אים אפילו געשטיצט מאַטעריעל.

דער דאָזיקער אָפענער פאַרקער מיט די סעקטאַנטן אויף וועלכע מען האָט זייער קרום געקוקט אין לאַגער פון די אָפיציעלע, פרומע פּראָטעסטאַנטן, האָט ענדלאַך געמוזט ברענגען צו דעם צוזאַמענ־ברוך, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון חרם.

און געהיט האָט זיך די אַמסטערדאַמער ספרדישע קהילה פאַר א חרם מיט אַלע כחות.

גראָד אין דער זעלבער צייט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם חרם אויף ספינאָזאַ׳ן, האָט דער ועד הקהילה געהאַט צו טאָן מיט אן אַנדער כופר. דאָס איז געווען דער דאָקטאָר דניאַל אָדער יואַן פּראַדאַ.

פּראַדאַ האָט געשטאַמט פון שפּאַניען. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1615 און האָט שטודירט מעדיצין אין טאָלעדאָ. אַזוי ווי אַסך אַנדערע מאַראַנען איז ער געקומען קיין אַמסטערדאַם, געוואָרן צוריק א איד און אין דער פרייער צייט זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפישע חקירות. די דאָזיקע חקירות האָט ער געפירט אין א געזעלשאַפט פון יונגע אידישע בחורים צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען תלמידים פון מאָרטייראַ׳ס העכערן קלאַס אין „עץ חיים", פון „כתר תורה".

עס איז כמעט זיכער, אַז דער דאָזיקער פּראַדאַ איז געווען דער ערשטער לערער פון ספינאָזאַ׳ן מחוץ דעם „עץ חיים" און אַז ער האָט זיך געפונען צווישן די יונגעלייט, וואָס האָבן פון אים געלערנט אַז דער תנ״ך איז ניט הייליק, די נאַטור הערשט א דאַנק אָביעקטיווע געזעצן, און אַז שכל איז די איינציקע מאָס פון אמת.

האָט מען דעם דאָזיקן דאָקטאָר פּראַדאַ פאַר׳מסר׳ט פאַר דעם בית דין פון דער ספּרדישער קהילה. פּראַדאַ האָט זיך דערשראָקן; זיין פּראַקטיק איז געווען מערסטנטייל צווישן אידן און א חרם פאַר אים האָט געמיינט א מאַטעריעלן חורבן.

אין דעם זעלבן יאָר, ווען מען האָט מחרים געווען ספינאָזאַ׳ן, אין 1656, שיקט פּראַדאַ אַריין א תחנונים־בריוו צום בית דין מיט א בקשה ניט מחרים זיין אים. ער שלאָגט זיך על־חטא אויף זיינע

זינד, איז גרייט תשובה טאָן, און פארזיכערט אז מער וועט ער ניט פריידיקן קיין שום געדאַנקען געגן דער אידישער תורה.

„איך זאָג צו", שרייבט פּראדא צום בית דין, „אז איך וועל מער ניט אריינפאלן אין אזעלכע אָדער ענלאכע געשיכטעס און דאריבער בעט איך אלעמען זיי זאָלן זיין מיט מיר און צוזאמען בעטן דעם האר פון דער וועלט, ער זאָל מיר מוחל זיין פאר מיינע זינד און זאָל האָבן מיטלייד מיט מיר".

געשריבן איז די דאָזיקע בקשה געוועזן נאָר צוליב אויסמיידן דעם עפנטלאכן סקאַנדאַל, וואָס איז פאר אים, אַלס א דאָקטאָר געוועזן פשוט געפערלאַך.

אין דער ווירקלאכקייט האָט פראדא אויף גאָרניט ניט חרטה געהאַט. ער האָט ווייטער „אַנגעפירט מיט א גרופּע ישיבה בחורים", ווי מיר לייענען אין אָן אָפיציעלן דאָקומענט פון יענער צייט, און האָט זיי געלערנט, אז גאָט און נאַטור איז איינס און דאָס זעלבע.

האָבן זיך דערפון דערוואוסט די מיטגלידער פון בית דין און עס ווערט באַשלאָסן דאָס מאָל אים אריינוואַרפן אין חרם. אָבער מען האָט זיך ניט געאיילט אזוי מיט ווארפן חרמות, און דאָס איז פאר אונז זייער וויכטיק, ווייל דער פאַל מיט פראדא לערנט אונז, אז אויך בנוגע ספינאָזא'ן האָט דער מעמד (די קהילה פאַרוואַל־טונג) געוואָלט האַנדלען ליבעראַל, טאָלעראַנט אין דעם באַגריף ווי ער איז געוועזן מעגלאַך פאר א אידישער קהילה צו יענער צייט.

דאָס מאָל האָט דער מעמד פאַרגעשלאָגן דעם „זינדיקן", ער זאָל פרייוויליק פארלאָזן די שטאָט אמסטערדאַם; ווייל אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, וועט מען פריער אָדער שפּעטער מוזן אים מחרים זיין.

אזוי האָט מען געטאָן מיט דאָקטאָר דניאל פראדא און אזוי האָט מען געוואָלט טאָן מיט ספינאָזא'ן.

פראדא'ן האָט די קהילה אָנגעבאָטן א געוויסע סומע געלט. צוויי פרנסים זיינען צו אים געקומען און אין נאָמען פון דער קהילה געבעטן אים, ער זאָל פארלאָזן די שטאָט און אוועקפאָרן אין די האָלענדישע קאָלאָניעס אין דרום אמעריקא, וואו ער קאָן וואוינען זייענדיק א האָלענדישער בירגער.

פראדא האט אבער ניט געוואלט פארלאזן אמסטערדאם, זיינע פאציענטן און אויך זיינע תלמידים.

האט ער זיך געוואלט נאך אמאל אנטשולדיקן און אנגעשריבן א צווייטן תשובה־בריוו, אין וועלכן ער האט ווייטער מיט א בקשה־טאן פארזיכערט, אז מער וועט ער געגן דער אידישער רעליגיע ניט זינדיקן.

דאס מאל האט אבער דער מעמד קיין צוטרוי צו אים ניט ארויסגעוויזן און האט אים מחרים געווען. דאס איז געווען דעם 14טן פעברואר 1657. דער חזן עמאנועל אבענאטאר האט פייערלאך פארגעלייענט פון עמוד דעם טעקסט פון חרם און האט געמאלדן, אז אויב דער פארבאנטער וועט פארלאזן די גרעניצן פון האלאנד, וועט דער חרם פון אים אראפגענומען ווערן.

דר. פראדא האט ניט גערוט. ער האט מיט אלע כוחות זיך באמיט צו באפרייען זיין נאמען פון דער קללה פון חרם, וואס האט אים רואינירט.

האט ער זיך געווענדעט צום ספרדישן מעמד אין האמבורג און געבעטן אז די דארטיקע קהילה־פארוואלטונג זאל זיך אננעמען פאר זיין קריוודע און בעטן מען זאל דא אין אמסטערדאם אראפנעמען פון אים דעם חרם. דער האמבורגער מעמד האט זיך דערפון אפגעזאגט איינזעענדיק אז עס פאסט זיך ניט אריינמישן אין די ענינים פון א ברודער־קהילה אין וועמעס שפיץ עס שטייט אזא גאון ווי ר' שאול מארטיירא.

דערצו איז פראדא געווען צו יענער צייט אסך געפערלאכער פון ספינאזא'ן. ספינאזא האט פארטיידיקט זיינע אידייען און געדאנקען, וועלכע זיינען פיליכט געווען צו יענער צייט באקאנט נאר פאר א קליין גרופע אידישע יונגעלייט אין אמסטערדאם, ווייל ער האט נאך ניט געשריבן וועגן דעם, וואס ער דיינקט.

דאגעגן פראדא האט פארשפרייט זיינע „אפיקורסישע" געדאנקען שריפטלאך און זיינע שריפטן האבן ארויסגערופן שארפע ענטפערס און ביטערע, ליידנשאפטלאכע אנפאלן מצד צוויי שטרייננגע וועכטער פון רעליגיעזן אידנטום: פון דאקטאר יצחק ארוביא דע קאסטרא אין זיין בארימטן שפאנישן „באשול־דיגונגס בריוו" (epistola invectiva) און פון דניאל לעווים דע

באריאס אין זיין „כתר תורה" (Corona da Ley) דער ערשטער האָט אפילו געגעבן א בולטן רמז אז ספינאָזא איז געווען צווישן די תלמידים פון דעם פריידיינקערשן אידישן דאָקטאָר פּארדא.

דע קאַסטרא דערמאָנט איינעם וואָס איז „צום גרעסטן צער פון אונזער פאָלק געקומען א דאַנק די דאָזיקע מעשים צו זיין ענדגילטיקן חורבן און האָט אנדערע דערמיט אָנגעשטעקט, הויפּט־זאכלאַך די, וואָס האָבן מחוץ דעם אידענטום געשיינקט גלויבן פאר זיינע נאַרישע סאָפיזמען".

און דער איינער איז אָהן ספק ניט קיין אנדערער ווי ברוך בן מיכאל עספּינאָזא.

איצט ווערט אונז קלאָר, אז פּונקט ווי זיין ערשטער אפיקור־סישער לערער, וועלכער איז, ווי מיר האָבן באוויזן, געווען דער איד פּראדא און ניט דער קריסט ענדען, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין אלע ספינאָזא־ביאָגראַפיעס—ווערט אונז אויך פארשטענדלאכער די פּאָליטיק פון דעם אַמסטערדאַמער בית דין בנוגע דעם יונגן ספּינאָזא. ער איז געווען מיט 17 יאָר איינגער פון זיין לערער פּראדא. האָט מען אלץ געקוקט אויף אים ניט ווי אויף א פּארפירער, נאָר ווי אויף א פּארפירטן און דאָ דאַרף מען זוכן די סיבות פון די וואקלע־נישן פון דעם בית־דין. זיי האָבן געהאַט איינזעניש און גענומען אין אנבאטראכט זיין אָפּשטאַמונג (א פּרנס'ס א זון), זיין חריפות (מארטייראַ'ס א ליבלינג־תלמיד!) און זיין יוגנט (איינגאַנצן אלט 24 יאָר!). דעריבער איז דער וועג פון דער ערשטער הזהרה ביז דעם אומפארמיידלאַכן חרם אזא לאַנגער, קאָמפּליצירטער, פול מיט דיפּלאָמאטישע טריט, מיט כמעט פּאָטערלאכע פאָרזיכטיקייט און געלאַסנקייט.

אין שייכות מיט דר. פּראדא'ס אינצידענט ווערט איצט קלאָר לוקאַס'עס אנפאָרמאציע וועגן דער סומע געלט, וואָס די אַמסטער־דאַמער קהילה האָט אָנגעבאָטן ספינאָזא'ן. זי האָט מסתמא געוואָלט, אז ספינאָזא זאָל אוועקפאָרן קיין דרום אמעריקע, אין די האָלענדישע קאָלאָניעס, און אויף אזא אופן געוואָלט אים דערווייטערן פון דער קהילה.

אויב דער דאָזיקער פּאַקט איז אן

אמת׳ער, האָט מען די סומע אים ניט פאַר־געשלאָגן אַלס כאַבאַר ער זאָל שווייגן, ווי/עס ווילן די ביאָגראַפן זיינע, נאָר אויף הוצאות ער זאָל פאַרלאָזן האָלאַנד בכלל.

ספינאָזא האָט אָבער ניט געוואָלט צופרידנשטעלן די מיטגלי־דער פון דער קהילה, ווייל דאָס וואָלט געהייסן אַז זיי זיינען גערעכט, דאַמאָלט ווען ער איז געווען טיף איבערצייגט אַז זיי זיינען גערעכט דערפאַר וואָס זיי גלויבן, און ער גלויבט דערפאַר וואָס ער איז גערעכט.

דאָנערשטיק, דעם זעקסטן טאָג אין חודש אב, שנת תט״ז (27 יולי 1656), האָט מען געמאָלדן דורך ספּעציעלע מודעות, אַז מען וועט אין דער פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע מחרים זיין ברוך בן מיכאל עספּינאָזאַ. מען האָט אויך אים געגעבן צו וויסן, ער זאָל קומען אין שול אריין; אָבער ער איז ניט געקומען.

דעם טעקסט פון חרם האָט מען פאַרנאָנדערגעשיקט אין ספּע־ציעלע שפּאַנישע מודעות, כדי אומעטום זאָל מען וויסן, אַז דער זין פון דעם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם פּרנס און גאָטספּאָרכטיקן אידן איז פון היינט אָן מחוץ דער אידישער עדה; ער איז אַן אחר. דאָס איז דער נוסח פון דער מודעה וועגן דעם חרם.

„די הערן פון דעם מעמד טוען אייך צו וויסן געבן, אַז זיי האָבן שוין פון אַ לאַנגע צייט ידיעות וועגן די שלעכטע מעשים און מחשבות פון ברוך עספּינאָזאַ און זיי האָבן זיך באַמיט דורך פאַר־שיידענע מיטלען און הבטחות אים אָראָפּנעמען פון דעם פאַלשן וועג. היות ווי קיין שום זאַך האָט אים ניט געקענט פאַרבעסערן און פאַרקערט, עס זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען אַלץ מער און מער ידיעות וועגן זיין גרויסן אפיקורסות, וואָס ער האָט געטאָן און געלערנט און פון די אומערהערטע פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנ־גען. זיי זיינען געוואָרן באַשטעטיקט דורך אסך עדות, וועלכע מען קאָן גלויבן און וועלכע זיינע באַוויזן געוואָרן אין דער אָנוועזנהייט פון עספּינאָזאַ, וועמען זיי האָבן איבערצייגט אין זיין שולד, דאַרי־בער האָבן מיר באַשלאָסן, נאָך דעם ווי דער ועד החכמים (הרבנים)

האָט דעם ענין אונטערזוכט, מחרים זיין און אַרויסטרייבן דעם דערמאָנטן עספינאָזא פון דעם גדר פון דעם אידישן פאָלק מיט דער הסכמה פון די דערמאָנטע חכמים. מיר זיינען אים מחרים מיט דעם פאָלגענדן נוסח פון חרם:

„לויט דעם באַשלוס פון די מלאכים און לויט דעם פסק־דין פון די קדושים מיטן הסכם פון בית־דין און פון דער הייליקער קהילה אונזערער, זיינען מיר מחרים, מיר פארשטויסן, זאָגן זיך אָפּ און פארשעלטן ברוך דע ספינאָזא. און פאר די הייליקע ספרים אונזערע מיט די תרי"ג מצות, וועלכע זיינען אין זיי פארשריבן, זיינען מיר מחרים מיטן חרם, וואָס יהושע האָט מחרים געווען יריחו, מיט דער קללה, וואָס אלישע האָט פארשאָלטן די אינגלאַך און מיט די אַלע תוכחות פון דער תורה.

„זאָל ער זיין פארשאָלטן בייטאָג און זאָל ער זיין פארשאָלטן ביינאכט! זאָל ער זיין פארשאָלטן ווען ער לייגט זיך און זאָל ער זיין פאַרשאָלטן ביים אויפשטיין!

„זאָל ער זיין פארשאָלטן ביים ארויסגיין, זאָל ער זיין פאַר־שאָלטן ביי זיין צוריקקומען! גאָט זאָל אים קיינמאָל ניט מוחל זיין!

„זאָל זיך זיין צאָרן און כעס געגן דעם מענטשן צופלאַקערן און זאָל אויף אים אראָפּשיקן אַלע קללות, וועלכע זיינען פארשריבן אין די ספרי תורה.

„און גאָט וועט זיין נאָמען פון דער ערד פארניכטן (ה' ימחה את שמו מתחת השמים) און גאָט וועט אים צו זיין מפּלה ארויס־שטויסן פון אלע שטאַמען פון ישראל מיט אַלע קללות פון הימל, ווי זיי זיינען אין דער ספר תורה פארשריבן.

„אָבער איר, וואָס דוויערט ביי גאָט, האר אייערן, איר לעבט אייביק!

„מיר זיינען מזהיר אז קיינער זאָל מיט אים ניט האָבן קיין שום שייכות, ניט מינדלאַך און ניט שריפטלאַך. קיינער זאָל אים קיין שום טובה ניט טאָן און קיינער זאָל מיט אים ניט זיין צוזאַמען אונטער איין דאַך אָדער אין ד' אמות מיט אים! און קיינער זאָל ניט לייענען קיין שום ספר וואָס ער האָט פארפאסט אָדער געשריבן".

ווער האָט אים מחרים געווען?

די חכמים פון ועד זיינען געווען שאול מארטיירא און יצחק אבוהב, וועלכער האָט זיך שוין אומגעקערט פון בראזיליע. מנשה בן ישראל איז צו יענער צייט ניט געווען אין אמסטערדאם. ער האָט געוויילט אין לאָנדאָן אין די אָנגעלעגנהייטן פון די ענגלישע אידן, וועלכע האָבן באדארפט באקומען א דאנק זיינע שתדלנות דאָס רעכט זיך צוריקקערן אין זייער היימלאנד, פון וואנען מען האָט זיי אין 1290 פארטריבן. עס האָט אָבער געמוזט זיין א דריטער, ווייל א בית־דין איז באַשטאַנען פון דריי מיטגלידער. ווער איז דאָס געווען ווייסן מיר ניט אויף גענוי.

וואָס איז שייך דעם ועד הקהילה, וואָס האָט באשלאָסן דעם חרם צו פּראָקלאַמירן נאָך דעם ווי די חכמים האָבן אונטער־זוכט ספּינאָזאַ׳ס שולד, איז ער באַשטאַנען פון 14 מיטגלידער. זייערע נעמען פיגורירן אין פּראָטאָקאָלן פון דער אַמסטערדאַמער קהילה אונטער דעם באַשלוס וועגן דר. פּראַדאָ׳ס פּראָצעס. צווישן זיי געפינט זיך שלמה אברבנל, בנימין תוספא, דר. אפרים בוענא, אברהם פעריירא און אנדערע. אַלס סעקרעטער פיגורירט אברהם טעלעס.

א לאַנגע צייט האָט מען באַשטריטן יצחק אבוהב׳ס אנטייל אין חרם. דאָס איז געווען דערפאר, וואָס זיינע קינדער האָבן זיך געשעמט מיט דעם טאַטנ׳ס ראָלע אין דעם חרם און האָבן דעריבער אָפּגעלייקנט זיין אָנוועזנהייט.

נאָך דעם ווי דער חרם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן האָט זיך שאול מארטיירא געווענדעט צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט א מסירה אויף ספּינאָזאַ׳ן. די פאַרוואַלטונג האָט אים אָפּגעשיקט צום קאַלוויניסטישן קאָנסיסטאַריאַט, ער זאָל באַשטעטיקן, אז דער פאַרבאַנטער איז אַן אפיקורס. די קאַלוויניסטישע גלחים האָבן באַשטעטיקט די מעשים פון דעם בית־דין. דאַמאָלט האָט דער מאַגיסטראַט געהייסן ספּינאָזאַ׳ן פאַרלאָזן די שטאָט אמסטערדאם אויף א פּאָר חדשים צייט.

פאַר דעם שווינדזוכטיקן ספּינאָזאַ׳ן איז בכלל דער זומפּיקער אמסטערדאם געווען א געפאַר. ער האָט סיי ווי סיי געהאַט בדעה

זיך ארויסציען פון זיין געבורטס־שטאָט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבן, אז ער מוז פארלאָזן אמסטערדאם דוקא צוליב דעם חרם.

דאָן האָט ער אָנגעשריבן א פארטיידיגונגס שריפט אויף שפּאניש (האָלענדיש איז פאר אים געווען נאָך שווער צו שרייבן!) און האָט זיי איבערגעגעבן אין צוויי עקזעמפּלארן דעם פארוואַל־טונג פון דער קהילה און דעם מאגיסטראט.

די אפּאָלאָגיע האָט אָבער ניט געהאָלפן, און ווען זי וואָלט אפילו געהאָלפן, וואָלט ספּינאָזא אין אמסטערדאם מער ניט געבליבן.

דער אחר איז געשטאַנען אויף א שיידוועג.

דער נעכטן מוז פארגעסן ווערן.

דער מאָרגן האָט זיך פאר אים באוויזן אין בלאסע קאָנטורן און האָט לחלוטין ניט געווינקט צו אים מיט בויענדע האָפענונגען.

ער איז אָבער געגאנגען מיט דעם פּאראָל: Caute (פאָרזיכ־טיק), וואָס איז געוואָרן זיין בעסטער קאָמפּאס אויף דעם אומבאַ־קאַנטן וועג פון זיין איינזאמן לעבן.

צווישן גאָטזוכער

די פונקען פון רעליגיעזן פּראָטעסט געגן דער מער פאַרשטאַרטער ווי שטאַרקער קאַטוילישער קירך, וואָס דער וויטענבערגער מתמיד לוטער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין צוהיצטער נשמה, האָבן פאַרשפּרייט אַ פייער, וועלכן דער דאָזיקער צופעליקער בונטאַר האָט לחלוטין ניט דערוואַרט.

אין שוים פון דעם דאָזיקן פייער ווערן געבאָרן נייע אידעיען פון רעליגיעזן דענקען און אין שטורם פון ברידער־שלאַכטן אַנטשטייען נייע סעקטעס, רעליגיעס און אני מאמינס — וואָס האָבן צוהיצט דעם כמעט שוין איינגעשלאָפענעם מענטשלאַכן געדאַנק און געצוואונגען דעם גלויביקן צו זוכן אַנדערע אויסדרוקס־פאָרמען פאַר זיינע שטאַרקע רעליגיעזע באַגערנס, ווי די וואָס די דאָגמאַטישע און דאָגמאַטיזירנדע קירך האָט אים געקענט געבן.

דער מענטש פון סוף 16 יאָרהונדערט האָט דערזען אַז מען האָט באַהאַלטן גוטן ווין אין אַ קאַטוילישע פאַס און זי אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע אייזערנע רייפן פון „מען טאָר ניט“, אַז דער ווין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעאָלאָגישן עסיק.

און כדי צו באַפעסטיקן די פונדאַמענטן פון דער קאַנאָניזירטער קירך, וואָס האָט זיך רואיק געדרעמלט אין די שאָטנס פון אַמאָליקן מאַרטירערטום און געטיילט „קריסטוס׳עס ברויט“ אין קליינע זונטיק־פענעצלאַך פון דעם הויכן מאַיעסטעט פון דער גלח׳אישער אמבאַנע, האָט מען געפונען נאָר איין מיטל דערצו — דאָס איז די פאַרפאָלגונג.

אין די געדאַנקען פון די אומצופרידענע האָט מען געזען אַ געפאַר ניט נאָר פאַר דער זיכערקייט פון דער קירך, נאָר מען האָט פון זיי, מיט רעכט, אַרויסגערופן די געשפענסטער פון אַ סאָציאַלער

רעוואָלוציע, וואָס האָט געדראָט מיט אַ שנעלן, בלוטיקן טאַנץ אי־בער די פּרוכטבאַרע פעלדער פון די גלחישע גיטער און איבער די רחבות'דיקע לאָנקעס פון די האַלב־פעאָדאַלע „קריסטלאַכע" פּריצים.

די בענקשאַפט נאָך אַ סאָציאַלן יושר אין הסכם מיט דער תורה פון דעם "פּאַסטוך" פון גליל, האָט זיך געלאָזט זייער קלאָר פיקן אין די איבערגעשפּיצטע טעאָלאָגישע חכמות און מעטאַפיזישע רמזים פון דאָס רוב אַנטיקאַטוילישע רעליגיעזע רעפאָרמער און קאַנדידאַטן אויף רעפאָרמער.

„איך זוך גאָט'ס הימל אויף דער ערד און ניט העכער" — האָט פּשוט און קלאָר זיך מודה געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רעליגיעזע בונטאַרן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קרייצצוג געגן די אַלע, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון דער אפּיעקע פון גלח און זיינע מיטמענטשן.

דער ערשטער ספק איז געגליכן צום ערשטן אריינקוקן אין די אומענדלאַכע תהום'ען פון אַ ים. דער ים ציט צו זיך און צווינגט דעם מענטשן אריינקוקן אַלץ טיפער און טיפער ביז ער וועט דער־גיין צום אָפּגרונט און דאָרט וועט ער, דער מענטש געפינען זיין רו אין די אָרעמס פון אָפּגרונט. דער ערשטער ספק איז ווי דער ערשטער פונק פון וועלכן עס ווערט געבאָרן אַ פייער און פון דעם פייער ווערט ניט דער אונטערהצינדער פאַרברענט, נאָר די וועלט.

און כדי צו ראַטעווען די וועלט פון דעם „אומנויטיקן פייער" האָט זיך די קאַטוילישע קירך און אויך די שוין איינצווישן פאַר־קאַטוילישע אין פאָרמע פּראָטעסטאַנטישע קירך — — אָנגעהויבן אָרויסצוטרייבן די אונטערצינדער.

נאָך דעם ווי האָלאַנד האָט אין יאָר 1607 געשלאָסן שלום מיט שפּאַניען, וואָס איז אין צוויי יאָר שפּעטער באַפעסטיקט געוואָרן איז אַ פרידנס־טראַקטאַט דערווייל גאַראַנטירט אויף צוועלף יאָר —איז דאָס לאַנד געוואָרן דער מקום מקלט פאַר אַלע גע'רודפ'טע און פאַרפאָלגטע צוליב זייער אַנדערשדיקן רעליגיעזן אני מאמין. שפּאַניען האָט אין טראַקטאַט פון 1609 אָנערקענט די זעלבסט־שטענדיגקייט פון די זיבן האָלענדישע פּראָווינצן און האָט זיי גע־געבן דאָס רעכט צו פירן מסחר מיט אינדיען.

די יונגע האָלענדישע רעפּובליקן האָבן דערפון געצויגן גרויס

הכנסה און נישט קענענדיק אַליין אויסנוצן די גינסטיקע קאָניונקטורן האָבן זיי געעפנט ברייט טיר און טויערן פאַר יעדערן, וואָס וויל קומען, אַרבעטן און צאָלן... שטייערן.

און אין זכות פון די שטייערן־הכנסות האָט שוין ממילא געמוזט קומען די רעליגיעזע טאָלעראַנץ און פרייהייט צו דענקען — ווי אַזוי מען וויל — אויב דאָס דענקען וועט נישט ברענגען קיין היזק דער מלוכה־קאַסע. פון אַלע לענדער זיינען געקומען סעקטאַנטן קיין האָלאַנד. די האָלענדישע מלוכה האָט זיך שוין באַוואָרנט אַז מלוכה אַמטן זאָלן די דאָזיקע סעקטאַנטן נישט קענען אָנהאַלטן חוץ די „קינדער פון קאַלוויניזם“, די איינציקע סאַנקציאָנירטע און פריווילעגירטע רעליגיע פון דער הערשנדער נאַציע.

עס איז אָבער אַ טעות צו דענקען אַז די הערשנדע רעליגיע איז געווען די רעליגיע פון דער בורזשואַזיע. גראָד פאַרקערט! די בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס פון דענקענדע מענטשן, פון אינטעליגענטן, האָט זיך זייער שטאַרק באַשעפטיקט מיט גאָט זוכעריי, האָט זיך געגריבלט אין פאַרשיידענע רעליגיעזע פּראָבלעמען און אויף די ראַנדן פון די דיקע "קאָנטאָ־קאָרענט" ביכער האָט דער האָלענדישער סוחר געשריבן הערות צו די ווערטער פון די אַפּאָסטאָלן.

די סעקטע פון א ר מ י נ י א נ ע ר איז מערסטנטייל באַשטאַנען פון סוחרים, פאַבריקאַנטן און דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. איר גרינדער איז געווען י א ק א ב א ר מ י נ י ו ס. ער האָט געלערנט אַז דער „בעסטער גלויבן איז גאָרנישט ניט צו וויסן“. די אַרמיניאַנער האָבן פאַרלייקנט די לערע פון פּרעדעסטינאַציע (באַשערטקייט) און האָבן געהאַלטן, אַז דעם מענטשנס גורל איז אָפּהענגיק פון זיין גלויבן, פון כח פון אמונה. די אַרמיניאַנער האָבן פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון דער וועלטלאַכער מאַכט זיך אַריינצומישן אין די ענינים פון דער קירך.

אין זייער לערע איז פאַראַן אַ סך אַנטליאונגען פון אַ פּאָר וויכטיקע פאָרגעגנער, רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרן אין האָלאַנד.

איינער פון זיי איז געווען ד ו ד ק ו ר נ ה ע ר ט (1522-1590) — פון באַרוף אַ יוריסט ; אַ שטאַרקער כאַראַקטער און

לײדנשאַפטלאַכער גאָט־זוכער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין גרויס נויט און געצויגן זיין חיונה פון קופּערשטיכערײ און איבערזעצונגען; ער האָט אויך געשריבן לידער.

ק ו ר נ ה ע ר ט האָט געקעמפּט קעגן די אָרטאָדאָקסן־קאַל־ווינער. זיין אני־מאמין האָט ער אויסגעדריקט אין דעם אַזוי גע־רופענעם היידעלבערגער קאטעכיזם (1563) — וואָס ווערט אַנער־קענט פאַר די „מאַגנאַ קאַרטאַ“ פון געווסן פרייהייט אין האָלאַנד.

ק ו ר נ ה ע ר ט האָט געגלויבט אין דער ביבל; ער האָט גע־האַלטן אַז צוליב דער אויסלייזונג פון דער נשמה דאַרף מען צו קיין קירך נישט געהערן. שפּילנדיק אַ גרויסע ראָלע אין קאַמף קעגן דער קאַטויליש־שפּאַנישער העגעמאָניע אין האָלאַנד, האָט ער זיך דערלויבט אויף אַ סך מוט און דרייסטקייט און באַקעמפּט די אומ־טאָלעראַנץ פון די פרייהייט־זוכנדע האָלענדער.

„מיר האָבן זיך מיט'ן פולן רעכט צוזאַמענגעבונדן קעגן דער שפּאַנישער גרויזאַמקייט. צוליב וואָס? איז דאָס געשען צוליב דעם, אַז מען זאָל באַגינסטיקן אויסשליסלאַך די אָדער אַן אַנדערע פאָרמע פון גאָטעסדינסט און איר געבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס? יעדערער וואָס האָט אָפענע אויגן, ווייס, אַז דער ערשטער מלחמה־פייער האָט זיך צופלאַמט צוליב דעם ענגן, ברענען און בראָטן די אפּיקורסים; אָבער צום סוף האָט גאָט מיט זיין גנאָד באַשאָנקען די פּראָווינץ מיט פרייהייט און האָט אונז אַזוי פיל כח געגעבן, אַז מיר האָבן ביז איצט אונזער לאַנד געראַטעוועט פון שונא. די, וואָס האָבן אונז דערביי געהאָלפן, די, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לייב און לעבן, די, וואָס האָבן ביי אונזערע טויערן, מויערן און אָר־מעטום, ווי מען האָט דאָס באַדאַרפט געאַרבעט ווי שלעפּ־חיות און ווי לייבן געקעמפּט — די זיינען נישט געווען קיין מיטגלידער פון איין און דעמזעלבן גלויבן; צווישן זיי זיינען געווען אַ סך, וואָס מען וואָלט זיי גערן איצט אונטערדריקט“.

און דאַן זאָגט דער דרייסטער קעמפער אַזוי:

„די אמת'ע גלויביקע אין הסכם מיט גאָט'ס וואָרט וועלן אַלע־מאָל זיין אַ מינדערהייט און ווען עס וואָלט דער מלוכה צוגעגליקט מיט צוואַנג און מאַכט מאַכן אַלעמען פאַר קריסטן, דאַן וואָלטן דאָס נישט געווען קיין אמת'ע קריסטן, נאָר מויל־קריסטן — אַ

וועלט פול מיט דער ערגסטער היפאקריטסטווע: עס איז שוין א סך בעסער זיין א נישטגלויביגער — איידער א היפאקריט".

קורץ נאך אים האט א צווייטער האלענדישער גאטזוכער — שמעון עפיסקאפיוס (1583-1643) געפריידיקט אז „קריסטנטום איז נישט תורה, נאר לעבן; „גאטעסדינסט, וואס קומט נים פון א פרייער נשמה, איז נים קיין גאטעסדינסט".

די ארמיניאנער וואס האבן איבערגענומען א סך פון די צוויי אריגינעלע זעלבסטשטענדיקע קריסטלאכע דענקער — זיינען גע־ווען אויסגעשפראכענע פאציפיסטן. עס איז געלעגן אין זייערע עקאנאמישע אינטערעסן אז מען זאל נים פירן קיין מלחמות — ווייל דאס וואלט רואינירט זייער פרידלאכע עקספאנזיע אויף די ברייטע פיאנערישע שטחים פון האלאנדישע קאלאניעס און די לענ־דער, וואוהין מען האט זיך געלאזט אונטער די זעגלען פון דער יונגער האלענדישער פלאטע, קויפן און פארקויפן סחורה.

די קאלווינער האבן זיי באקעמפט. זיי זיינען נישט געווען צופרידן מיטן צייטווייליקן שלום וואס האלאנד האט געשלאסן מיט שפאניען אויף צוועלף יאר. זיי האבן געוואלט א ווייטערדיקן קאמף ביז דער ענדגילטיקער באפרייאונג פון דער גאנצער האלענ־דישער טעריטאריע פון שפאנישן יאך. אויך זיי זיינען געווען סוחרים; זיי זיינען איינגעגאנגען אויפ'ן צייטווייליקן שלום דוקא אלס סוחרים: אבער זיי האבן געהאט א סך ברייטערע השגות פון אן אימפעריאליסטישער דעראבערונג פון נייע האנדלס־מארקן פאר זייער פאטערלאנד ווי די ארמיניאנער. און דערצו נאך האבן די קאלווינער זיך געיחוסט מיט זייער בכורשאפט; ווייל זיי האבן דאס גערעטעוועט האלאנד פון שפאנישן יאך און דערפאר קומט זיי — אזוי האבן זייערע עקספאנענטן געטענה'ט — דאס רעכט צו זיין די פריווילעגירטע אין לאנד. דאס פאלק האט זיי געשטיצט און די קאלווינישע רעדלפירער און פאסטארן האבן שטיצנדיק זיך אויף די מאסן, דורכגעפירט זייער פאליטיק, אראפגעווארפן שטאט־האלטערס, געצוואונגען די וועלטלאכע מאכט צו העלפן דער קירך רודפן אנדערשגלויביקע אדער דענקענדע.

דער בארימטער אוטרעכטער פרינציפ פון יאר 1579, וואס איז מיט אזוי פיל בלוט און מי אויסגעקעמפט געווארן, אז קיינער קען

ניט זיין גע'רודפ'ט צוליב זיין גלויבן — איז געבליבן ניט מער ווי אַ פאָרמולע, מיט וועלכער מען האָט פריער שטאַרק שטאָלצירט און שפּעטער זי פּאַרוואַנדלט אין אַן ארכיוואַלישן דאָקומענט. די שטרעבונג צו אַ גלייכגעוויכט צווישן מלוכה־נויטן און קירך־פאָדערונגען איז געווען דער הויפּט פּראָגראַם פון יעדער רעגירונג אין דאַמאָלסטדיקן האָלאַנד — אַ פּראָגראַם זייער אַ שווערער, קאָמפּליצירטער און גליטשיקער.

דער מערקווירדיקער גורל פון דער סעקטע סאָציניאַנער קען דינען פאַר אַ פּלאַסטישע אילוסטראַציע.

די סעקטע פון סאָציניאַנער איז געגרינדעט געוואָרן פון אַן איטאַליענער מיטן נאָמען פ ו י ס ט ו ס ס אָ צ י נ ו ס (געבוירן אין סיענאַ אין יאָר 1539 — געשטאָרבן אין פּוילן (לעבן קראָקע) אין 1604). סאָצינוס האָט זיך פריער געגוויגט צום געצנדינערישן פּלאַטאָניזם, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט דוקא אין האָלאַנד. שפּעטער איז ער דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע גאָט זוכערישע גלגולים און צום סוף האָט ער אויסגעפּרעציזירט פאָלגנדע עיקרים: ער האָט זיך באַפרייט פון דעם מסורה'שן צוגאַנג צום תנ"ך און דער עוואַנגעליע. ער האָט פאַרלייקנט די מעגלאַכקייט פון אַן עקזיסטענץ פון אַ הייליקן גייסט. קיין קירך איז נישט נויטיק. גאָט'ס וואָרט קען מען באַגרייפן מיט'ן שכל. דער מענטש איז פון נאַטור גוט.

ער האָט פאַרלייקנט גנאָד און באַשערטקייט (פּרעדעסטינאַציע) און האָט געהאַלטן אַז דער אַקט פון טויפן זיך — איז אַן אומנויטיקער. חתונה איז נישט קיין רעליגיעזער אַקט, וואָס איז באַשערט פון גאָט, נאָר אַ ריין בירגערלאַכער קאָנטראַקט צווישן צוויי מענטשן פון פאַרשיידענע געשלעכטן.

די סאָציניאַנער האָבן געפירט זייער אַ ריין און עטיש לעבן און דערפאַר האָבן זיי זיך דערוואָרבן זייער שנעל אַ סך פריינט און אָנהענגער.

אין 1579 איז סאָצינוס אַוועק קיין פּוילן. דאָרטן האָט ער אויסגעאיבט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף די שליאַכעצקע אינטעליגענץ.

אין פ י נ ט ש ע ו, ב ר י ס ק און ר אַ ק אָ ו זיינען

אנטשטאַנען סאַציניאַנישע קהילות (זבאָרן — האָט מען זיי גערופן) און פּראַכטפול אָרגאַניזירטע ישולן און דרוקערייען האָבן פאַרשפּרייט ליכט און פריי ווימן נישט נאָר אין פּוילן — נאָר ווייט מחוץ די גרעניצן אירע. אַ קורצע צייט איז פּוילן געווען דער מקום מקלט פון די סאַציניאַנער און אַנדערע ענלאַכע סעקטעס. דאָס האָט פּוילן פאַרשאַפט אַ סך כבוד און געמאַכט דעם פּוילישן נאָמען פאַר אַ שטאָלצן סימבאָל פון רעליגיעזער פרייהייט און ברייטער טאָלעראַנץ. לאַנג האָט אָבער פּוילן דעם נאָמען נישט אָנגעהאַלטן.

באַ ספּינאָזאַ'ן לאָזט זיך זייער ליכט פעסטשטעלן די השפּעה פון די סאַציניאַנישע עיקרים מיט וועלכע ער האָט זיך, אָן ספק, באַקענט אין אַמסטערדאַם וואו זיי זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל פאַרטראָטן, נאָך דעם ווי די פּוילישע רעאַקציע האָט געזיגט און דער סיים האָט זיי געצוואונגען פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער רבי זייערער און גרינדער האָט די דאָזיקע חרפּה נישט דערלעבט. קומענדיק קיין האָלאַנד פון פּוילן האָבן זיך די סאַציניאַנער קיין פּולע רעכט קיינמאָל נישט דערוואָרבן — און הגם די שטאַטן האָבן זיי טאָלערירט, האָט אָבער די קאַלוויניסטישע קירך שטאַרק פאַרפאָלגט די ראַציאָנאַליסטיש געשטימטע און סאָציאַליסטיש דענקענדע סאַציאַניאַנער. ביי די קעמפער פאַר פרייהייט פון גלויבן זיינען די סאַציניאַנער געווען דער מוסטער פון עקשנות, ערלאַכקייט און גראַדליניקייט אין זייער דענקען און האַנדלען.

זיי האָבן געמוזט אַרויסרופן ספּינאָזאַ'ס אינטערעס און זייער באַהאַוונטקייט אין תנ"ך האָט גורם געווען, אַז מען האָט פאַר זיי מורא געהאַט אין די פיינטלאַכע לאַגערן און געזוכט זייער עצה אין די פריינטלאַכע רייען.

ביז עס האָט זיך אָבער באַפעסטיקט די רעאַקציע אין האָלאַנד האָט נאָך יענע גע'רודפ'טע סעקטע געפונען דאָרטן אַ סך אַ בעסערע מעגלאַכקייט צו לעבן אין גייסט פון איר וועלט־קוק — ווי דאָס איז געווען מעגלאַך אין וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד.

אמת, פון צייט צו צייט האָט אויך אין האָלאַנד געפלאַקערט דער פייער פון שייטער־הויפן — ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין 1509 — ווען מען האָט פאַרברענט אַן אַנטיטריניטאַריער (אַ געג־

נער פון דער דריי־אייניגקייט). דאָך איז אין האָלאַנד געווען אַ סך זיכערער ווי אין גאַנץ אייראָפּע.

דעם נייעם שטראָם פון די געדרודפטע סעקטאַנטן האָט מען אויפגענומען פריינטלאַך ווייל זיי האָבן געבראַכט מיט זיך קאַפּי־טאַלן, ענערגיע, פאַרבינדונגען און דאָס וויכטיקסטע קולט פאַר אַר־בעט און אַ טיפן ווילן צו זיין אומגעשטערט אין דעם רעליגיעזן אויסלעבן זיך לויט יעדן נוסח און גלויבן. די האָלענדישע שטעט האָבן באַוואָרנט די נייע תושבים מיט אַ פולער אויטאָנאָמיע אויפ'ן געביט פון רעליגיע — אויב די רעליגיעזע טעאָריעס וועלן ניט זיין אין קיין סתירה מיט די גרונדפּרינציפּן פון דער מלוכה.

גראַד מיט ספּינאָזאַ'ס קינדער־און־יוגנט־יאָרן פאַלט זיך צונויף דער צופלוס פון קריסטלאַכע סעקטאַנטן און גאַנזוכער קיין האָלאַנד.

אין אַמסטערדאַם גופא האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די מענאָניטן און די קאַלעגיאַנטן. די מענאָניטן האָבן זיך געגרינדעט אונטער דער השפּעה פון דער לערע פון ס י מ א נ ס מ ע נ א, (געשטאַמט פון די רייניש פּראָווינצן, 1492-1559), נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 16 יאָרהונדערט. זיי האָבן פאַרלייקנט די נויטיגקייט פון טויפן קינדער, און זיי זיינען געווען אויפריכטיקע פּאַציפיסטן. די מענאָניטן האָבן אָפּגעוואָרפן געוואַלדטאַטן אפילו אַלס אַ מיטל צו דערגרייכן אַ „הימלישע מלוכה“ אויף דער ערד. זיי האָבן פאַרבאָטן זייערע מיטגלידער צו טראָגן מיט זיך גע־ווער און האָבן פּראָקלאַמירט אַ „מלחמה אַלע מלחמות“. פאַר־שטייט זיך אַז אונטער „מלחמה“ האָבן זיי פאַרשטאַנען אַ וואָרט־קאַמף דורך פּראָפּאַגאַנדע און שריפטן. פאַר דער מלוכה האָבן זיי געהאַט רעספּעקט און געווען געהאָרזאַם, הגם זיי האָבן פאַר־באָטן אַ מענאָניט אָנצונעמען וועלכן עס איז מלוכה אַמט. דאָס איז געווען זייער סאָציאַל־פּאָליטישער אני־מאמין.

אויפן געביט פון רעליגיע האָבן די מענאָניטן באַקעמפט די טעאָלאָגישע פּילפּוליסטיק. די מערסטע פון זיי האָבן ניט גע־גלויבט אַז יעזוס איז אַ זון פון גאָט, נאָר ער איז דער דערלייזער פון דער וועלט. אונטער רעליגיע האָבן זיי פאַרשטאַנען אַ לעבן פול מיט רחמים, צדקה, מעשים טובים. דער מענטש איז רעלי־גיעז, אויב ער איז עטיש אין קליינע טאָג־טעגלאַכע ענינים, האָבן

זיי געלערנט. די „הימלשע מלוכה" אויף דער ערד וועט דאמאלסט מקוים ווערן, ווען יעדער מענטש וועט טאן גוטס און זיין ווילן צום לעבן וועט זיך אנטוויקלען ניט פון האס צו א צווייטן, נאר פון ליבע צו אלעמען. צווישן די מענאניטן האט זיך געפונען א גרויסע צאל גייסטרייכע מענטשן פון אלע סאציאלע שיכטן און אפילו פון פארשיידענע רעליגיעס. אויך רעמבראנד איז געווען א חבר פון דער מענאניטן סעקטע — אויב עס איז צו גלויבן דעם באריכט פון א פלארענטינער מאלער באלדינאקי.

א סך איינפלוסרייכער איז געווען די סעקטע פון קאלעגיאנטן.

דער נאמען קאלעגיאנטן נעמט זיך פון ווארט קאלעגיע, וואס מיינט פארזאמלונג. זייער אורשפרינגלאכער נאמען איז געווען די ריינסבורגער, פון א שטעטל ריינסבורג אין האלאנד, וואו זיי האבן זיך געגרינדעט. דאס איז געווען אין יאר 1619. דאמאלסט האט דער סינאד אין דארטרעכט אנגעהויבן צו פארפאלגן די סעקטע רעמאנסטראנטן, און מען האט זייערע גייסטלאכע פירער ארייגעזעצט אין תפיסה און אנדערע אינגאנצן פארטריבן.

צווי פון די רעמאנסטראנטן, די ברידער וואן דער קאדע האבן אנגעהויבן צו פריידיקן אז מען דארף אינגאנצן ניט קיין גלחים, ווייל די גלחים ווערן מיט דער צייט א קאסטע, וואס היט אפ אירע עקאנאמישע אינטערעסן און דעריבער באקעמפט זי יעדן גלויביקן, וועלכער טייטשט אויס די הייליקע שריפטן לויט זיין אייגענעם פארשטאנד. כדי אויסצומיידן לעתיד אז אין שוים פון אן אייגענע סעקטע זאל קענען אויסוואקסן א ניט־טאלעראנטע גרופע, וואס איז אומטאלעראנט פון שרעק פארלירן די פרנסה אירע — דארף מען בכלל זיך באגיין אן גלחים און אן קירכן; זאלן זיך די מיטגלידער צוזאמענקומען אין פריוואטע הייזער און דארטן לייענען די ביבל און ריידן איבער רעליגיע.

די ברידער וואן דער קאדע האבן געגרינדעט די ערשטע קאלעגיע אין דעם דארף ריינסבורג, ניט ווייט פון דער בארימטער אוניווערסיטעט שטאט לײדען, און די אנהענגער פון זייער נוסח האבן זיך גערופן די קאלעגיאנטן.

די קאלעגיאנטן האבן געלערנט אז דער הייליקער גייסט לעבט אין יעדן פרומען מענטשן. יעדער מיטגליד פון א קאלעגיע קען

אויסטייטשן די ביבל — דעריבער זיינען קיין פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש ניט נויטיק און באַצאָלטע פאַרמיטלער, ווי גלחים, פּריסטער א. א. וו., זיינען איבעריק, ווייל דאָס איז אוממאָראַליש.

דער הויפּט מקור פון זייער גאָטזוכעריי איז געווען די ביבל; אין דער ביבל האָבן זיי געזוכט די תשובות אויף זייערע פראַגן און ספקות.

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער סעקטע האָט יעדער איינער געהאַט די אומבאַגרענעצטע פרייהייט פון אויסטייטשן די רעליגיע־זע פּראָבלעמען ווי ער האָט געוואָלט. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע דאָגמאַטישע שטעלונגען צו דער רעליגיע. דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלאַכקייט צוציען צו זייער קרייז אַ גרעסערע צאָל פון מענטשן. אויף זייערע פאַרזאַמלונגען האָט מען געקענט זען קאַטאָליקן און אידן, לוטעראַנער און קאַלוויניסטן, קווייקער און סתם גאָטזוכער.

אין אַמסטערדאַם לאָזט זיך שוין אין יאָר 1648 פעסטשטעלן אַזאַ קאָלעגיע. מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען אין אַ פּריוואַט הויז, יעדן זונטיק אָונט צווישן 5 און 6 אַזייגער, און לייענען און אויסטייטשן די ביבל.

מיט דער צייט זיינען די אַמסטערדאַמער קאָליגיאַנטן אויס־געוואַקסן אין צאָל. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ באַדייטנדע צאָל פון דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן, מערסטנטייל דאָקטוירים — אַלץ קינ־דער פון פאָלק.

די מלוכה, אונטערגערייצט פון די קאַלוויניסטן און זייערע גלחים האָט אָנגעהויבן צו פירן געגן די קאָלעגיאַנטן אַן אויס־ראָטונגס־פּאָליטיק. די קאָלעגיאַנטן האָבן שטאַרק אונטערגעגראָבן דעם פּרעסטיזש פון די גלחים בכלל.

איינער פון זיי, אַ ד אָ ם ב אָ ר ע ל, האָט אין וואָרט און שריפט געלערנט אַז אַן אמת׳ער קריסט קען ניט געהערן צו קיין שום קירך און האָט געשטרעבט אויפצובויען אַ „קירך פון טאָ־לעראַנץ“.

די זיצונגען האָבן געמוזט פאָרקומען געהיים, אָדער האַלב־געהיים.

אפשר האָט די ניט גינסטיקע רעפּוטאַציע פון די קאָלעגיאַנטן

אין די אויגן פון דער מאכט און פון דער קירך געהאט א וויר־קונג אויף די אלע גאט זוכער, אז זיי זאלן דארטן קומען מיט זייערע ספקות און פריי און ניט געשטערט אויסדריקן דאס, וואס אין זייער אייגענער סביבה איז דאס געווען פארבאטן אדער אומ־מעגלאך? און דאס איז אויך די סיבה פון ספינאזאס דערנענטע־רונג צו די קאלעגיאנטן.

מען דארף אננעמען אז שוין אין יאר 1652 קומט ספינאזא אין א בארירונג מיט זיי. אנדערע ווילן, אז דאס איז געשען אין 1654. דאס איז ניט וויכטיק. וויכטיקער איז פעסטצושטעלן, אז דאס איז געשען נאך א פאר יאר פאר'ן חרם און אפשר נאך אין די יארן, ווען ברוך ספינאזא איז געווען מארטיירא'ס א תלמיד.

ספינאזא'ס קאנטאקט מיט די קאלעגיאנטן פאלט זיך צונויף מיט דער צייט, ווען מען האט די לעצטע אנגעהויבן צו רודפ'ן. אויך אנדערע סעקטאנטן, וועלכע האבן אנגערירט מיט זייער לערע די פאליטישע ענינים בכלל און ממילא אויך פון האלאנד, האט מען שוין אנגעהויבן צו פארפאלגן.

דעם 19טן סעפטעמבער 1653 האבן די גענעראל שטאאטן ארויסגעגעבן א דעקרעט, אז מען וועט באשטראפן די אנהענגער פון סאצינ'ס תורה, וואס איז א לעסטערונג פון גאט און א צו־שטערונג פון דער עפנטלאכער מאראל.

די אומטאלעראנץ האט געהערשט אומעטום וואו עס האט זיך שוין איינגעבירגערט א סעקטע, האט אבער ארויסגערופן געגן זיך א אידעאישע אדער אן אנדערע אומצופרידנהייט פון געוויסע יחידים־סעקטאנטן.

אזא טאלעראנטער אנפירער פון א סעקטע ווי מענא, האט געלערנט אז א „חרם איז א צירונג פון דער קירך... אן איר איז יעדע געמיינדע ווי א שטאט אן מויערן און אן א טויער".

דער חרם איז געווארן א מיטל פון אנדערע סעקטאנטישע אנפירער געגן די שפאלטונגען אין זייערע אייגענע רייען.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואס ספינאזא האט זיך דערנענטערט צו די, וואס זיינען געווען גערודפט צוליב זייער טאלעראנץ; און דאס זיינען געווען די קאלעגיאנטן.

ער האט זיך צוגעקוקט ווי מען פארפאלגט די קאלעגיאנטן

און האָט דערפילט אַ ליבע צו זיי. דאָרטן האָט ער זייער שנעל אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, ווייל ער האָט געקענט די „מוטער שפּראַך פון דער ביבל".

לוקאַס ווייסט אפילו צו דערציילן, אַז ער האָט גערעדט אויף אַזאַ ליבנסווירדיקן אופן און פלעגט מאַכן אַזעלכע אויסגעצייכנטע פאַרגלייכונגען, אַז יעדערער, אפילו אומבאַוואוסטערהייד האָט געמוזט איינשטימען מיט אים.

„ער האָט גערעדט איבערצייגנד, הגם ער האָט ניט געשטרעבט צו אַ לייכטקייט אָדער אַ שיינקייט פון אויסדרוק. ער האָט אַלץ געמאַכט אַזוי קלאָר און זיינע געשפּרעכן זיינען געווען פול מיט'ן געזונטן שכל הישר, אַז יעדערער וואָס האָט אים געהערט איז אַוועק אַ צופרידענער".

ער האָט דאָרטן געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן פון וועלכע עס האָבן זיך זייער שנעל פאַנאַנדערגעבליט די שענסטע בלומען פון מענטשלאַכער פריינטשאַפט פול מיט פּשוט'ער, רירנדער געטריישאַפט ביז זיין לעצטן אָטעם.

דאָס איז די נאָענטע און ווייטע אַטמאָספערע פון גאָטזוכעריי אין וועלכער עס איז אויסגעקומען ספּינאָזאַ'ן צו לעבן אַ געוויסע צייט. אין אַ מבול פון עוואַנגעלישן דרוש און פּשט געשטיצט אויף דעם פעסטן פונדאַמענט פון תנ"ך — האָבן זיך געטובלט גאַנצע דורות פון שטורמישע גייסטער פון גאָטזוכער.

ספּינאָזאַ'ן איז אויסגעפאַלן דער גורל געבוירן צו ווערן אין יענער שטורמישער צייט און לעבן אין דעם לאַנד, וואו מיט אויסגעבייינקטע הערצער און פאַר'חלש'טע אויגן האָט יעדער געזוכט גאָט לויט זיין נוסח. און ער האָט זיך אויך אויסגעטובלט אין יענעם שטראָם וואָס האָט גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט'ן פאַרפיומירטן הייליקן וואַסער פון די קירכלאַכע געפעסער.

מיט די פרייגייסטער

רייך און בונט איז געווען דער קרייז פון די „פרייע גייסטער" צווישן די קאַלעגיאַנטן. דאָרטן האָט ספּינאָזא באַגעגנט מענטשן פון פאַרשיידענע וועלטן, וואָס האָבן אָבער געהאַט פאַר זיך איין וועלט צו וועלכער זיי האָבן געשטרעבט, און דאָס איז געווען די ו ו אָ ר ה י י ט. מיט די שאַרפע גייסטרייכע קעפּ איז ער שנעל געקומען אין אַ לאָיאַל פריינטלאַכע באַרירונג, וועלכע איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אין אַן אָרגאַנישע צוזאַמענגעוואַקסענע פריינטשאַפט, וואָס האָט שוין דערגרייכט די מדרגה פון גרענעצלאָזער אָפּפערווילִיקייט פאַר דעם „האָספּיטאַנט" פון די קאַלעגיאַנטן, דעם איד עספּינאָזאַ, מצד די גאָט־זוכנדיקע און אמת־פאַרשנדיקע סוחרים, דאָקטוירים און סתם וואַגאַבונדן.

די דאָזיקע פילפאַרביקע קאַלעגיאַנטן חברותא האָט געצויגן צו זיך מיט איר ערנסט און מיט דעם פּשטות, וואָס דערמאָנט דעם פּשטות פון די ערשטע קריסטן, אַזוי ווי די טראַדיציע האָט אונז איבערגעלאָזט דעם באַגריף וועגן זיי.

די מענטשן האָבן געוואָלט זיין עטיש און אָראָפּרייסן דעם שאָלאַכץ פון וואָרט (Loges) כדי צו דערגיין צום אמת׳ן תמצית פון דעם וועלט סוד, וואָס קאָן זיך אנדערש פאַרן מענטשן ניט אנטפּלעקן ווי אין אַ קייט פון אותיות און אַ מאַנטל פון ווערטער. האָבן זיי אָנגעהויבן צו זוכן דעם אורקוואַל אין הארצן, אין אומיטלבאַרן געפיל, אין דעם אור־רוף פון די טיפעניישן פון דער מענטשלאַכער נשמה, וואָס באַגערט נאָך אַ גלויבן, אלס אַ זין פון לעבן. צווישן די דאָזיקע איידעלע און רירנדע געשטאַלטן האָט ברוך דע ספּינאָזאָ געפונען אַ רייע פריינט, וואָס זיינען געוואָרן מיט דער צייט זיינע אַפּאָסטאָלן און הייסע חסידים און געקוקט אויף אים ווי אויף דעם דערלייזער פון זייערע געפייניקטע און אומרואיקע גייסטער.

עס זיינען געווען אין יענעם קרייז צוויי ברידער דע וורי־עס, יונגע, פאַרמעגלאַכע סוחרים. איינער פון זיי, סימאָן יוסטען דע וורי עס, ניט קוקנדיק אויף די כמעט גלייכ־הייט אין יאָרן מיט ספינאָזאן, איז געוואָרן א פלאַמענדער אָנהייג־נער פון דעם יונגן דיינקער און האָט די פריינטשאַפט און דעם יראת הכבוד פאַר אים ארויסגעוויזן אין משך פון ספינאָזא׳ס קורצן לעבן.

זיין גרויסע פאַרערונג פאַר ספינאָזא האָט געפונען א בולטן אויסדרוק אין א בריוו, וואָס דער דאָזיקער סימאָן דע וורי עס האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן צו ספינאָזא׳ן, ווען יענער איז שוין ניט געווען אין אַמסטערדאַם.

„איך באַקלאָג מיין גורל" — האָט ער געשריבן צו ספינאָזא׳ן — „וואָס צווישן אונז ליגט אַזאַ שטח, וואָס טיילט אונז אזוי וויט פאַנאַנדער. גליקלאַך, יאָ זייער גליקלאַך איז צעזאַריוס*), וועלכער געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט אייך און קאָן מיט אייך שמועסן איבער די וויכטיקסטע ענינים בשעת פרישטיק, מאָלצייט און שפּאַ־ציר. הגם אונזערע קערפּערס זיינען וויט איינער פון דעם אנדערן, איז אבער אייער גייסט אָפטמאָל מיט מיר און מערסטנטייל דאַמאָלט, ווען איך בין פאַרנומען מיט אייערע ווערק און ווען איך נעם זיי אין די הענט."

א כאַראַקטעריסטישער אויסגוס פון א חסיד צו א רבי׳ן!

סימאָן דע וורי עס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָנגעפירט מיט א פילאָזאָפישן קרייז, וואו מען האָט געלייענט און אנאַליזירט די ווערק פון פילאָזאָפן. ער פלעגט זיך דאַמאָלס ווענדן מיט בריוו צו ספינאָזא׳ן און בעטן ביי אים פירושים אויף טונקעלע פסוקים, וואָס די מיטגלידער האָבן ניט געקאָנט פאַרדייען. מיר וועלן זיך נאָך מיט אים באַגעגענען, ווייל דער דאָזיקער סוחר־דיינקער האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע אין ספינאָזא׳ס לעבן בכלל.

צו דעמזעלביקן קרייז האָט געהערט א געוויסער פּיעטר

---

*) צעזאַריוס אדער קאַזעאַריוס איז געווען ספינאָזאַס א תלמיד: וועגן אים וועט נאָך אויסקומען צו ריידן אין א ספּעציעלן קאַפּיטל.

באללינג. אמאל איז ער געווען אין שפאניע אלס א קאמיסיאָ־נער פון פארשיידענע האלענדישע סוחרים. ער האט דאריבער געקענט זייער גוט שפאניש און די שפאנישע שפראך איז געווען א פארקניפּונקס־קייט צווישן אים און ספינאזא׳ן. באללינג האט גע׳שמ׳ט פאר א גוטן קענער פון לאטיין און גריכיש. ביידע שפראכן זיינען דאמאלט גאר ווינציק געווען באקאנט ספינאזא׳ן באללינג האט פארפאסט א רייע פארטיידיקונגס שריפטן פון מעננא׳ס לערע, געשריבן מיט אסך שארפקייט, שניידיקייט און ווי־ציקייט. ער האט אויך שפעטער איבערגעזעצט אויף האלענדיש ספינאזא׳ס „פרינציפּן פון דער קארטעזיאנער פילאזאפיע.“ זיינע פילאזאפישע און רעליגיעזע געדאנקען האט ער אנטוויקלט אין יאר 1662 אין א ביכל אונטערן נאמען „דאס ליכט אויפן ליכט־טורעם“.

א פּאר אויסצוגן פון דעם ביכל וועלן אמבעסטן אילוסטרירן דעם גייסט פון דעם עקס־קאמיסיאנער־דיינקער.

„ווערטער זיינען נים קיין גענוגנדע סימנים פון אמת“ — שרייבט באללינג — „דורך עם הארצות, לייכטזיניקייט און רשעות ווערט זייער זין פארדרייט און פארקריפּלט. דורך ווערטער ווערט מען אויך אפּגענארט אין די ענינים פון אמונה. צוליב זיי קומט פאר אזוי פיל מחלוקות און קריגעריען, עס ווערט אזוי פיל דארי־בער דיסקוטירט און געפּילפּולט, אז מען קאן גלויבן, אז עס איז בכלל נישא קיין אמת׳ע רעליגיע. די רעליגיע האט אבער גארניט צו טאן מיט ווערטער און פארמולען. יעדער מענטש האט אין זיך א ליכט, וואס לייכט פאר אים — דאס ליכט פון פארשטאנד. דאס דאזיקע ליכט פארזיכערט א קלארן און דייטלאכן פארשטיין פון אמת, א דאנק וועלכן מיר באקומען די איבערצייגונג פון זיין און פון באשאפנהייט פון זאכן, וואס שליסט אוים יעטוועדן ספק. אין יענעם ליכט דארף מען זוכן דעם מקור פון רעליגיע“.

אדער אזא געדאנק:

„ווער עס וויל פון זיך ארויסגיין, כדי דורך דאס באשאפנדע גאט באגרייפן, דער וועט צו גאט קיינמאל נים קומען. גאט איז אין דיר און יעדער מענטש איז זיך אליין דער אממייסטן נאענטס־טער. דו מוזט דאריבער אין זיך אליין בלייבן און זיך ווענדן צו דעם ליכט, וואס דו האסט אין זיך“.

די דאָזיקע געדאַנקען וועלכע טראָגן אַ בולטע השפּעה פון דער נעאָ־פּלאַטאָנישער פילאָזאָפיע זיינען אין פלוג גענומען אויטאָדידאַקטיש. די קרובה׳שאַפט פון די דאָזיקע געדאַנקען מיט ספּינאָזאַ׳ס שפּעטערדיקן פאָרמולירן פון דעם ענין אמונה אין זיינע שריפטן, וואַרפט זיך תיכף אין די אויגן.

באַללינג האָט אָנגעהאַלטן אַ שריפטלאַכן קאָנטאַקט מיט זיין פריינט און לערער, ספּינאָזאַ. אין ליכט פון די דאָזיקע בריוו, וועגן וועלכע עס וועט קומען שפּעטער צו ריידן, וועט נאָך שאַרפער און בולטער ארויסשיינען די פערזענלאַכקייט פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מענאָניט.

א וויכטיקע ראָלע אין ספּינאָזאַ׳ס לעבן האָט געשפּילט יאריג יעללעס, אויך אַ מיטגליד פון די קאָלעגיאַנטן.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געהאַט אין אַמסטערדאַם אַ בשמים־קראָם. גאָלד האָט זיך געשאַרט צו אים פון דעם דאָזיקן נייעם מסחר אין האָלאַנד. ער איז אָבער מיד געוואָרן פון גאָלד, וואָס האָט געדראָעט צו פאַרשקלאַפן זיין נשמה. האָט ער אָבער געפילט, אַז זיין נשמה איז אים טייערער פון גאָלד, וואָס האָט אים קיין אינטימע פריינד ניט געגעבן, און ער האָט אוועקגעוואָרפן דאָס געשעפט כדי צו זיין ביחידות מיט זיך און זוכן די וואָרהייט ווייט פון וועלט און געלט. 30 יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין אַ באַזונדער חדר אין דבקות מיטן שם המפורש, וועלכן ער האָט נאָך אַלץ געזוכט מיט האַרץ און נשמה. מיט אַ קהלת שטימונג אין האַרצן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון כל־טוב און נאָר זיך געפּייניקט איבערן זין פון לעבן. די וועלט פון דיינקען איז פאַר אים געווען פאַרשלאָסן, ווייל אחוץ האָלענדיש האָט ער קיין שום שפּראַכן ניט געקענט. האָט ער געלאָזט פאַר זיך איבערזעצן די וויכטיקסטע פילאָזאָפישע ווערק און מיט גרויס התמדה זיי שטודירט און געלערנט.

יאריג יעללעס איז געווען דער ערשטער מעצענאַט פון ספּינאָזאַ׳ן. ער האָט אָפּגעדרוקט אויף זיין חשבון ספּינאָזאַ׳ס „פּרינציפּן פון דער קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפיע“. נאָכן טויט פון זיין באַליבטן לערער האָט יעללעס געהאָלפן ארויסגעבן די געבליבענע ווערק און האָט אָנגעשריבן צו זיי אַ האָלענדישע הקדמה.

אין דער תקופה פון ספינאָזא׳ס קאָלעגיאַנטן־באַזוך ווערט די פריינטשאַפט פאַרקניפּט און אין משך פון יאָרן פאַרשטאַרקט און פאַראייביקט. דאָס וועט אונז ווייזן די וויכטיקע שילדערונג פון ספּינאָזא׳ס לעבן.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רודפ׳ן די קאָלעגיאַנטן און די פאַרזאַמלונגען האָבן געמוזט פאַרקומען אין אַלץ נייע און נייע היימען — האָט דאַמאָלט אַ געוויסער יאַן ריאָווערטש, אַ בוכהאַנדלער און איינבינדער אָפּגעגעבן זיין געשעפט פאַר די דאָזיקע אסיפות.

ריאָווערטש איז געבאָרן געוואָרן אין 1617. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר דעם שאַרפסטן געגנער פון דער אָפיציעלער קירך. מיט וואָרט און שריפט האָט ער באַקעמפט די דאָגמאַטיקער און האָט מיט אַ ברייטער האַנט, ניט ווי אַ סוחר, ארויסגעגעבן קאַמפּס־בראָ־שורן פון די קאָלעגיאַנטן און וויל די דאָזיקע בראָשורן פלעגן ארויסגעגעבן ווערן אַנאָנים, האָט ער פאַר די גאַליקייט פון זייער אינהאַלט באַקומען אין שכר אַ סיסטעמאַטישע און גוט אָרגאַני־זירטע אָפּאָזיציע מצד דעם אַמסטערדאַמער קירכנראַט, אַן אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון דער אַנערקענטער, פּראָטעסטאַנטישער קירך.

ער האָט ארויסגעגעבן די ווערק פון באַללינג, יעללעס און וואָס שאַרפער ס׳איז געווען דער שטאַנדפּונקט פון אַ מחבר בנוגע דער קירך, אַלץ גרעסער זיינען געווען זיינע שאַנסן צו זיין געדרוקט און ארויסגעגעבן פון יאַן ריאָווערטש. ביי אים זיינען דערשינען אין האָלענדיש די ווערק פון דעקאַרט און די שריפטן פון ספּינאָזאַ. זיין בוכגעשעפט פלעגט זיך אין די אָוונטן פאַרוואַנדלען אין אַ לעזע קלוב, וואו מען האָט ביי אַ גלעזל קאַפע דעבאַטירט און זיך געהיצט איבער די ענינים פון רעליגיע און פילאָזאָפיע.

אין די געגנערישע שריפטן האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען „לאַזהופּט“ — וואָס מיינט אַ פויל־קאָפּ.

ער האָט געהאַט אַ מאַניע, ווי אַסך אַנדערע פון זיין צייט, זיך צו פאַרנעמען מיט אַלכעמיע און האָט געזוכט דעם „פילאָזאָ־פישן שטיין“, וואָס האָט צושמעטערט ניט איין טרוימערישן קאָפּ.

דער דאָזיקער קאַפע־קלוב אדער די „שולע פון לצנים“, ווי די

געגנער האָבן עס גערופן האָט ארויסגערופן א פּחד ביי די פרומע גאָטספאָרכטיקע פּראָטעסטאַנטן. אין 1656 האָט דער אַמסטערדאַמער בירגערמייסטער שטריינג פארבאָטן די „קאָנווענטיקלען" פון די פרייגייסטער, אָבער עס האָט ווינציק וואָס געהאָלפן. דער קרייז וואקסט. עס קומען צו אַלץ נייע און פרישע כוחות. מיר באַגע־געגענען אין יענע קרייזן דעם שוין אונז באַקאַנטן י א ן פּ י ע־ט ע ר ש, דעם וואַנדערנדן גאָט־זוכער, וועמען ספּינאָזאַ האָט געווים געזען אין די מויערן פון דער תלמוד תורה „עץ חיים". ווען יענער איז געקומען זיך מתוכח זיין מיט ר' שאול מארטיירא. ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל פון וואַנען מען האָט אים פאַר־טריבן פאַר „פאַרשיידענע עבירות און שווידערלאַכע אידעען". די קירך האָט אים מחרים געווען און דער שטאָט־ראַט האָט אים פאַרטריבן. איז ער געקומען צו זיינע פריינט אין גייסט און האָט מיט זיין אויפריכטיקייט און אידעאַליזם פאַרשטאַרקט דעם גלויבן און דער אמת'דיקייט פון זייער אני־מאמין.

שאַרף און פּיקטאָרעסק שנייד זיך אויס פון דער חברותא די פּערזענלאַכקייט פון דעם בעל־אכסניה און פּאָעט י א ן ז ע ט.

א גוטער שענקער צווישן פּאָעטן און זייער א גוטער פּאָעט צווישן שענקער — איז געווען דער דאָזיקער ז ע ט. א וואַגאַ־בונד און „וועננוס־יונקער", ווי ער טיטולירט זיך אין איינעם פון זיינע געגראַמטע ווערק, האָט ער מיט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג און דערבן סאַטירישן טאָן געשילדערט דאָס פּאָלקס־לעבן אין אַמסטער־דאַם. דער דאָזיקער שטאַרקער שוואַכלינג פון „שיינעם געשלעכט" האָט אין א פּאָעמע „אונטערדראַק פּאַרעהרונג" באַשריבן די „גאַסן נימפן" פון אַמסטערדאַם און האָט אין זיי געזען די מאַגדאַלענעס פון 17טן יאָרהונדערט. זיין ניט געצווימטקייט און אַנשטעל פון א „פּאַרלאָרענעם זון" איז געווען מער א חשק עפנטלאַך צו שאַקירן די פּראָטעסטאַנטישע מאָראַל און „גאָט'ס סטראַפּטשעם" איידער פון אַן אָרגאַנישער פאַרדאָרבנקייט.

„איך וויל באמת פריי זיין — זאָגט ער אין א ליד — און איך וועל מיר מער ניט לאָזן בינדן, און אויב מיין ברודער האָסט מיר, דאַן קען איך ווירקלאַך גליקלאַך זיין".

איבערזעטיקט מיט די „גאַסן־נימפן" האָט ער חתונה אין די

אלט־בחור׳ישע יאָרן מיט אַ פרוי, וועלכע ער פלעגט פאָרשטעלן אלס זיין „געליבטע הויז־פרוי“. ער עפנט אַ שענק און פון די רונדע פעסלאַך מיט וויין שעפּט ער די „שטימונג“ פאַר זיינע גראמען.

די „הויז־פרוי“ שטאַרבט אים אָפּ און דער אויסגעלעבטער שענקער און גראַמען־מאַכער, האָט חתונה, צום צווייטן מאָל מיט א יונג, בליענד מיידל. ער זיצט שוין ווינציקער אין שענק, ווייל די מאַטראָסן נעמען מיט מער חשק א גלעזל וויין פון די פולע הענט־טאַלאַך פון דער יונגער שענקערין, איידער פון די שטייפע, אלטע הענט פון דעם זייער און זייער געשעצטן רעבעלאַנט, פּאָעט און שענקער.

דאַמאָלסט פארנעמט זיך ז ע ט מיט ליטעראַטור. ער זעצט איבער אין האָלענדיש, אין יאָר 1650 ב ו ק ס ט א ר פ ס „סינאַגאַגא יודאיקא“.

אין זיינע לידער האָט ער אויסגעלאַכט די קריסטלאַכע לערע פון יענער וועלט. און אין איין אָרט פרעגט ער די קריסטן אזוי:

אויב דער טויט איז פאַר אייך א פרוזדור צו דעם לעבן
פאַרוואָס זייט איר אזוי פארקימערט און פאַרזאָרגט ?
פאַרוואָס לעבט איר פול מיט ציטערניש און וואקלען
פאַרוואָס, ווען ער קומט נאָנט, זייט איר פון שרעק געפּלאָגט?
ביי מיר זייט איר ניט קיין אמתע ווארע קריסטן
ווייל ס׳קומט אייך אָן אזוי שווער צו יענער רייזע זיך גריינטן
און דאָ ווילט איר בעסער אין טרויער וועגעטירן
איידער גלייך מיט גלאַנץ אהין גיין צו די טויטע“.

זיינע געגראַמטע קשיות האָבן אפּעלירט צום שכל הישר פון די מאַסן און ניט אומזיסט איז ער געווען אזוי פּאָפּולער און האָט מיט זיינע מיטלמעסיקע שירים אסך בייגעטראָגן פאַר דער אנטוויקלונג פון פרייען געדאַנק צווישן די, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין צו־טריט צו דעקאַרט׳ן, ספינאָזאָ׳ן און בכלל צו דער טעאָלאָגיש־פילאָ־זאָפישער שטרייט־ליטעראַטור.

אַלס אַ גאַסט פלעגט זיך זייער אָפט באַווייזן צווישן די קאָלע־גיאַנטן א דאַרער פאַרשווינדל מיט א שטענדיקן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן, א אומדערמידלאַכער קיבעצער און א אָנהייגער פון די „ווענוס־טעכטער“. דאָס איז דער דאָקטאָר ל אָ ד ו ו י ק

מ ע י י ע ר. זיין ראָלע און ספינאָזאָ׳ס לעבן — איז זייער אַ באַדייטנדע.

ד א ק ט א ר מ ע י י ע ר איז געווען אַ בחור, כמעט אין די זעלבע יאָרן וואָס ספינאָזאַ. אַ מתמיד, אַ קענער פון שפּראַכן האָט מעייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער האָלענדישער פילאָלאָגיע. ער האָט שטודירט מעדיצין, פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע. ער האָט זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם און פּראַקטיצירט מיט ערפאָלג אַלס אַ דאָקטאָר. חוץ צו פּרויען האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבן שירים צוליב אַ וויכטיק געשעעניש און זיין הויפּט טראַ־געדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשריבן דראַמען, וועלכע מען האָט ניט געשפּילט אַזוי לאַנג ביז ער איז ניט געוואָרן צופּעליק... דער קינסטלערישער לייטער פון אַמסטערדאַמער טעאַ־טער, הגם אָפּיציעל אַ לוטעראַנער, פלעגט ער אָבער באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון די קאָלעגיאַנטן און זיין מער ברייטע ווי טיפע בילדונג, האָט געמוזט אויסרופן ספינאָזאָ׳ס אינטערעס פאַר אים. אויך דאָקטאָר מעייער האָט באַלד אָפּגעשאַצט דעם חריפ׳ישן קאָפּ פון ספינאָזאָ׳ן, און אויב זייער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן ערב דעם חרם־שטורם, האָט שוין דאָקטאָר מעייער געקענט מער וויסן וועגן דעם, ווער איז און וואָס וויל דער יונגער אַמסטערדאַ־מער איד.

דאָקטאָר מעייער האָט שפּעטער אָנגעשריבן די הקדמה צו ספינאָזאָ׳ס „פּרינציפּן פון דער קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפיע".

ער אַליין האָט פאַרפאַסט און ארויסגעגעבן אַנאָנים אַ ווערק איבער תנ"ך. אַזאַ מנהג איז געווען צו יענער צייט אין האָלאַנד, אַז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן „אַפּיקורסיש" ווערק האָט מען ניט געשטעלט דעם נאָמען פון דעם מחבר.

מיט דאָקטאָר מעייער באַקענען מיר זיך איצט און נעענטער וועלן מיר צו אים צוקומען אין די שפּעטערדיקע שילדערונגען פון ספינאָזאָ׳ס לעבן.

די אַלע באַקאַנטשאַפטן האָט ספינאָזאַ געמאַכט נאָך פאַרן חרם, ווייל ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזן אַמסטערדאַם האָט ער זיך שוין מיט זיי געקענט.

ער פאַרברענגט דאָמאָלסט אַ פּאָר חדשים אין דעם שטעטל

א ו ו ע ר ק ע ר ק. דאָרטן איז געווען דער בית־הקברות פון דער אמסטערדאמער קהילה און דאָרטן, אין דער נאָענטקייט פון די קברים פון זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער האָט ספּינאָזאַ פאַרבראַכט א קורצע צייט ביז די געמיטער וועלן זיך באַרואיקן. די רעגירונג האָט אים אויך דאָרטן געהאַט אויפן אויג. ער האָט זיך אָבער געפילט ניט אזוי איינזאַם, ווייל צווישן די קריסטן האָט ער געפונען פריינט, מערסטנטייל צווישן די קאָלעגיאַנטן, ווי דער דאָקטאָר נ י ק א ל א ו ס ט ו ל פּ און אַנדערע. דאָס באַווייזט אז מען האָט אים געקענט אין די קאָלעגיאַנטן קרייזן אזוי, אז „די ברידער פון גייסט" פון א ו ו ע ר ק ע ר ק האָבן שוין געקענט ספּינאָזאַ'ן אויפנעמען ווי א נאָענטן, אייגענעם מענטשן.

דער לעצטער פריינט זיינער, וואָס האָט געשפּילט נאָר א גרויסע ראָלע אין ספּינאָזאַ'ס לעבן איז דאָקטאָר פּ ר א נ צ י ס ק ו ס וואַן דען ענדען.

דעם דאָזיקן דאָקטאָר האָט אינסטינקטיוו געצויגן צום באַשיידענעם בלאַסן יונגנמאַן ד ע ס פּ י נ אָ ז אַ, וואָס רעדט אזוי קלאָר, דורכגעטראַכט און פריש, צאַפּלדיק פריש.

ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אַלס א לערער פאַר דער גרויסער צאָל תלמידים, וואָס ער האָט אַלס א געניטער פּעדאַגאָג געהאַט.

דער לאטיינישער לערער

אין צענטער פון ספינאזאס לעבן צו יענער צייט שטייט אן ספק דאקטאר פראנציסקוס אפיניוס וואן דען ענדענס און זיין הויזגעזינד.

א וואונדערבארע געשטאלט, וואס בעט זיך מיט די אלע סתירות אין שארפקייטן אירע אויף א צענטראלן פלאץ אין א היסטארישן כאראקטער־ראמאן פון יענער תקופה!

דר. ענדענס איז געבארן געווארן אין אנטווערפן אין יאר 1600. ער האט באקומען א שטרענג קאטוילישע דערציאונג און איז משמעות געווען באשטימט פון זיינע עלטערן פאר דעם „אויסדערוויילטן" דינער פון קירך. פון קינדווייז אן האט ער אויסגעוויזן גאונישע פייאיקייט צו שפראכן. ער האט אבער ניט געהאט קיין אקאדעמישע רואיקייט אין זיך כדי זיך אפגעבן נאר מיט איין ענין; ער איז געווען מער א חריף ווי א מתמיד.

א אינגל פון 14 יאר, איז ער שוין א סטודענט אין דעם אוניווערסיטעט אין לעווען. ער שטודירט גלייכצייטיק מעדיצין, ליטעראטור און יוריספרודענץ. אין יאר 1618, זייענדיק אינגאנצן אלט 18 יאר באט מען אים אן א שטעלע פון א פראפעסאר אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט. צו אזא מדרגה האט געקענט דערגרייכן נאר אן עלוי, הגם קיין אויסנאם איז ער ניט, ווייל א פאר פאקטן פון יונגע פראפעסארן צו יענער צייט לאזן זיך פעסטשטעלן. אזוי, למשל, איז אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט געווען א פראפעסאר פון פילאזאפיע דער 18 יאריקער ווילעם פיליפי. שפעטער ווערט ענדענס א „ברודער" פון דעם יעזואיטן ארדער. וואס האט אים געפירט אהין צו די צווימער פון גייסט און שטרענג קאזואיסטישע גייסטער האבן די ביאגראפן זיינע נאך ניט פעסטגע־

שטעלט. זאָל דאָס זיין א ווילן פון די קאַטוילישע עלטערן אדער זיין פּערזעלאַכער דראַנג — איז ניט באַשטימט. אַלנפאַלס איז ענדרענס נאָך דאַמאָלסט קיין „רעבעלאַנט" ניט געווען. ער איז געווען אַ וויסנשאַפטלאַכער קעמעל, וואָס האָט זיך אָנגעלאָדן מיט א גרויסער משא פון געלערזאַמקייט, האָט ניט געפּילט קיין לאַסט דערפון, האָט אָבער אויך נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אריינ־צוקוקן אין זיין גייסטיקן באַגאַזש און אים קריטיש אָפּשאַצן. און אזוי ווי ער האָט מיט א פענאָמענאַלער לייכטקייט איינגעזאַפּט אין זיך די תורה, פון וואַנען זי זאָל ניט קומען און וואָס זי זאָל מיט זיך ניט ברענגען — איז אים סוף כל סוף געווען נאָך גלייכ־גילטיק די צוועקמעסיקייט, נאָר מער צום הארצן דאָס אָנזאַמלען.

די יאָרן פון זיין אָנגעהערשאַפט צו דעם יעזואיטישן אָרדן זיינען די טונקלסטע אין זיין ביאָגראַפּיע. מיר ווייסן וועגן דעם נאָרנישט, פונקט ווי מיר ווייסן ניט פאַרוואָס האָט דער 18 יאָריקער ענדרענס זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּראָפעסור. אפשר האָט אים דאַמאָלסט אָרומגענומען א קהלת־שטימונג, און א שלאַנג פון ספקות האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין זיין הארצן? דאָס שנעלע באַהערשן פון אזוי פיל געביטן האָט געקענט סוף כל סוף ברענגען דעם יונגן ענדרענס צו דעם געדאַנק פון „הבל הבלים", אז ער זאָל גיין זוכן אָן אָפּרו אין די דיסציפּלינירטע רייען פון די יעזואיטן?

דאָס זיינען אָבער מער ניט, ווי השערות. די גאַנצע תקופה פון יעזואיטן לעבן בלייבט ביז איצט א סוד.

און ער שווימט אַרויס שפּעטער אויף דעם האָריזאָנט פון זיין געבורטס־שטאָט. ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן. א מענטש פון 42 יאָר אָן א קאָנקרעטע באַשעפטיגונג האָט ער חתונה מיט א דאַנציגער פרוי מיט'ן נאָמען ק ל אַ ר אַ מ אַ ר י ע ו ו ע ר מ ע ר ן, דאָס שפּעטערע חתונה האָבן האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אין זיין משפּחה־לעבן. אין משך פון ניין יאָר האָט זיין ווייב אים באַשאָנקען מיט ניין קינדער.

פון זיי איז פאַר אונז די וויכטיקסטע די עלטסטע טאָכטער דאַנגאַ קלאַרא מאַריא. זי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1643. די עלטערן האָבן זיך שטאַרק מצער געווען מיטן ערשטן קינד, ווייל דאָס מיידל איז ניט געווען קיין שיינע און דערצו האָט זי געליימט

אויף איין פוס. זי האָט אָבער ארויסגעוויזן אזעלכע גייסטיקע פייאיקייטן אז די פיזישע חסרונות זיינען ווי פארשוואונדן געוואָרן און ניט איינער, וואָס האָט געהאַט די זכיה זי צו זען האָט ארויס־געטראָגן דעם איינדרוק, אז זי איז א שיינע און א געזונטע. אזוי ווערט זי אויך געשילדערט פון די מערסטע ביאָגראפן.

אין יאָר 1645 באַזעצט זיך ענדענס אין אמסטערדאַם, וואו ער האָט געהערשט אסך א פרייערע אטמאָספערע, ווי אין דעם שטרייננג קאַטוילישן אנטווערפן. מסתמא האָט ער געלעבט פון לערעריי, דערווייל נאָך געבנדיק פריוואַטע שטונדן. האָבנדיק ברייטע באַקאַנטשאפטן אין די ליטעראַרישע קרייזן באַשליסט ער זיך נעמען צו בוכהאַנדלעריי. אין יאָר 1650 עפנט ענדענס אין אמסטערדאַם א בוך געשעפט. די געשעפטן זיינען אָבער געגאַנגען זייער שלעכט, און אין צוויי יאָר שפּעטער באַנקראָטירט ער און גיט אויף זיין געשעפט.

אין יענער צייט אזוי אַן ערך 1657 איז ער געשיקט געוואָרן קיין מאַדריד אין די ענינים פון שלום מיט האָלאַנד. אלס אַן עקס־יעזואיט האָט ער געקענט דורכפירן אזא מין דיפּלאָמאַטישע שליחות, ווייל צו אים האָט מען געקענט האָבן צוטרוי.

קיין אָפּענער „אפּיקורס" איז ער נאָך ניט געווען און זיין בילדונג און נאָענטקייט מיט די אָפיציעלע קאַטוילישע קירך־קרייזן האָבן געקענט ווירקן אויף דעם, אז ער זאָל אויסגעוויילט ווערן פאר אזא מיסיע.

מיר ווייסן אז נאָך אין 1648 האָט זיך ענדענס אָפּגעזאָגט פון א באַלוינונג, וואָס די שפּאַניער האָבן אים פאָרגעשלאָגן פאר עפּעס א דיפּלאָמאַטישע אָפּעראַציע. אזוי פאַרזיכערט דער מיטצייטלער־רישער פּאָעט א נ ט אָ נ י ד ע ס ו ו א ן ד ע ר ג ע ס. אַנדערע קוועלן באַשטעטיקן דאָס ניט. אויך די רייזע קיין שפּאַ־ניען האָט ניט קיין זיכערע קוועלן. אחוץ דער איינער, וואָס גראד צו יענער צייט קינדלט ניט זיין ווייב, און דאָס דאַרף דינען פאר א באַווייז, אז עס איז ניט אויסגעשלאָסן אז ענדענס איז אוועק געפאָרן קיין שפּאַניען.

ווי עס זאָל ניט זיין אויף חיונה האָט דער דאָקטאָר־פילאָלאָג, עקס־יעזואיט־דיפּלאָמאַט פון די אַלע גליקן ניט געהאַט.

אָבער זיין בילדונג האָט געקענט קלעקן אלס א קוואַל פון פרנסה, אויב דער דאָקטאר זאָל ביי זיך פועל'ן צו ווערן א פראָפעסיאָנעלער לערער. אויב ער האָט עס אפשר ניט געקענט אַזוי לייכט פועל'ן ביי זיך, האָבן עס אָבער גע'פועל'ט דווקא די זעקס קינדער, וואָס האָבן געוואָלט לעבן און עסן.

אין יאָר 1652 עפנט דר. ענדענס א שול פון לאַטיין און גריכיש. און צום ערשטן מאָל איז ער אין זיין לעבן געזיכערט מיט חיונה. ווער רעדט וועגן מאָראַלישן ערפאָלג — אויף דעם האָט זיך דאָך געריכט און מיט רעכט אונזער הומאַניסטישער פאָליהיסטאר און פּאָליגלאָט. זיין „לאַטיינישע שולע" ווערט באַרימט ניט נאָר אין אמסטערדאַם נאָר אומעטום וואו עס זיינען געווען הומאַניסטישע קרייזן.

מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, גלויבן, נאַציעס און ריכטונגען האָבן זיך געשאַרט אַרום דעם דאָזיקן פייאיקן פעדאַגאָג און אינטערעסאַנטן מענטשן.

ענדען האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט נאָר א פּראַקטישער מענטש, נאָר אויך א פיינער פסיכאָלאָג, א קענער פון מענטשלאַכער נשמה.

א חסיד פון דער מאַקיאַוועליסטישע שיטה אין דער פּאָליטיק, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען האָט דער דאָזיקער הומאַניסט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט שולחן־ערוך פון דעם איטאַליענישן פּאָליטיקער אין דער קעשענע — זייער בולט באַוויזן מיט זיין לעבן, אַז ער האַלט ניט פון טעאָריעס.

דער דאָזיקער „פּאָליטישער מענטש" (homo politicus) האָט גוט געקענט די מענטשן פון זיין צייט און אויך די וועגן ווי אַזוי צוצוגיין צו זיי און געפינען זייער צוטרוי.

אלס לערער פון לאַטיין און גריכיש שטייט ער אין צענטער פון דער דאַמאָלסטיקער באַוועגונג צו שטודירן די קלאַסישע וועלט.

ער האָט געקענט, אָן צווייפל אַלט רוים — כאַראַקטעריזירט אים א מאָדערנער פאָרשער — און וואָלט געווען בכח גאַנצן האַראַץ פון זכרון אויספּניי צו איבערשרייבן, ווען אַלע עקזעמפּלאַרן פון דער וועלט, וואָלטן דורך א צופאַל פאַרלאָרן געגאַנגען.

„ער איז געווען באַזעלט פון באַגייסטערונג פאַר די גרויסע

מענטשן פון דער רענעסאנס־צייט, וואָס האָבן דעם קלאַסיציזם צוריקגעגעבן זיין אמת'ן ווערט און וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט אויפגעהויבן די פאָן פון דער פרייער פאָרשונג. זיי האָבן ניט נאָר באַקעמפט און ארונטערגעריסן די אין אסך הינזיכטן פארעלטערטע באגריפן פון אריסטאטעלס פילאָזאָפיע, נאָר זיי האָבן זיך אויך אריינגעמישט אין דעם ענין פון פארברייטערן קלאָרע אידעען אין דער קירך און אין דער מלוכה, און אויף אזא אופן האָט אויך אים באַהערשט דער ניט־געזעטיקטער דורשט נאָך וויסן".

ענדענס האָט שטודירט מאַטעמאַטיק, פיזיק, נאַטור־וויסנשאַפט, שמודירט און געלערנט אַנדערע.

מיט דער צייט וואַקסט זיך זיין שול אזוי פארנאנדער אז ער מוז האָבן מיטהעלפער. זיין עלטסטע טאָכטער קלאָרא מאריא האָט אין עלטער פון 12 יאָר אָנגעהויבן העלפן דעם טאַטן, לערנענדיק לאַטיין מיט אָנפאַנגער. שפעטער האָט דאָס זעלבע געטאָן ברוך ספינאָזאָ.

ענדענס איז ניט נאָר א לערער פון קלאַסישע שפראַכן, ער איז קודם כל א קלאַסישער פעדאַגאָג. כדי צו באהערשן די קלאַסישע שפראַכן אין וואָרט און אין שריפט אָרדנט איין דער לערער פון צייט צו צייט ליבהאָבער פארשטעלונגען אויף וועלכע עס ווערן אויפגעפירט די רוימישע קלאַסיקער.

דאָס שפילן פון די פעפערדיקע קאָמעדיעס פון ט ע ר ע נ־צ י ו ם האָט ארויסגערופן בייז בלוט ביי די מיטגלידער פון אמסטערדאמער קירכנראַט. די פרומע שטאָט־טאַטעס האָבן פראָטעסטירט געגן דעם, וואָס קינדער שפילן אין אזעלכע צווייִדייטיקע פיעסן. דער לערער האָט אָבער געהאלטן אז דוקא דאָס, וואָס די פרומאקעס האלטן פאר ניט מאָראַליש איז מאָראַליש און דערצו שפיגלען אָפּ די קאָמעדיעס א תקופה וואָס מען מוז דאָך קענען.

דער הויפט מאָטיוו איז געווען, וואָס אויב די עלטערן ווילן, אז זייערע קינדער זאָלן שפילן — קען דאָך דער קירכנראַט גאָרניט טאָן, נאָר פראָטעסטירן.

דער באַשלוס פון קירכראַט פון יאנואר 1657 איז געבליבן א טויטער אות. ענדענס האָט נאָך א פּאָר מאָל געשטעלט אין לאַטיין

פאַרשידענע פּיעסן, צווישן זיי אויך זיינע אייגענע, און אַלעמאָל מיט גרויס ערפאָלג.

דער קירכראַט האָט איינגעזען, אַז ער איז הילפלאָז — און ער האָט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן.

די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אָבער ענדענס'ן שטאַרק געשאַד. זייענדיק אָפיציעל א קאַטאָליק האָט זיך אָבער דר. ענדענס ארומגע־רינגלט מיט די אַלע גאָט־זוכער און רעליגיעזע רעבעלאַנטן אַזוי, אַז זייער שנעל האָט מען אין שטאָט געוואוסט אַז אין דער לאַטיינישער שולע לערנט מען ניט נאר די שפּראַכן פון גריכנלאַנד און רוים, נאָר אויך די שפּראַכן פון ספקות און אָפּאָזיציע אין אַלע רעליגיעזע און פּאָליטישע ענינים.

מען האָט ביי אים אין הויז געלייענט און דיסקוטירט די ווערק פון די דאָמאָלסטיקע פילאָזאָפן און פּאָליטיקער, וואָס זיינען געוועזן אויף דעם אינדעקס פון די פאַרבאָטענע ביכער אין וואַטיקאַן, און ביי די פּאַטערס פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך.

א „נעסט פון אַטעאיסטן" האָט מען גערופן דאָס הויז, וואו ספּינאָזאָ האָט פאַרבראַכט זיינע גליקלאַכסטע יאָרן.

ענדענס כבוד וואַקסט און אויך די פּרנסה איז רחבות'דיק. דער יראת־הכבוד ווערט אויסגעדריקט אין לידער און ווידמונגען דעם „הויכן גייסט", דאָקטאָר פון מעדיצין, פראַנציסקוס וואן דען ענדענס, וואָס פאַרשטייט אַז „ראַטהויז, בירזשע און קירך שטייען אויף ליגן" און אַז גאָט „הערשט אומעטום" אויב ניט איז ער „אין ערגעץ ניט פאַראַן".

דאָס האָבן געשריבן ניט נאר תּלמידים זיינע, נאָר אויך דער־ווייטערטע פון אים, אָבער נאָענטע מיטן גייסט.

דער שוין דערמאָנטער הויך־געבילדעטער דאָקטאָר לודוויק מעייער און די גאָטזוכער פון דעם קאָלעגיאַנטן קרייז, ווי ב א ל י נ ג, ו ו ר י ע ז, י ע ל ע ס און אַנדערע האָבן געקוקט אויף דעם גייסטרייכן עקס־יעזואיט און אַטעאיסט ווי אויף דער דרייסטער פאַרקערפּערונג פון א רענעסאַנס־מענטש.

דאָך האָט דר. ענדענס, ניט קוקנדיק אויף זיין שטאַרקער פּאָזי־ציע אין אַמסטערדאַם, געמוזט גאָר אומערוואַרטעט די שטאָט פאַר־לאָזן.

עס האָט גאָרניט געהאָלפן זיין אויסערלאכע לאָיאַליטעט און אפילו גרויסע פראקטישקייט. אין דעם פעדאגאָג האָט משמעות געזיגט דער „מענטש פון פאָליטיק" (האמא פאָליטיקוס), און ער איז געווען געצוואונגען אויף דער עלטער פארלאָזן די שטאָט, וואו ער האָט פאָרזייט חכמה און ארויסגעגעבן אזוי פיל געטרייע תלמידים, און איז אוועק קיין פראנקרייך.

דאָס איז געווען אין יאָר 1671.

דער אלטער דאקטאר, פאָליטיקער און תלמיד חכם ווערט באלד א מקורב אויף דעם הויף פון דעם קעניג לואי דעם פערצנטן. אָט די דאָזיקע שנעלע התקרבות ווערט אויסגעטייטשט, אז דאקטאר ענדענס האָט זיך פארקויפט פראנקרייך, וואָס האָט צו יענער צייט געקעמפט פאר א פאליטישע און עקאָנאָמישע השפעה אין האָלאנד אנטקעגן שפאניען, וועלכע האָט אויך נאָך ניט אויפגעגעבן אירע אימפעריאליסטישע פלענער.

עס איז מעגלאך: א תלמיד און א חסיד פון מאקיאוועלי, א אומרואיקער, אוואנטוריסטישער גייסט האָט געקענט האָבן א נסיון, א שפיל טאָן אין פראקטישן מאקיאוועליזם.

אין פאריז ווערט דר. ענדענס דער לייב־ארצט פון קעניג און אויך זיין פאליטישער יועץ.

ער מוז אָבער שנעל פארלאָזן די דאָזיקע הויכע שטעלע, און דער „פארוואָס" ליגט באהאלטן אין די שטויביקע פארמעטן פון פאריזער מלוכה ארכיוו. ער קערט זיך אום צו לערעריי און עפנט אין פאריז א שולע פאר שפראכן אומער א כאראקטעריסטישן נאָמען: „מוזן־האָטעל".

דערווייל ווערט ספינאָזאָס לאטיינישער לערער פארמישט אין א אַנטימאָנארכיסטישע פארשווערונג אין פראנקרייך, וואָס ווערט זייער שנעל אויפגעדעקט.

די הויפט פערזאָנען פון דער פארשווערונג זיינען געווען א פאָר ריטער מיט זייערע געליבטע. מען האָט באשלאָסן אויפהויבן אן אויפשטאנד אין נאָרמאנדיע און ארייגלאָזן קיין פראנקרייך די האָלענדישע פלאָטע, וואָס האָט ניט ווייט געאנקערט.

דאָס וואָלט געווען אין הסכם מיט דער פאליטיק פון די האָלענדער, וואָס האָבן געהאט א כעס אויף לואי דעם פערצנטן.

ו ו א ן ע נ ד ע ן איז צוליב דעם צוועק געפארן קיין ב ר י ס ל כדי צו פירן אין דער פראגע אונטערהאנדלונגען מיט ס ע נ י א ר מ א נ ט ע ר ע י י, דעם שפאנישן נאמעסטניק אין דער נאך שפאנישער טייל פון האלאנד. עס איז אפילו שוין באַשטימט געווארן וויפיל דארף מען די פארשווערער באצאלן פאר זייער, אָן צווייפל, געפערלאכע ארבעט.

עס איז באשטימט געווארן, אז אזוי שנעל ווי עס וועט זיך אין „גאזעט ד' האלאנד", דער אָפיציעלער צייטונג, באווייזן א לייט־ארטיקל, וואָס זאָל אין א פארמאסקירטער, עכט דיפלאָמאטישער פאָרמע אקצעפטירן די הויפט הנחות פון דער פארשווערונג, דאַמאָלסט דארף מען זיך נעמען צו דער „ארבעט".

און אזוי איז געשען. דער לייט־ארטיקל האט זיך באוויזן; די פלאָטע אין געווען גרייט; אבער, ווען די שיפן זיינען צוגעקומען צו די ברעגן פון נארמאנדיע האט זיך אויסגעוויזן אז דער אויפשטאנד איז ניט צוגעגרייט געווארן.

די גאנצע אינטריגע איז שנעל אנדעקט געווארן און די פאר־שווערער האט מען ארעסטירט.

מאָנטיק אוונט דעם 17טן סעפטעמבער 1674, ווען דער אלטער לערער פון ברוך ספינאזא איז געקומען צו זיך אהיים — האט אים שוין זיין צווייטע טאכטער אָנגעזאָגט די בשורה — אז איינער פון די פארשווערער, די הויפט — ספרוזשינע — איז ארעסטירט געווארן.

וואן ענדענס האט כלומרשט קאלטבלוטיק באגעגנט די דאָזיקע פאר אים טראגישע ידיעה. ער האט קיינעם קיין וואָרט ניט גע־זאָגט; די פרוי איז גראד ניט געווען אין שטוב.

אויפן צווייטן טאָג גאנץ אינדערפרי איז ער אוועק אין א קירך, וואָס האט זיך געפונען אויף א פאריזער פארשטאָט. ער האט אויס־געהערט די מעסע — ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויף יענער וועלט. דאָרטן האט ער זיך געטראָפן מיט א פרוי, אויך אן אנטיילנעמערן פון דער פארשווערונג. מען האט צוזאמען געטראכט וועגן די אויסזיכטן פון ניצול ווערן פון טויט.

עס האט אָבער דער טויט איבער זיין קאָפּ געלויערט. און געבראכט האט אים אין זיינע אָרעמס א תלמיד, א שוואכער,

אמביציעזער מענטשל, א געוויסן ד ו ק אָ (Ducaux) ער האָט גע־געבן וויסן דער פּאָליציי און מען האָט ביידע, וואן ענדענס און די פרוי ארעסטירט אויפ'ן וועג קיין בריסל.

דעם 27טן נאָוועמבער 1674 האָט דאקטאָר וואן ענדענס אוועק־געלייגט פּריוויליק זיין גרויע, קלוגע קאָפּ אונטער די אביעקטיווע, קאַלטע מעסערס פון דער גילאָטינע.

אזוי האָט פאַרענדיקט דאָס לעבן דער מענטש, וואָס האָט גע־שפּילט אזא גרויסע און ווירקזאַמע ראָלע אין לעבן פון ברוך ספּינאָזא.

דאקטאר, פ ר א נ צ י ס ק ו ס ו ו א ן ד ע ן ע נ ־ ד ע נ ס , יעזואיט און אפּיקורס, דיפּלאָמאט און מוכר ספרים'ניק, פּעדאגאָג און... פאַרנאָגראַף, מעדיקער און יוריסט, מאטעמא־טיקער און רעזשיסאָר, רעוואָלוציאָנער און קליינבירגער איז א מעטעאָר, וואָס גלאַנצט מיט זיין פילזייטיקן ליכט אויף דעם רענע־סאנס הימל, וואו גרויסע שטערנס געהערן דאָך ניט צו קיין זעל־טנהייטן.

דאָס איז די אויסערלאָבע קאנווע פון דעם דאָזיקן שטורמישן לעבן. וואָס פאר א ווערט וואָלט אָבער געהאט זיין שטורמיש לעבן און איבערלעבענישן, ווען עס וואָלט אין זיין קרייז ניט געווען דער תלמיד איבער תלמידים, דער שטילער, קאָנטעמפּלאטיווער ברוך ספּינאָזא.

אין זיין זכות איז דער רבי אריין אין דער געשיכטע און אויף די ביאָגראפישע וועגן צו דעם גענױאלן פרוש האָט דער פאָרשער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם קערנדיקן, טעמפּעראמענטפולן לערער, און האָט אים אריינגענומען אין דעם אפּאָסטאָלישן קרייז, וואו עס האָט זיך שטילערהייט געוועבט דאָס לעבן און בענקען פון ברוך אחר.

איז מען געבליבן פאַרגאַפט פון דער מערקווירדיקער לעבנס־געשיכטע פון דעם „לאַטיינישן פּראָפעסאר“ און אָפטמאָל האָט זיין לעבן אזוי פאַרכישופט דעם פאָרשער, אז ער האָט זיך אריינגע־וואָרפן אין ים פון היסטאָרישע פאקטן און מענטשלאַכע רכילות, כדי ארויסצובאקומען פון דאָרטן די נאקעטע געשטאַלט פון דאקטאר

פראַנציסקוס וואַן דען ענדענס און זיין טאָכטער, דעם „מלאך הגואל״ פון דעם יונגן ספּינאָזאַ, דאַננאַ קלאַראַ מאַריאַ.

אין יענעם קרייז האָט זיך פאַרמירט ספּינאָזאַ דער געלערנ־טער. דאָרטן האָט ער געפונען די תורה, וואָס איז קאַלט און די ליבע, וואָס איז וואַרעם. ער קומט אהין דורך דעם פּרוזדור, וואָס האָט געהייסן די קאַלעגיאַנטן סביבה. ער קומט מיט אַ באַוואוסט־זיין פון צילן און שטרעבן.

אויף די ראַנדן פון האָראַצ׳ס סטראָפן און ברונאָ׳ס פילאָזאָפישע טראַקטאַטן באַווייזט זיך דעם תלמיד׳ס שאַרפזיני־קער פּירוש און אין דער וואַרימקייט פון דעם פּראָפעסאָר היימי־שער סביבה בליט זיך פאַנאַנדער די ביז־איצט פאַרשטיקטע מענטש־לאַכע נשמה פון דעם יונגן איינזאַמען קינד פון דער אַמסטערדאַמער געטאָ.

„דער מלאך הגואל“

אין יענעם הויז פון לערנען און ליידנשאפטלאכע ויכוחים איבער אלץ, וואס האט געקענט אינטערעסירן דעם גייסטיקן מענטשען פון יענער תקופה, האט ברוך ספינאזא פארבראכט זיינע בעסטע יארן. דאס זיינען געווען די יארן פון רייף ווערן, ווען דער געדאנק ווערט געבארן אינטואיטיוו און זוכט א באדן, א פונדאמענט פון פאקטן און דערפארונגען. עס האט נאך ספינאזא'ן געפעלט דער צוגאנג צו דעם פילאזאפישן אוצר, וואס איז געווען פארשלאסן מיט א לאטייניש און גריכישן שליסל. ביי וואן דען ענדעם האט ספינאזא די שליסלען געפונען און האט זיך אויסגעלערנט מיט זיי צו אפערירן: מיטן לאטייניש — שנעל און זיכער, מיטן גריכישן — לאנגזאם און פארזיכטיק.

אחוץ שפראכן לערנט זיך ספינאזא מאטעמאטיק, נאטור־וויסנשאפט, אסטראנאמיע. זיין לערער, וואן דען ענדענס פירט אריין דעם שטילן, ווייט פארקוקטן תלמיד אין די ערשטע פרינציפן פון דער קארטעזיאנער פילאזאפיע. ער באקענט אים מיט מאקיאוועלים פילאזאפיע פון פאליטיק, מיט האבס פילאזאפיע פון געזעץ און מלוכה. אין די ערשטע ארבעטן פון ספינאזא געפינען מיר שפורן פון דעם דאזיקן קאנטאקט מיט די פילאזאפן און פילאזאפירנדע יוריסטן און דיפלאמאטן — מיט וועלכע ער האט זיך באקענט, א דאנק דעם דיפלאמאט און פעדאגאג ענדענס.

עס ווערט אנגענעבן אז קלארא מאריא, די עלטסטע טאכטער פון וואן דען ענדעם האט ספינאזא'ן געלערנט לאטיין. די דאזיקע ידיעה איז געווען נויטיק די ביאגראפן, וואס האבן געוואלט ארייגפירן אן עראטיש ראמאנטישן עלעמענט אין ספינא־

זאָ׳ם לעבן. בשעת ספינאָזאַ האָט זיך געלערנט לאַטיין ביי דער דאָזיקער געראָטענער טאָכטער — אַזוי קלינגט דער שאַבלאָנער נוסח פון אַלע ביאָגראַפיעס — איז די טויטע שפּראַך געוואָרן אַ לעבעדיקער מעדיום דורך וועלכן די צוויי הערצער האָבן זיך פאַרבונדן אין אַ רירנדע ראָמאַ און דזשוליעטע געשיכטע.

דער גאַנצער נוסח איז אָבער פאַלש און איז ספּעציעל צוגעפּראָוועט געוואָרן כדי די ביאָגראַפיע פון ספּינאָזאַ׳ן זאָל ניט זיין אַזוי פילאָזאָפיש־לאַנגווייליק. אָבער ווי שיין דער גאַנצער עפּיזאָד זאָל ניט אויסזען, מוז ער דאָך פאַרשווינדן פון דער ביאָגראַפיע לְמען האמת און צוליב ספּינאָזאַ׳ס רעפּוטאַציע.

ווען ספּינאָזא האָט זיך באַקענט מיט דר. ענדענס איז קלאַרא מאַריא אַלט געווען 12 אָדער 13 יאָר. דאַמאָלסט איז ספּינאָזאַ נאָך ניט געווען ענדענס תלמיד, וויל זייער באַקאַנטשאַפט ווערט דאַטירט נאָך פאַר דעם חרם און ער ווערט אָן אַריינגייער צו אים איצט נאָכ׳ן חרם און נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעריכט גלות אין משך פון אַ פּאָר חדשים אין דער שטעטל אוּוערקערק.

ווען ספּינאָזאַ קערט זיך אום צוריק קיין אַמסטערדאַם און גייט אַריין אין דר. ענדענס קרייז איז די געראָטענע גייסטרייכע טאָכטער אַלט געווען 14 יאָר. די וועלכע שפּינען אויס די ראָמאַנטישע געשיכטע צווישן דעם יונגן דיינקער און דעם פּעדאַגאָגס טאָכטער ווילן אפילו האָבן אַז ניט דר. ענדענס האָט אים געלערנט אין אָנפאַנג לאַטיין, נאָר גאָר קלאַרא מאַריא.

ווייסן מיר אָבער אַז ספּינאָזאַ האָט זיך אַסך פריער געלערנט די לאַטיינישע שפּראַך. אַ דייטשער סטודענט, וועמענס נאָמען איז אונז ניט באַקאַנט, איז געווען זיין ערשטער לאַטייניִשער לערער נאָך אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַ תלמיד אין „עץ חיים“. עס איז אויסגעשלאָסן אַז די 14 אָדער 15 יאָריקע מיידעלע זאָל קענען אַזוי פיל לאַטיין, אַז זי זאָל זיין בכח לערנען ספּינאָזאַ׳ן, וועלכער איז געווען זייער ווייט פון צו זיין אַן אָנפאַנגער אין דער שפּראַך פון האַראַץ.

ווייסן מיר אָבער אויך, אַז דר. ענדענס האָט איינגעלאַדן ספּינאָזאַ׳ן ער זאָל אים אויסהעלפן אין לערנען. וואָס מיינט עס? קיין העברעאיש האָט מען אין ענדענס שולע ניט געלערנט, האָלענ־

דיש האָט ספינאָזאָ נאָך ניט באַהערשט אַזוי פּאָלקאָם צו יענער צייט, ווייל זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין דער אַטמאָספּערע פון דער שפּאַנישער שפּראַך. עס איז דעריבער פאַראַן נאָך איין מעגלאַכ־קייט: און דאָס איז, אַז גראַד ספּינאָזאָ איז איינגעלאַדן געוואָרן צו לערנען לאַטיין מיט אָנפאַנגער, און דערפאַר האָט דר. ענדענס געלערנט מיט אים דעם העברען קורס פון דער דאָזיקער שפּראַך און סתם אַנדערע לימודים.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַפּלייקענען די מעשה מיט ק ל אַ־ ר אַ מ אַ ר י אַ ס לערערשאַפט שליסט נאָך ניט אויס אַ ליבעס באַציאונג צווישן זיי.

דאַננאַ קלאַרא מאַריא וואָן דען אַנדענס, דער „מלאך הגואל“ פון ברוך ספּינאָזאָ איז געווען אַ גייסטרייך מיידל, אַ ריין אינטע־לעקטועלע נאַטור. אחוץ שפּראַכן, אַלטע און נייע, האָט זי זיך געפילט זייער היימיש אין דער וועלט פון פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק און אפילו נאַטורוויסנשאַפט.

אין אַ מיטצייטלערישן ליד ווערט זי געשילדערט אַלס דאָס „בילד פון חכמה פאַר דער גאַנצער יוגנט דאָ אין לאַנד און זאָל זי אונז צוריק אויפבויען אַטען און דעם פאַרנאַס“.

זי האָט געשריבן לידער אַזוי ווי אַסך פון אירע צייט חבר'טעס, ווי, למשל, דאַננאַ גראַציאַ אַקווילאַר, וואָס איז געשטאָרבן צו אַכצן יאָר און האָט זיך דערוואָרבן אַ שם פון אַ פּאָעטעסע און אַ פילאָ־זאָפין.

צו יענער צייט זיינען אין האָלאַנד געווען באַוואוסט די שוועס־טער אַננאַ און מאַריאַ פישער, פראַנציסקאַ דוארטע — פּאָעטעסס מיט אַסך פייאיקייטן.

די שטאָט אוטרעכט האָט געהאַט איר שטערן: דאָס איז געווען אַננאַ מאַריאַ שורמאַן. זי האָט איבעראַשט די הומאַניסטן און די טעאָלאָגן פון יענער צייט מיט אירע טעאָלאָגישע און פילאָ־לאָגישע ידיעות.

אויך ענדענס טאָכטער האָט געהערט צו דעם טיפּ אינטעלעק־טואַליסטן אפשר מיט אַביסל צאַרטקייט, וואָס האָט געפעלט די מענער פון יענער תקופה. זי איז אָבער געווען פיזיש אַ שוואַכע און דער פּאָטער האָט שטאַרק געהיט אַז די טאָכטער זאָל זיך ניט

אָפּגעבן צופיל מיט תורה. זי האָט דעריבער ניט געקענט דערגרייכן דאָס, וואָס די אנדערע האָבן דערגרייכט, א דאַנק זייער התמדה. דאָך ווערט זי געלויבט פון די וואָס האָבן זי געקענט אַלס א קלוגע און געלערנטע מיידל. זי האָט געקענט אויסגעצייכנט לאַטיין און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט מאַלעריי און גראַווירן — צוויי קונסט געביטן, וואָס זיינען דאמאָלסט געווען אין מאָדע. אפילו ספּינאָזאָ האָט זיך אין דער פרייער צייט אָפּגעגעבן מיט מאַלעריי. אין לאַנד פון ר ע מ ב ר א נ ד און וואַן ד י י ק איז אַזאַ, ווען אפילו דילעטאַנטישע אָבער דאָך נאַטירלאַכע נייגונג צו פּלאַס־טישע קונסט — א פאַרשטענדאַכע און א נאָרמאַלע.

זוכן מיר די שפּורן פון דער ליבעס פאַרהעלטניש צווישן ספּי־נאָזא און ענדענס טאָכטער דאַן שטויסן מיר זיך אָן אויף פּאָלגנדע ווייכטיקע מאָמענטן, סיי פּסיכאָלאָגישע און סיי פּאַקטיש־ביאָגראַ־פישע.

מאַריא קלאַראַס אינטעלעקטואַליזם שליסט ניט אויס קיין פרויענהאַפטקייט. זי האָט געקענט זיין סענטימענטאַל, געביינקט אפשר נאָך ליבע און געווען מסתמא זייער סענסיטיוו , א דאַנק איר פּיזישן פעלער און דעם באַוואוסטזיין אז אחוץ אַלעמען איז זי ניט קיין שיינע און דער טאַטע איז ניט קיין רייכער. דער פיינסטער גייסטיקער אינטערעס האָט זיך ביים האָלענדישן בירגער גאָר גוט געפּאָרט מיט א פראַקטישן חוש און א שטרעבונג צו א תכלית.

אין דער היימישער סביבה איז ספּינאָזאָ ניט געווען דער איינ־ציקער מאַן צו וועלכן מען האָט געקענט אפעקטירט ווערן מיט ליבעס־געפילן. פאַר מאַריא קלאַרא האָט אפשר נאָך בכלל ניט עקזיסטירט די וועלט פון עראָטיק, און ווען אפילו יאָ, וואָס איז ניט אויסגעשלאָסן (זי איז דאָך שוין אַלט געווען 15 יאָר!) איז ניט ספּינאָזאָ געווען דער דאָזיקער אביעקט. ער האָט עס ניט געקענט זיין, ווייל לויט אַלע וואַרשיינלאַכקייטן האָט ספּינאָזאָ'ן געפעלט דער עראָטישער אינסטינקט. ווילן מיר אָבער אויסמיידן מאָמענטן פון פּסיכאָלאָגישער וואַרשיינלאַכקייטן און זיך ווענדן צום מקור גופא — דאַן געפינען מיר פאָלגנדע, זייער ווויכטי־קע קוועלע.

אן ערך, 1660, נאָך זייענדיק אין ענדענס הויז שרייבט ספּינאָזא

זיין קורצן טראַקטאַט „פון גאָט, מענטש און זיין גערעכטיקייט“. ער האָט אים געשריבן שוין לאַטיין; אַ באַווייז ווי שנעל ער האָט באַהערשט די שפּראַך. ליידער איז דער אָריגינאַל פאַרפאַלן געגאַנגען און אונז איז באַקאַנט נאָר די האָלענדישע איבערזעצונג.

אין דעם דאָזיקן טראַקטאַט רעדט ספּינאָזאַ אַסך פון ליבע.

„דער וואָס האָט ליב פאַרגייענדיקע וועזנס, איז זייער עלנד“ — שרייבט דאָרט ספּינאָזאַ — דער שכל לערנט אונז אויסמיידן אַזעלכע ליבעס און מיר דאַרפן זיך פון זיי אָפּזאָגן, ווייל אין דער ליבע איז באַהאַלטן פּיין און סם“.

„די ליבע צו אַ וועזן וואָס איז פאַרגענגלאַך (ד. ה. צו אַ מענטשן) איז דער קוואַל פון אַסך שלעכטס און די ליבע צו גאָט איז דער קוואַל פון אַסך גוטס“.

די דאָזיקע געדאַנקען שפּיגלען אָפּ ספּינאָזאַ'ס קוק אויף ליבע, און עס איז דאַך אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז עס איז זעלטן צו געפינען אַ דיינקער ביי וועמען געדאַנק און טאַט, ווערטער און מעשים זאָלן זיך אַזוי האַרמאָניזירן ווי ביי ספּינאָזאַ'ן.

ווען מיר וועלן אפילו אָננעמען די השערה פון איינעם פון די וויכטיקסטע ביאָגראַפן פון ספּינאָזאַ (פרידנטאַל), אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז אַ ליבעס נייגונג צו דער אינטערעסאַנטער טאָכטער פון דר. ענדענס האָט זיך געקענט אַנטפּלעקן ביי ספּיאָזאַ'ן, און ער האָט זי אפשר ניט אויסגעדריקט (ער איז געווען יונג און דאָס באַהערשן פון געפילן איז ניט געווען נאָך אַזוי לייכט פאַר אים צו יענער צייט!) דאָך האָט וועגן חתונה האָבן ניט געקענט זיין קיין רייד.

אין ספּינאָזאַ'ס לעבן האָט מ אַ ר י אַ ק ל אַ ר אַ קיין וועזנטלאַכע ראָלע ניט געשפּילט און בכלל איז ספּינאָזאַ'ס לעבן אַ לעבן אין וועלכן פרויען זיינען ניט אַנוועזנד, און די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט האָט משמעות ניט געלאָזט רוען די בעלעטריסטישע ביאָגראַפן, וועלכע קענען זיך אַזאַ לעבן ניט פאַרשטעלן, און זיי האָבן אויך זיין לעבן געוואָלט באַצירן מיט דעם שאַבלאָנעם רעקוויזיט פון אַן אומגליקלאַכע ליבע, וואָס זאָל באַוואַסערן מיט לאַקריץ־זיסער ראָמאַנטיק די מאָנומענטאַלע אין אירער שטילקייט און הייליק אין איר פּשטות לעבנס־געשיכטע פון דעם וועלט באַנעמער.

דער „מלאך הגואל" האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט איר פאַטער'ס א תלמיד און ספּינאָזאָ'ס א חבר. דאָס איז געווען דאָק־טאר דירק קערקרינג. ער איז געווען זייער רייך און דאָס האָט נעגעבן ווייטער די געלעגנהייט צו שפּינען א צווייטע לעגענדע וועגן די ליבעס באַציאונגען צווישן ספּינאָזאָ און ענדען'ס טאָכטער. דער שוין אָפּטמאָל דערמאָנטער קאָלערוס ווייס צו דערציילן אז דער דאָזיקער דאקטאר האָט אפּגעקויפט מיט א בריליאַנטענעם פינגערל דאָס הארץ פון דער מיידל. די דאָזיקע מעשה איז אים נויטיק, כדי צו באַווייזן אז ספּינאָזאָ האָט ניט געקענט חתונה האָבן מיט זיין רבינס טאָכטער, ווייל ער איז געווען ארעם.

עס איז אָבער ניט מער ווי א לעגענדע.

דער גוט אינפאָרמירטער בוכהאנדלער, ריאָווערטש, דערציילט אונז, אז „ספּינאָזא האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזן קיין נייגונגען צו חתונה האָבן". דערמיט פאַלט אָפּ דער פּרואוו צו שילדערן ספּינאָזאָ פאַר א קרבן פון סאָציאַלן אומ'יושר און דערביי ווארפן א פלעק אויף דעם „מלאך הגואל", דעם גייסטרייכן „וואונדערקינד" פון דאקטאר ענדענס, וואָס האָט זיך כלומרשט פאַרקויפט פאַר געלט.

עס איז כדאי צו באַמערקן אז דער פאָרמאַלער קאַטוילער און פּאַקטישער אפּיקורס ענדענס האָט דאָך ניט געוואָלט האָבן אן איידים א פּראָטעסטאַנט, און יענער האָט זיך געמוזט שמד'ן און ערשט דאמאָלט איז דער שידוך צושטאנד געקומען.

ענדענס איידים איז געווען זייער באַפריינדעט מיט ספּינאָזאָ'ן. ער האָט אים געשיינקט זיינע צאָלרייכע מעדיציינישע ווערק און בכלל ארויסגעוויזן א גרויסן יראת הכבוד פאַר ספּינאָזאָ'ן. אין ענדענס קרייז באַווייזט זיך דאָקטאר קערקרינג אין 1657, דאָס מיינט כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס ספּינאָזאָ.

אין דר. ענדענס קרייז געפינט ספּינאָזאָ נאָך א פּאָר נייע פריינט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען א פּאָר אינטערעסאנטע טיפּן. אזוי טרעפן מיר דאָרטן דעם דאָקטאר יאָהאנעס באומייסטער, א מענטשן מיט גרויס בילדונג, א פלאַמענדיקן רעדנער, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַפרייען פון כישוף פון וואָרט און איז געווען א מין האָלענדישער האמלעט פון 17טן יאָרהונדערט: אסך גערעדט און ווייניק געטאָן.

די צוויי ברידער, אדריאַן און יאהאנעס קערבאגס, האָבן שטאָל־צירט מיט ספינאָזאַ׳ס פריינטשאפט. דער ערשטער האָט שטו־דירט מעדיצין און יוריספרודענץ, דער צווייטער טעאָלאָגיע. זייענדיק פון דייטשער אָפּשטאַמונג האָבן די צוויי ברידער געקענט ספינאָזאַ׳ן ברענגען נענטער צו דער דאַמאָלסטדיקער דייטשער ליטעראַטור.

אינטימער איז געוואָרן די פריינטשאַפט צווישן ספינאָזאַ׳ן און דעם שווין־דערמאָנטן דאָקטאָר, לודוויק מעייער.

מעייער איז געווען אַ קאַרטעזיאַנער, האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק און האָט דעריבער אָסך אַרויסגעהאָלפן ספינאָזאַ׳ן אין באַקומען די נויטיקע ביכער. אַ מענטש אַ פּראַקטישער, זייער אַ פאַרזיכטיקער, האָט ער געוואָלט זיך כשר׳ן אין אַלע לאַגערן. ער האָט זיך דעריבער באַמיט ניט אַרויסטראָגן אין גאַס זיין פריינט־שאַפט מיט ספינאָזאַ, און דאָס האָבן אים פילע פאַרגעוואָרפן. ער האָט זיך שפּעטער געוואַרעמט אין דער ליכטיקייט פון ספינאָזאַ׳ס נאָמען און אין זיין זכות איז מעייערס נאָמען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון פולשטענדיקן פאַרגעסן ווערן.

דערווייל האָבן זיך אויף ספינאָזאַ׳ס הימל אָנגערוקט נייע וואָלקנס. די ידיעה אַז ספינאָזאַ געפינט זיך אין אַמסטערדאַם אין דעם „נעסט פון אפיקורס" האָט ניט געלאָזט רוען די דאָרטיקע מנהיגים פון דער קהילה.

סוף 1659 האָט שאול מאַרטיירא זיך געווענדעט צו אַמסטער־דאַמער בירגערמייסטער מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל צווינגען ספינאָ־זאַ׳ן פאַרלאָזן די שטאָט, ווייל זיינע באַציאונגען מיט די קאָלעגיאַנטן און אַנדערע אפיקורסים ערגערן די שטאָט בכלל און די אידן בפרט.

דער בירגערמייסטער האָט איינגעזען אַז די בקשה איז אַ גערעכטע, ווייל זי קומט פון דעם אַלטן, בכבוד׳יקן רב, וואָס איז געווען פון אַלעמען געאַכטעט, און האָט דעריבער באַפוילן, אַז ספינאָזאַ זאָל פאַרלאָזן אַמסטערדאַם.

געקענט האָט עס געשען אָנפאַנג 1660, ווייל גראַד צו יענער צייט איז שאול מאַרטיירא געשטאָרבן (פעברואַר 1660). עס האָט אים מספּיד געווען ספינאָזאַ׳ס שוואָגער, שמואל דע קאַזערעז, מיט

וועלכן דער פילאָזאָף איז אין קיין שום באַרירונג מער ניט געקומען.

נאָוועמבער 1660 שטאַרבט דער שוואָגער זיינער און ספּינאָזאָ פאַרלאָזט כמעט אין דער זעלבער צייט אַמסטערדאַם.

ער האָט שוין אונטער זיך אַ לעבן מיט דערפאַרונגען. ער האָט שוין אָנגעוואָרפן אויף פּאַפּיר אין צוויי קורצע טראַקטאַטן די ערשטע געדאַנקען זיינע, סיסטעמאַטיש קאָנסטרואירט. עס וועט נאָך זיין וועגן זיי די רייד.

נאָך פינף יאָר לערנען ביי דאָקטאָר ענדענס האָט ער אַרויסגע־טראָגן אַ גרינדלעכע קענטעניש פון לאַטיין, אַ ווינציקערע — אין גריכיש.

מאַטעמאַטיק האָט ער געלערנט ביי ענדענס' אַן אַסיסטענט, אַן איטאַליענער. ידיעות אין מעדיצין, גאָרנישט קיין דילעטאַנטישע, האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם דאָקטאָר ענדענס גופא.

פיזיקער לויבן זיינע בקיאות אויף דעם געביט פון פיזיק. ער האָט אַפילו זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק אָנצושרייבן אַ לער־בוך פון אַלגעברע.

מיט איין וואָרט, דער 28 יאָריקער ברוך ספּינאָזאָ האָט פאַרלאָזן אַמסטערדאַם וויסנשאַפטלעך גוט באַוואָפנט, צוגעגרייט צו די אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך שוין געשטעלט צו יענער צייט, ווען ער איז געווען אין אַמסטערדאַם.

סוף 1660, אָדער שפּעטסטנס, אָנפאַנג 1661, באַזעצט זיך ספּי־נאָזאָ אין אַ שטעטל, ר י י נ ס ב ו ר ג.

ער פאַרגעסט וועגן דעם, וואָס איז געווען און גיט זיך איבער אין רשות פון וועלט פון דיינקען.

אין א פאַרוואָרפענעם ווינקל

דאָס „פאַרוואָרפענע ווינקל", וואו ספינאָזאַ האָט זיך באַזעצט, נאָך דעם ווי דער אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט האָט אים באַפוילן פאַרלאָזן די שטאָט — איז געווען א קליין שטעטל מיטן נאָמען ר י י נ ס ב ו ר ג.

דאָס שטעטל האָט געהאַט איין הויפּט־גאַס מיט א לאַנגער ריי פון לאַגווייליקע ציגל־רויטע הייזלאַך, וואָס האָבן זיך סאָלידאַריש אָנגעשפּאַרט איינע אָן די אַנדערע און צוזאַמען געדרעמלט אין שאָטן פון אַרבעטסזאַמער צופרידנהייט, פרומער זיכערקייט און שטילער פאַרטראַכטקייט.

דאָס שטעטל האָט געהאַט א דערהויבענע טראַדיציע און א פאַרגליווערטע אַלטקייט וואָס האָט נאָך געשטשירעט מיט די לעצטע ציין פון א חרוב געוואָרענעם שלאָס.

מענטשן האָבן דאָרט שווער געהאָרעוועט; געזייט און געשניטן אין שווייס פון זייער פּנים די אין משך פון דורות אויסגעדרעסירטער אַרבעט. אין די טעג פון רו פלעגן זיי זינגען מיט מאָנאָטאָנע ניגונים תהילים און לויב תפילות צו דעם, וואָס האָט זיי אָנגעפילט מיט פרייד פון אַרבעט און באַלוינט מיט געדולד אַלס א שכר און ניט געלאָזט אַז די הערצער זאָלן פאַרפירט ווערן פון ניט רעאַליזירבאַרע, אָפּט מאָל נישטיקע און געפערלאַכע חלומות און שטרעבונגען.

פון די פענסטער האָט מען געזען די רחבות'דיקע פעלדער און די ברייטע לאָנקעס, צושניטן מיט קאַנאַלן. ניט ווייט פון דאָרט האָט זיך רואיק געשלענגלט דער „אַלטער ריין". זיין לאַנגזאַם פליסן גראָד דאָ אין דער ריכטונג פון ראָטערדאַם האָט געהאַט איר סיבה. ציענדיק זיך מיט שמאָלע פּאַסן אין ים אַריין האָט דער ריין דאָ פאַרלאָרן זיין שנעלע טעמפּאָ און זיינע שטאָלצע כוואַליעס—אַזוי

ווי א מענטש וואָס ווייס אז אָט איז ער ביים ברעג פו זיין ציל, וואָס די נאַטור האָט אים באַשטימט — און דעריבער איילט ער זיך ניט, ווייל עס איז ניטאָ צו וואָס און נאָך וואָס זיך איילן, אזוי האָט דער „אַלטער רייך" זיך דאָ ניט געאיילט אזוי מיט זיינע שטראָמען, ווייל ער האָט געוואוסט, אז זיין אויפגאַבע איז ביים ברעג פון אויספילן זיך, און ער האָט מער גאַרנישט וואָס צו טאָן, ווי אריינפאַלן אין ים אריין. לוינט דען די מי זיך צו איילן—טראַכטן די וואַסערן — מען קען דאָך צום אומפאַרמיידלאַכן ציל גיין לאַנגזאַם, רואיק און באַשיידן!

אויף א זייטיק געסל פון שטעטל ריינסבורג איז געשטאַנען אַן איין גאָרנדיק הייזל, וואָס האָט געהערט צום דאָרטיקן בירורג הערמאַן האמאַן. אויפן פאַרטער האָט געוואוינט ברוך ספינאזא. ער האָט פאַרנומען א גרוים, ליכטיק צימער און א קליין אַלקערל, מסתמא פאַר זיין ביבליאָטעק און ארבעטס צימער.

פון די פענסטער האָט מען געזען א טיפּישן האָלענדישן פייזאזש וואָס האָט געוועבט אין הארצן געפילן פון רואיקייט, שטילקייט און געפירט דעם מענטשן אויף די וועגן פון פאַרטראַכטן זיך איבער די נאַטור און איר באַשאַפער.

די נאַטור איז דאָרטן געווען אַן לײדנשאַפטן; קלאָר און ציל-באַוואוסט, און דער דאָרטיקער מענטש האָט לויט זיין מהות אָפּגעשפּיגלט אין זיך דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער שטילער נאַטור.

און די איינוואוינער מערסטנטייל פּויערים און בעל־מלאכות, גאָטספאָרכטיקע און געלאַסענע מיט די פּראַכטפולע שטאַרקע פּנים'ער, וואָס זיינען פאַראייביקט געוואָרן אין וואַן־האַלז'ס טיפּע פאָרטרעטן!

און די קינדער, בלאָנדקעפּיקע, מיט האָר ווי פלאַקס, שטענדיק פרייליכע, אָן זאָרגן, האָבן זיך געהאָדעוועט פריי און לוסטיק אונטערן רואיקן האָלענדישן הימל!

ווער ווייס וויפיל נחת האָט געשעפּט ספינאָזאָ פו די קינדערשע קולות און ניט געצוימטן געלעכטער, צו וועלכן ער האָט זיך געקענט צוהערן פון זיין פענסטער און פון די פּנים'ער וואָס ער האָט געקאָנט זען אויפן לײדיקן פלאַץ אנטקעגן זיין הויז?

אין שטעטל האָט מען ספינאָזאָ'ן ליב געהאָט. בייל, איינער

מענדעס דא קאסטא: ספינאָזא דער נזיר (האַג, 1909)

פון די ערשטע ביאגראַפן זיינע וווייסט צו דערציילן אז: „די יעניקע", וואָס זיינען געקומען אין א באַרירונג מיט ספּינאָזאַ'ן ווי אויך די פויערן פון די דערפער, וואו ער האָט געלעבט א געוויסע צייט צוריקגעצויגן — שטימען איין, אז ער איז געווען א מענטש מיט וועלכן מען האָט געקענט גאָר גוט פאַרברענגען, ווייל ער איז געווען פריינדלאַך, גערעכט, איידל און זייער באַשיידן מיט זיין אַרט לעבן".

אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט האָט ספּינאָזאַ אָנגעהויבן זייער ענערגיש צו אַרבעטן. דאָ האָט ער פאַרענדיקט זיין טראַקטאַט איבער „גאָט, מענטש און זיין גליקזעליקייט", וואָס ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן אין אַמסטערדאַם.

א האָלענדישע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן טראַקטאַט האָט מען געפונען ערשט אין 1852. דער לאַטיינישער אָריגינאַל איז, ליידער, פאַרלאָרן געגאַנגען.

דער דאָזיקער טראַקטאַט איז א רעזולטאַט פון א לאַנגן פאַר־טראַכטן זיך; איז אָבער אויסגעדריקט נאָך אין א רויער, ניט רייפער פאָרמע. ספּינאָזאַ האָט קיין גרויס געוויכט אויף די דאָזיקע ערשטע אַרבעט זיינע ניט געלייגט, ווייל ער האָט לכתחילה זי ניט באַשטימט אויף צו דרוקן.

לויט דער כאַראַקטעריסטיק פון פ ר ו י ד ע נ ט א ל איז דער דאָזיקער טראַקטאַט אין פאַרגלייך מיט דער „עטיק" — אַזוי ווי אַן אויף שנעל אויפגעשטעלט הייזל צו א פּראַכטפולן פּאַלאַץ וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן לויט א פעסטן פּלאַן פון א גרויסן מייסטער.

די ערשטע אַרבעט זיינע האָט בולטע סימנים פון גרויסער אָנשטריינגונג. ספּינאָזאַ האָט אַסך געשליפן, געענדערט, איבער־געאַרבעט — און דאָך איז די אַרבעט געבליבן א שוואַכע. עס פעלט נאָך די קאָנסטרוקציע אין פאָרמע און די האַרמאָניע אין געדאַנק. דער איינזאַמער פילאָזאָף האָט נאָך ניט גובר געווען אין זיך די פאַרשיידענע סתירות, וואָס זיינען נאָך אַזוי שטאַרק קאָנטיק אין „טראַקטאַט".

עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אז אויך די תלמידים און

אָנהייבנגער זיינע האָבן געהאַט א האַנט אין דעם רעדאַקטירן פון „טראַקטאַט" — און אַסך גרייזן וואָלט מען גיכער באַדאַרפט צוצושרייבן די איבערשרייבער פון מאַנוסקריפּט (דעם אָריגינאַל האָט מען דאָך בכלל ניט געפונען!) איידער דעם מחבר.

עס זיינען פאַראַן אָבער אין דער ערשטער שריפט זיינער זייער וויכטיקע עלעמענטן פאַר דער געשיכטע פון ספּינאָזאַ'ס אַנטוויקלונג. קודם כל איז צו זען אַז ער האָט זיך פון זיינע „אַפּיקורסישע" געדאַנקען לחלוטין ניט אָפּגעזאָגט. ער איז אָבער געוואָרן אַסך פאָזיטיקער אין אויסדריקן זייע געדאַנקען, ווייל ער האָט געפילט אַז די רדיפות וועלן אים צושטערן זיינע פּלענער, וואָס האָבן שוין צו יענער צייט באַהערשט זיין מוח.

דעריבער האָט ער ניט געוואָלט אַז זיינע געדאַנקען זאָלן ארויס־גיין פון דעם איינגן קרייז פון פריינט און תלמידים, צו וועלכע ער האָט געהאַט צוטרוי און גלויבן.

צום סוף פו זיין טראַקטאַט זאָגט ספּינאָזאַ אַזוי:

„עס בלייבט מיר צום סוף כדי אָפּצושליסן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, צו זאָגן מיינע פריינט, פאַר וועלכע איך שרייב עס דאָס פאָלגנדע: איר זאָלט זיך ניט וואונדערן איבער די דאָזיקע נייע לערע, ווייל אייך איז זייער גוט באַקאַנט, אַז א זאַך הערט ניט אויף צו זיין אמת צוליב דעם, וואָס די מערהייט אנערקענט זי ניט. און ווייל אייך זענען באַקאַנט די באַדינגונגען פון דער תקופה אין וועלכע מיר לעבן, דעריבער וויל איך אייך זייער שטאַרק בעטן, אַז וואָס איז שייך דעם מיטטיילן פון די ענינים פאַר אַנדערע, זאָלט איר זיין פאָרזיכטיק. איך וויל ניט זאָגן, אַז איר זאָלט זיי איינגאַנצן נאָר באַהאַלטן פאַר זיך. אָבער ווען איר וועט אָנהויבן זיי אימיצן מיטצוטיילן, זאָל אייך קיין אַנדער כונה ניט פירן, ווי די רפואה פון אייער נאָענטסטן. דערביי זאָלט איר פון זיין צד זיין פאָרזיכערט אַז די באַלויונג פאַר אייער ארבעט וועט אייך ניט אויסמיידן. צום סוף וויל איך אייך בעטן, אַז בעת איר וועט לייענען די דאָזיקע שריפט און איר וועט האָבן עפּעס אויסצוזעצן געגן דעם, וואָס איך האָב פאַר זיכער, זאָלט איר זיך ניט איילן מיט אַן אָפּלייקענונג ביז איר וועט האָבן גענוג צייט און מאָטיוון אריינטראַכטן זיך אין דעם ענין. ווען איר דאָס טאָן, דאַן וועל

איך האָבן די זיכערקייט, אז איר וועט דערגרייכן און געניסן פון די פרוכטן פון די בוימער אזוי ווי איר האָט אליין דערוואַרט.״

פון דער אביסל ניט קלאָר געשריבענער נאָכוואָרט איז צו זען אז ספינאָזאַ האָט קודם כל געשריבן זיין ערשטע ארבעט גאָר פאר יחידים, נאָענטע מענטשן, און אז ער האָט זיך אויך, אָפּגעגעבן א פולן דין וחשבון אז זיין טראַקטאַט איז נאָך ניט קיין רייפע פילאָ־זאָפישע ארבעט, דעריבער דאַרפן זיינע פריינט און תלמידים, ניט פאָדערן פון דער ארבעט מער וויפיל זי גיט.

גלייכצייטיק איז צו זען פון דעם נאָכוואָרט אז ספינאָזאָ איז שוין צו יענער צייט געווען אן אויטאָריטעט אין גאָר ברייטע קרייזן וואו מען האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט זיינעם מיט צוטרוי און גלויבן, וואָס ער האָט ניט געוואָלט דולדן, ווייל אין דעם האָט ער איינגעזען דעם זעלבן חטא פון אומקריטישקייט וועלכן ער האָט פאַרגעוואָרפן די טעאָלאָגן און גייסטלאָכע פון אלע אמונות.

דאָן איז פאַראַן אין דעם נאָכוואָרט א טאָן פון א לערער וואָס מוסר׳ט די תלמידים, אז זיי זאָלן זיך ניט איילן מיט זייער קריטיק, ביז זיי וועלן דעם ענין גוט ניט איבערטראַכטן. דאָס באַווייזט אויך ווי מען האָט זיך צוגעהערט צו א מענטשן, וועלכער האָט איינגטלאָך נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסווייזן לומדות, טיפקייט און האָט נאָך גאָר ניט אָנגעשריבן. אפשר האָט ספינאָזאַ דער בעל־פּה זיך דערוואָרבן אזאַ נאָמען אין דעם קאָלעגיאַנטן קרייז אין אמסטערדאַם?

דער טאָן פון נאָכוואָרט באַווייזט אז דער טראַקטאַט איז ניט אַנטשטאַנען אין אמסטערדאַם. מיר ווייסן אבער, אז ספינאָזאַ האָט שוין אין אמסטערדאַם פאַרטראַכט די דאָזיקע ארבעט זיינע. דער וואַנדערונגס־כאַראַקטער פון שלום וואָרט באַווייזט אָבער, אז פאַרענדיקט האָט ער דעם „טראַקטאַט״ ווייט פון אמסטערדאַם, ד. ה. אין ריינסבורג.

גלייכצייטיק האָט ספינאָזאַ אָנגעהויבן צו ארבעטן איבער זיין צווייטער ארבעט: „וועגן דער אויסבעסערונג פון שכל״.
(De intellectus emendatione).

סוף 1661 האָט ער געשריבן צו א פריינד זיינעם אז ער האָט

איבער דער פראגע פארפאסט א קליין ווערק און ער איז איצט באשעפטיקט מיט דער „דארשטעלונג און מיטן פיילן."

די הקדמה צו דער דאָזיקער צווייטער שריפט פון ספינאָזאָ האָט אזאַ גרויסע אויטאָביאָגראפישע באדייטונג, אז עס איז נויטיק צו ברייגען די וויכטיקסטע שטעלן:

„נאָך דעם ווי די דערפארונג האָט מיר געלערנט — שרייבט ספינאָזאָ — אז אלץ וואָס עס געשעט אין טאָג־טעגלאכן לעבן איז אייטל און נישטיק; ווען איך האָב פארשטאַנען, אז אלץ, פארוואָס איך האָב זיך געשראָקן איז אויף אזוי פיל גוט אָדער שלעכט, אויף וויפיל אונזער געמיט ווערט דערפון גערעגט — האָב איך ענדלאָך באשלאָסן אויספאָרשן, אויב עס איז ערגעץ וואו פאראַן אזוינס וואָס איז דאָס אמת'ע גוטע און דאָס איינשאפן זיך פון אים, וועט מיר אלעמאָל פארזיכערן אַ שטענדיקע, הויכע פרייד... איך האָב זיך די זאך איבערגעטראכט אויב עס וואָלט באמת מעגלאך געווען צו דערגרייכן אזאַ נייעם לעבנס נוסח אָדער לכל הפחות א זיכערקייט דערפון — ניט ענדערנדיק דעם סדר און דעם געוויינלאכן גאנג פון מיין לעבן. אָפט האָב איך עס אָבער אומזיסט פרובירט, דען אלץ, וואָס מיר באגעגענען אין אונזער לעבן און וואָס ווערט פון דעם מענטשן אנערקענט פאר דאָס העכסטע — קען צוריקגעפירט ווערן צו דריי זאכן: עשירות, כבוד און ליידנשאפטלאכע לוסט. די דאָזיקע דריי זאכן באשעפטיקן אזוי דעם מוח, אז זיי דערלויבן ניט צו טראַכטן וועגן אַן אנדערער גוטער זאך".

„...נאָכטראַכטנדיק לאַנג בין איך געקומען צום אויספיר אז ווען איך וואָלט געקענט ביי זיך טיף באשליסן דאַמאָלסט וואָלט איך אוועקגעוואָרפן די אומצווייפלהאַפטע שלעכטע זאַך פאר דער אומצווייפלהאַפטער גוטער זאַך. איך האָב זיך דאַמאָלסט דערזען אין דער העכסטער געפאר און מיט אלע מיינע כוחות בין איך געווען געצוואונגען צו זוכן א הייל־מיטל ווען אפילו ניט קיין זיכערן, אזוי ווי א שווערער קראַנקער, וואָס פילט דעם זיכערן טויט פאר די אויגן, אויב ער וועט ניט אָנווענדן דעם הייל־מיטל און איז געצוואונגען זיך אנכאַפּן מיט דער גרעסטער אָנשטריינגונג אפילו פאר א ניט זיכערן מיטל, ווייל אויף אים בויט ער זיין גאַנצע האָפנונג".

„אלץ וואָס דער המון באגערט צו האָבן איז ניט קיין הילף פאר

אונזער עקזיסטענץ, נאָר פאַרקערט: דאָס איז אַ שטערונג פאַר איר און איז אַפּטמאָל די סיבה פון אונטערגאַנג פון די מענטשן, וואָס באַזיצן זי און איז שטענדיק די סיבה פון אונטערגאַנג פון די וואָס זיינען באַהערשט פון די באַגערנס".

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען אין איינלייטונג צו ספּינאָזאַ'ס גענייאַלער לערע פון עטיק. דער אמת'ער געדאַנק איז, אַז דער, וואָס טראַכט ניט וועגן ענינים וועלכע רופן אַרויס אין מענטשנס נשמה געפילן און אַפעקטן, דער איז עטיש. ווייל געפילן זיינען אַזוי ווי מעטעאָרן, וואָס לויפן שנעל פאַרביי. כל זמן דער געפיל פון גוטס אָדער שלעכטס איז אָפּהייגניק פון מאָמענטאַנעם געפיל און איז איינג פאַרבונדן מיט באַגער און פערזענלאַכן ווילן אָדער ווידערווילן — אַזוי לאַנג וועט ניט קענען עקזיסטירן דער באַגריף: וואָס מיינט גוט און וואָס מיינט שלעכט?

פון דעם דאָזיקן אַנטוואורף־געדאַנק וואָס איז אויסגעדריקט אין דער הקדמה צו דער שריפט איבער דער „פאַרבעסערונג פון פאַר־שטאַנד", פירט שוין דער וועג צו די ברייטע, טיפע און מאַיעס־טעטישע האָריזאָנטן פון דער „עטיק".

די דאָזיקע אַרבעט איז, ליידער, ניט געבליבן פאַרענדיקט. אין דער איינלייטונג פון די אַרויסגעבערס צו ספּינאָזאַ'ס ווערק וואָס זיינען דערשינען נאָך זיין טויט ווערט געזאָגט אַז „פאַרשידענע אַנדערע באַשעפטיקונגען האָבן אים געשטערט, און צום סוף איז ער דורכ'ן טויט אַוועקגעריסן געוואָרן".

דאַגעגן אין אַנאַנדער אָרט לייענען מיר, אַז ספּינאָזאַ האָט ניט פאַרענדיקט די דאָזיקע ערשטע אָ ר י ג י נ ע ל ע אַרבעט זיינע, ווייל ער האָט זיך נאָך ניט געפילט בכח צו באַווייזן דאָס, וואָס ער האָט שוין אינטואיטיוו דאָרטן אָנגעוואָרפן. ער האָט באַשלאָסן זיך גרייטן צו דער דאָזיקער אַרבעט, פאַרטיפן זיין וויסן, און דעריבער האָט ער דערווייל אָפּגעלייגט די אַרבעט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז די גרונד־פּרינציפּן פון אַן עטיק מוזן באַוויזן ווערן מיט דער געאָ־מעטרישע מעטאָדע, אויפגעבויט אויף אייביקע געזעצן, וואָס קענען ניט געמינערט אָדער באַשטריטן ווערן אין משך פון צייט.

שוין ביי ד ע ק א ר ט ן האָט ספּינאָזאַ געפונען אַ מוסטער פון באַנוצן זיך מיט אַ מאַטעמאַטישער מעטאָדע אין דער פילאָזאָ־

פיע. צו יענער צייט דאטירט זיך זיין ארבעט איבער דעקארט׳ס פילאָזאָפיע. די דאָזיקע ארבעט איז איינג פארבונדן מיט אַן עפּיזאָד אין זיין ריינסבורגער לעבן. עס איז געקומען צו אים צו גאַסט א סטודענט פון טעאָלאָגיע מיט׳ן נאָמען קאזעאָריוס, און געבעטען אז ער זאָל אים דערקלערן דעקארט׳ס פילאָזאָפיע. ספּינאָזא האָט אָנגענומען דער פאָרשלאַג און פון דער ארבעט מיט׳ן תלמיד איז אַנטשטאַנען אַן ארבעט איבער דעקארטן, וואָס האָט געהאַט א געוויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דעם פילאָזאָף.

קאזעאריום

דער ערשטער, וואָס האָט ספּינאָזאַ'ן איבערגעריסן די שעפערי־שע איינזאַמקייט אין דער שטעטל ריינסבורג איז געווען אַ סטודענט מיט'ן נאָמען קאַזעאַריוס.

יאָהאַנעס קאַזעאַריוס איז געבאָרן אין אַמסטערדאַם, אין יאָר 1642. ער האָט שטודירט טעאָלאָגיע אין לײדענער אוניווערסיטעט און האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע. פון לײדען פלעגן סטודענטן קומען קיין ריינסבורג וואו עס איז געווען אַ קאָלעגיאַנטן גרופּע, וואָס האָט געפירט דיסקוסיעס וועגן רעליגיע, פּונקט ווי אין אַמסטערדאַם. אויך קאַזעאַריוס געפינט זיך צווישן די דיסקוטאַנטן. ער האָט זיך דערוואוסט אַז ספּינאָזאַ וואוינט אין ריינסבורג. ער האָט אים באַזוכט און געבעטן ער זאָל אים דער־קלערן די יסודות פון דער קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפיע. ספּינאָזאַ האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אַ לערער־פּאָפּולאַריזאַטאָר, נאָר ווייל גראַד צו יענער צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן אָנצושרייבן אַן אַרבעט איבער דעקאַרט'ס פילאָזאָפיע. דער פאָרשלאָג פון דעם סטודענט פון טעאָלאָגיע איז אים געווען צו האַנט, ווייל ער האָט אים דיקטירט, און אויף אַזאַ אופן איז אַנשטאַנען די אַרבעט איבער „דעקאַרט'ס פּרינציפּן פון פילאָזאָפיע".

אַלס תלמיד האָט זיך קאַזעאַריוס מיט גאָרניט ניט אויסגעצייכנט. צי האָט ער באַנומען די פּראָבלעמען, וואָס דער לערער האָט אים דערקלערט צי ניט, דאָס איז ניט וויכטיק; וויכטיק איז אַז קאַזעאַריוס האָט געוואָלט זיין מער ווי אַ תלמיד. ער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו געווינען דעם מייסטער'ס צוטרוי און פריינטשאַפט און ווערן אַן אייגענער מענטש ביי ספּינאָזאַ.

ספינאָזא האָט אים אָבער ריכטיק אָפּגעשאַצט. קאַזעאַריוס האָט זיך אויסגעצייכנט מער מיט נייגעריקייט איידער מיט וויסנגירי־קייט. ער האָט משמעות געוואָלט זייער שטאַרק זיין חיימיש מיט ספּינאָזא׳ס אינטימער וועלט פון געדאַנקען און פון פּלענער. דער מייסטער איז אָבער געווען א פאַרשלאָסענער אין זיך; ניט יעדערן האָט ער צוגעלאָזן צו זיך, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אז זיין לערע זאָל ווערן צוגענגלאַך פאַר מענטשן, וואָס לויפן נאָך הערן „אפּיקור־סישע" געדאַנקען און שפּעטער דורך פאַרשפּרייטן זיי אין ניט קיין פּאַסיקע קרייזן — ארויסרופן א נייעם קוואַל פון צרות און רדיפות אויף אים.

עס איז ניט געווען קיין שרעק פאַר א פאַרפאָלגונג און ניט קיין שטאָלצע גאוה פון א דיינקער, וואָס מיינט אז עס זיינען נאָך ניטאָ אזעלכע גייסטער, וואָס מען קאָן פאַרטרויען דאָס, וואָס ער דיינקט. גיכער איז דאָס געווען א באַוואוסטזיין אז די מענטשן, וואָס גאַרן זיך צו אים און ווילן הערן זיין תורה זיינען דערצו ניט געקומען פון אינערלאַכער נויטווענדיקייט, נאָר מער אויסערלאַך, צוליב דער „סקאַנדאַל" שטימונג ארום אים.

האָבן אָבער די געטרייע חסידים זיינע אין אמסטערדאַם גאָר אנדערש געקוקט אויף דעם קאַזעאַריוס. זיי, וואָס האָבן געביינקט נאָך ספּינאָזא׳ן און האָבן געלעבט מיט זיין וועלט; זיי, די איבער־געבנסטע, צו וועמען ער פלעגט שיקן פון זיין פאַרוואָרפן היים די מאַנוסקריפּטן זיינע, וועלכע מ׳האָט דאָרט פלייסיק שטודירט און קאָמענטירט — זיי האָבן ניט געקאָנט האָבן די זכיה צו הערן זיין וואָרט פּערזענלאַך!

און דאָ עפּעס א קאַזעאַריוס, אַן אומבאַקאַנטער, פרעמדער מענטש איז אזוי גליקלאַך! ער וואוינט ביי ספּינאָזא׳ן אדער ניט וויים פון אים; ער זעט אים יעדן טאָג און מען פירט לאַנגע, טיפע ויכוחים און געשפּרעכן איבער פאַרשיידענע פילאָזאָפישע פראַגן!

האָט זיי די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן.

יאַנואַר 1663 האָט סימאָן דע וועריעז, איינער פון די אמסטער־דאַמער קאָלעגיאַנטן, אָנגעשריבן צו ספּינאָזא׳ן א בריוו, מסתמא אין נאָמען פון דער גרופּע, אז זיי זיינען מקנא דעם דאָזיקן קאַזעאַריוס, וואָס געפינט זיך שטענדיק אין דער געזעלשאַפט פון

מייסטער. מען דאַרף וויסן אַז דער דאָזיקער וואָריעז איז געווען ספּינאָזאַ׳ס מעצענאַט. ער האָט אַפילו אים געוואָלט אַפּשרייבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, נאָר ספּינאָזאַ האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און האָט אים באַוואויגן צו פאַרשרייבן די ירושה לטובת וואָריעז׳ס אַ ברודער. ספּינאָזאַ פלעגט באַקומען פון סימאָן דע וואָריעז 300 גולדן יערלאַך, וואָס האָט בשום אופן ניט געקענט סטאַ־יען אויף אַ לעבן. די דאָזיקע סומע איז געווען מער אַן אויסדרוק פון אַ פאַרפליכטונג, וואָס ספּינאָזאַ האָט סוף כל סוף אָנגענומען.

דע וואָריעז האָט אויך אויסגעהאַלטן דעם קאָלעגיום אין אַמסטער־דאַם, וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען און שטודירן ספּינאָזאַ׳ן (געגר. 1663-1662).

אים האָט ספּינאָזאַ געענטפערט (פעברואַר 1663) אין אַ בריוו, אַז די קנאה וועגן קאַזעאַריוס׳ן איז אַ ניט באַרעכטיקטע.

„האָסט קיין שום גרונט ניט קאַזעאַריוס׳ן מקנא צו זיין, ווייל קיינער איז פאַר מיר ניט אַזאַ משא ווי ער; קיינער, פון וועמען איך דאַרף טראַכטן, פאַרשאַפט מיר ניט אַזוי פיל זאָרגן ווי ער. דעריבער בעט איך דיך און אַלע אונזערע באַקאַנטע, איר זאָלט אים ערשט דאַמאָלט אָנפאַרטרויען מיינע געדאַנקען, ווען ער וועט רייף ווערן. דען איצט איז ער נאָך צו יונג און ניט זיכער און שטרעבט מער נאָך דעם, וואָס איז ניי, איידער נאָך דעם, וואָס איז אמת. דאָך האָף איך, אַז אין אַ פּאָר יאָר וועט ער פּטור ווערן פון די טעותים פון זיין אינגלישקייט. ווען איך זאָל אורטיילן לויט זיין פיייקייט, דאַן בין איך כמעט ווי זיכער, אַז אַזוי וועט זיין, און זיינע גוטע מדות באַוועגן מיר אים ליב צו האָבן“.

אין אַ בריוו צום געלערנטן אָלדענבורג, שרייבט ספּינאָזאַ (דעם 27טען יולי 1663), צווישן אַנדערע ענינים, אויך וועגן קאַזעאַריוס׳ן.

ער גיט אים צו וויסן, אַז אַ טייל פון זיין אַרבעט איבער דער קאַרטעזיאַנישער פילאָזאָפיע האָט ער געדיקטירט אַ יונגן מאַן פאַר וועמען ער האָט נאָך ניט קיין חשק צו אַנטפּלעקן זיינע אַנשוי־אונגען.

דער דאָזיקער יונגער מאַן איז וואַרשיינלאַך יאָהאַנעס קאַזעאַ־ריוס.

ספּינאָזאַ האָט זיך ניט טועה געווען בנוגע זיין תלמיד. פון אים

איז באמת אויסגעוואקסן א טיכטיקער מענטש, הגם קיין דיינקער איז ער קיינמאָל ניט געווען.

אין יאָר 1668 איז קאזעאריוס אוועק קיין אינדיע און איז דאָרט געוואָרן א פריידיקער אין א רעפאָרמירטע געמיינדע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באָטאַנישע פאָרשונגען און האָט מיטגעארבעט אין א ווערק איבער באָטאַניק. ער איז געשטאָרבן פון דיזענטעריע אין באטאוויע, אין 1677, א פּאָר חדשים פאר זיין מייסטער׳ס טויט.

ווי לאַנג האָט קאזעאריוס געוווילט ביי ספּינאָזא׳ן אין ריינסבורג איז ניט באַקאַנט. מיר ווייסן אבער אז א דאַנק דעם לערנען זענען צו־שטאַנד געקומען זיינע צוויי חלקים פון „דעקארט׳ס פּרינציפּן פון פילאָזאָפיע“ — ד אָ ס א י י נ צ י ק ע ווערק פון ספּי־נ אָ ז א ו ו אָ ס א י ז ד ע ר ש י נ ע ן ב י י ז י י ן ל ע ב ן מ י ט ד ע ם נ אָ מ ע ן פ ו נ ם מ ח ב ר. דאָס ווערק איז אפילו ניט פארענדיקט, מסתמא דערפאר, ווייל איידער דער לערער האָט פארענדיקט זיין קורס האָט דער תלמיד פארלאָזן ריינסבורג. עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן די צווייטע השערה, אז ספּינאָזא האָט אליין איבערגעריסן דעם קורס, ווייל אין אפּריל 1663 איז ער אוועק־געפאָרן קיין וואָרבורג.

די פריינט פון אמסטערדאם, צו וועלכע ער האָט געשיקט דעם מאנוסקריפּט און וועמען ער האָט אפילו אינצווישן באזוכט אויף א וואָך צייט, האָבן אים געבעטן ער זאָל פארעפנטלאכן די גאנצע ארבעט. סוף כל סוף זיינען זיי אלע געווען אָנהייגער פון דעקארט׳ס פילאָזאָפיע און האָבן געוואָלט האָבן א קריטישע אָפּשאַ־צונג פון דער דאָזיקער זייער אָנגענומענער שיטה צו יענער צייט, בפרט געשריבן פון זייערן א לערער.

ספּינאָזא האָט איינגעשטימט אויף זייער בקשה. ער האָט אָבער געשטעלט א באַדינגונג, אז אימיצער פון זיינע פריינט־תלמידים זאָל איבערקוקן דעם כתב־יד און רעדאגירן דעם סטיל. דאַן האָט ער געפאָדערט אז אין דער הקדמה צו דעם דאָזיקן ווערק זאָל זיין בפירוש געזאָגט, אז דער שרייבער האָט לחלוטין ניט בדעה צו געבן אַן אייגענע לערע, נאָר פשוט דערקלערן קריטיש דעקארט׳ס פילאָ־זאָפיע. אויב דער רעזולטאַט איז אַן אומגינסטיקער פאר דעקארט׳ן,

איז דאָס ניט זיין שולד, ווייל לײדער קאָן ער מיט אסך זיינע מיינונ־ גען ניט אײנשטימען און מוז זײ אַנערקענען פאר פאַלשע.

אין יאָר 1663 איז דאָס ווערק דערשינען אין אַמסטערדאַם, אַרויסגעגעבן פון ריאָווערטש. דער לאַטײנישער שערבלאַט פון דעם ווערק לייענט זיך אין א אידישער איבערזעצונג אזוי:

„רענאַטוס דעקאַרט׳ס פּרינציפּן פון פילאָזאָפיע, חלק א. און ב., פאַרגעשטעלט אויף א געאָמעטרישן אופן פון בענעדיקטוס דע ספּי־ נאָזאַ פון אמסטערדאם. דערצו צוגעגעבן די מעטאַפיזישע געדאַנ־ קען״.

ספּינאָזאָ האָט קיין גרויסע באַדייטונג צו דער דאָזיקער ארבעט ניט צוגעשריבן. זיין איינציקע אויסזיכט איז געווען, אז דאָס ווערק וועט פאַראינטערעסירן א גרעסערע צאָל מענטשן, וואָס וועלן אים אפשר העלפן ארויסגעבן זיינע אנדערע ווערק.

צו יענער צייט האָט שוין ספּינאָזאָ אָנגעהויבן צו שרייבן זיין „עטיק״. דער מאַנוסקריפּט פון דעם ערשטן חלק איז שוין אָנפאַנג 1663 געווען אין די הענט פון זיינע אמסטערדאמער פריינט און פאַרערער. דער דריטער חלק איז שוין געווען פאַרטיק אין 1665. דאַגעגן, דאָס גאַנצע ווערק איז פאַרענדיקט געוואָרן ערשט אין יאָר 1675.

אין יאָר 1664 איז די ארבעט איבער דעקאַרט׳ן דערשינען אויף האָלענדיש, איבערגעזעצט פון זיין תלמיד באַלינג. ניט קוקנדיק דערויף וואָס ספּינאָזאָ האָט זיך זייער קריטיש באַצויגן צו דער דאָזיקער ארבעט זיינער, האָט זי אים אָבער זייער שנעל פאַרשאַפט רום און אנערקענונג. אין האָלאַנד און אין דייטשלאַנד האָט מען זייער אַסך גערעדט און געשריבן וועגן ספּינאָזאָ.

אין אמסטערדאם האָט מען אין קאָלעגיום, וואָס סימאָן דע וורִיעז האָט פינאַנסירט, שטודירט ניט נאָר די פאַרעפנטלאַכטע ווערק, נאָר אויך די אָנגעהויבענע, ווי, למשל, די עטיק.

אין א בריוו צו ספּינאָזאָ׳ן (פעברואַר 1663) האָט דע וורִיעז געשילדערט ווי אזוי מען שטודירט זיינע ווערק.

„שטענדיק לעזט איינער דורך, לויטן סדר, דעם טעקסט און דער־ קלערט אים לויט זיין אויפאַסונג און באַווייזט אַלץ נאָך דער אָרדנונג און רייע פון די לער־זאַצן. אויב עס טרעפט זיך, אז די דערקלערונג

באַפרידיקט אונז ניט, דאַן האַלטן מיר פאַר נויטיק אַנצושרייבן אונזערע געדאַנקען וועגן דעם און זיי אייך איבערשיקן כדי מיר זאָלן באַקומען, אויב עס איז מעגלאַך, די אויסטייטשונג און זיין בכח אונטער אייער הנהגה צו פאַרטיידיקן דעם אמת געגן די אַבער־גלויבערישע און געגן די קריסטן, און אפילו זיך אַנטקעגנשטעלן דער גאַנצער וועלט".

די דאָזיקע אַמסטערדאַמער פריינט און תלמידים זיינען אָבער ניט געווען סתם תלמידים. פילע פון זיי האָבן געהאַט אַסך וויסן אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און האָבן זיך זייער גוט אָריענטירט אין די דאָזיקע ענינים. מיט זייערע פירושים און באַמערקונגען האָט זיך ספינאָזאָ שטאַרק גערעכנט. די תלמידים פלעגן זיי אַרויסזאָגן אין בריוו און אַפטמאָל אַנווייזן דעם געליבטן און געאַכטעטן לערער אַז די און די געדאַנקען שטימען ניט.

עס ווערט באַשטעטיקט, אַז ספינאָזאַ האָט אַריינגעפירט אַ ריי קאָרעקציעס — אַ רעזולטאַט פון לעבעדיקן אויסטויש פון מיינונגען צווישן אים און זיין אַמסטערדאַמער גרופע.

דע ווריעז איז געווען איבערגליקלאַך וואָס דער דאָזיקער קאַזוּ־אַריום איז ניט קיין באַליבטער תלמיד פון ספינאָזאַ. דאָס האָט ביי אים געהייסן, אַז ספינאָזאָ טראַכט נאָר וועגן די אַלטע פריינט זיינע פון אַמסטערדאַם און ער וועט ווייטער זיך נוהג זיין אַזוי ווי אַלע מאָל, אַז די מאַנוסקריפּטן פון זיינע אַרבעטן וועט ער שיקן צו די מיטגלידער פון דעם קאָלעגיום.

„איך פריי זיך זייער" — האָט ספינאָזאָ געשריבן צו דע וורועז'ן — „אַז מיינע אַרבעטן ווערן באַנוצט פון דיר און פון דיינע פריינט".

און די פריינט האָבן זיך געפרייט מיט דעם צוטרוי פון לערער צו זיי און מיט דער גרייטקייט אַליץ וואָס ער שאַפט פאַרטראָגן פאַר די תלמידים.

דער איבערגעגעבענער ריאָווערטש האָט אַרויסגעוויזן אַסך מוט מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט ספינאָזאַ'ס „פּרינציפּן פון דעקאַרט'ס פילאָזאָפיע" מיטן נאָמען פון מחבר. אַלע האָבן באַ־וואונדערט זיין מוט און דרייסטקייט צו פאַרעפנטלאַכן אַ ווערק

פון א כופר איבער אן ענין, וואָס איז אויך ניט געווען געדולדעט אין האָלאַנד.

אומזיסט פלעגן די קירכנראַטן ארויסגעבן שטריינגע פאַרבאָטן קעגן דעקאַרט׳ס ווערק, און זיי אָנגערופן אפּיקורסישע.

אין 1642 האָט דער אוטרעכטער אוניווערסיטעט פאַרבאָטן צו לערנען דעקאַרט׳ס פילאָזאָפיע. דאָס זעלבע האָט געטאָן דער לײַדענער אוניווערסיטעט אין 1648. דאָס איז די סיבה פאַרוואָס קאָזעאַריוס איז געקומען צו ספּינאָזאַ׳ן אין זיין ריינסבורגער ווינקל כדי זיך באַקענען מיטן קאַרטעזיאַניזם.

אין 1656 איז אין גאַנץ האָלאַנד פאַרבאָטן געוואָרן דער לימוד פון דעקאַרט׳ס פילאָזאָפיע. און ניט קוקנדיק אויף די אַלע פאַרבאָטן, האָבן די שענסטע גייסטער פון יענער צייט שטודירט דעקאַרט׳ן און זענען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון אים.

אויך ספּינאָזאַ האָט געהערט צו זיי.

אָבער עפנטלאַך ארויסגיין און פריידיקן קאַרטעזיאַניזם האָט קיינער קיין מוט ניט געהאַט. דעריבער איז ספּינאָזאַ׳ס בוך געווען א טאַט פון אן אומאָפּהענגיקן גייסט, וואָס האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט געשראָקן. אמת, ער האָט אין זיין בוך קריטיקירט די פילאָזאָפיע; ער האָט אָבער אנערקענט, אז זי פאַרמאָגט אַסך פּאָזיטיווע עלעמענטן.

ניט קלענער איז געווען די מוט פון דעם פאַרלעגער ריאַווערטש און אַלע האָבן אים באַוואונדערט. ווען די רעאַקציע האָט זיך פאַרשטאַרקט האָט דער פאַרלעגער באַצאָלט מיט תפיסה פאַר ארויסגעבן ספּינאָזאַ׳ס ווערק.

צו יענער צייט איז ספּינאָזאַ׳ס קרייז פאַרגרעסערט געוואָרן, א דאַנק א באַזוך פון אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט א אינטערנאַציאָנאַלן נאָמען. דאָס איז געווען דער שווין דערמאָנטער אָלדענבורג.

זיין באַדייטונג אין ספּינאָזאַ׳ס לעבן איז אזוי גרויס, אז מיר וועלן אים ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

א גאַסט פֿון לאָנדאָן

עס איז א זומער אָוונט אין ריינסבורג. איבער די שטילע געסלאך גייען שפּאַצירן צוויי געשטאַלטן און עס פאלן ווערטער, וואָס קיין איינער פון די פרומע איינוואוינער פון שטעטל וואָלט זיכער ניט פארשטאַנען. די שפּאצירנדע ריידן וועגן בייקאָן, דעקארטן, וועגן אומענדלאכקייט, גאָט, שטח, גייסט, אטריבוטן און בשעת דעם ריידן פילט מען ווי עס ווערט געשמידט א פריינדשאפט און די מענטשן ווערן זיך נאָענטער.

גערעדט האָט אייגנטלאַך איינער פון זיי און דער צווייטער האָט עניותדיק זיך צוגעהערט און פון צייט צו צייט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער ערשטער האָט אים באַווארפן מיט פראגן, וואָס האָבן געשטראָמט אָן א סוף, און איידער דער צווייטער האָט געהאט א מעגלאכקייט צו ענטפערן האָט ער זיך אליין געענטפערט. אויף אַזאַ אופן איז פון זיין אייגענער תשובה געוואָרן אַ נייע פראגע.

די צוויי געשטאַלטן וואָס האָבן זיך מתוכח געווען איבער פילאָזאָפישע ענינים אין דער אטמאָספערע פון דער דאָרפישער רואיקייט אין א זומער נאַכט זיינען געווען: ה י י נ ר י ך א ל ד ע נ ב ו ר ג, אן אומערווארטעטער גאַסט פון לאָנדאָן און ברוך ספינאָזאָ.

דער לאָנדאָנער גאַסט היינריך אלדענבורג האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין ספינאָזא׳ס לעבן און דעריבער פארדינט ער אויף אַן אויספירלאכע כאראקטעריסטיק.

אלדענבורג איז געווען א דייטש. געבוירן אין 1620 אין דער האַפן־שטאָט ברעמען ביי א טאַטן א גימנאזיע לערער, האָט ער באַקומען א גרינדלאכע בילדונג און א פיינע דערציאונג, ווי עס פּאַסט פאר א זון פון א פּראָפעסאָר אין „עוואנגעלישן פעדאגאָגיום

און גימנאזיום". צו נײנצן יאָר האָט ער שוין געהאַט א מאַגיסטר דיפּלאָם פון טעאָלאָגיע. בשעת דער ענגלישער ים־מלחמה האָט די שטאָט ברעמען געוואָלט אויסקעמפן פאר זיך דאָס רעכט אויף פּול־שטענדיקער נייטראַליטעט צוליב איר פארצווייגטן האנדל און זי האָט אויסגעוויילט אלדענבורגן ער זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן אלס א דיפּלאָמאַטישער שליח און דורכפירן די דאָזיקע שווערע אויפגאבע. דאָס איז געווען אין יאָר 1653.

אין לאָנדאָן האָט אלדענבורג זייער גוט פארמיטלט צווישן זיין שטאָט און קראָמוועל'ס רעגירונג. ביז עס איז געשלאָסן געוואָרן אין 1654 דער שלום צווישן האָלאנד און ענגלאנד. אלדענבורג האָט אויך געהאַט א חלק אין שליסן א שלום צווישן ברעמען און שוועדן. א דאַנק דעם איז ער באַשטימט געוואָרן אין לאָנדאָן אלס א שטענ־דיקער דיפּלאָמאַטישער פארטרעטער פון זיי געבורטסשטאָט, ברע־מען.

גלייכצייטיק האָט זיך דער דאָזיקער טעאָלאָג־דיפּלאָמאַט באַ־שעפטיקט מיט זיינע באַליבטע וויסנשאפטלאכע פאָרשונגען אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסנשאפט. אין ענגלאנד האָט ער געשלאָסן באַקאַנטשאפט, וואָס איז זייער שנעל אריבער אין פריינטשאַפט מיט א רייע באַדייטנדע געלערנטע. אין לאָנדאָן האָט זיך אלדענבורג אויך באַשעפטיקט מיט לערעריי און מיט איי־נעם פון זיינע תלמידים האָט ער אפילו געמאַכט א רייזע איבער דייטשלאַנד און פראַנקרייך און זיך אָפּגעשטעלט אויף א לייננגערע צייט אין פּאַריז. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט די גרעסטע געלערנטע פון זיין צייט, איבערהויפּט מיט נאַטור־וויסנשאַפטלער. פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ איז אָבער צו זען אז אלדענבורג איז געווען מער א נייס זאַמלער און א נייס אָנזאָגער איידער א שעפערישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס ווערט אינספּירירט פון וויסנ־שאַפטלאַכע געדאַנקען און קען אויך אנדערע אינספּירירן. ער איז געווען א מין וויסנשאַפטלאַכער כלל־טוער, האָט ליב געהאַט צו געבן אינפאָרמאַציע, טאָן טובות, ארויסהעלפן און שליסן באַקאַנטשאַפטן צווישן געלערנטע, פארמיטלען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רעצענזירן א ווערק, אָבער קיין מיטשאַפער איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער האָט אלעמען באַוואונדערט, אָבער ווינציק וועמען

פארשטאַנען — א סימן פון אומשעפערישקייט און פון ניט האָבן אַן אייגענע שטעלונג צו די וויכטיקסטע פראגן, וואָס האָבן צו יענער צייט באמת באַאומרואיקט די זוכנדע גייסטער אין אייראָפּא, ווי די פראגע פון רעליגיע און וויסנשאַפטן, מעטאַפיזיק און נאַטור־וויסנשאַפט א. א. וו.

אין זכות פון די באַקאַנטשאַפטן און אין שאָטן פון די גרויסע גייסטער האָט ער זיך ארויסגערוקט א דאנק זיין ענערגיע, אונטער־נעמונגס גייסט, אָרגאַניזאַציע־פייאיקייטן און רירעוודיקייט.

זייענדיק אין פאריז האָט זיך אלדענבורג דערנענטערט צו די מאסגעבנדע קרייזן פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע פאר וויסנ־שאַפט און איז געקומען צוריק קיין לאָנדאָן (אין 1660) מיט א זייער בכבוד'יקן טיטל פון א מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט. אויפן וועג האָט ער באַזוכט ברעמען, אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון זיין דיפּ־לאָמאטישער טעטיקייט אין ענגלאנד און פון דאָרטן געפאָרן קיין האָלאַנד.

אין ענגלאנד האָט זיך געגרינדעט א וויסנשאַפטלאכע געזעל־שאַפט, פון וועלכער ער איז געוואָרן באַלד דער סעקרעטאר און די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אים געשיקט קיין האָלאַנד כדי איינצו־לאדן א פּאָר דאָרטיקע נאַטורפאָרשער, זיי זאָלן מיטארבעטן מיט דער נייער אקאַדעמיע.

עס איז אויסגעשלאָסן, אז אלדענבורג זאָל עפּעס האָבן געהערט וועגן ספינאָזא'ן בכלל איידער ער איז אָנגעקומען קיין אמסטערדאם דאָס איז דאָך געווען אין 1661, אלזאָ, ווען ספינאָזאָ האָט נאָך גאָר־ניט ניט פארעפנטלאַכט און דער חרם־עפּיזאָד האָט סוף כל סוף ניט געווען פון אזאַ באַטייט אז מען זאָל וועגן אים הערן אויף די ברעגן פון טאמיזע.

איצט, זייענדיק אין אמסטערדאם האָט ער זיך דערוואוסט וועגן ספינאָזא'ן און געהערט האָט ער וועגן אים אזעלכע שבחים אז ער האָט באַשלאָסן באַלד אריבערפאָרן קיין ריינסבורג און זיך באַקע־נען מיט דעם יונגן אידישן דיינקער, וועלכער האָט אזעלכע אנגע־זעענע חסידים און פאָרשער צווישן דעם אמסטערדאמער קריסט־לאכער אינטעליגענץ.

ספּינאָזאַ האָט ממש באַצויבערט אָלדענבורגן. דער דאָזיקער קאַלטער פיינשמעקער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רואיקייט און הייליקייט, וואָס האָט געשוועבט פון ספּינאָזאַ׳ס געשטאַלט. אין זײַן ערשטן בריוו צו ספּינאָזאַ׳ן (פון 26 אויגוסט 1661) באַלד נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן האָט אָלדענבורג געגעבן דעם אויסדרוק פון זײַן גרויסן יראת הכבוד, וואָס ער האָט דערפילט פאַר דעם נײַעם פרײַנט זײַנעם.

„זײַער באַרימטער הער, חשוב׳ער פרײַנט!

„נאָך דעם ווי איך האָב אײַך אויפגעזוכט אין אײַער שטילער אײַנזאַמקייט אין רײַנסבורג איז מיר געווען אַזוי שווער זיך אָפּרײַסן פון אײַך, אַז קומענדיק צוריק קיין לאָנדאָן האָב איך באַשלאָסן באַלד, אויף וויפיל דאָס איז מעגלאַך, ווײַניקסטנס פילן זיך מיט אײַך פאַראײַניקט דורך אַ בריוולאַכן פאַרקער. דאָס באַזיצן פון וויסן וועגן די וויכטיקסטע ענינים אין פאַרבינדונג מיט מענטשען־פרײַנטלאַכקייט און פײַנע מאַניערן, (מיט אַזעלכע מעלות האָט די נאַטור און אײַער אייגן שטרעבן האָט אײַך אַזוי רחבות׳דיק באַשאָנקען!) באַזיצן אַזאַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט, אַז זיי מוזן יעדן איידעלן און גוט־דערצויגענעם מענטשן אָנפילן מיט ליבע צו אײַך. דעריבער זאָלן מיר אויסשטרעקן אונזערע הענט צו אַן אויפריכטיקער פרײַנטשאַפט. אָ, דו אויסערגעוויינלאַכער מענטש! לאָזן מיר דורך אַן אויסטויש פון געדאַנקען זײַן גרייט אײַנער דעם צווייטן צו דינען און די דאָזיקע פרײַנטשאַפט מיט התמדה אַנטוויקלען. יעדנפאַלס בעט איך אײַך צו באַטראַכטן אַז אַלץ, וואָס מײַן ווײַניקייט איז בכח צו שאַפן, געהערט צו אײַך. ערלויבט מיר אָבער אויך אויסנוצן פאַר זיך כאָטש אַ חלק פון אײַער נשמה רײַכקייט — אויב דאָס וועט זײַן אָן שאָדן פאַר אײַך“.

די דאָזיקע ציטאַטע אילוסטרירט אַמבעסטן דעם קאָלאָסאַלן אײַנדרוק, וואָס ספּינאָזאַ האָט געמאַכט אויף דעם וועלט־ און מענטשן־קענענדן אָלדענבורג.

דער דאָזיקער בריוו איז ווי אַ הקדמה צו אַ פּאָעמע פון פרײַנטשאַפט, וואָס האָט אפשר געהאַט אַמאָל אויך פאַלשע שורות (אַלנפאַלס ניט פון ספּינאָזאַ׳ס צד) איז האָט געבליבן אַ פרײַנטשאַפט אויפן גאַנצן לעבן. אָלדענבורג האָט איבערגעלעבט ספּינאָזאַ׳ן נאָך

מיט א פּאָר חדשים. סעפּטעמבער 1677 איז ער געשטאָרבן אין אָקספאָרד.

ספּינאָזא האָט אויף דעם ערשטן בריוו געענטפערט זייער העפלאך אָבער ניט אזוי ווארים און געפילספול, ווי דאָס איז געווען מיט אלדענבורגן. ער האָט בכלל ניט געהאט קיין צוטרוי צו געפילן און פריינטשאפט באזירט אויף געפילן האָט ער ניט אנער־קענט.

ספּינאָזא האָט אים געענטפערט, אז די פריינטשאפט איז אים זייער אנגענעם. ער דערקלערט אים אָבער, אז אונטער פריינטשאפט פארשטייט ער אלץ און ספּעציעל, אז דאָס גייסטיקע זאָל זיין א געמיינשאפטלאכע. ער האָפט אז צו אזא פריינטשאפט וועט קומען און ער וועט זיך מיט אלע כוחות באמיען די פריינטשאפט „אייפריק צו אנטוויקלען".

„וואָס איז שייך מיינע גייסטיקע פייאיקייטן (אויב איך האב זיי בכלל) מיט די וועל איך אלעמאָל זיין גרייט אייך צו דינען, אפילו אין אזא פאל, ווען דאָס וועט זיין מיט א שאָדן פאר מיר. כדי עס זאָל אָבער ניט אויסזען, אז איך וויל אייך אָפּזאָגן אין דעם וואָס איר פאדערט פון מיר און האלט עס, מיט רעכט פאר א סימן פון פריינטשאפט, וועל איך זיך באמיען צו דערקלערן, וואָס מיין איך וועגן די אלע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע איך האב מיט אייך גערעדט. איך גלויב אָבער ניט, אז דורכדעם וועלן אונזערע באצי־אונגען ווערן נעענטער, אויב איר וועט אויך ניט אנטקעגן גיין".

אזוי ווי אלדענבורג האָט אים געבעטן א דערקלערונג וועגן א גאנצע ריי פון פילאָזאָפישע ענינים, וואָס זיי האָבן ביידע באריירט אין יענעם זומער אוונט, ווען דער לאָנדאָנער גאסט האָט באזוכט דעם ריינסבורגער נזיר — דעריבער גיט ספּינאָזא אין זיין ערשטן בריוו אן אויספירלאכע, אָבער זייער א פאָרזיכטיקע דערקלערונג פון די אלע דאמאָלסט אנגערירטע פראגעס. דערביי גיט ער אים צו וויסן אז ער האָט אָנגעשריבן אן עטיק לויט א געאָמעטרישן אופן און שיקט אים אפילו צו דעם ערשטן חלק מיט א בקשה ער זאָל ארויסזאָגן זיין מיינונג איבער דעם ווערק.

אין זיין ערשטן בריוו צו ספּינאָזא'ן האָט אלדענבורג געבעטן אז ער זאָל אים אנווייזן די טעותים פון בייקאָנס און דעקארטס

פילאָזאָפיע. ספּינאָזאָ ענטפערט אים, אז עס ליגט ניט אין זיין טבע אָנצואווייזן די פעלערן ביי אנדערע, ווייל אָבער דער נייער פריינט בעט אים שטארק אויסזאָגן א מיינונג וועגן די צוויי פילאָזאָפן — טוט ער אים צוליב.

אלדענבורג איז אָבער ניט געבליבן צופרידן מיט ספּינאָזאָ׳ס ענטפער. ער האָט פשוט ניט פארשטאַנען ספּינאָזאָ׳ס דערקלער־רונגען און שעמט זיך ניט אין דעם מודה צו זיין. ער שטעלט ווייטער א סדרה מיט פראגן: דאָס מאָל אויך וועגן די אקסיאָמען אין זיין עטיק.

„איך באַשווער אייך אין נאָמען פון דער פריינטשאַפט וואָס מיר האָבן געשלאָסן, שרייבט ער צו אים (דעם 27טן סעפּטעמבער 1661) — אז איר זאָלט זיך פריי און פול מיט צוטרוי איבער אלץ אויסדריקן, און איך בעט אייך קאַטעגאָריש זיין פעסט איבער־צייגט, ווי נאָר מעגלאך, אז אלע מיטטיילונגען מיט וועלכע איר באהערט מיך בלייבן ביי מיר זיכער און ניט אנטפּלעקט. איך וועל מיר זיך קיינמאָל ניט פארשולדיקן פאר אייך מיט פארעפנטלאכן כאָטש עפּעס דערפון פון וואָס איר קענט האָבן א שאָדן אָדער א אומאנגענעמלאכקייט“.

פון דער דאָזיקער ציטאַטע איז קלאָר, אז ספּינאָזאָ האָט זיך שטארק געקווענקלט פריי און אָפן אין א בריוו ארויסזאָגן זיינע געדאנקען צו א מענטשן, וועלכן ער האָט ניט געקענט און וואָס האָט אזוי שטאָלצירט מיט דער פריינדשאַפט זיינער מיט ספּינאָזאָ׳ן. מיט די בעסטע כוונות האָט ער אים געקענט אָנטאָן שלעכטס — פארשפּרייטנדיק זיינע געדאנקען אין אן אטמאָספערע פון ניט טאָ־לעראנץ, גייסטיקן פעטישיזם און טעאָלאָגישן ארט פון דיינקען.

דערווייל האָט ספּינאָזאָ (סעפּטעמבער 1661) געפּלאנט אוועק־פאָרן אויף א קורצער צייט קיין אַמסטערדאם. ער האָט זיך געוואָלט זען מיט זיינע נאָענטסטע פריינט פון דעם קרייז, און אויך יענע האָבן אים געוואָלט האָבן צווישן זיך כאָטש אויף א קורצע צייט.

אלדענבורג׳ס בריוו, וואָס איז גראָד אָנגעקומען האָט אָבער געפאָדערט א לאַנגן, רואיקן און פּאָרזיכטיקן ענטפער. ספּינאָזאָ ענטפערט אים קורץ און בארופט זיך אויף זיין „עטיק“, וואָס ער

האָט אים געשיקט. עס איז אים אסך ענינים קלאָר געוואָרן — אזוי איז ער זיך מודה אין א בריוו (פון 21 אָקטאָבער 1661) דאָך ניט אזוי פיל אז מען זאָל קענען אלץ קלאָר פארשטיין.

„דאָס וועט דאמאָלסט געשען — שרייבט ער צו ספינאָזא׳ן — אזוי גלויב איך, ווען איר וועט מיר קלאָר און דייטלאָך אויסטייטשן די אמת׳ע און ערשטע סיבות פון אלע זאכן" (ד. ה., די טעאריע פון סבות׳דיקייט). אזוי לאַנג ווי מיר איז ניט קלאָר פון וואָס פאר א אור־סיבה און אויף וואָס פאר א אופן האָבן זיך די זאַכן אָנגעהויבן און דורך וואָס פאַר אַ שייכות זיינען זיי אָפּהייינגיק פון דער ערשטער אור־סיבה (אויב אזא איז פאראַן!) — אזוי לאַנג קומט מיר פאָר אלץ, וואָס איך הער און לייען — אָן א צוזאמענהאנג און איז געגליכן צו פאנאנדערגעריסענעם בינטל".

„זייער געלערנטער הער, איך בעט אייך דעריבער זייער שטארק, איר זאָלט מיר ליכטיק מאכן מיט אייער פאָקל און איר זאָלט ניט צווייפלען אין מיין געטרייקייט און דאַנקבאַרקייט".

ספינאָזא האָט זייער שנעל אויפגעפאסט דעם גייסטיקן כאַראַקטער פון זיין נייעם פריינט. אלדענבורג איז דאָך געוועזן א טעאָלאָג און ווי ער האָט זיך ניט באַמיט צו פארשטיין ספינאָזא׳ס באַגריפן איבער גאָט און גאָטהייט האָט דער טעאָלאָג און אים זיך אנטקעגנגעשטעלט און ניט דערלאָזט, ער זאָל קענען תופס זיין דעם ענין.

עס איז קיין ספק ניט אז אלדענבורג האָט ניט געקענט שליסן שלום מיט ספינאָזא׳ס וועלט־אנשויאונג. ער האָט ניט געקענט משיג זיין די טיפקייט און גרויסקייט פון דער שיטה; עס האָט אים געפעלט די נויטיקע בילדונג, אָבער א חוץ דעם זיינען די איינגעבוירענע מיינונגען געווען א גרויסער שטער פאר אים זיך צו באַפרייען פון די געירשנ׳טע גייסטיקע געוואוינהייטן און ווי א נייגעבוירן קינד אָנהויבן פארשטיין די וועלט ספינאָזיסטיש, אָן פאָראורטייל, פריי פון יעדן געפיל, ניט אפעקטירט און דאָס וויכטיקסטע איינגאנצן זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהייינגיק.

אזוי זיך איבערברעכן האָט אלדענבורג ניט געקענט. א חוץ דעם טעאָלאָגיזם זיינען וואָלט אים אויך אסך געשטערט זיין געזעלשאפטלאכע שטעלע. אין דער ענגלישער געזעלשאפט, ווען

אפילו פון געלערנטע, האָט די אידעע פון פאַנטעאיזם ניט געקענט געפינען קיין ווארימען אָפּקלאַנג.

אלדענבורג, וועלכער איז געווען אן אינטימער פריינט פון קראָמוועלס לאטייניש סעקרעטאר, דעם ענגלישן פּאָעט דזשאָן מילטאָן האָט אין זיינע צאָלרייכע בריוו צו אים ניט דערמאָנט אפילו ספּינאָזאָ׳ס נאָמען. ער האָט זיך מסתמא שטארק געהיט צו אנטפּלעקן פאר אנדערע, אפילו נאָענטע מענטשן — זיין באַקאַנטשאַפט מיט׳ן „פירשט פון די אטעאיסטן״.

אין דעם פּרט האָט ספּינאָזאָ געקענט זיין רואיק: אלדענבורג האָט פאר קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם אינהאַלט פון ספּינאָזאָ׳ס בריוו און האָט זיך באמת ניט באַריכט מיט דער באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אזוי פיל פרייד און שטאָלץ.

ספּינאָזא וויל אָבער אַלדענבורג׳ן ניט זאָגן פאַרוואָס קאָן ער אים ניט פארשטיין. ער איז אפילו גרייט ארויפוואַרפן די שולד אויף זיין מאנגל אין אויסדריקן זיך. דערמאָנענדיק זיין ווערק איבער די „פארבעסערונג פון פארשטאנד״, וואָס ער האָט דאמאָלט איבערגעשריבן און געפיילט, האָט ער געשריבן צו אַלדענבורג׳ן, אַז ער וועט מיט דעם ווערק ארויסרופן א סך ערגערניש, דערפאַר וואָס ער שיידט ניט אָפּ גאָט פון דער וועלט אויף אזא אופן, ווי עס טוען דאָס די טעאָלאָגן.

אלדענבורג איז ספּינאָזאן ממש מקנא וואָס ער לעבט אין האָלאנד, וואו עס האָט געהערשט א גרעסערע פרייהייט פון גדאנק, ווי אין ענגלאנד. ער ראט אים ארויסגיין עפנטלאך מיט זיינע ווערק, ווען אפילו די טעאָלאָגן וועלן אָנהויבן צו „בילן״.

„אייער מלוכה איז די פרייעסטע און מען קאָן דאָרט אם פרייסטן פילאָזאָפירן—האָט אַלדענבורג געשריבן צו ספּינאָזאן—מיט אייער איינגעבוירענער קלוגשאפט וועט זיך שוין אייך איינגעבן אייערע גדאנקען און מיינונגען ארויסזאָגן ווי מעגלאך פאָרזיכטיק. דאָס רעשט לאָזט איבער דעם שיקזאַל. שרעקט זיך אויך ניט, אָ בעסטער מענטש, אויב איר וועט אויפרייצן די קליינע מענטשעלאך פון אונזער תקופה״.

דער דאָזיקער טאָן פון מוט און קוראזש איז אָבער געווען מער אן אויסדרוק פון א ניט־מאָטיווירטער אינערלאך און מער אויסער־

לאכער באַגייסטערונג פאַר ספינאָזא און זיין דרייסטן וואָרט. אָרגאַ־ניש איז דאָס דאָזיקע וואָרט קיינמאָל ניט געווען נאָענט און פאַר־שטענדלאַך פאַר דעם סעקרעטער פון דער לאָנדאָנער „ראָיאַל סאָסייעטי".

„קאָן איך גלויבן, אַז אונטער קיין שום פאַל האָט איר ניט אין זינען ערגעץ עפּעס צו שרייבן קעגן דער עקזיסטענץ פון גאָט און זיין השגחה; און ווען די דאָזיקע זיילן וועלן ניט זיין צושמע־טערט, דאַן שטייט די רעליגיע אויף אַ שטאַרקן באָדן".

דידאָזיקע ווערטער ווייזן באַשיינפּערלאַך, אַז נאָך פיר יאָר פון אַ בריוו־אויסטויש איז אָלדענבורג געשטאַנען נאָך דאָרטן, וואו ער איז געווען איידער ער האָט זיך בכלל באַקענט מיט ספינאָזאַן.

דאָך געדויערט די קאָרעספּאָנדענץ ווייטער, הגם דער טאָן און דער אינהאַלט איז שוין אַן אַנדערער.

אין אַפּריל 1663 בייט ספינאָזא זיין וואוינונגס־אָרט. ער באַזעצט זיך אין אַ דאָרף וואָרבורג, ניט ווייט פון האַג.

וואָרבורג

דאָס שטעטל וואָרבורג, וואו ספּינאָזא האָט זיך באזעצט, געפינט זיך ניט ווייט פון דער שטאָט האַג. צו יענער צייט איז וואָרבורג געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ווייל ליגענדיק אויף די זייטיקע וועגן האָט עס ניט געהאט די נויטיקע פאַרבינדונגס־מיטלען מיט דער גרויסער וועלט.

ספּינאָזא האָט זיך געפילט זייער איינזאַם אין וואָרבורג, ווייל אויף אָפּטע באזוכן פון פריינד האָט ער ניט געקענט האָפן און בריוו פלעגן גיין אזוי לאַנגזאַם, אז אָפּטמאָל איז א בריוו פון דעם נאָענטן האַג געגאַנגען א וואָך צייט.

זעקס יאָר האָט ספּינאָזא פאַרבראַכט אין וואָרבורג. דאָס דאָזיקע אָרט איז געוואָרן מיט דער צייט באַרימט אין דער גאַנצער וועלט א דאַנק דעם וואָס גראָד צו יענער צייט שאַפט ספּינאָזא זיינע פונדאַמענטאַלע ווערק און „דער וואָרבורגער ווייז" איז געוואָרן א שם דבר אין אייראָפּע.

די מורא פאַר איינזאַמקייט אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל האָט זיך ניט באַשטעטיקט. לוקאס, ספּינאָזא׳ס ערשטער ביאָגראַף, ווייסט צו דערציילן אז די באַרימטסטע געלערנטע האָבן אויפגעזוכט דעם פילאָזאָף און האָבן אים אין יענעם דאָרף אזוי באַלעבטיקט „פונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין ריינסבורג".

אין דעם פּרט קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף לוקאס׳ס אינפאָרמאַציע, ווייל דאָס ווערט באַשטעטיקט אין ספּינאָזא׳ס בריוו.

אין אָנפאַנג האָט ספּינאָזא געפילט זיך איינזאַם ניט צוליב דעם פעלן פון לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך גראָד זייער שנעל באַוויזן אין זיין נזירישע צימערן. וואָס האָט אים אָבער געפעלט איז דער קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, דער קאָנטאַקט וואָס האָט אים אינספּירירט אין זיין אַרבעט.

„איך האָב דעם בריוו געשריבן נאָך יענע וואָך — שרייבט ער צו אָלדענבורג'ן — דאָך האָב איך אים ניט געקענט אָפּשיקן, ווייל דער וועטער האָט געשטערט מיין רייזע קיין האַג. דאָס זיינען די אומבאקוועמלאכקייטן פון א לעבן אין דאָרף. זעלטן באקום איך א בריוו אין דער ריכטיקער צייט. דערווייל פארגייען וואָכן ביז עס טרעפט זיך גראָד א צופעליקע געלעגנהייט ארויסצושיקן א בריוו. און אפילו ווען איך וויל אים ארויסשיקן צו דער צייט שטוים איך זיך אָן ניט זעלטן אויף שוועריקייטן. ווי איר זעט אלזאָ, אז ווען איך ענטפער אייך ניט אזוי שנעל ווי איך וואָלט דאָס באדארפט טאָן, קומט עס ניט דערפון, וואָס איך פארגעס וועגן אייך".

פון דער דאָזיקער ציטאטע איז צו זען אז ספינאָזא האָט גע־מוזט פאָרן קיין האַג און זוכן א געלעגנהייט אויף ארויסצושיקן זיינע בריוו.

אויב דאָס שרייבן פון בריוו האָט אים פארשאפט גייסטיקע צופרידנהייט און האָט געשטילט זיינע געפילן פון איינזאמקייט, זיינען אָבער די אָפטע אומדערווארטעטע באזוכן פון מענטשן געווען פאר אים באמת א לאסט, ווייל ניט אלע האָבן געהאט גוטע כונות און דער דראנג צו זען אן אפיקורס, אן „אימפּאָסטאָר", איז געווען א גרעסערער ווי דער ווילן צו פארשטיין א דיינקער.

עס האָבן אָבער אויך אָנגעהויבן אים צו באזוכן די פריינד און חסידים: די אלטע פון אמסטערדאם, און די נייע פון האַג. וועגן די האָט ספינאָזא ניט געטראכט ווי פון א לאסט, נאָר פארקערט, ער איז געווען גראָד זייער צופרידן מיט זייער באזוך.

„איך בין כמעט ניט קיין בעל־הבית איבער זיך, צוליב דער גרויסער צאָל פון פריינט, וואָס באערן מיך מיט זייער באזוך" — שרייבט ער צו אָלדענבורג'ן.

די פריינד האָבן אים אָבער ניט באלעסטיקט, ווייל זיי האָבן געוואוסט אז זייער גרויסער לערער איז א קראנקער און ער האָט נאָך זיין שליחות ניט דערפילט און די גרויסע פילאָזאָפישע קאָנ־סטרוקציע ווייט ניט פארענדיקט.

די צופעליקע געסט האָבן אים פראָוואָצירט מיט ויכוחים און געוואָלט פון אים ארויסבאקומען געדאנקען און מיינונגען, וואָס אנטהאלטן אין זיך אפיקורסות, כדי צו קענען אים פון איין זייט

מסרן און פון דער צווייטער באשמוצן אין פאמפלעטן אין פאָלע־מישע גאַליקע בראָשורן. די סביבה ארום אים איז געווען קעגן אים.

ווען ספינאָזא האָט אין אפּריל 1663 פאַרלאָזן ריינסבורג איז ער געפאָרן קיין אמסטערדאם כדי זיך צו זען מיט זיין ענגן קרייז פון פריינד. דאָרטן האָט ער צוזאמען מיט דר. מעייער געארבעט איבער דעם מאנוסקריפּט פון די „קארטעזיאנישע פּרינציפּן“, וואָס האָט באדארפט גיין אין דרוק.

אין יוני 1663 איז ער אָנגעקומען קיין וואָרבורג און האָט זיך באזעצט אויף דער קירכענגאס בא זיינעם א פאַרערער, דעם מאַלער דניאל טידעמאן. דער דאָזיקער טידעמאן איז געווען א פריידיינקער, א מיטגליד פון די קאָלעגיאַנטן און איז געשטאַנען בראש פון אן אָפּאָזיציאָנעלער פראקציע אינם דאָרטיקן קירכנראט. זיינע געגנער פלעגן זיך באנוצן מיט אלע מיטלען, וואָס מען האָט נאָר געקענט געפינען כדי צו באקעמפן דעם מוטיקן מאָלער.

ספינאָזא אלס א שכן בא טידעמאן איז א גינסטיק וואסער פאר זייער מיל פון רכילות און פארלוימדונגען.

ווען טידעמאן האָט דערלאנגט א מעמאָראנדום אין קירכנראט וועגן דער קאנדידאטור פאר א גלח, וואָס די אָפּאָזיציע שטעלט ארויס, האָט דער צווייטער צד געשטעמפּלט די בקשה אלס א ווערק פון רשעות און האָט גע׳מסר׳ט אז איר פארפאסער איז א געוויסער ספינאָזא.

„עס איז כדאי צו באמערקן — האָבן זיי געשריבן — אז בא דעם פריער דערמאָנטן דניאל טידעמאן וואוינט אין זיין הויז א געוויסער ספינאָזא, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון אידישע עלטערן און, ווי מען זאָגט, איז ער אן אטעאיסט אָדער א מענטש, וואָס לאכט זיך אויס פון אלע רעליגיעס און איז א שעדלאכער געווערק אין דער דאָזיקער רעפּובליק, ווי עס זאָגן דאַרויף עדות אסך געלערנטע מענטשן און פּריידיקער, צווישן אנדערע הער לאנטמאן און די וואָס קענען אים. לויט דער השערה פון די הערן פון דעם קירכנראט האָט ער געשריבן די בקשה, וואָס מען האָט איבערגעגעבן דעם בירגערמייסטער“.

די דאָזיקע ערשטע אָפיציעלע אטעס־טאַציע וועגן ספינאָזא, ארויסגעגעבן אין 1665 אין וואָרבורג,

באוויזט אין וואָס פאר א סביבה פון שטענדיקן חשד און אומצוטרוי אים איז אויסגעקומען צו לעבן.

עס איז ניט וויכטיק די פראגע צי איז ער באמת געווען דער מחבר פון דער פעטיציע צי ניט. עס איז מעגלאך אז טידעמאַן האָט זיך געווענדעט צו זיין שכן מיט דער בקשה צו פארפאסן די דאָזיקע פעטיציע. דאָס וויכטיקסטע איז דער טאָן פון גאַליקייט און שנאה קעגן ספינאָזאַ אין דעם מעמאָראַנדום פון די „בכבוד'יק־סטע איינוואוינער פון ווארבורג", די מיטגלידער פון דער רעפאָר־מירטער געמיינדע פון יעזוס קריסטוס, מיט דעם אָפענעם רמז אויף זיין אידעשער אָפשטאַמונג און דעמאַגאָגישן ערקלערן אים פאר אן אטעאיסט, ד. ה. פאר א מענטשן, וואָס לאכט זיך אויס פון אלע רעליגיעס.

אזא מין שטעלונג צו אים האָט געמוזט ווירקן אויף זיין באנע־מען זיך מיט מענטשן און אויף אָפזונדערן זיך נאָך מער פון די אומבאַקאַנטע פארערער, וואָס האָבן אָפטמאָל געשמעקט מיט שפּי־אָנאַזש, רכילות־טרייבעריי און ביליקע נייגעריקייט.

אפילו דער „בונטארישער" בעל־הבית זיינער האָט זיך דער־שראָקן פאר דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג און אין רעזולטאַט האָט ספינאָזאַ געמוזט זיך איבערציען אין אַנאַנדער דירה, וואָס איז אויך ניט געווען די לעצטע, אין משך פון די זעקס יאָר פון זיין וואוינען אין ווארבורג.

געווען זיינען אָבער א פאָר ניט דערוואַרטעטע וויזיטן, וואָס האָבן פארשאַפט ספינאָזאַ'ן א סך פרייד, און עטלאַכע פון די באַ־זוכער זיינען מיט דער צייט געוואָרן די אינטימסטע פריינד פון דעם גרויסן דיינקער.

אין דער צאָלרייכער גאַלעריע פון דיפּלאָמאַטן, נאַטור־פאָרשער, פילאָלאָגן אָדער סתם בשר־ודם'ס, וואָס האָבן דילעטאַנטיזירט אין פילאָזאָפיע, פיזיק און פילאָלאָגיע — און וואָס פלעגן באַזוכן ספינאָ־זאַ'ן אין דער פארוואָרפענער שטעטל ווארבורג — געפינען מיר א פּאָר טשיקאַווע, כאַראַקטעריסטישע טיפּן, וועגן וועלכע עס לוינט זיך צו זאָגן א פּאָר ווערטער.

אָט איז, למשל, י אָ ה א ן ה ו ד ד ע. א וויכטיקע פיגור! דער בירגערמייסטער פון אַמסטערדאַם, פון דער שטאָט וואָס איז

געווען פאַר ספּינאָזאַ׳ן אַ קוואַל פון ביטערע זכרונות באַזיסט מיט דער אינטימער בייַנקשאַפט נאָך זיין געבורטס־פּלאַץ.

דער געמיינזאַמער אינטערעס פון זיי ביידע, ד. ה. פון ספּינאָ־זאַ׳ן און פון הודדע, איז געלעגן ניט אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, נאָר פון אָפּטיק. ספּינאָזאַ האָט זיך פאַרנומען מיט גלעזער־שלייפעריי — מער צוליב פיזיקאַלישע עקספּערימענטן איידער צוליב פּרנסה, הגם ער האָט טיילווייז אויך פאַרדינט פון דער אַר־בעט. אויך הודדע איז געווען אַ גלעזער־שלייפער און האָט זיך אינטערעסירט מיט די נייע קאָנסטרוקציעס פון אָפּטישע גלעזער. ספּינאָזאַ האָט אַסך מחדש געווען אויף דעם דאָזיקן געביט און דאַריבער האָט הודדע געזוכט באַקאַנטשאַפט מיט אים.

אויף זיינע אַמטלאַכע רייזעס קיין האַג פלעגט הודדע אַריינ־פאַלן צו ספּינאָזאַ׳ן און שמועסן מיט אים ניט נאָר איבער פיזיק, נאָר אויך איבער מעטאַפיזיק, ווי עס זאָגן עדות די דריי איבערגעבליבענע בריוו צו אים, געשריבן פון וואָרבורג אין 1666.

צו אַ אָנענטער פריינטשאַפט איז געקומען אין יענע צייטן צווישן ספּינאָזאַ׳ן און דעם דיפּלאָמאַט ק אָ נ ר אַ ד ו ו אַ ן ב ו י נ י נ ג ע ן.

בוינינגען איז געווען האָלענדישער שטאַטס־סעקרעטאַר און אַ געוויסע צייט אויך דער בירגערמייסטער פון אַמסטערדאַם. ער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו די קאָלעגיאַנטן, הגם אַקטיוו האָט ער מיט זיי ניט מיטגעאַרבעט. ער איז געווען דורך און דורך קריסט־לאַך אין זיין לעבן און וועלנדיק מקיים זיין די עוואַנגעלישע פּרינ־ציפּן פון ניט באַזיצן קיין גיטער האָט ער פאַרטיילט זיין גאַנץ פאַר־מעגן. די משפחה זיינע האָט אים דערקלערט פאַר אַ משוגענעם און האָט אויסגעפּועל׳ט אַז מען זאָל שטעלן אונטער אַ פאַמיליע השגחה דאָס פאַרמעגן זיינס, וואָס מען האָט נאָך אָפּגעראַטעוועט.

זיין קאַריערע איז באמת אַ מערקווירדיקע. אַ זון פון אַ הויכן רייכן באַאַמטן (געבאָרן 1622), האָט דער דאָזיקער בוינינגען זיך אויסגעצייכנט פון די יונגטלאַכע יאָרן אָן מיט אַן אָריגינעלער אויפ־פאַסונג פון לעבן. ער האָט אויסגערעכנט אַז אַ מענטש דאַרף מער ניט האָבן ווי 40 גולדן אַ יאָר כדי צו לעבן ערלאַך. האָט מען מער און גיט מען אויס מער — קאָן מען שוין ערלאַך ניט זיין!

זייער א פייאיקער, מיט יורידישער בילדונג, ווערט ער אין 1642 דער פּריוואט סעקרעטאר פון הוגא דע גראָט אין פאריז. זיין שטאָט אמסטערדאם פארטרויט אים, דעם צוואנציק יאָריקן, דעם פאָסטן פון שטאָטס־סעקרעטאר. ער האָט ניט געוואָלט אָנגענומען דעם וויכטיקן פּאָסטן, ווייל ער האָט זיך ניט געפילט רייף דערצו.

האָט זיין קלוגע באָבע אים געזאָגט די פאָלגענדע ווערטער, וואָס זיינען היינט שוין געוואָרן היסטאָריש, הגם ניט אלע ווייסן פון וואנען זיי שטאמען.

„ביזט א שוטה, בחורל! — האָט זי צו אים געזאָגט — נעם דאָס אָן! דו וועסט ניט גלויבן, ווי ווינציק שכל דארף מען האָבן כדי צו רעגירן מיט א לאנד!“

און בוינינגען האָט דעם פּאָסטן אָנגענומען. בּיסלאכווייז שטייגט ער אין זיין אמט און ווערט אנערקענט פאר דעם שארפסטן פּאָליטישן קאָפּ אין האָלאנד. ער באצויבערט די שוועדישע קעניגין קריסטיאנא (1652), דעם קעניג קארל גוסטאוו (1654). דאן זעען מיר אים אין פראנקרייך.

ער איז דער דיפּלאָמאט וואָס האָט פארדינט די גרעסטע שבחים דערמיט, וואָס מען האָט וועגן אים געזאָגט, אז ער איז טויב פארן קלאנג פון גאָלד. פאר יענע צייטן איז דאָס א גרויסער קאָמפּלימענט!

וועגן זיין מוטיקייט און שארפזיניקייט האָבן זיינע מיטצייט־לער אונז איבערגעלאָזט א פּאָר כאראקטעריסטישע פאקטן.

אויף אן אודיענץ ביים פראנצויזישן קעניג לואי דעם 14טן, האָט בוינינגען באנוצט ניט ריכטיק א פראנצויזיש וואָרט. דער קעניג האָט זיך צולאכט.

„אייער מאיעסטעט — ענטפערט שנעל דער האָלענדישער אמבאסאדאָר — דאָס האָב איך אזוי זיך אויסגעדריקט כדי צו באריייכערן אייער שפּראך“.

ווען דער זעלביקער קעניג האָט אים באמערקט, אז עס איז א שאַנדע דאָס די האָלענדער דולדן די אידן פונקט ווי די קריסטן, האָט אים דארויף בוינינגען געענטפערט:

„איז עס ניט קיין סימן אז גאָט אליין וויל מען זאָל די אידן

דולדן אויף דער וועלט, ווייל ער אליין ראַט זיי ניט אוים, און ווייל זיי מוזן דאָך ערגעץ וואו וואוינען, און פון אלע לענדער טרייבט מען זיי ארוים — קאָן עס דען ניט זיין קעגן גאָט — ווען אמסטערדאם לכל הפחות נעמט זיי אויף".

זיין בירגערמייסטערשאַפט אין אמסטערדאם איז געווען א גליק פאר די אלע סעקטן, וואָס די אָפיציעלע קירכע האָט ניט געוואָלט דולדן. ער האָט זיי אלעמען באשיצט, ווייל זיי זיינען געווען נאָענטער צום קריסטנטום ווי די טעאָלאָגן און פראָפעסיאָנעלע גאָט'ס סטראַפּטשעס. דורך די קאָלעגיאנטן און גאָט־זוכער איז ער געקומען צו ספינאָזא'ן און אים האָט, מסתמא, ספינאָזא צו פאר־דאנקען וואָס מען האָט אים ניט גערודפט און געלאָזט צו־רו.

שפּעטער זיינען געקומען די שרעקלאַכע טעג פון בויונינגען'ס אונטערגאנג. ער איז אויף אמת משוגע געוואָרן, אפשר א דאנק דעם, וואָס די משפחה האָט אים פארפאָלגט און האָט אים דער־קלערט פאר אזעלכן אָפיציעל. אין דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מענ־טען איז פאָרגעקומען א טיפער, רעליגיעזער איבערברוך. ער איז געוואָרן א בעל־תשובה, און האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אז זיין קראנקהייט איז גאָט'ס שטראָף פאר זיין ספינאָזיזם.

א פארגעסענער, איבערלעבנדיק זיך אליין, איז דער דאָזיקער גרויסער מענטש און כאראקטער געשטאָרבן דעם 20טן אָקטאָבער 1693, ד. ה. מיט 16 יאָר שפּעטער פון ספינאָזאן.

צו די נייע פריינט זיינע פון יענער צייט דארף אויך צוגערע־כענט ווערן דער האגער אדוואָקאט א ב ר ה ם ק ו פ ע ל ע ר. ע ר א י ז ד ע ר א י י נ צ י ק ע ר ע פ נ ט ל א כ ע ר פ א ר־ ט י י ד י ק ע ר פ ו ן ס פ י נ אָ ז א' ס ש י ט ה א י ן 17 ט ן י אָ ר ה ו נ ד ע ר ט. אין 1684, אלזאָ זיבן יאָר נאָך ספינאָזא'ס טויט, האָט קופּעלער ארויסגעגעבן א ווערק אונטערן נאָמען „פאנטאזאָפיע", אין וועלכן ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן ספינאָזא'ס פילאָזאָפיע.

ער האָט ווארשיינלאָך געקענט ספינאָזא'ן פערזענלאָך און אפשר אויך באזוכט אים וואוינענדיק אין האג, פון וואנען עס איז געווען נאָר א האלבע שעה רייזע קיין וואָרבורג.

אויך מיליטער מענטשן האָבן באזוכט ספינאָזא'ן אין וואָרבורג.

און אויסגעדריקט זייער באוואונדערונג און טיפן יראת הכבוד פאר אים.

אין 1665 האָט זיך באזעצט אין האג דער אמאָל גלאָרייכער פעלדמארשאל פון פראנקרייך, שארל דע סאן דעני סעניע דע סענטער־ווּרעמאן. (Charles de St. Denis Seigneur de St. Evremont)

דער דאָזיקער בארימטער גענעראל האָט ניט נושא־חן געווען אין די אויגן פון זיין קעניג לואי דעם פערצענטן. האָט ער פאר־לאָזן פראנקרייך, זיך באזעצט אין ענגלאנד און שפּעטער אין האָ־לאנד און איז געקומען אין א נאָענטן קאָנטאקט מיט די פרייגייס־טער. אליין איז ער געווען א ליבהאָבער פון פילאָזאָפיע, האָט זיך פארנומען מיט דער דאמאָלסט זייער אין דער מאָדע נאטור־וויסנ־שאפט און איז געוואָרן שנעל פּאָפּולער א דאנק זיין פרייען גייסט און דעם מקריב זיין פון אזא גרויסער קאריערע. מיט אביסל חניפה וואָלט ער געקענט פארבויגן דעם כעס פון קעניג און פארענדיקן זיין רייך מארס־לעבן לויט דעם באנאלן נוסח פון פראנצויזישע מיליטער־העלדן.

דער דאָזיקער עקס־פעלדמארשאל האָט אן ערך אין 1667 בא־זוכט ספינאָזא׳ן און האָט אונז איבערגעלאָזט א טשיקאווע באשריי־בונג פון זיין אויסערלאכקייט. ער דערציילט אז ספינאָזא איז גע־ווען פון מיטעלן וואוקס און מיט איידעלע פּנים־שטריכן.

„זיין געלערזאמקייט, ערלאכקייט און עניוות האָבן פאראור־זאכט אז אלע מענטשן פון גייסט, וואָס האָבן געוואוינט אין האג, האָבן אים געזוכט צו קענען אין אויסדריקן זייער פארערונג. פון די געוויינלאכע געשפּרעכן מיט אים האָט מען בשום אופן ניט געקענט באמערקן, אז ער האָט אזעלכע געדאנקען, וועלכע מען האָט שפּעטער געפונען אין זיינע איבערגעבליבענע כתבים".

א צווייטער מיליטערמענטש, וואָס האָט געהאט א שייכות מיט ספינאָזא׳ן, איז דער פראנצויזישער הוגענאָט גבריאל פאָן סען־גלען (St. Glains). ער איז איבערגעגאנגען אין די האָ־לענדישע ארמיע און אין פרייע מאָמענטן האָט ער שטודירט פילאָ־זאָפיע. א געוויסע צייט האָט דער דאָזיקער סען־גלען ארויסגע־געבן א זשורנאל אונטערן נאָמען „די צייטונג פון אמסטערדאם". ער איז געוואָרן איינער פון די געטרייסטע פריינט פון ברוך ספּי־

נאַזאַ. אַ יאָר נאָך ספּינאָזאַ'ס טויט האָט דער דאָזיקער קאַפּיטאַן פון דער האָלענדישער אַרמיע אַרויסגעגעבן אין זיין אייגענער איבער־זעצונג דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט אויף פראַנצויזיש.

מאַנכע געלערנטע האָבן געמיינט, אַז די ספּינאָזאַ־ביאָגראַפיע, וואָס ווערט צוגעשריבן אַ געוויסן קאָלערוס (זי איז פאַרפאַסט אין פראַנצויזיש), האָט געשריבן דער דאָזיקער מיליטער־מאַן און ספּינאָ־זיסט. היינט איז אָבער דידאָזיקע השערה אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

פון די אַלטע פריינט האָט ספּינאָזאַ דאַמאָלסט פאַרלאָרן זיין מעצענאַט און חסיד שמעון דע וורייעז, וועלכער איז געשטאָרבן סעפּטעמבער 1667.

עס זיינען אָבער־צוגעקומען אַלץ נייע און נייע פּנימער. פון דעם שטילן שטעטל זיינען געפלויגן אין דער וועלט בריוו צו ווייטע און צו נאָענטע, צו די וועלכע זיין האַרץ האָט געבענקט און זיין פעדער האָט זיך מיט פרייד געווענדעט, און צו די וועלכע האָבן אים באַאומרואיקט מיט זייער גייסטיקן אומרו און געזוכט תשובות אויף זייערע שאלות, זיכערקייט פאַר זייערע ספקות.

רייך און קאַליידאָסקאָפּיש איז דידאָזיקע סביבה זיינע. דורך זיי שטראַלט אַרום ספּינאָזאַ מיט זיין הייליקער גוטסקייט און פריינטלאַכן געדולד, מיט זיין גוטוויליקייט און צוטרוי „אַ פּריאָרי" צו יעדערן און מיט זיין גרייטקייט יעדערן צו זאָגן אַ וואָרט פון נחמה און שיקן אַ שטראַל פון קלאָרקייט.

פון אַנדערע וויכטיקע באַקאַנטשאַפטן פון יענער צייט דאַרף דערמאָנט ווערן די פריינטשאַפט מיטן באַרימטן מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, פּאָעט און נאַטור־פאָרשער קריסטיאַן היגענס.

דער דאָזיקער „יורש פון גאַלילייִ", ווי מען האָט אים גערופן, האָט געוואוינט צוויי יאָר (1664־1666) אין האַג, אַלזאָ אין שכנות מיט ספּינאָזאַ.

היגענס האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט אָפּטיק און דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט ספּינאָזאַ.

היגענס איז געווען אַ שאַרפער, זעלבסטשטענדיקער גייסט.

„די וועלט איז מיין פאָטערלאַנד, וויסנשאַפט איז מיין רעליגיע" — דאָס איז געווען זיין לעבנס־פּרינציפּ. זייענדיק אין האָלאַנד האָט ער זיך באַפריינדעט מיט הודע און מיט דעם באַרימטן שטאַטסמאַן

און מאטעמאטיקער וויט. דער דאָזיקער געלערנטער טריאומוויראט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גרוים התמדה מיט שטודירן די טעאָריע פון וואַרשיינלאַכקייטס־חשבון אין דער מאטעמאַטיק.

אויך ספינאָזא האָט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער דאָזי־קער צווייג פון מאטעמאטיק, וואָס האָט גראָד צו יענער צייט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען.

ה י ג ע נ ס האָט אָבער קיין גרויסע פריינטשאַפט צו ספּי־נאָזאַ'ן ניט ארויסגעוויזן. ער איז געווען דורך און דורך אן אריס־טאָקראט און פאטריציער און ניט קוקנדיק אויף זיין פרייען גייסט האָט ער דאָך ניט געקענט אין זיך אויסוואָרצלען די איינגעבליבענע אריסטאָקראטישע געוואוינהייטן. ער האָט נאָר געהאט דרך ארץ פאר „פלעבעי", „דעם איזראעליט", „דעם יודן פון וואָרבורג", ווי ער טיטולירט אים אין זיינע בריוו צו זיין ברודער קאָנסטאנטין היגענס.

ער וויל דורכן ברודער זיך דערוויסן אסך וועגן ספּינאָזאַ. „וואָס מאכט אונזער איד"? — פרעגט ער אין א בריוו. דאָס מיינט ער ספּינאָזאַ'ן.

„דער איזראעליט איז אין שליפן גלעזער א גרויספירשט" — שרייבט היגענס צו זיין ברודער.

ער האָט אים באוואונדערט, אָבער צו קיין אינטימען קאָנטאקט איז צווישן די צוויי גרויסע גייסטער קיינמאָל ניט געקומען.

איינער איז געווען אן אריסטאָקראט פון געבורט און א פרינץ אין דער וויסנשאַפט, דער צווייטער איז געווען „א איד פון וואָר־בורג" און א „גרויספירשט" אין דער אָפּטיק.

די אנדערע פראָבלעמען, וואָס האָבן געפיינציקט ספּינאָזאַ'ן, האָבן פאר היגענס ניט עקזיסטירט.

אין יאָר 1667 האָט ספּינאָזאַ'ן באזוכט שמעון דע ווריעז'ס א ברודער און האָט אים פאָרגעשלאָגן א יערלאכע פּענסיע, ער זאָל ניט באדארפן אזוי שווער ארבעטן. ספּינאָזא האָט איינגעשטימט אויף א קליינע פּענסיע פון 300 גולדן א יאָר. דידאָזיקע סומע פלעגט ער באקומען דאָס גאנצע לעבן.

דאָס איז דער לעצטער באזוך פון א דרויסנדיקן מענטשן אין

וואַרבורג. אמת, ספּינאָזא האָט געמאַכט א פּאָר רייזעס אין אנדערע מקומות. איןווינטער 1663־64 האָט ער באַזוכט א פּאָר מאָל זיין פריערדיקן וואוין־אָרט,ריינסבורג.

דעצעמבער 1664 און יאַנואַר 1665 זעען מיר אים אין שידאַן ביים ברודער פון זיין פריינט און מעצענאַט שמעון דע וורי ע ז, וואָס האָט אים פאַרזיכערט שפּעטער מיט א לעבנס־פּענסיע.

א פּאָר מאָל באַזוכט ער אויף א קורצער צייט זיין געבורטס־שטאָט, אַמסטערדאַם. שפּעטער קומען יאָרן פון שטילקייט. די וועלט שווייגט, קיין בריוו קומען ניט אָן אין אזא צאָל ווי פריער.

דער לאָנדאָנער פריינט אָלדענבורג—שווייגט. פריער זיינען געווען ריין אויסערלאַכע סיבות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט זיין שווייגען. א מגפה האָט געהערשט אין לאָנדאָן. דערצו האָבן כראָנישע שריפות אַרויסגערופן א פּחד אין גאַנץ ענגלאַנד. שפּעטער איז געקומען אַנאַנדער סיבה, א ריין פּערזענלאַכע.

דעם 20טן יוני 1667 האָט מען אין לאָנדאָן אַרעסטירט אָלדענבורג'ן און באַשולדיקט אין אַרויסגעבן מלוכה־סודות קיין פראַנקרייך.

עס איז געווען קלאָר אז דאָס איז א מסירה אָן א באָדן. מען האָט מיט א כיוון אריינגעטייטשט אין אָלדענבורג'ס וויסנשאַפטלאַכע בריוו א פּאָליטישן אינהאַלט.

די קעניגלאַכע וויסנשאַפטלאַכע געזעלשאַפט איז געווען אזוי זיכער אין זיין אומשולד, אז זי האָט אָפּגעלייגט אַלע זיצונגען, ביז דער סעקרעטאַר וועט באַפרייט ווערן.

דעם 26טן אויגוסט האָט מען אָלדענבורג'ן באַפרייט. דאָס איז מסתמא די סיבה פאַרוואָס ער איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן.

שטיל און רואיק ווערט אין וואָרבורג. קיין בריוו קומען ניט אָן. נאָך 1666 איז בכלל א שטילקייט אין ספּינאָזא'ס וואָרבורגער לעבן.

אמת, ער אַרבעט זייער אסך. ער האָט שוין כמעט פאַרענדיקט די „עטיק", און פּלוצלונג וואַרפט ער אַוועק דאָס פאַרענדיקן די „עטיק" און נעמט זיך גאָר צום „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

וואָס איז געשען? וואָס האָט אים באוואויגן צו טאָן אזא זאך?

די סבות זיינען זייער וויכטיקע: דער געדאנק פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראקטאט” איז איינג צונויפגעבונדן מיט דער פּאָליטישער לאגע פון האָלאנד און מיט דער פּערזאָן פון זיין נייעם באשיצער און פריינט דעם גניאלן מאטעמאטיקער און שטאַטסמאן יאן דע וויט.

יאָהאַן דע וויט

„ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין פּערזענלאַך באַקאַנט מיט הער פּענסיאָנער יאָהאַן דע וויט, וועלכער האָט זיך געוואָלט לערנען ביי אים מאַטעמאַטיק, און אָפּטמאָל האָט ער אים גערופן צו זיך כדי זיך צו באַראַטן וועגן וויכטיקע ענינים".

די פּאָר שורות געפינען מיר ביי דעם ערשטן ביאָגראַף — מיט־ציַיטלער, לוקאַס.

יאָהאַן דע וויט איז געווען אין משך פון 19 יאָר דער פּאָליטי־שער פירער פון האָלאַנד.

ספּינאָזאַ'ס תקופה פאַלט זיך צונויף מיט דער גרויסער היסטאָ־רישער עפּאָכע ווען האָלאַנד ווערט געבויט אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט האָט דער געוועזענער האָלענדישער נאַמיעסטניק ווילהעלם אָראַניער צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין מאָריס און פרידריך היינריך געקעמפט געגן דער שפּאַנישער הערשאַפט. איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער איז אויסגעריסן געוואָרן פון די זשעדנע, פרעמדע הענט. די זיקע פּראָווינצן האָבן געשאַפן די פאַראייניקטע שטאַטן פון האָלאַנד.

דער וועסטפאַלער שלום פון 1648, וואָס האָט ליקווידירט די דרייסיק־יאָריקע זאַווערוכע אין אייראָפּא האָט אויך טיילווייז פאַר־ענדיקט די באַפרייאונגס אַרבעט פון די האָלענדער.

די באַפרייטע שטעט האָבן אַזוי ליב געקראָגן זייערע ערָאבערטע פרייהייט, אַז ממילא האָבן זיי זיך געמוזט אַנטקעגנשטעלן די צענט־ראַליסטישע און אפילו אביסל פאַרמאַסקירטע מאָנאַרכיסטישע טענ־דענצן פון דעם פרידלאַכן גואל פון האָלאַנד.

די מורא פאר רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ אין א לאַנד, וואו יעדע שטאַט האָט געהאַט פאַרשיידענע סעקטן און אמונות, וואָס האָבן דאָ געפונען א רואיקן דאַך און א פרייהייט פאַרן אויסלעבן זיך — האָט גורם געווען אַז אין נאָמען פון רעליגיעזער פרייהייט האָבן זיך די שטעט געווערט געגן וועלכער עס איז צענטראַליזאַציע בכלל, א פשיטא א מאָנאַרכיסטישער. דער רעפּובליקאַנער גייסט האָט געהערשט ביי די רייכע סוחרים אין האָלאַנד, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרזיכערן פאַר די שטעט פולשטענדיקע פרייהייט פון געדאַנק און גלויבן כדי אויף די יסודות פון טאָלעראַנץ בויען א רייך עקאָנאָמיש לעבן דורך צוציען כל המינים עלעמענטן אין די גרעניצן פון האָלאַנד.

דאַריבער זיינען די האָלענדישע פּראָווינצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רעפּובליק, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן שטאַטן. אין שויס פון דידאָזיקע שטאַטן האָבן געקעמפט די צוויי עלעמענטן: דער רעפּובליקאַנישער און דער מאָנאַרכיסטישער. דער קאַמף איז געווען א פאַרפּלאָנטערטער שוין צוליב דעם, וואָס די אָראַנישע דינאַסטיע האָט פאַרט באַפרייט דאָס לאַנד. מ׳האָט זי דאַריבער געמוזט דערפאַר באַלוינען. די באַלוינונג וואָס זי האָט געוואָלט און האָט באַקומען איז געווען א געפאַר פאַר דער זיכערקייט פונם דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן כאַראַקטער פון האָלאַנד.

מען האָט די מיטגלידער פון דעם אָראַנישן הויף, א דייטש־פראַנצויזישער משפחה וואָס האָט געהאַט פּרעטענזיעס צו דער מלוכה׳לע אָראַניען, אין דרום־פראַנקרייך, באַלוינט מיטן טיטל נאַמיעסטניק (שטאַטהאַלטער) און געגעבן זיי די מאַכט איבערן פלאָט און אַרמיע.

דאַגעגן די באַפעלקערונג פלעגט זיך אויסקלייבן ציווילע נאַמיעסטניקעס וועלכע מען האָט גערופן פּענסיאָנערן. מערסטענטייל האָבן זוכה געווען צו באַקומען דעם אַמט פאַרדינסטפולע בירגער, געלערנטע, יוריסטן און אַזוי ווייטער. צווישן די צוויי מאַכטן פלעגט זייער אָפט קומען צו סתירות, וואָס פלעגט זיך ניט זעלטן ענדיקן מיט געוואַלטטאַטן. יעדער צד האָט געהאַט זיינע אַנהייענגער און מען פלעגט אויסנוצן די מאַסן־סענטימענטן פאַר ברוטאַלע, עפנטלאַכע גאַסן אָנפאַלן.

אין יאָר 1653 ווערט באַשטימט פאַרן ראש פון דער רעפּובליק דער מאַטעמאַטיקער און יוריסט יאָהאַן דע וויט.

דע וויט איז געווען אַ פאַרשטייער פון אַ פּראָווינציעלער זעלבסט־שטענדיקייט און אַ קעגנער פון אוניפיקאַציע.

ער פלעגט זאָגן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן פון נידערלאַנד זיינען ניט קיין רעפּובליק; יעדע פּראָווינץ, איז אַ באַזונדערע רע־פּובליק און דעריבער, ווען מען רעדט וועגן נידערלאַנד דאַרף מען זאָגן רעפּובליקן און ניט רעפּובליק.

אין דער ווירקלאַכקייט איז יאָהאַן דע וויט ניט געווען אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פעדעראַליסט און האָט אייגענטלאַך ארויפגע־צוואונגען דער גאַנצער רעפּובליק אדער די רעפּובליקן לויט זיין אויסדרוק — די באַשלוסן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די אינטע־רעסן פון האָלאַנד גופא.

ער איז געווען באמת אַ געניאַלער מענטש. ער ווערט דער פירער פון דער רעפּובליק, וואָס איז באַשטאַנען פון 56 זעלבסט־שטענדיקע שטעט, רעגירט פון ריין אַריסטאָקראַטישע ראַטן מיט אַ סיסטעמע פון צענטראַלן ראַט, וואו יעדער באַשלוס האָט געמוזט דורכגיין איינשטימיק.

יאָהאַן דע וויט ווערט באַשטימט פאַר דעם נאָמיעסטניק נאָך דעם ווי דער לעצטער פון דער אַראַנישער דינאַסטיע, ווילהעלם דער 2טער, איז געשטאָרבן אָן אַ יורש. ער ווערט אויסגעוויילט פאַר דעם פירער אין אַ זייער קריטישער צייט; ענגלאַנד פירט מלחמה מיט האָלאַנד, ניט ווענלדיק צולאָזן דעם אויפבוי פון דער יונגער האַנדלס רעפּובליק. די מלחמה ווערט פאַרענדיקט אין 1654, אָבער אויך אויף ניט לאַנג. זי לעבט אויף אין 1665 ביז דער שלום, גע־שלאָסן אין דריי יאָר שפּעטער, האָט פאַרזיכערט, אמת, ווייטער ניט אויף לאַנג, אַ פרידן פאַר האָלאַנד.

אויף זיין צייט פאַלט אויס די פאַרשטאַרקונג פון קאַמף צווישן מלוכה און קירך. די קאַלוויניסטישע קירכן־ראַטן זיינען פול מיט האַס און אומטאָלעראַנץ געגן אַנדערע גרופּן. זיי באַשולדיקן די מלוכה, אַז זי צושטערט די פּרינציפּן פון דער רעליגיע, געבנדיק די פולע פרייהייט אַלע סעקטן און אמונות.

דער דעקרעט וועגן זונטיק־רו, וואָס דע וויט האָט דורכגעפירט

אין יאָר 1659, איז געווען צו מילד פאַר די פאַרשטייער פון דער קירך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף געגן דע וויטן, ווי געגן דעם „אַנטיקריסט“. אין די קירכעס האָט מען געהאַלטן בונטאַרישע דרשות און אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער משפחה פון די אָראַניער, וואָס האָט אויף זיך אָנגעטאָן דעם יעזואיטישן מאַנטל פון וואַנגעלישער פרומקייט.

דע וויט האָט אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט די קירכלאַכע רעאַקציע און האָט זי געשטראָפט מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

דאַן זיינען געקומען אַנדערע קאַטאַסטראָפעס.

אין 1664 האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכע מגפה אין האָלאַנד; אין אַ יאָר אַרום האָט ענגלאַנד באַנייט די קריגס אַטאַקע אויף האָלאַנד מיט אַ גרויסן זיג פאַר זיך.

אין דעמזעלבן יאָר איז דער מיליטאַריסטישער בישאָף פון מינסטער אַרויס אין אַ מלחמה געגן האָלאַנד, האָבנדיק אין זיין רשות אַן אַרמיע פון 18 טויזנט מענטשן, וואָס האָט צו יענער צייט מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַ באַדייטנדן חיל. דע וויט ווערט פון אַלע זייטן באַשולדיקט, אַז ער האָט עס אַראָפּגעבראַכט די אַלע אומגליקן אויף האָלאַנד.

דע וויט ווערט זיך מיט אַלע כוחות. מיטן קריגערישן בישאָף שליסט ער גיך שלום; דאָס זעלבע אויך מיט ענגלאַנד.

דאָס ענדערט זיין לאַגע. דער „זון פון שטן“, ווי די גלחים האָבן אים גערופן, ווערט אין די אויגן פון המון פאַרוואַנדלט אין אַ „פאָטער פון האָלאַנד“.

זיינע געניאַלע פּאָליטישע טריט, זיין טאַקט, אומדערשראָקנקייט און פעסטער באַשלוס ניט צו דערלאָזן אַז האָלאַנד זאָל ווערן אַ מאָנאַרכיע, אין וועלכער דער גלח זאָל דיקטירן די פּרינציפּן פון פּאָליטישער טעטיקייט, האָט אים דערוואָרבן אַ גרויסע צאָל פון שונאים; אָבער אויך יאויף פריינט האָט ער זיך ניט געקענט באַקלאָגן. מיט איין דעקרעט האָט ער פאַרזיכערט האָלאַנד איר רעפּובליקאַנישן כאַראַקטער. ער האָט באַשלאָסן, אַז אַן אָנפירער פון דער אַרמיע און פלאָט קאָן ניט זיין קיין שטאַטהאַלטער דערמיט האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די אָנהייגער פון דער אָראַנישער דינאַסטיע וועלן אפשר קענען זיין געוויילט פאַר

די אַרמיע־קעפּ, אָבער קיינמאָל ניט פאַר די קעפּ פון דער מלוכה. אָבער אַזאַ מין באַשלום האָט גלייכציייטיק געפירט די מלוכה אין דער ריכטונג צו פאַרקלענערן די אַרמיע, כדי איר אָנפירער זאָל ניט זיין בכח צו מאַכן איבערקערענישן אין דער מלוכה גופא.

דע וויט איז געווען קאָנסעקווענט. ער האָט פאַרקלענערט די אַרמיע כדי זי זאָל ניט קענען שפּילן קיין פּאָליטישע ראָלע, גראָד אין אַ צייט ווען פון אַלע זייטן האָט מען געלויערט אויף האָלאַנד'ס פרייהייט.

דידאָזיקע טאַט האָט אָראָפּגעבראַכט אויף אים אַ קאַטאַסט־ראָפע. ער, וואָס האָט פאַרגרעסערט דעם קאָלאָניאַלן באַזיץ פון האָלאַנד, וואָס האָט פאַרבעסערט די פינאַנסן פון דער יונגער רע־פּובליק, איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַראַט לגבי דעם פאָטערלאַנד.

עס איז אָן צווייפל, אַז דער דאָזיקער שאַרפער פּאָליטיקער און גרעסטער מלוכה מענטש, וואָס האָלאַנד האָט ווען עס איז געהאַט, איז געווען אליין אַ דואַליסט. ער האָט געקעמפט געגן אַ מאָנאַר־כיע, געגן דער הערשאַפט פון דער קירך, און זיין קאַמף האָט גע־האָט אַלע בולטע סימנים פון אַ דראַנג צו זעלבסט־הערשאַפט. די פאַראַנטוואָרטלאַכע שטעלעס אין דעם מלוכה אַפּאַראַט האָט דע וויט באַזעצט מיט אייגענע מענטשן, מיט פריינט אויף וועלכע ער האָט זיך געקענט פאַרלאָזן. ער האָט געשאַפן ארום זיך אַן אַטמאָס־פערע פון אַן אַפּאַדיקטישער הערשאַפטס־סיסטעמע וואָס איז סוף כל סוף געווען אַ ניט געקרוינטער און געזאַלבטער מאָנאַרכיזם.

און גלייכצייטיק האָט יאָהאַן דע וויט אָנגעהויבן צו אַרבעטן זייער ענערגיש און דיפּלאָמאַטיש אין דער ריכטונג פון אַבסאָלוטער אונטעריאָכונג פון דער קירך.

ער האָט עס געטאָן מיט פרידלאַכע מיטלען פון אויפקלערן און פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט געשטיצט שריפטשטעלער־פּאָליטיקער, וואָס זיינען געווען מסכים מיט אים, אַז די קירך מוז זיין אַ דינסט ביי דער מלוכה און אַז די מלוכה איז דער העכסטער אָרגאַן פון פאָלקס־קאָלעקטיוו.

אַ גאַנצע רייע ווערק וועגן מלוכה און טעאָריע פון הערשאַפט זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דאַנק דע וויט'ס הילף. אפילו זיין קרוב, אויך אַ יאָהאַן דע וויט, האָט פאַרפאַסט אַ קליינע אַרבעט אַ.

נ. „די עפנטלאכע תפילה“, וואו ער האָט אנטוויקלט די דאָזיקע טעאָ־ריע פון מלוכה בכורשאַפט.

צווישן זיי געפינען מיר אויך דאָס ווערק פון ספינאָזאַ׳ס פריינט, דר׳ לודוויק מעייער, וועלכער האָט אין זיין ווערק „די אויס־טייטשונג פון דער פילאָזאָפיע פון כתבי הקודש“ געוואָלט באַווייזן, אַז אַלעמאָל איז געווען אַ קאַמף צווישן מלוכה און קירך, און אַז דער אויטאָריטעט מוז געהערן צו דער מלוכה. אפילו די אויסטייט־שונג פון געטלאכן וואָרט דאַרף געהערן ניט דער טעאָלאָגיע, וואס

ברוך דע ספינאָזאַ
(אַ בילד פון דער האַגער צייט)
געמאָלן פון הענדריק וואַן דער ספיק.

איז די פילאָזאָפיע פון דער קירך, נאָר צו דער וויסנשאַפט, ד. ה. צו דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט ניט קיין שום זייטיקע כונות אין דער אויסטייטשונג, רק קלאָר מאכן דעם סוד פון גאָט'ס וואָרט.

אין 1667 האָט מען איבערגעזעצט אויף האָלענדיש דאָס בארימטע ווערק פון טאָמאַ האָבס א. נ. „דער לויתן", אין וועלכן עס ווערן אנטוויקלט די געדאנקען, אז די מלוכה איז דער שורש פון וועלטלאַכער און גייסטלאַכער מאַכט.

אין 1668 ערשיינען די ווערק פון ספינאָזאַ'ס תלמיד און פריינט קערבאַס, וואָס איז אין זיינע ווערק ארויסגעטראָטן געגן רעליגיעדאָגמעס און געגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער קריסטלאַכער קירך בכלל.

יאָהאַן דע וויט האָט געשטיצט פינאַנציעל דאָס ארויסגעבן פון דידאַזיקע ווערק און א סך פון די מחברים זיינען אויך געווען זיינע אינטימע פריינט און פאָליטישע חברים.

די פּראָפּאַגאַנדע האָט נאָך מער צופלאַקערט די געמיטער. די קירך איז ניט געוואָרן מיד אין איר קאַמף געגן דעם דאָזיקן מוטיקן פאָליטיקער, וואָס האָט געוואָלט איינמאָל פאַר אלע מאָל אָפּטיילן די טעאָלאָגיע פון די ניט פאַסיקע בגדים פון וויסנשאַפט און די מלוכה פון דער אומטאָלעראַנטער אינטערווענץ פון דער קירך.

די קירך האָט געזוכט שותפים אין קאַמף און זי האָט זיי לייכט געפונען. די מיליטאַריסטן און מאָנאַרכיסטן, די אנהייגער פון דער דייטשער אראַניען דינאַסטיע, האָבן זיך פאַראייניקט מיט די גלחים.

מען האָט פארוואָרפן דאָס לאַנד מיט א מבול פון פאַסקווילן און אַנאָנימע שריפטן פול מיט אינסינואַציעס און שרעקלאַכע באַשולדיקונגען געגן דעם פרייהייטלאַכן און וועלטלאַכן דע וויט.

איינמאָל איז מען אפילו אויף אים אָנגעפאַלן און מ'האָט אים אין א גאַסן געשלעג פארוואונדעט. דאָס איז געווען אין יוני 1672.

דער דאָזיקער אָנפאַל האָט געגעבן נאָך מער מוט און קוראַזש די מאָנאַרכיסטן.

דעם 20טן אויגוסט 1672 איז יאָהאַן דע וויט געקומען אין דער האַגער תפיסה, כדי צו באַזוכן זיין ברודער, קאָרנעלי דע וויט, א באַרימטן פלאָטן־מענטש, וועלכער איז געווען ארעסטירט פון דעם פירשט פון אראַניען, דעם שעף פונם פלאָט, אויף א באַשולדיקונג,

אז ער האָט געוואָלט מאכן א פארשווערונג אויף זיין לעבן.

די גאנצע באשולדיקונג איז געווען אינסצענירט, ווייל באלד ווי מען האָט זיך דערוואוסט אז יאָהאן דע וויט, דער פרעזידענט פון האָלאנד, געפינט זיך ביי זיין ברודער אויף א באזוך, האָט א המון אראנזשיסטן (אנהיינגער פון דער אראניען דינאסטיע), ארומ־גערינגלט די תפיסה און האָטביידע ברידער ארויסגעשלעפט אויף די גאסן און זיי גע'הרג'ט.

די קערפערס האָט מען מיט א געזאנג פון טריאומפאלע לידער געשלעפט איבער די גאסן פון האַג; שפעטער האָט דער המון זיי אויפגעהאנגען פאר די פיס אויף א ספעציעל צוגעגרייטער תליה, און צום סוף אראָפּגענומען און צוריסן אויף שטיקלאך.

נאָך 19 יאָר ארבעט לטובות דעם וואוילזיין פון האָלענדישן פאָלק האָט דאס פאָלק אפגעדאנקט דעם גרעסטן האָלענדישן שטאַטס־מאַן מיט דער דאָזיקער עקזעקוציע.

די מערדער האָבן די אראנזשיסטן און די גלחים ברייטהארציק באלוינט, און ווען עס איז געקומען זונטיק און דער זעלבער עולם האָט פארפולט די קירכעס פון האַג כדי הערן „גאָט'ס וואָרט" פון די פרומע גלחים, האָבן זיי געהערט די העכסטע הסכמה פארן מאָרד. „דאָס איז א פארדינטער שטראָף פון געטלאכער גערעכטיקייט", האָט פראָקלאמירט א האַגער גלח.

„דאָס קינד פון טייוול" איז אומגעקומען.

. . . „ער האָט פארגאָסן הייסע טרערן, ווען ער האָט דערזען, אז זיינע אייגענע מיטבירגער האָבן דערמאָרדעט זייער געמיינזאמן טאַטן, און הגם ער האָט געקענט בעסער וויסן ווי אימיצער אנ־דערש אין דער וועלט, אויף וואָס מענטשן זיינען פייאיק, דאָך האָט ער געציטערט צוקוקנדיק זיך צו דעם שרעקלאכן, געמיינעם מאָרד".

אזוי ווייסט צו דערציילן אונזער לוקאָס.

א טיפער ווייטיק האָט ארומגעכאפט ספינאָזאן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז דער מענטש, דער פריינט זיינער, איז געפאלן א קרבן פון די ליידנשאפטן, וואָס האָבן באזיגט די מוחות.

ער וויל געפינען אן אויסדרוק פאר זיין צער. אויף שנעל שרייבט ער אָן א פראָטעסט אין דער פאָרמע פון א פלאקאַט. ער

טאדלט אין שארפע ווערטער דעם שוידערלאכן מארד, וואס איז באַגאַנגען געוואָרן ניט ווייט פון אים און רופט אָן די אייגוואוינער פון האג „די נידעריקסטע ברואים צווישן די וואַרוואַרן“.

ער וויל ארויסגיין ביינאכט און אויף די מויערן פון שטאָט אויסהייגען זיין בלוטיקן פראָטעסט געגן דעם מאָרד.

דער גוטער האגער בעל הבית זיינער האלט אים אָבער איין; ער פארשטייט די געפאַר.

די היינע פון שטאָט האָט געוואָרט אויף אירע קרבנות.

ער האָט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

אין יענעם מאָמענט איז ספינאָזא ניט געווען דער פילאָזאָף; דאָס איז דער איינציקער מאָמענט אין זיין לעבן.

ער האָט דערפילט אין זיך די צאַפּלדיקע ניט זיכערקייט אין דעם כח פון ווייזהייט.

דער פּשוטער מענטש האָט געראַטעוועט דעם אויפגעבראַכטן חכם.

וואס האָט זיי פאראייניקט?

זייער א סך.

קודם כל איז יאָהאן דע ווינט דער אינספּיראַטאָר פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“.

דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט

עס איז געווען אַן צווייפל א גרויסע איבעראַשונג פאַר ספּינאָ־זאַן, ווען אין א ווינטער־טאָג, אָנפאַנג 1665 איז צו זיין באַשיידענער דירה אין וואָרבורג צוגעפאָרן די קאַרעטע פון האָלענדישן נאַמיעסט־ניק, און י א ה ן ד ע ו ו י ט איז איבערגעטראַטן די שוועלן פון זיין איינזאַמקייט.

דאָס איז ניט געווען סתם א וויזיט פון דעם העכסטן פּאָליטישן מאַן אין לאַנד צו דעם שוין באַרימטן פילאָזאָף און גלעזער־שלייפער. דאָס איז געווען די התחלה צו א גרויסער, אינטימער פריינדשאפט פון צוויי מענטשן, וואָס האָבן געהאַט זיך אסך צו זאָגן, און האָבן געהאַט נאָך מער זיך צו לערנען איינער פון דעם אנדערן.

ספּינאָזא האָט אריינגעפירט דעם נאַיעסטניק אין די וועלט פון מעטאַפיזיק און מאַטעמאַטיק און יענער האָט אים נעענטער גע־בראַכט צו די וועלטן פון פּאָליטישן רעכט, פּאָליטיק און דיפּלאָ־מאַטיע.

יעדער פון זיי איז געווען א בקי אויף זיין געביט. ביידע זיי־נען געווען דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער אידעע פון מענטשלאַכן וואוילזיין, קאָלעקטיוון גליק און פאַרפליכטנדער עטיק.

אין יענע ווינטער אוונטן ווען פון האַג פלעגט קומען די מלוכה קאַרעטע מיטן נאַמיעסטניק און דער נייגעריגער, רכילותפולער און ניט פאַרגינערשער וואָרבורגער עולם פון קאַלוויניסטישע פרומאַקעס האָט זיך אומזיסט געבראָכן דעם קאָפּ איבער די סיבות פון דער „הויכער“ וויזיט צום קליינעם, קאַרפּולענטן אידל — אין יענע אוונטן איז אויך אַנטשטאַנען די אידעע פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“.

ספּינאָזאַן איז קלאָר געוואָרן די פּאָליטישע לאַגע פון זיין פאַ־

טערלאַנד. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז די פרייהייט ווערט אונטערגעגראָבן פון דער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ און פון דער ניט געזעטיקטער גאוה פון די קאַלוויניסטישע גלחים צו הערשן אין האָלאַנד. די געפאַר פון אַ מיטלאַלטער אין דער פרייהייטלאַכער האָלאַנד, די מעגלאַכקייט, אַז די מלוכה וועט מוזן ווערן אַ דינסט פון דער קירך און דאַמאָלסט וועט שוין אויף געוויס ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר פרייע מיינונגען — דאָס זיינען די מאָטיוון, וואָס האָבן פאַראורזאַכט, אַז דער אַבסטראַקטער דיינקער, זאָל אָוועקוואַרפן די אַרבעט איבער דער „עטיק" און זיך אָפּגעבן מיט אַן אַקטועלער פראַגע, מיט דער פראַגע פון די גרעניצן פון מלוכה הערשאַפט און רעליגיעזער פרייהייט.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ספינאָזא זיך אונטערגענומען צו שרייבן אַ ווערק צוליב ריין פּאָליטישע צוועקן — צו באַשיצן די מלוכה פון דער אוזורפּאַציע פון דער קירך.

דאָס איז ניט קיין פילאָזאָפישע ווערק, נייערט אַן אַפּיל, אַן אויפרוף צו די פּאָליטיקער און שטאַטסלייט, צו די דענקענדע בירגער און אמת רעליגיעזע געמיטער זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק און וואַך. אַז די קרייטעכער פון אומטאָלעראַנץ זאָלן ניט פאַראומריינקן דעם יונגן גאָרטן פון דער רעפּובליקאַנישער פרייהייט אין האָלאַנד.

אין אַ בריוו צו אָלדענבורגן האָט ספינאָזא אָם בעסטן ערקלערט די מאָטיוון זיינע, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו שרייבן דעם טראַקטאַט.

„צום פאַרפאַסן די דאָזיקע שריפט האָבן מיר באַוואויגן, ראשית, די פאָראורטיילן פון די טעאָלאָגן, ווייל איך וויים, אַז זיי שטערן אממייסטן די מענטשן, וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט דער וויסנשאַפט. די דאָזיקע פאָראורטיילן קלאָר צו מאַכן און זיי אַרויסוואַרפן פון די פאַרנינפטיקע קעפּ—דאָס באַמי איך זיך צו טאָן. דאַן—האָבן די פרייהייט צו פילאָזאָפירן און צו זאָגן, וואָס מיר ווילן. איך וויל די דאָזיקע פרייהייט פאַרטיידיקן מיט אַלע מיטלען, ווייל זי איז אַ דאַנק דעם צו גרויסן אויטאָריטעט און באַדייטונג פון די פּרעדיקער דאָ אין לאַנד שטאַרק געדריקט".

דאָס זיינען זיינע פּאָליטישע מאָטיוון.

אין אַנאַנדער בריוו געפינען מיר אויך ריין פּערזענלאַכע מאָ־טיוון, וואָס האָבן אים באַוואויגן אַנצושרייבן דאָס ווערק.

„וואָס מיר האָט געבראַכט צום פאַרפאַסן דעם טראַקטאַט — שרייבט ספּינאָזאַ אין אַנאַנדער בריוו — איז אַחוץ אַלעמען אויך די מיינונג, וואָס אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט וועגן מיר און באַשולדיקט מיר שטענדיק אין גאָטלאָזיקייט. אויך צו פאַרטיידיקן זיך געגן דער דאָזיקער מיינונג בין איך געצוואונגען, אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגלאַך“.

דער דאָזיקער ווידוי איז זייער אינטערעסאַנט, ווייל ער לייקנט אָפּ די ביז איצטיקע, זייער פּאָפּולערע און כמעט איינגעבירגערטע מיינונג אַז ספּינאָזאַ איז געווען אַ קאַלטבלוטיקער, אין זיך פאַר־שפּאַרטער, מיט זיך און מיט זיין געדאַנק זיכערער מענטש, וועמען עס האָט לחלוטין ניט געאַרט, וואָס מענשן זאָגן וועגן אים. מען איז זיך נוהג אים צו שילדערן ווי אַן „איבערמענטש“ וואָס פילט אַזוי שטאַרק זיין פּולקאָמענהייט און סופּעריאָריטעט, אַז עס קימערט אים ניט, וואָס אַנדערע זאָגן אָדער טראַכטן וועגן אים. אין אמתן איז ספּינאָזאַ געווען זייער אַ סענסיטיווער, געפילספולער מענטש. וועגן כבוד האָט ער ניט געטראַכט און עס אויסגעמיטן. אָבער אַ פאַלשע אויסטייטשונג פון זיינע געדאַנקען האָט אים אַלעמאָל פאַר־שאַפט פּיין און אפילו פאַרדרוס.

אין יאָר 1668 איז דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט“ געווען פאַרענדיקט. ספּינאָזאַ האָט זיך זייער געאיילט דאָס ווערק אָפּצודרוקן, ווייל די אַקטועלקייט פון דער טעמע האָט אים דיקטירט ווי אַם שנעלסטן אַרויסגעבן דאָס בוך.

ער איז געפאָרן קיין אַמסטערדאַם כדי אויפזוכן אַ דרוקער. עס איז געווען אָבער זייער שווער צו געפינען אַ פאַרלעגער פאַר אַ ווערק, וואָס פאַרטיידיקט דע וויטס רעזשים, פאַרמאָגט אַסך שאַרפע שטעלן געגן קריסטנטום און אויך געגן דער ביבל און איז בכלל אין אַנגריף שריפט.

דער טראַקטאַט איז סוף כל סוף אַרויס אויף די קאָסטן פון זיין פריינט און חסיד יאָהאַן ריאָווערטש, דעם זעלבן וואָס האָט אַרויסגעגעבן ספּינאָזאַס „פּרינציפּן פון דער קאַרטעזיאַ־נער פילאָזאָפיע“.

געדרוקט האָט זיך אבער דאס ווערק אַנאָנים און מיט אַ פיקטיוון דרוק־אָרט. אנשטאט אמסטערדאם האָט מען אויפן שער בלאַט— אָפּגעדרוקט—האמבורג, און דאָרטן וואו עס האָט באַדאַרפט פיגורירן ריאַוווערטש האָט געשיינט אַן אויסגעטראכטער נאָמען, הענריקוט קינראַט. געדרוקט האָט מען דאָס בוך ביי אַ געוויסן קריסטאָפעל קאָנראַט, ווייל ריאַווערטש איז פּאָליטיש געווען ניט כשר אין די אויגן פון קירכן־ראַט; מען האָט אים פאַרפאָלגט, און ער האָט זיך דעריבער געמוזט שטאַרק היטן.

די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אָנפאַנג 1670 און איז געווען קאָריגירט פון ספּינאָזאן אַליין. עס איז אבער ניט אויסגעשלאָסן אז אפילו פריער, אין ערך סוף 1669, איז שוין דאָס בוך ארויס. גלייכצייטיק האָט זיך דאָס ווערק געדרוקט אונטער פאַרשידענע פיקטיווע נעמען און אויסגאבן.

איין מאָל איז דער טראַקטאַט ארויס אלס אַ כירורגיש ווערק פון דר. פראַנציסקוס הענריק דעווילאַקארטאַ; צום צווייטן מאָל—אלס אַ מעדיצינישע בוך פון דר. פראַנציסקוס דעלאַ בעסילוויוס און איין מאָל אלס אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע שריפטן פון דאַניאל היינפּלוס. די דאָזיקע אויסגעטראכטע שער־בלעטער האָבן באַדאַרפט דינען פאַר אַ שוץ־בלאַט געגן די וואכזאַמע אויגן פון דער קירכן־צענזור, וואָס האָט שטאַרק גערודפט די גייסטיקע רעליגיעזע רעבעלאַנטן.

די מלוכה האָט ניט געקענט גאָרניט האָבן געגן דעם טראַקטאַט, הגם דע וויט, דער אינספּיראַטאָר פון טראַקטאַט, אָבער קיין מאָל ניט דער באַשטעלער און אפילו דער „אונטערקויפער" פון ספּינאָזאן — ווי מאַנכע ווילן, אבער קענען דאָס ניט באַווייזן — אלס דער נאָמיעסטניק פון לאַנד האָט געהאט דאס רעכט ניט צו זיין צופרידן מיטן טראַקטאַט. דע וויט האָט געשטרעבט צו אַן אריסטאָקראַטישן זעלבסטהערשונגס־סיסטעמע — דאַמאָלסט ווען ספּינאָזאַ פּאַרטיידיקט אין זיין טראַקטאַט דעם ברייטן דעמאָקראַטישן פּרינציפּ פון מלוכה־הערשאַפט. דעריבער פאַלט אראָפּ די באַשולדיקונג אין חניפה, כאַבאַר, כאַראַקטערלאָזיגקייט און אַנדערע עפּיטעטן, וועלכע ווערן ספּינאָזאָן ניט געשוינט.

וועגן דער פּאָליטישער אַטמאָספּערע אין וועלכער דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן, זאָגט אונז ספּינאָזאַ אַליין אין דער הקדמה צו זיין טראַקטאַט.

„אַזוי ווי עס איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל דאָס זעלטענע גליק צו לעבן אין אַזאַ מלוכה, וואו עס איז יעדערן צוגעשטימט די אומבאַגרענעצטע פרייהייט צו דענקען און צו לויבן גאָט לויט זיין איבערצייגונג און וואו די פרייהייט ווערט אָנערקענט פאַר דאָס טייערסטע און דאָס ליבסטע — דעריבער האָב איך געהאַלטן, אַז עס וועט ניט זיין קיין אומדאַנקבאַרע און אומנוצלאָכע אונטערנע־מונג — אויב איך וועל באַווייזן, אַז מען קען ניט נאָר דערלאָזן די דאָזיקע פרייהייט אָן וועלכע עס איז אַ געפאַר פאַר דער מאָראַל און דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, נאָר אַז, דווקא דאָס אָפּשאַפן פון איר וועט ברענגען אַ שטערונג פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג און פאַר דער מאָראַל".

און צום סוף פון זיין הקדמה שרייבט ספּינאָזאַ אַזוי:

„אַזוי ווי אַסך וועלן ניט האָבן ניט קיין צייט און ניט קיין חשק אַלצדינג איבערצולייענען, מוז איך דאָ ערקלערן, ווי אויך צום סוף פון דעם דאָזיקן טראַקטאַט, אַז איך האָב גאָרנישט ניט אָנגע־שריבן, וואָס איך וואָלט ניט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן אָפּגעבן דער העכסטער מאַכט פון מיין פאָטערלאַנד, זי זאָל עס אויספאָרשן און פאַראורטיילן אויב זי וועט געפינען, אַז עפּעס דערפון, פון וואָס איך האַלט איז אין אַ סתירה מיט די לאַנדס־געזעצן אָדער עס ברענגט אַן אַלגעמיינעם שאָדן — דאַן בין איך גרייט דאָס צוריקצוציען. איך ווייס אַז איך בין אַ מענטש, און איך האָב זיך געקענט טועה זיין. איך האָב זיך אָבער פליסיק באַמיט זיך ניט טועה צו זיין, און בפרט וועגן דעם, אַז אַלץ, וואָס איך שרייב, זאָל זיין אין דעם פולסטן איינקלאַנג מיט די געזעצן פון לאַנד, מיט דער מאָראַל און מיט גוטע מנהגים".

דווקא דער דאָזיקער פּאַטריאָטיזם איז ניט געפעלן געוואָרן די געגנער פון דע וויטן און בכלל די אַלע, וואָס האָבן געטענה'ט אַז האָלאַנד איז געוואָרן אַ נעסט פאַר גאָטלעסטערער און „קינדער פון שטן", וואָס ווילן אונטעררייסן דעם פונדאַמענט פון דער „איינציקער קירך, וואָס איז באַרעכטיקט צו הערשן.

ספינאָזא האָט אין דעם טראַקטאַט קיין נייע פּאָליטישע אי־דייען ניט אַנטוויקלט. ער האָט געהאַט אַ סך פאָרגענגער, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ מלוכה דאַרף הערשן איבער דער קירך. ספינאָזא האָט אָבער דעם דאָזיקן פּראָבלעם פאַרטיפט, אַנטוויקלט מיט אַ גרעסערן מאַטעריאַל און סכום פון באַווייזן.

דערפאַר איז גערעכט פּרווידענטאַל, ווען ער זאָגט, אַז ספינאָזא איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט „די אידעע פון פרייהייט צו דענקען אַנטוויקלט און באַגרינדעט מיטן זעלבן כח פון דער רעלי־גיעזער, פּאָליטישער און פילאָזאָפישער זייט“.

אַ סך האָבן געהאַט טענות צו ספינאָזאַן, הלמאי ער איז אַזוי פאָרזיכטיק? ווי קען מען שרייבן אַ קאַמפּס־ווערק, אַ פּאָלעמיש שריפט אַזוי אויסגערעכנט, רואיק, געלאַסן און כמעט אָן בייזקייט?

ספינאָזא האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון רדיפות; אַז עס זיינען נוצלאָז וועלכע עס איז ויכוחים מיט מענטשן, וואָס ווערן געפירט פון אַפּעקטן אָדער פון גע׳ירשנטע געוואוינהייטן — האָט ער זיך שוין פון לאַנג איבערצייגט.

ניט אַנגרייפן אָפן איז געווען זיין כונה אין טראַקטאַט, נאָר אַנאַליזירן דאָס, וואָס איז וויכטיק. אין דעם פאַל איז דאָס געווען די פראַגע פון ווען און באַטייט פון דער מלוכה, איר סופּרעמאַציע און פּריאָריטעט אין לעבן פון קאָלעקטיוו.

האָט ער דאָרט געשוינט די רעליגיע בכלל, אַפילו די אידישע ווערט דאָרטן ניט אַזוי אַנגעגריפן — ווי עס ווילן זען די, וואָס זיי־נען בטבע קראַנק אויף אידישקייט־קאָמפּלעקס.

ער רעדט וועגן דער ביבל אין זייער איינגעהאַלטענע טערמינען, ניט ראַדיקאַל, ווייל ער האָט גערעדט צו די האָלענדער, צו אַ פאָלק, וואָס גלויבט אין די ביבל.

ספינאָזא איז בטבע ניט געווען קיין קעמפּער — זאָל עס איין מאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערן.

קאָנטעמפּלאַטיווע נאַטורן שטרעבן ניט צו דער אויסערלאַכער אַנערקענונג, אָדער טאַדלען מצד די פריינד אָדער שונאים. זייער ציל איז אַ סך אין העכערער ווי די אָרומיקע באַדינגונגען זיינען מסוגל צו פאַרשטיין. דעריבער ווילן זיי אויסמיידן די אומנוציקע ענער־גיע פאַרלוסט — טאָקע אין נאָמען פון זייערע ה ע כ ע ר ע צילן.

אזוי איז קאַנט, שאָפּענהויער; אזוי איז אויך געווען ספּינאָזא.

„פון מחלוקות צי איך זיך צוריק מיט א שוידער" — האָט ספּינאָזא אמאָל געשריבן.

און דאס אזוי זייער וויכטיק כדי צו פארשטיין אַט דעם דאָזיקן בלומרשטן אָפּאָרטוניזם, וואָס מען געפינט אין „טעאָלאָגיש־פּאָלי־טישן טראַקטאַט". וועט מען נאָך צוגעבן, אז די צייט איז אויך נאָך ניט געווען רייף פאר אַן אָפּענעם קאַמף, און דער אַנטבלויזטער אמת וואָלט סיי ווי סיי ניט דערגרייכט די יענע, וועלכע ער וואָלט באַדאַרפט דערגרייכן — דאַן ווערט קלאָר — פאַרוואָס איז דער טראַקטאַט — ניט אזא קלאָרע, ניט קיין אינגאַנצן קאַמפּס־פולע שריפט.

געוויינטלאך מיינט מען אז דער טראַקטאַט איז אין א סתירה מיט דער „עטיק". מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אז די עטיק איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטיק פאַרן טראַקטאַט.

די „עטיק" איז דאָס גרויסע ווערק פון ספּינאָזאַן. דער „טראַק־טאַט" איז אַ חוב, געצאָלט דער צייט, א געזעלשאַפטלאַכער ענין, מער פּובליציסטיק, ווי פילאָזאָפיע.

עס בלאָנדזשעט נאָך ארום ביי די, וואָס לעבן מיט זייער ספּי־נאָזא־וויסן פון „מלך סאַביעסקים צייטן", אז דער טראַקטאַט איז א „חשבון מיט די אידן, וואָס האָבן אים מחרים געווען". אזוי האָט אמאָל געשריבן אַוועַנאַריוס און אלע שרייבן אים נאָך, ניט אַריינטראַכטנדיג זיך אין דער ווירקלאַכער סיטואַציע פון א מענטשן, וואָס האָט געוואָלט מיט אַלע כוחות שליסן שלום מיט דער אידישער קהילה און האָט קיינמאָל ניט באַרירט די פראַגע פון חרם. עס קומט אויס, אַז ספּינאָזא איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אין זיך נקמה געפילן און האָט זיי געשטיקט קאַרגע צוועלף יאָר — כדי זיי שפּעטער אַרויסשליידערן פון זיך אין דעם „טראַקטאַט".

עס איז אָבער שוין אַנגעוויזן געוואָרן, אז די דאָזיקע השערה איז ניט באַגרינדעט און דאַרף שוין אויפגעגעבן ווערן.

די וועלט האָט זיך ניט געזעבנט דערמיט, וואָס ספּינאָזא האָט פיינט מחלוקות. ער איז באַשאָטן געוואָרן מיט א רעגן פון מסירות, גאַליקע קריטיקן, בייסיקע אַרויסטרעטונגען.

דער אַנאָנים איז באַלד אַנטדעקט געוואָרן, און זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן זיך באַווייזן דאָרטן, וואו עס האָט זיך דערהערט די הזהרה קעגן אַפּיקורסים, קעגן די „שלאַנגען" וואָס פּאַרסמען די רעליגיע.

ער האָט שוין דאַמאָלסט געוואוינט אין האַג, אין שכנות פון י א ה א ן ד ע ו ו י ט.

די פייַלן פון שנאה האָבן געצילט אין אים; זיי האָבן אָבער ווינ־ציק וואָס געטראָפן.

Benedicti Spinozae

TRACTATUS
THEOLOGICO-POLITICUS
Continens
Dissertationes aliquot,

Quibus ostenditur Libertatem Philosophandi non tantum salva Pietate, & Reipublicæ Pace posse concedi: sed eandem nisi cum Pace Reipublicæ, ipsaque Pietate tolli non posse.

Johann: Epist: I. Cap: IV. vers: XIII.

Per ıc cognoscimus quod in Deo manemus, & Deus manet in nobis, quod de Spiritu suo dedit nobis.

Nobilissimo D°
D° Jacobo Statio
Klefmanno Dono
D. Autor, et nonnullis
notis illustravit
illisque propria
manu scripsit Die
25 Julii Anno 1676.

HAMBURGI,
Apud *Henricum Künrabt.* cIɔ Iɔ cLXX

שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט.

א ויכוח מיט א תבואה־סוחר

בריוו פלעגן קומען, בריוו פלעגן אוועקגיין. אויף די פליגלען פון פאַרגעלבטן האַלב־פּאַרמעט פּאַפּיר זיינען געפלויגן געדאַנקען, געבוירענע אין איינזאַמקייט, אין דער שטילער וועלט פון פרומע, פשוטע מענטשן.

מיט אַ ברייטער האַנט ענטפערט ספּינאָזאַ. מיט צוטרוי און פרייד באַגריסט ער יעדן קאָרעספּאָנדענט זיינעם; רואיק און קלאָר ערקלערט ער זיינע ווייטע, אָפטמאָל פערזענלאַך אומבאַקאַנטע אָנ־פרעגער די שווערע פּראָבלעמען, וואָס זיי רירן אָן אין זייערע בריוו. אונטער דער קלאָרקייט זיינער פילט זיך דער שטאַרקער גלויבן אין די דערגרייכונגען פון מענטשלאַכן שכל; אין זיינע מיינונגען שפּיגלט זיך אָפּ דער עקשנות׳דיקער ווילן צו פאַרטיידיקן דאָס דערגרייכטע.

מענטשן ווענדן זיך צו אים נאָך הילף אין מאָמענטן פון ספקות. טעאָלאָגן ווילן פאַר זיך קלאָר מאַכן פילאָזאָפישע פראַגן און קענען זיי ניט באַגרייפן, ווייל עס דוכט זיך זיי, אַז זיי דענקען פריי — דאַמאָלסט ווען זייער דענקען בויגט זיך אונטערן לאַסט פון גע־ירשנ׳טע געוויינהייטן פון טעאָלאָגישן חדר.

און ווען די פּאָסט האָט אים סוף דעצעמבער 1664 געבראַכט אַזאַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטן נייעם קאָרעספּאָנדענט, וואָס וואוינט אין דער שטאָט דאָרטרעכט האָט זיך ספּינאָזאַ מיט אַ ברייטער האַנט גענומען דעם דאָזיקן פרעגער אַן ענטפער צו שרייבן.

דאָס מאָל איז דאָס געווען ניט קיין פאַך געלערנטער אָדער הויכער פּאָליטישער באַאַמטער, נאָר אַ פשוטער תבואה סוחר, מיט׳ן נאָמען ווילעם וואַן בלייענבערג. דעם 2,טן דעצעמבער 1664 האָט זיך בלייענבערג געווענדעט מיט אַ בריוו

צום „אומבאַקאַנטן פּריינט", ווי ער טיטולירט ספּינאָזאַ'ן מיט אַ בקשה קלאָר צו מאַכן געוויסע פּונקטן אין זיינע „קאַרטעזיאַנישע פּרינציפּן".

וועגן זיך זאָגט דער תבואה־הענדלער, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט געטריבן פון פאַרלאַנג דערגיין דעם לויטערן און ריי־נעם אמת. ער וויל אין דעם קורצן און הבל־הבלימדיקן לעבן „מיט איין פוס" אַריינקוקן אין די וויסנשאַפט „אויף וויפיל עס דער־לויבט עס אונזער מענטשלאַכער כח פון גייסט".

ווייטער רעקאָמענדירט ער זיך פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ניט קיין שום אַנדערע כוונות אין זוכן דעם אמת, ווי דעם אמת גופא; ער זוכט ניט קיין עשירות, ניט קיין כבוד, רק דעם אמת און דעם פּועל־יוצא פון אמת, די רו פאַר דער נשמה. און ווייל ער האַלט אַז ספּינאָזאַ איז דער מענטש, וואָס האָט אַ סך מוט און כח אָפּגעבן זיך מיט די ענינים פון פילאָזאָפיע, דעריבער ווענ־דעט ער זיך צו אים מיט זיינע פראַגן.

„קורץ, כדי קומען צום סוף, — שרייבט ער וועגן זיך, — דאָס איז עמיצער וואָס ווען איר וואָלט זיך מיט אים באַקענט נאָענטער, אויב דאָס וועט אייך געפעלן, וועט ער זיין אייך דערמיט דאַנק־באַר, וואָס איר וועט פריי און קלאָר מאַכן זיינע שוואַנקנדע גע־דאַנקען".

נאָך די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען גייען פאַר־שיידענע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט'ן טראַקטאַט. ער האָט דאָרטן געפונען אַ סך ענינים קלאָרע פאַר אים, אָבער אויך אַ סך, וואָס ער איז ניט בכח צו פאַרדייען. ער פילט זיך אָבער אין אַ פאַרלעגנהייט מיט דעם וואָס ער באַאומרואיקט אַ מענטשן, וואָס קען אים ניט און איז אויך ביי זיך ניט זיכער, צי וועט ער אים זיין אַנגענעם צי ניט.

„איך האָב דאָס אַלץ פריער מיט אַ כיון אָנגעמערקט — שרייבט בלייענבערג צו ספּינאָזאַ'ן. — און איך פרעג אייך: אין פאַל, אַז איך וועל אין די ווינטער־אָוונטן געפינען די נויטיקע צייט און אין פאַל, אַז אייך וועט דאָס זיין אָנגענעם — וועל איך מיך דער־לויבן צו שיקן אייך אַ פּאָר פראַגן און באַריכות באַרירן מאַנכע

שווערינקייטן אויף וועלכע איך האָב זיך אָנגעשטויסן אין אייערע ווערק״.

ווייטער פאַרזיכערט בלייענבערג, אַז ער וואָלט געוואָלט בע־סער רעדן וועגן די אַלע ענינים פּערזענלאַך; ווייל אַזוי איז פּאַ־סיקער און באַקוועמער: ליידער, איז ער קראַנק און דערצו די געשעפטן דערלויבן אים ניט אויף אַזאַ רייזע צום פילאָזאָף.

און כדי דער בריוו זאָל ניט זיין איינגאַנצן פּוסט — שטעלט אים בלייענבערג אַ פראַגע בנוגע דעם פּראָבלעם פון שלעכטס. ספּי־נאָזאַ לערנט אַז שלעכטס עקזיסטירט ניט — ווייל גאָט ווירקט ניט מיט דערביי אַזוי ווי דער ווילן איז ניט אָפּטיילבאַר פון גייסט — קומט אויס אַז אין יעדער מענטשלאַכער באַוועגונג איז דאָ גאָט׳ס השפּעה. שלעכטס — איז בלויז ווילן — אָבער דאָך ווילן; — דערפון איז צו באַשטימען אַז גאָט ווירקט מיט ביי דעם בייזן ווילן — אַזוי גוט ווי ביי דעם גוטן ווילן.

גאָט האָט ניט נאָר באַשטימט אַז אדם זאָל עסן, נאָר אויך, אַז ער מוז קענען זיין געבאָט עסן. פון דעם איז צו דרינגען, אַז, אָדער אדמ׳ס עסן טראָץ דעם געבאָט איז ניט קיין רעה — אָדער, אַז גאָט אַליין טוט עס.

„דאָס איז, מיין זייער געהערטער הער, וואָס איך קען ניט אין דעם אויגנבליק פאַרשטיין אין אייער שריפט, ווייל עס איז זייער געוואַגט פאַר ביידע צדדים צוגעבן דאָס עקסטרעמסטע. פון אייערן שאַרפזיניקן אורטייל און התמדה ערוואַרט איך אַ גענוגנדע תשובה, און האָף, אַז איך וועל מיט מיינע בריוו באַווייזן, וויפיל איך האָב אייך צו פאַרדאַנקען. זייט איבערציינגט, געהערטער הער, אַז די איינציקע סיבה, וואָס טרייבט מיך צו שטעלן די פראַגן — איז די ליבע צום אמת. איך בין אַ פרייער מענטש; קיין שום באַרוף בינדט מיר ניט צו. איך בין זיך מפרנס פון אַ בכבודיקן מסחר און פאַרשווענד די איבעריקע צייט אויף די דאָזיקע ענינים. איך בעט אייך זייער שטאַרק, אַז איר זאָלט מיינע אויסזעצונגען ניט אָננעמען פאַר אומגוט״.

עס איז פאַראַן אַ חניפה טאָן אין בלייענבערגס בריוו צו ספּי־נאָזאַ׳ן. אָבער די דאָזיקע חניפה איז פּשוט אַ מיטל פון אַ מענטשן, וואָס האָט מורא אַז דער באַרימטער דיינקער וועט איגנאָרירן זיין

בריוו און נאָר אַן אויסדרוק פון פולער איינשטימיקייט מיט זיינע אידייען וועט אים אפשר באַוואוינגן צו ענטפערן.

דער דאָרטערבעטער תבואה־סוחר האָט זיך אָבער טועה געווען. ספינאָזא האָט אים געענטפערט, ווייל עס איז געלעגן אין זיין נאַטור צו ענטפערן יעדערן אויף אַ בריוו. ספינאָזא האָט שוין געקענט די טיפן פון דילעטאַנטישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געשטעקט מיט אַ האַלבן קאָפּ אין טעאָלאָגיע און אין דעם צווייט האַלב קאָפּ, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר מסחר אָדער סתם פרנסה ענינים האָבן זיי געוואָלט אַרייַנשטופּן אויך... פילאָזאָפיע.

בלייענבערג איז געווען פון דעם סאָרט אמת זוכער. מיט ווינציק בילדונג האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָזאָפישע און רעליגיעזע ענינים גאָר ערנסט. ווען ער האָט זיך געווענדט צו ספינאָזא'ן מיט זיין ערשטן בריוו איז ער שוין געווען אפילו אַ מחבר פון אַ ווערק איבער „דערקענטניש פון גאָט און גאָטעסדינסט פאַרטיידיקט קעגן די אויסזעצונגען פון די אַטעאיסטן". דאָס בוך איז דערשינען אין 1663 און האָט אין 1671 געהאַט נאָך אַן אויפלאַגע. עס איז אַ טיפּיש סכאָלאַסטיש ווערק אין וועלכן עס ווערט פאַרטיידיקט דער שטאַנדפּונקט, אַז גאָטעסדינסט איז אַן אָפּהענגיקייט פון גאָט גופא און אַז „דער קריסטלאַכער גאָטעסדינסט שטימט מיט דעם שכל, וואָס איז אונז פון דער נאַטור געגעבן".

דער זעלבער תבואה־סוחר האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער פון דעם מין. עס איז בלי ספק זיכער, אַז ווען ספינאָזא וואָלט געקענט דאָס ערשטע בוך פון בלייענבערג'ן, וואָלט ער קיינמאָל מיט אים ניט קאָרעספּאָנדירט. יענער האָט אָבער פאַר אים ניט אַנטפּלעקט דעם „אמת" פון זיין חיבור.

אין זיין ענטפער אויף בלייענבערג'ס בריוו האָט ספינאָזא געשריבן דעם „אומבאַקאַנטן פריינט" — ווי ער טיטולירט אים — אַז ער זעט אין דעם מחבר פון דעם בריוו אַ מענטשן, וואָס זוכט אויך דעם אמת.

אַזאַ מענטשן איז ער אַלעמאָל גרייט צו ענטפערן און דערקלערן זיינע געדאַנקען, אויף וויפיל דאָס וועט זיין אין זיין רשות און מעגלאַכקייט. ספינאָזא גלויבט אַז זיי ביידע האָבן די זעלבע

צילן און צוליב דעם איז ער גרייט אַנטקעגנגיין דעם נייעם קאָרעספּאָנדענט זיינעם און אַנטוויקלען אָדער מיטווירקן פאַר אַן אַנטוויקלונג פון אַן אויפריכטיקער, פריינטלאַכער באַציהונג צווישן אים און בלייענבערג׳ן.

„וואָס איז שייך מיך גופא — האָט ספינאָזאַ געשריבן — האַלט איך אַז עס איז איבערהויפּט ניט פאַראַן אויף דער וועלט עפּעס העכערס — ווי אַ פריינטשאַפטס בונד מיט מענער, וואָס האָבן באמת ליב די וואָרהייט".

„איך גלויב, אַז מיר קענען אין דער וועלט, וואָס ליגט מחוץ אונזער מאַכט גאָרניט ניט ליב האָבן מיט אַ גרעסערער נשמה פרייד, ווי אַזעלכע מנים מענטשן".

„עס איז אפילו אוממעגלאַך אַז אַזאַ ליבע, וואָס שפּינט זיך פאַנאַנדער, זאָל צושטערט ווערן, — פּונקט ווי דאָס איז אוממעגלאַך אַז מען זאָל זיך אַליין אָפּווענדן פון דעם אמת צו וועלכן מיר זיינען אַמאָל דערגאַנגען; אויב דער דאָזיקער געפיל איז געבויט אויף דער ליבע פוןביידע צדדים פאַר דעם דערגיין פון אמת".

„די דאָזיקע ליבע איז חוץ דעם דאָס העכסטע און אַנגענעמסטע פון אַלץ, וואָס מען קען געפינען אין די רעאַלע דערשיינונגען, וואָס ליגן מחוץ אונזער מאַכט".

נאָך אַזאַ פריינטלאַכן טאָן אין וועלכן עס האָבן זיך געלאָזט זען אויסגעשטרעקטע הענט פון דעם דענקענדן נזיר, איז ספינאָזאַ צוגעטראָטן צום ערקלערן פון דעם פּראָבלעם גופא.

דעם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס האָט ספינאָזאַ אים דערקלערט אין דעם זעלבן בריוו אויפ׳ן פאָלגנדן אופן:

גאָט קען ניט זיין דער מקור פון שלעכטס, ווייל גאָט האָט באַשאַפן נאָר זאַכן בשלימות; פּאָלקאָמע, גאַנצע אין פּאָזיטיוון זין.

דאַגעגן שלעכטס איז נעגאַטיוו — דעריבער האָט גאָט ניט געקענט באַשאַפן דאָס שלעכטע.

פון וואַנעט האָט זיך אָבער גענומען דאָס שלעכטע? אויף דעם ענטווערט ספינאָזאַ אַז דער באַגריף „שלעכטס" נעמט זיך דערפון, וואָס מיר פאַרגלייכן פּאָלקאָמע זאַכן אָדער דערשיינונגען, מיט ניט פּאָלקאָמע. די ניט־פּאָלקאָמע רופן מיר שלעכטע לגבי די, וואָס מיר, מענטשן, האַלטן פאַר פּאָלקאָמע.

דעריבער איז דער באַגריף „שלעכטס“ פרעמד גאָט, ער ווייסט וועגן דעם לחלוטין ניט; דאָס האָבן מיר, מענטשן געשאַפן דעם באַגריף, אַז גאָט ווייסט וואָס איז אַזוינס שלעכטס.

זינד איז ניט קעגן געטלאַכן רצון אָדער ווילן, ווייל דער דאָזיקער באַגריף איז פרעמד צו גאָט.

דער מענטש באַנוצט זיך מיט'ן אויסדרוק אַז עמיצער האָט געזינדיגט קעגן גאָט, אָדער באַליידיקט אים; גאָט אַליין טראַכט ניט וועגן דעם, ווייל ער ווייסט ניט וועגן זינד.

און גענומען האָט זיך דאָס דערפון — ווייל דער תנ"ך איז באַשאַפן געוואָרן פאַר'ן פאָלק און אַלץ האָט געמוזט דייטלאַך פאָרגעשטעלט ווערן. דערפאַר זיינען אין תנ"ך אַנטראָפּאָמאָרפיזירט געוואָרן די באַגריפן פון גאָט, גוטס און שלעכטס, מצוה און עבירה און אַזוי ווייטער.

צום סוף פון זיין בריוו ערקלערט אים ספינאָזאַ — אַז ער איז גרייט נאָך אַמאָל צו ענטפערן — אויב די תשובה וועט ניט זיין פאַר אים קיין קלאָרע. ער בעט אים אויך פאַרבעסערן די פעלערן אין דעם בריוו, ווייל ער איז ניט געוואוינט געוואָרן צו שרייבן האָלענדיש.

בלייענבערג האָט לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן אויף זיין ענטפער.

דעם 16טן יאַנואַר 1665 האָט ער צוגעשיקט ספינאָזאַ'ן אַ בריוו, וואָס איז אייגנטלאַך אַ טראַקטאַט.

פון דעם דאָזיקן לאַנגן בריוו ווערט קלאָר — פאַרוואָס האָבן זיך די צוויי מענטשן ניט געקענט צונויפריידן?

קודם כל שטעלט ער פעסט — אַז ער איז אַ קריסטלאַכער דענקער.

„אויב עס פאַלט אויס נאָך אַ גרינדלאַכער אונטערזוכונג — שרייבט בלייענבערג צו ספינאָזאַ'ן — אַז מיין נאַטירלאַכע דערקענטניש איז אין אַ סתירה מיט גאָט'ס וואָרט, אָדער עס קען ניט, לויט אַלע וואָרשיינלאַכקייטן מיט אים איינשטימען — דאַן האָט דאָס דאָזיקע וואָרט פאַר מיר אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט — אַז איך וועל גיכער חושד זיין אַז די באַגריפן זיינען פאַר מיר ניט קלאָר — איידער איך זאָל זיי אַנטקעגנשטעלן יענעם אמת, וואָס איז לויט מיין אמונה פאַרגעשריבן געוואָרן אין די כתבי הקדש“.

דער דאָזיקער אני מאמין האָט אַם בולטסטן באַוויזן אַז די צוויי מענטשן, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט ווערן פריינט — זיינען געווען פון צוויי אַנדערע וועלטן צווישן וועלכע עס איז געלעגן דער תהום פון איינגעבוירענע באַגריפן און גלויבונגען.

ב ל י י ע נ ב ע ר ג האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ דואַליסט, וואָס האָט געוואָלט שליסן שלום צווישן פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע.

דער בריוון־אויסטויש צווישן ספּינאָזאַ'ן און בלייענבערג איז זייער וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם דענקער . . . מיט אַ רואיקייט, ברייטקייט, מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן געדולד און געלאַסנקייט נעמט זיך ספּינאָזאַ אונטער איבערפירן זיין קאָרעספּאָנדענט דורך די בריק פון טעאָלאָגיע און באַווייזן אים, אַז דענקען האָט גאָרניט צו טאָן מיט די איינגעבאָרענע באַגריפן וועגן גאָט.

עס איז אבער געווען אַן אומזיסטע אַרבעט.

ספּינאָזאַ האָט אים געענטפערט ווייטער רואיק און געלאַסן.

„איך גלויב קוים, — האָט ער צו אים געשריבן — אַז מיר וועלן קענען דורכ'ן בריוון־אויסטויש עפּעס לערנען איינער פון דעם אַנדערן; ווייל איך זע, אַז קיין שום זאַך האָט פאַר אייך ניט אַזאַ באַווייז קראַפט פו עקזיסטענץ, ווי דאָס, וואָס שטייט אין דער הייליקער שריפט — ווי איר אַליין און אַנדערע טעאָלאָגן פאַסט דאָס אויף".

„וואָס איז שייך מיך — ערקלער איך אָפן און פריי, אַז איך פאַרשטיי ניט די הייליקע שריפט — הגם איך האָב יאָרן לאַנג זיך אָפּגעגעבן מיט איר; איך באַרואיק זיך דעריבער מיט דעם, וואָס מיין שכל האָט מיר געגעבן די זיכערע באַווייזן און עס שרעקט מיך אפילו ניט דער געדאַנק, אַז די הייליקע שריפט, ווען איך פאַרשטיי זי אפילו ניט, קען זיין אין אַ סתירה מיט מיר; ווייל דער אמת קען דעם אמת ניט ווידערשפּרעכן — ווי איך האָב דאָס שוין פריער קלאָר געמאַכט אין מיין צוגאָב" (צו די פּרינציפּן פון קאַרטעזיאַנער פילאָסאָפיע).

און כדי צו איבערצייגן זיין אַנטאַגאָניסט, אַז ער האָט די בעסטע כונות, האָט זיך ספּינאָזאַ ווייטער באַמיט אין דעם זעלבן בריוו קלאָר ארויסברענגען דאָס, וואָס ער אַנטוויקלט אין זיין ערשטן בריוו

צום תבואה־סוחר. בלייענבערג האָט תיכף געענטפערט. עס איז געווען קלאָר, אַז פון די דאַזיקע דערקלערונגען וועט גאָרניט אַרויסקומען ממשות'דיקעס — ווייל דער קריסטלאַכער סוחר האָט ניט געוואָלט מקריב זיין דעם גלויבן צוליב דער פילאָזאָפיע.

די דאַזיקע לאַגע איז געוואָרן מיט דער צייט אַזוי אומערטרעגלאַך, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער פּרוכטלאָזער פּאָלעמיקע אין בריוו איז געווען: מאַכן אַ סוף צו דער עפּיסטאָלאָגראַפיע.

די בריוו האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ מער און מער ליידנשאַפטלאַכער אין כאַראַקטער: מען האָט געפילט אין זיי דעם ריח פון פולווער, וואָס וועט ברענגען צו אַן אויפרייס.

אין איין בריוו קלאָגט זיך בלייענבערג אַז ער האָט באַקומען אַן ענטפער וואָס „שמעקט ניט מיט קיין באַזונדערער פריינטשאַפט".

ספּינאָזאַ האָט פאַרלאָרן זיין געדולד. ער האָט דערזען אַז זיין בריוון־שרייבער איז אַ פאַרשטעקטער טעאָלאָג און עס איז ניטאָ קיין מעגלאַכקייט זיך צונויפקומען מיט אים אויף דער בריק פון פשרות.

האָט ער אים אָנגעשריבן אַז ער וואָלט בעסער געטאָן, ווען ער ניט אויף אײַנגאָנצן דעם בריוולאַכן ויכוח, ווייל פון דעם וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען; אַ שאָד די צייט און די מי.

מיט אַן אויפריכטיקייט, וואָס טוט ווי האָט ספּינאָזאַ געשריבן צום תבואה הענדלער; ער האָט געמיינט, ער האָט צו טאָן מיט אַ דענקער, לאָזט זיך אויס אָבער, אַז זיין פריינט בלייענבערג איז אַ טעאָלאָג.

בלייענבערג האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבן. ער האָט אים אפילו אויף אַ געשעפטלאַכער רייזע קיין ליידן באַזוכט אין זיין וואָרבורגער איינזאַמקייט. דאָס איז געווען דעם 21טן מאַרט, 1665. מען האָט ווייטער געשמועסט איבער די פראַגן פון דעקאַרט'ס באַגריף פון גאָט, פון באַציאונג פון פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע.

בלייענבערג ווערט אַזוי צומישט פון דעם ערשטן און איינציקן פערזענלאַכן געשפרעך מיט ספּינאָזאַ'ן, אַז ער איילט זיך צו פאַרשרייבן דעם אינהאַלט פון ספּינאָזאַ'ס רייד. ער האָט אָבער אַ סך ענינים ניט פאַרשטאַנען.

עס לויפט אַ נייער, לאַנגער בריוו צו ספינאָזאַ'ן מיט אַ בקשה קלאָר צו מאַכן, וואָס ער האָט צו אים גערעדט, בשעת ער האָט אים באַזוכט אין וואָרבורג.

ספינאָזאַ האָט גראָד געהאַלטן ביים אַפּפאָרן צו זיינע פריינט קיין אַמסטערדאַם. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין געדולד איבער־לייענען בלייענבערג'ס לאַנגע מגילה. ער האָט איבערגעלייענט אַ האַלבן בריוו און איז באַלד אַוועקגעפאָרן. ווען ער האָט זיך צו־ריקגעקערט, האָט ער געענטפערט בלייענבערג'ן אַז ער קען אים ליידער ניט ענטפערן. ער קען ביי זיך פועלן נאָך פערזענלאַך פאַר־ענטפערן די פראַגן פון זיין פראַגע־שטעלער.

דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט צו בלייענבערג.

ספינאָזאַ האָט פאַרשטאַנען אַז דער דאָזיקער בלייענבערג איז ניט קיין צופאַרלעסיקער מענטש בכלל און האָט גאָרניט צו טאָן מיט פילאָזאָפיע בפרט.

דער אומצוטרוי האָט זיך באַשטעטיקט; אין די ווערק פון דעם תבואה־הענדלער, וואָס זיינען אַרויס אין די יאָרן 1674 און 1682 איז שוין פאַראַן אַ רמז אויף אַ פיינטלאַכע שטעלונג צו ספּי־נאָזאַ'ן.

אין אייך בוך זיינען אפילו אָפּגעדרוקט די לעצטע שאלות, וואָס ער האָט געשטעלט ספינאָזאַ'ן — און יענער האָט אים ניט געענטפערט.

בלייענבערג האָט פון די שאלות געמאַכט אַן אָפענעם בריוו אויף 184 זייטלאַך מיט דער האָפנונג אַז עמיצער וועט זיי פאַר אים פאַרענטפערן.

די וועלט איז אָבער געבליבן שטום.

ספינאָזאַ'ס פייער איז אוועק לאיבוד.

דאָס לעבן אין האַג

ווען דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" איז אַרויס פון דרוק האָט ספּינאָזא שוין געוואוינט אין דעם פּאָליטישן צענטער פון האָלאַנד, אין האַג. עס איז אים געווען צו ענג אין דער וואָרבורגער סביבה, וואו יעדער פרומער בירגער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ אומפריינדלאַכן בליק און זיינע טריט זיינען געווען אַלעמען באַקאַנט. ניט וועלנדיק זיין מער אַן אביעקט פון טשיקאַווע פּרומאַקעס, וואָס פלעגן מעלדן צו די שומרים פון דער קאַלווינער קירך, וועלכע זיינען געזעסן אין קירכנראַט, וועגן יעדן גאַסט וואָס האָט באַזוכט דעם איינזאַמען שלייפער־פילאָזאָף האָט ספּינאָזא באַשלאָסן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

אין האַג איז געווען היימישער און פרייער. די אַלע פריינד, פאַרערער און סתם באַקאַנטע האָבן סיי ווי סיי געוואוינט ניט אין וואָרבורג. פון האַג פלעגן זיי צו אים קומען אָדער אָפטמאָל קומען צופאָרן ספּעציעל אַזש פון אַמסטערדאַם. ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיין נענטער צו זיי. דערצו איז אויך געווען אין האַג די פערזענלאַכע זיכערקייט אַ סך אַ גרעסערע ווי אין וואָרבורג.

דאָ האָט געוואוינט יאַהאַן דע וויט, דער פריינד און פּראָטעקטאָר פון ברוך ספּינאזא. די אַנאָנימע שריפט זיינע, דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" איז נאָר פאָרמעל געווען אָן אַ נאָמען. אויב ניט אַלע, איז, אַלנפאַלס, די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער דאַמאָלסדיקער גייסטיקער וועלט אין האָלאַנד האָבן געוואוסט, אַז ספּינאָזאַ איז דער מחבר פון דעם דאָזיקן טראַקטאַט. ער האָט געוואוסט, אַז זיין טראַקטאַט, ניט קוקנדיק אויף זיין בולטע טענדענץ צו זיין פרידלאַך און אפילו קאָמפּראָמיספול בנוגע אַסך געזעלשאַפטלאַכע און רעליגיעזע פראַגן — אַז דער דאָזיקער טראַקטאַט וועט אַרויסרופן אַסך בייז בלוט.

ער האָט דאַמאָלסט אסך נאָכגעטראכט וועגן דעם, אויף וואָס מענטשן זיינען פעאיק, ווען זיי ווערן באהערשט פון געפילן, ליידנ־שאַפטן און פאנאטישן גלויבן. דעריבער האָט ער געפילט, אז דאָר־טען אין האג אונטער דעם וואכזאמען אויג און שטאַרקע ארעמס פון דעם נאמיעסטניק וועט זיין זיכערער און רואיקער.

זיין ערשטע האַגער דירה איז געווען ביי אַן עלטערער אלמנה נאָכ׳ן אדוואָקאַט ווילי אם וואַן דע ווערפע. אויף דער שטילער ווערקאַדע גאַס האָט ער אָפּגעדונגען ביי דער דאָזי־קער אלמנה איין צימער, וואָס האָט אים געדינט פאר א שלאָפצי־מער, ארבעטסצימער און אפטישע לאַבאָראַטאָריע. די בעל־הבית׳טע האָט אויך געזאָרגט פאר זיין עסן און טרינקען. ער האָט אָבער איינגעזען אז אזא מין לעבן איז פאר אים צו טייער און שטייגט איבער זיינע פינאנציעלע מעגלאכקייטן, האָט ער זיך איבערגעצויגן אין מאי 1671 צו א שטוב מאָלער מיטן נאָמען הענדריק וואַן דער ספיק. דער דאָזיקער ספיק האָט געוואוינט אויף פּאַוויליאַנסגראַכט (היינט נומער 32)—אנטקעגן דעם האָספּיטאל פון „הייליקן גייסט“.

וואן דע ספיק איז געווען א גוטמוטיקער, פרומער און גלייכצייי־טיק זייער פּראַקטישער מענטש. אחוץ זיין פּראָפעסיע האָט ער זיך אויך פארנומען מיט וואוכערעריי; ער פלעגט אויסבאָרגן אָפּי־צירן געלט אויף פּראָצענט. ער האָט ניט געהאַט אויף אזוי פיל בילדונג, אז ער זאָל קענען פארשטיין ווער איז ספינאָזא — ער האָט אָבער מיטן חוש פארשטאַנען אז זיין לאָקאַטאָר איז ניט קיין געוויינלאַכער מענטש. אין זיין פשטות, געדולד און פּרוש׳דיקן לעבן איז געווען עפּעס וואָס האָט אין דעם שטוב־מאָלער געוועקט דרך ארץ און עפּעס מער... א מין קולט, ליבשאַפט און איבערגעבנ־הייט. ניט איינמאָל האָט וואן דע ספיק געראַטעוועט ספינאָזאַן פון א ניט באקוועמער לאַגע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל, למשל, מיטן פלאַקאַט־פראָטעסט קעגן דער דערמאָרדונג פון יאהאַן דע וויט.

דער בעל־הבית האָט זיך אבער אויף איין געביט געהאַלטן פאר א מענטשן, וואָס קען יאָ איבערטרעטן די שוועלן פון שעפערישע מענטשן און געשאפענע וועלטן. ער האָט זיך אין די פרייע מינוטן

פאַרנומען מיט מאָלן פּאָרטרעטן, און אים האָבן מיר אויך צו פאַר־דאַנקען אַ פּאָרטרעט פון זיין גרויסן מיט־וואוינער, ספינאָזא.

אמת, אין דער קאָנסטעלאַציע פון גרויסע קינסטלער־פּאָרטרע־טיסטן, מיט וועלכע האָלאַנד האָט צו יענער צייט מיט רעכט שטאָלצירט — שיינט ניט אפילו אין אַ ווינקל דער שטערן פון ספינאָזא׳ס בעל־הבית. מען מוז אָבער צוגעבן אַז דער שטוב־מאָלער האָט זיך ניט איבערגעשאַצט בכלל און האָט אויך אויף זיין פּאָר־טרעטן־מאָלעריי געקוקט ווי אויף היימישע קונסט.

וועגן ספינאָזאס לעבן צו יענער צייט אין האַג פאַרמאָגן מיר אַ זעלטן אינטערעסאַנטן באַריכט פון קאָלערוס, וואָס איז פאַר אונז כמעט די איינציקע קוועלע.

„עס איז ממש ניט צו גלויבן — דערציילט אונז קאָלערוס — ווי שפּאָרעוודיק און איינגעהאַלטן ער האָט געלעבט. ער איז ניט געווען אַזוי שטאַרק אָרים אַז ער זאָל זיין געצוואונגען דערצו, ווייל געלט האָט מען אים אָנגעבאָטן אַסך, נאָר אויס דער איינגע־באָרענער באַשיידנקייט און פּעאיקייט צופרידן זיין מיט ווינציק, און ווייל ער האָט ניט געוואָלט קומען דערצו, ער זאָל עסן פרעמד ברויט. דאָס באַווייזן אַמבעסטן פאַרשיידענע חשבונות וואָס מען האָט געפונען צווישן זיינע איבערגעבליבענע כתבים. אַזוי האָט ער אַמאָל אויף אַ גאַנצן טאָג גענומען זיך אַ מילעכדיקע זופּ מיט פּוטער פאַר דריי שטיבער און האָט אויסגעטרונקען אַ קאַן מיט ביר פאַר אָנדערהאַלבן שטיבער; אַ צווייטן מאָל האָט ער אַ גאַנצן טאָג געלעבט מיט גריץ מיט פּוטער און ראָזשינקעס פאַר פיר שטיבער און אַכט פעניג“.

ווייִן פלעגט ער טרינקען זייער זעלטן. קיין איינלאַדונגען אויף מאָלצייטן פלעגט ער פרינציפּיעל ניט אננעמען. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט פאַלן קיין לאַסט פאַר אַנדערע און מיט זיין באַשיי־דענעם, אויסגערעכנטן לעבן האָט ער געוואָלט אויסמיידן די אומ־רואיקייט צוליב וועלכע עס ווערן געשטערט און קענען דעריבער ניט קומען צום אויסדרוק די העכערע ענינים, דאָס שאַפענדע אין אים.

דאָס זעלבע דערציילט מען וועגן זיין קליידן זיך, ער איז געווען אַלעמאָל זייער זויבער, הגם באַשיידן אָנגעטאָן.

ל ו ק אַ ס ווייסט אונז אפילו צו דערציילן, אַז ספינאָזא האָט זיך אַמאָל אַזוי אויסגעדריקט:

„אומריין און פּאַרנאַכלעסיקטער אויסזען מאַכט אונז ניט פאַר געלערנטע, פארקערט; צילבאַוואוסטע נאַכלעסיקייט איז אַ סימן פון אַ נידעריקער נשמה, מיט דער ווייזהייט האָט עס ניט צו טאָן".

אויף וואָס ספינאָזא האָט אָבער ניט געשפּאָרט קיין געלט, איז אויף ביכער. די פאָרשער פון זיין ביבליאָטעק האָבן אָפּגעשאַצט אַז אַסך געלט האָט ספינאָזא געמוזט ארויסגעבן, ווייל ער איז ניט געווען פון די ב אַ ל י ב ט ע באַרימטהייטן צו וועלכע מען חנפה'ט זיך מיט געשאָנקענע ביכער באַצירט מיט מליצהדיקע ווידמונגען. ער האָט הייסט עס געמוזט קויפן ביכער. און ווייל זיין קרייז פון גייסטיקע אינטערעסן איז געווען אַ פאַרצווייקטער און ווייל יעדע ארבעט זיינע איז חוץ געדאַנק אויך ערודיציע, וויסן, פאָרשן — דעריבער האָט ספינאָזא נאָכגעפאָלגט די ליטעראַטור פון דער צייט און זיך איינגעקויפט די וויכטיקסטע ביכער. צו יענער צייט זיינען ביכער געווען זייער טייער, ווייל מען האָט ניט געדרוקט אין קיין גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן. עלטערע אויסגאַבן זיינען געווען זייער טייער. אין דער רשימה פון ספינאָזאַס ביבליאָטעק זיינען פאַראַן אַסך עלטערע ספרים, קאָסטבאַרע לעקסיקאָנס און ווערטער־ביכער, קאָמפּלעטן פון פאַרשיידענע שרייבער, הויפּטזעכלאַך פון רוימישע קלאַסיקער — דאָס באַווייזט אַז ספינאָזא האָט דעם גרעסטן חלק פון זיין הכנסה פאַרשווענדט אויף איינקויפן ביכער. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז ספינאָזאַס ביבליאָטעק איז געווען אַסך אַ גרעסערע, ווי די רשימה גיט אָן. ער פלעגט גערן אויסבאָרגן אַ בוך און די, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו באַקומען פון אים אַ בוך האָבן זיך באַמיט פון דעם בוך מאַכן אַ רעליקוויע, ד. ה. מער ניט צוריקגעבן.

מען קען אָבער לויט דער דאָזיקער רשימה ניט אורטיילן וועגן ספינאָזאַס געלערזאַמקייט. ווען מען וואָלט געמאַכט אַ רשימה פון ציטירטע קוועלן אין זיין ווערק, דאַמאָלסט וואָלט זיך ארויסגעוויזן אַז ספינאָזא האָט אַסך מער ביכער געלייענט — ווי ער האָט געהאַט אין זיין פּריוואַט־ביבליאָטעק. דאָך קיין מענטש מיט גרויסע ערודיציע איז ער פאָרט ניט געווען. עס זיינען געווען צו יענער צייט

אסך גרעסערע געלערנטע ווי ספּינאָזא איז געווען. ספּינאָזא האָט אַפילו געהאַלטן אַז צופיל לייענען איז אַ גרויס שטערונג פאַרן דענקען. ביכער דאַרפן זיין אַ באַשטעטיקונג אָדער אַ פאַרלייקענונג פון אַ אידעע — די אידעע גופא דאַרף אָבער געבאָרן ווערן מחוץ די ביכער און ניט זיין געצווימט פון די בלעטער־באַריקאַדן.

ספּינאָזא איז ניט קיין צעך־געלערנטער, וואָס שווימט אויף די וואַסערן פון בלויזע ערודיציע. מען וואַרפט אים פאָר, אַז ער ציטירט ניט אַלעמאָל ריכטיק, קלאָר אָדער אַפילו אַמאָל ציטירט ער אינגאַנצן ניט געדאַנקען, מיינונגען וואָס זיינען ניט זיינע. אַזאַ פאָרוואָרף איז ניט קיין באַגרינדעטער, ווייל אויף דעם באַווייז־מאַטעריאַל קוקט ספּינאָזאַ ווי אויף אַ מיטעל צו אַ העכערן ציל. אין פּראָצעס, ווען דער געדאַנק ווערט נתגלה קומט פאָר אַן אַמאַלגאַמאַציע, אַ צונויפמישונג פון דעם אייגענעם, דורכגעלעבטן געדאַנק מיט די איינגעזאַפּטע פון פרעמדע קוואַלן — און עס איז שוין שווער אָפּצוטיילן די צוויי שטראָמען; דעם אייגענעם שטראַם וואָס איז אָנגערירט געוואָרן פון אַ פרעמדן שטראָם. ווער קען דען פעסטשטעלן גרעניצן פון צוויי וואַסערן אין פּראַצעס פון פליסן?

דוקא, ווייל ער איז ניט געווען קיין „האָמאָ ערודיטוס" (אַ מענטש־בקי) האָט ער אָפּטמאָל ניט געוואוסט פון וועמען און וואו איז דער זעלבער געדאַנק שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ניט די אויסערלאַכע האַפטן פון ציטאַטן האָבן אים אינטערעסירט, נאָר דאָס אינערלאַכע, שייכות׳דיקע מיטן אוממיטעלבאַרן שאַפן.

און זיין שאַפן האָט ניט געטראָגן קיין כאַראַקטער פון ערופּטיווע אויסגוסן, בעת דער „רוח הקודש" באַהערשט דעם מענטשן. לויט די פאָר, אמת זייער מאָגערע באַריכטן, קען מען זיך דאָך אויסמאָלן דאָס לעבן פון דעם שאַפנדן ברוך ספּינאָזאַ.

עס פלעגן איבערגיין וואָכן, אַז ספּינאָזא האָט גאָרנישט ניט געלייענט און אַפילו ניט געוואָלט ריידן מיט קיין מענטשן. אין יענע טעג פלעגט ספּינאָזא אָפּאַרבעטן זיינע פאָר שעה ביים שלייפן די אָפּטישע גלעזער, ווייל דערפון האָט ער געשעפּט זיין חיונה — אָבער אין דער פרייער צייט האָט ער געקענט אָפּזיצן שעהן לאַנג מיט דער פּיפּקע אין מויל (ער איז געווען אַ ליבהאָבער־רויכערער!) און טראַכטן. שפּאַצירן פלעגט ער גיין אויך איינער אַליין. ווען

עס האָט זיך ביי אים אויסגעקריסטאַליזירט אן אידעע דאַמאָלסט האָט דער נזיר ספינאָזא געזוכט דעם מענטשן וועמען ער זאָל קענען דערציילן וועגן דעם צו וואָס ער איז דערגאַנגען. און אין אַזעלכע מאָמענטן איז אים געווען אַלץ איינס — ווער איז דער מענטש צו וועלכן ער וויל ריידן.

דער גוטמוטיקער וואן דע ספּיק האָט ניט איין מאָל געהערט ווערטער און באַגריפן, וועלכע ער האָט זיכער ניט פאַרשטאַנען. דאָך קענען מיר זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד און עפּעס אַ באַהאַלטענעם, ניט קלאָרן שטאָלץ האָט ער אויסגעהערט די דאָזיקע רייד און געטראַכט ביי זיך אַז מסתמא וויים זיין לאָקאַטאָר־נזיר וואָס ער רעדט? ער פאַרשטייט אים ניט; עס איז ניט קיין חידוש! אָט קומט ער אָפּטמאָל זונטיק פון דער קירך און דער־ציילט ספינאָזאַן וואָס דער פּאַסטאָר האָט געפּריידיקט און בעט אויך אַ טייטש, ווייל ער האָט די דרשה ניט פאַרשטאַנען. און אויב דער פּאַסטאָר רעדט סתרי תורה, דער וואָס האָט אין שטוב אַ חוץ דער ביבל כמעט קיין ביכער ניט, און מען האַלט אים פאַר אַ גע־לערנטן מענטשן, וואָס איז דער חידוש, ווען זיין לאָקאַטאָר מיט דער הייליקער חכמה, וואָס שטראַלט פון זיין פּנים ארויס און מיט דער גרויסער ביבליאָטעק רעדט וועגן אומפאַרשטענדלאַכע באַגריפן און מיט מאָדנע ווערטער?

די ארויסגעבער פון ספינאָזאַס איבערגעבליבענע כתבים גיבן איבער אין דער הקדמה, אז אין מאָמענטן פון שעפערישקייט פלעגט ספינאָזא מאָנאַטן לאַנג ניט ארויסגיין פון זיין הויז.

אַ שונא זיינער, אַ מחבר פון אַ שענדלאַכן פּאַמפלעט קעגן אים — מוז אָבער אין דער הקדמה צוגעבן אז ספינאָזא האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אן אויסערגעוויינלאַכער התמדה, געדולד און ליבע צו ארבעט.

ער האָט געאַרבעט איבער די „ווערק פון פינסטערניש" — לויט דעם דאָזיקן געגנערס דעפיניציע, אין די נאַכט שעהן; ביי טאָג פלעגט ער אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט מענטשן, כדי ניט צו פאַרלירן קיין צייט.

דער שטאַטסמאַן, גרייפּנקראַנץ, שרייבט אין אַ בריוו וועגן ספינאָזא פאָלגענדעס:

„ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער לעבט נאָר מיט זיך; ער איז אַלעמאָל געווען אַליין און אויך איינזאַם באַגראָבן אין זיין אַרבעטסצימער".

מען וואָלט געקענט — גיט ער צו — פּאַראַפראַזירן סענעקאַס אַ וואָרט איבער אַ רוימישן געלערנטן און זאָגן, אַז דאָ אין דעם צימער איז באַגראָבן ברוך ספּינאָזאַ.

אין די מאָמענטן פון מידקייט פלעגט ספּינאָזאַ אַריינגיין צו זיינע בעלי־בתים און סתם שמועסן וועגן עניני דיומא. און עס איז געווען וועגן וואָס צו ריידן. האָלאַנד האָט איבערגעלעבט אַ שטור־מישע צייט. דער קאַמף צווישן רעפּובליקאַנער און מאָנאַרכיסטן האָט אינטערעסירט שטאַרק די האָלענדישע מאַסן. די צייטונגען זיינען געווען צוגענגלאַך נאָר פאַר יחידים. ספּינאָזאַ'ס בעל־בית האָט געוויס קיין צייטונגען ניט געלייענט. ספּינאָזאַ האָט זיך אָבער, ווי עס איז צו זען פון די בריוו זיינע, זייער שטאַרק זיך אינטערע־סירט מיט דער פּאָליטישער וועלט; פון אים, הייסט עס, האָבן די וואַן דע ספּיקס געשעפּט די אַקטועלע ידיעות.

און די בעל־הביתטע פלעגט אים דערציילן פאַרשידענע ידיעות פון דעם וואָס עס טוט זיך אין שכנות.

ספּינאָזאַ זיצט זיך געמיטלאַך, רויכערט זיין פּיפּקע און הערט זיך צו מיט אַ פרידלאַך געמיט צו דעם וואָס די גוטמוטיקע פרוי דער־ציילט. פון אירע פענסטער זעט זי יעדן טאָג אַ לויה פון האָספּי־טאַל און זי הערט זיך אָן פון פאַרשידענע מענטשלאַכע צרות און אומגליקן. דער מענטש אין זיינע טאָג־טעגלאַכע ליידן און זאָרגן וואָלט ניט געקענט געפינען קיין טרייסט פאַר זיך און וואָלט זיך געוויס מיאש געווען, ווען ניט גאָט, וואָס וואַכט איבער אים און שיקט אים אַ טרייסט מיט זיין וואָרט, וואָס ווערט אַנטפּלעקט פאַרן פּשוטן בשר־ודם דורך די זיסע, קלוגע רייד פון פּאַסטאָר.

און זי דערציילט אים באריכות וואָס דער פּאַסטאָר האָט זונטיק געזאָגט אין זיין דרשה. זי גלויבט אים אָבער אויך; איר האַרץ און איר פאַרשטאַנד זאָגן איר אונטער, אַז איר איינוואוינער איז אויך אַזוי קלוג און געבילדעט, ווי דער זייער באַליבטער און בכבוד'יקער פּאַסטאָר.

ווייל זי ביי אים געפינען אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם פּאַסטאָרס

רייד און א הסכמה פאר דער גרויסער ערפרוכט, וואָס זי פילט בעת זי הערט זיין פייערדיקע דרשה מיט די וואונדערשיינע מעשיות פון דער הייליקער ביבל.

ספינאָזא האָט געגלויבט אז די מאַסע מוז האָבן א רעליגיע ווייל אָן איר איז זי ווילד און אוממאָראַליש; האָט ער זיך באַמיט צו־שטימען צו אירע רייד. ער האָט איינגעשטימט אז דער פאַסטאָר רעדט קלוגע רייד, אז גאָט איז א גערעכטער פאָטער און אז דאָס וואָרט איז א טרייסט־באַלזאַם, וואָס פארהיילט מענטשלאַכע וואונדן.

זי האָט זיך געוואונדערט פארוואָס איז ער, דער אזוי קריסטלאַך פילענדער, אַליין ניט קיין קריסט און בכלל פאַרוואָס גייט ער ניט אין קיין קירך. די דאָזיגע פראַגע האָט זי אָבער אים קיינמאָל ניט געשטעלט. זי האָט געהאַלטן ספינאָזאַן פאַר א הייליקן מענטשן און געגלייבט האָט זי אין דער ביבל אז הייליקע לעבן אנדערש ווי די פשוטע מענטשן — און מסתמא האָט דער שטילער גלעזערשלייפער און איינזאַמער מתמיד גאָט אין זינען אויף גאָר אנאנדער אופן, ווי זי די פשוטע פרוי פון דעם שטוב מאַלער, מ א ר ג א ר י ט א וואן דע ספיק.

אין יענע יאָרן פון התבודדות אויף דער פאַוויליאָנסגראַכט נו־מער 32 איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס קרוין־ווערק פון ספינאָזאַ: די עטיק.

די עטיק האָט ספינאָזא אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין וואָרבורג און האָט זי איבערגעריסן צוליב דער ארבעט איבערן „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט", וואָס איז אינספּירירט געוואָרן פון זיין אינ־טימן פריינט: י אָ ה א ן ד ע ־ ו ו י ט און נאָך מער פון די פּאָלי־טישע געשעענישן אין האָלאַנד.

די ארבעט איבער דער „עטיק" איז ניט געגאַנגען אזוי כשורה. פארשידענע מניעות און אומדערוואַרטעטע שטערונגען האָבן אים געצוואונגען איבעררייסן די ארבעט.

דער שרעקלאַכער טויט פון דע וויט האָט אים שטאַרק אויפ־גערודערט. לאַנג, לאַנג האָט ער ניט געקענט קומען צו זיך. ער האָט געמוזט זיך באַהערשן און דערגרייכן די מדרגה פון פילאָזאָפישער

רואיקייט, וואָס האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלעמאָל כּדי קענען ווייטער רואיק און אומגעשטערט פאָרטזעצן די אַרבעט.

די צווייטע, זייער וויכטיקע סיבה פאַר דער געשטערטער רואיקייטס־שטימונג איז געווען דער העפטיקער קאַמף קעגן זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

ספינאָזא אלס א מקובל
געמאָלן פון רעמבראַנדס תלמיד פראַנץ וואָלפהאַגען.

דער טעאָלאָגישער שטורם

עס האָט ווינציק וואָס געהאָלפן די פּיקטיוו־אָנגעגעבענע שטאָט אויפן שער־בלאַט פון דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" און די אַנאָנימקייט פון דעם מחבר. די ערשטע אויסגאַבע פונם טראַקטאַט, וואָס איז דערשינען אָנפאַנג 1670 האָט זיך זייער שנעל פאַרקויפט און א דאַנק דער קלוגער טאַקטיק פון דעם איבערגעגעבענעם פאַרלעגער און חסיד י אַ ן ר י אָ ו ו ע ר ט ש, האָט זיך דאָס בוך וואָס איז געווען אין אמתן געדרוקט אין אמסטערדאַם, זיך קודם כל באַוויזן אויפן ביכער מאַרק מחוץ דער דאָזיקער שטאָט, אַזוי אַז דער אָנגעגעבענער דרוק אָרט (האַמבורג), האָט געקענט א געוויסע צייט אָנגיין ניט פאַר א פיקציע, נאָר פאַר א ווירקלאַכקייט.

דערפאַר האָבן טאַקע די ערשטע רעאַגירט אויפן בוך, ניט די אמסטערדאַמער, נאָר גראָד—פון אַנדערע שטעט און לענדער. און רעאַגירט האָט מען שנעל, ממש תיכף, אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט אָפּשטעלן א געפאַר און אַלעמען וואָרענען געגן דער „שענדלאַכער אונטערגראָבונג" פון דער רעליגיע, מזהיר זיין אַז „א געפערלאַכער סם" לויערט פון די בלעטער פון דעם דאָזיקן, אָקאָרשט דערשינענעם בוך.

די שנעלע איילעניש צו האָבן דאָס בוך און אויסזאָגן איבער אים מיינונגען—הזהרות דאַרף מען אויך צוצושרייבן דעם פאַקט, וואָס אין מאַנכע קרייזן האָט מען שוין געוואוסט, אַז אַזא בוך דערשיינט און מען האָט עס דערוואַרטעט מיט אומגעדולד.

דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" איז געווען צו זיינער צייט א קאָלאָסאַלע, גייסטיקע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס האָט מיט א מערקווירדיקער רואיקייט און גלייכצייטיק אומרחמנות'דיקער שאַרפקייט א טרייסל געטאָן די יסוד.ת פון מענטשלאַכן גלויבן אין א פערזענלאַכן גאָט. די הייליקע ספרים

— די בלומרשט שטאַרקע רעליגיעזע פּעלזן־אויטאָריטעטן זיינען אַנערקענט געוואָרן אַלס פּראָדוקט פון מענטשלאַכן שאַפן, אַ ווערק פון אַ קאָלעקטיוו, אַנטשטאַנען אין פאַרשיידענע צייטן צוליב גאָר ספּעציפישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע צוועקן. פון דאַנען נעמט זיך די סתירה צווישן פאַרשיידענע טיילן אין תנ״ך, די כראָנאָלאָגישע ניט־פּינקטלאַכקייט, דאָס ניטשטימען פון פאַרשיידענע דערציילונגען, די אָפטע נוסחאות.

דער טראַקטאַט האָט געמוזט מאַכן אַ רושם שוין צוליב דעם, וואָס די אַרגומענטן ווערן דאָרט געבראַכט אין אַזאַ פאָרם, אַז נאָר דער, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין דעם ווערק, האָט איצט אָנגעהויבן באַגרייפן דעם אמתן מיין פון ספּינאָזאַ׳ס געדאַנקען איבער רעליגיע. דאַמאָלסט ווען אויסערלאַך איז דאָס ווערק געשריבן אין זייער אַ מעסיקן טאָן. דער דאָזיקער טאָן האָט גורם געווען, אַז מען האָט ספּינאָזאַן באַשולדיקט אין צבועצטווע און חניפה צום קריסטנטום און אַ שנאה צום אידנטום. די פּראָפעסיאָנעלע רעליגיאַנטן, טעאָלאָגן און סתם קירך־פּאָליטיקער האָבן אפילו דאָס אין אַכט ניט גענומען. פאַר זיי איז דאָס גאַנצע ווערק געווען שעדלאַך, ווייל אין שפּיגל פון דעם טראַקטאַט האָבן זיי דערזען אַ מענטשן „וואָס איז ניט קיין איד און ניט קיין קריסט“, נאָר אַן אַטעאיסטישער פילאָזאָף.

קיין זאַך האָט ספּינאָזאַן ניט אַזוי וויי געטאָן, ווי די פלאַכע, דעמאַגאָגישע באַשולדיקונג, אַז ער איז אַן אַטעאיסט. מיט דעם באַגריף האָט מען אים געקענט זייער לייכט באַזיגן און באַוואָסטזיניקערהייט האָט מען זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין די מיסטעריעזע, אידעלע, פאַרפירערישע ויכוחים און פּילפּולים מכח דעם אונטערשייד צווישן אַ טעאיסט און אַן אַטעאיסט, צווישן דער אינערלאַכער אמונה און דער קירכלאַכער רעליגיע.

אין אָנפאַנג רעאַגירט מען אויפ׳ן „טראַקטאַט“ פּריוואַט. טעאָלאָגן און פּראָפעסאָרן פון טעאָלאָגיע האַלטן פאַר פליכטיק אין זייערע בריוולאַכע דרך אגבדיקע באַמערקונגען אַ שטאָך טאָן דעם דערווייל אומבאַקאַנטן מחבר פון „טראַקטאַט“.

דאָס ערשטע וואָרט געגן דעם טראַקטאַט האָט זיך דערהערט פון דער קאַטעדרע אין לייפּציק, וואו עס האָט דער פּראָפעסאָר י אַ ק אָ ב ט א מ א ז י ו ס, לייבניצעס אַ לערער, געוואָרנט

אין אַ פלאַמענדיקער דרשה געגן דעם דאָזיקן „שענדלאַכן בוך". דאָס איז געווען דעם 8 מאַיי 1670.

דעם 28 יוני 1670 האָט דער היידעלבערגער פּראָפעסאָר פּ ר י ד ע ר י ק ו ס מ י ע ז י ו ס געשריבן צו זיינעם אַ פריינט ס אַ מ ו ע ל א נ ד ר ע, אַז ער האָט געהערט, דאָס אין בעלגיען איז דערשינען אַ בוך וועגן דער פרייהייט צו פילאָזאָפירן. מיעזיוס ווייסט שוין אפילו, אַז ספינאָזאַ איז דער מחבר פון דעם ספר. דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל דערפון איז געדרונגען אַז מען האָט זיך שנעל אריענטירט אַז דאָס בוך איז ניט געדרוקט אין האַמבורג, נאָר אין האָלאַנד און אַז דער מחבר איז באַקאַנט געוואָרן אַסך פריער, ווי מען האָט בכלל ערוואַרט. אמת, דער דאָזיקער פּראָפעסאָר האָט נאָך דאָס בוך ניט געזען; ער האָט נאָר געהערט, אַז דער דאָזיקער ספר איז „ווייט פון אמת און רעליגיע" און „שאַפט אַ צומישונג" אין די מוחות.

עס איז דעריבער ניט פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס האָט דער דייטשישער פּרעדיקער י אָ ה אַ נ ע ס מ ע ל כ י אָ ר (1646-1689), ווען ער האָט אין אויגוסט 1670 געשריבן געגן ספינאָזאַס טראַקטאַט, פאַרוואָס האָט ער זיך נאָך געשפילט אין רמזים אין אָנווייזן אויף אים, אַלס דעם מחבר פון דעם בוך אָנרופנדיק אים ז י נ אָ ס פּ אַ קסינאָספּאַ (Xinospa) וואַרשיינלאַך איז ער ניט געווען זיכער ביי זיך, אַז דער „האַגער ניט איד און ניט קריסט" איז דער מחבר פון דעם „חוצפּהדיקסטן בוך" וואָס איז באַשאַפן געוואָרן „כדי אונטערצורייסן דעם אמת פון אונזער גלויבן".

אין דער זעלבער צייט (יולי 1670) האָט דער פילאָלאָג ב ו ר מ אַ ן געשריבן צום העבראַיסט א ל ט י נ ג וועגן דעם טראַקטאַט אַזוי:

„איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז מיט אייער האַנד זאָל צושמעטערט ווערן דאָס העכסט פאַרהאַרבנדע און שווינדלאַכע בוך איבער די פרייהייט פון פילאָזאָפירן, וואָס זאָגט צו צו זיין אַ טעאָלאָגיש-פּאָליטישע אָפּהאַנדלונג, און רופט אַרויס דעם צאָרן פון געטער און מענטשן. אַ חוץ אייך קען איך קיינעם ניט, וואָס זאָל זיין בכח דאָס בוך צו פאַרניכטן".

אפילו אַ כלומרשטער פריינד פון ספינאָזאַן דער פּ י ל אָ ל אָ ג

יאָהאַן געאָרג גרעוויוס האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַרן טראַקטאַט.

„פּאַראַיאָרן איז דאַ דערשינען דאָס שווידערלאַכע בוך, דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט—האָט ער געשריבן לייבניצן אין אַפּריל 1671,—וואָס פירט אַריין דאָס אונגערעכטסטע רעכט פון דער נאַטור, צוטרייסלט דעם אויטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן און עפנט אויף ברייט די טויערן פאַר אַפּיקורסות.

ווייטער אינפאָרמירט ער אים, אַז דער מחבר איז אַ איד, מיטן נאָמען ספּינאָזאַ, וועמען מען האָט „אַרויסגעטריבן פון דער סינאַגאָגע“.

צו יענער צייט איז שוין דאָס בוך געווען פאַרבאָטן — דעריבער שלאָגט ער פאָר לייבניצן, אַז אויב ער קען דאָס בוך ניט קריגן, איז ער גרייט עס אים צו פאַרשאַפן.

זייער שאַרף האָט געשריבן געגן דעם טראַקטאַט דער טעאָלאָג פיליפ וואַן לימבאָרך, דער אָנפירער פון די האָלענדישע אַרמיניאַנער.

אין אַ בריוו צו אַן אומבאַקאַנטן האָט ער געשריבן (דעם 23 יוני 1671), אַז דער מחבר פונם טראַקטאַט איז פון אַ אידן געוואָרן אַ טעאיסט און אפשר גאָר אַן אַטעאיסט.

„איך קען זיך ניט דערמאָנען, אַז איך זאָל האָבן ווען עס איז געלייענט אַזאַ שעדלאַך בוך. ער לאַכט אויס די נביאים און די אַפּאָסטאָלן; לויט אים זיינען קיינמאָל קיין נסים ניט געשען. עס איז דאָ נאָר אַ פאַטום און אפילו גאָט איז פון אים אָפּהענגיק; אָבער ער באַשרייבט גאָט אויף אַזאַ אופן, אַז ער שיינט אינגאַנצן אויפצוגעבן די עקזיסטענץ זיינע. אַזעלכע מענטשן אַטאַקירן ניט נאָר דעם אדער יענעם עיקר פון דער אמונה, נאָר די נשמה פון דער רעליגיע גופא“.

אין אַ צווייטן בריוו האָט דער זעלבער לימבאָרך צוּשטימענדיק צו אַן אויסגעזאָגטן געדאַנק וועגן ספּינאָזאַס טראַקטאַט זיך אויסגעדריקט אַז „דער מחבר פּרעדיקט שעלמיש אונטער אַ פאַרשטעקטער פאָרמע אַטעאיזם“; ווייל הייסט דען ניט פאַרלייקענען גאָט, ווען מען וויל אים „אַנערקענען נאָר מחוץ דער וועלט“? — פרעגט זיך דער טעאָלאָגישער שרייבער.

דער, מיט וועמען ער שטימט איין אין צווייטן בריוו האָט זייער

שאַרף באַקעמפּט ספּינאָזאַס פילאָזאָפיע; דאָס איז געווען דער אוטרעכטער דאָקטאָר לאַמבערט וואַן וועלטהויזן.

וועלטהויזן איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין דער פּאָלי־טישער און וויסנשאַפטלאַכער וועלט פון האָלאַנד. ער איז געווען אַ פילאָזאָפירנדער דילעטאַנט, ווי אַ סך מעדיקער פון זיין תקופה; חוץ דעם איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער יוריסט, אַ מיטלמע־סיקער שטאַטסמאַן און אַ וואַסערדיקער אַנהענגער פון דעקאַרט׳ס פילאָזאָפיע פאַרבלייבנדיק דערביי אַ געטרייער זון פון דער פּראָ־טעסטאַנטישער קירך.

פאַר אים איז דער טראַקטאַט געוואָרן אַ בוך, וואָס האָט אים קודם כל צומישט זיינע „איינגעאָרדנטע" געדאַנקען, אין הסכם מיט דער געירשענטער רעליגיע און אירע עיקרים ווי אויך מיט דער „אָנגענומענער" וויסנשאַפט. אין אַ בריוו—קריטיק פון 1671, וואָס האָט אַרויסגערופן ספּינאָזאַס ענטפער האָט וועלטהויזן אים באַשול־דיקט אין צושטערן אויף אַ פאַרשטעקטן אופן די פאַרהערונג פון גאָט.

אויספירלאַכער האָט ער באַהאַנדלט דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט אין אַ בריוו צו זיינעם אַ באַרופליכן קאָלעגע, דאָקטאָר יאַקאָב אָסטען פון ראָטערדאַם.

דער דאָזיקער אָסטען, אַן אָנפירער פון די קאָלעגיאַנטן אין ראָטערדאַם האָט איבערגעלייענט דעם טראַקטאַט און ניט זייענדיק בכח אליין צו שאַפן פאַר זיך אַ מיינונג וועגן דעם דיסקוטירטן בוך האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו וועלטהויזענען.

דער אוטרעכטער דאָקטאָר האָט אים באַלד געענטפערט (פע־ברואַר 1671).

„צו וואָס פאַר אַ מין מענטשן עס געהערט דער מחבר פון דעם בוך, אבער וואָס פאַר אַן אַרט לעבן פירט ער, דאָס ווייס איך ניט, און דאָס האָט ניט צו טאָן מיטן גאַנצן ענין—האָט געשריבן וועלט־הויזן צו אָסטענען. דער אינהאַלט פון זיין ווערק באַווייזט גענוגנד, אַז ער איז אַליין, אָבער ניט קיין שונה, און דאָס ער האָט ניט אבער־פלעכלאַך און ניט אויבנאויפיק שטודירט די אַלע רעליגיעזע מלחמות, וואָס קומען איצט פאָר צווישן די קריסטן אין אייראָפּאַ".

וויטער ערקלערט ער אים, אַז פון ספּינאָזאַס בוך איז קלאָר,

אז ער וויל פאַרניכטן דעם פּרעסטיזש פון די הייליקע ספרים, און וואָס איז דאָס שרעקלאַכסטע, ער האַלט אויך מאַהאָמעטן פאַר אַ נביא און די מאַהאָמעטאַנישע רעליגיע נעמט ער אויך ערנסט!

דעריבער האַלט ער אַז: עס איז „ניט ווייט פון אמת" און אויך ניט קיין שום אומ־יושר לגבי דעם מחבר, אויב ער וועט אים באַשול־דיקן אין אַטעאיזם.

דער ראָטערדאַמער כירורג אָ ס ט ע ן האָט געקענט ספּינאָזאַן נאָך פון וואָרבורג, וואו ער האָט זיך מיט אים באַקענט אין די קאָלע־גיאַנטישע קרייזן. צי האָט ער אים שפּעטער באַזוכט אין האַג און געבראַכט דעם בריוו וואָס דר. וועלטהויזן האָט צו אים געשריבן צו האָט ער אפשר געשיקט אים דורך פּאָסט, דאָס איז ניט באַ־קאַנט.

אַלנפאַלס דער בריוו צו אָ ס ט ע נ ע ן קומט אין באַזיץ פון ספּינאָזאַ און ער האָט נאָך אַ לענגערער הפסקה דאַרויף געענט־פערט.

ער האַלט אַז עס איז אַ לייכטזין באַשולדיקן אים אין אַטעאַ־איזם. ער ווייזט אים אָן אַז דער דאָקטאָר־דיפּלאָמאַט איז זיך סותר — ווען איינמאָל זאָגט ער אויף אים, אַז ער איז אַ טעאיסט און דאָס צווייטע מאָל — אַז ער איז גאָר אַן אַטעאיסט. ער האָט אויך ניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשיד צווישן אַבערגלויבן און רעליגיע, ווי אויך די גאַנצע אידעיע פון דעם געזעצמעסיגקייט אין דער נאַטור, וואָס ספּינאָזאַ אַנטוויקלט אין דעם טראַקטאַט.

אין אַ רואיקן טאָן צושמעטערט ספּינאָזאַ די איילנדיקע נישט־דורכגעטראַכטע באַשולדיקונגען פון דר. וועלטהויזן און פאַרענ־דיקט דעם בריוו אַזוי:

„אַלזאָ, איר זעט, ווערטער פריינט, אַז דער דאָזיקער מאַן איז ווייט פון אמת; איך גלויב, אַז ער ברענגט מער שאָדן זיך, ווי מיר, ווען ער שעמט זיך נישט צו טענה'ן אַז איך לערן און פאַר־שפּרייט די תורה פון פאַרלייקענונג פון גאָט דורך באַהאַלטענע און כיטרע אויסטראַכטונגען. איך האָף אַז איר וועט אין מיינע ווערטער גאָרנישט ניט געפינען, וואָס זאָל זיין צו שאַרף געזאָגט קעגן אַזאַ מין מענטשן. אויב אָבער איר וועט עפּעס אַזוינס געפינען, האָן בעט איך אייך דאָס אויסצומעקן און ענדערן לויט

אייער גוטער כונה. ווייל מיין ציל איז נישט אים צו פאַרביטערן — עס מעג זיין ווער עס איז — און דורך מיין אַרבעט זיך אַנמאַכן שונאים—ווי דאָס געשעט זייער אָפּט דורך אַזעלכע שטרייטשריפטן. איך האָב קוים געקענט ביי זיך פּועל'ן צו ענטפערן און איך וואָלט עס זיכער נישט געטאָן, ווען איך וואָלט אייך דאָס אפריער נישט צוגעזאָגט".

עס איז קלאָר, אז דר. אָסטען האָט געשיקט די דאָזיקע תשובה פון ספּינאָזא צו זיין קאָלעגע וועלטהויזן. אויף אַזאַ אופן איז יענער געווען אַ פאַרמיטלער צווישן אים און ספּינאָזאַ'ן, פּונקט ווי דער אַמסטערדאַמער דאָקטאָר שולער האָט פאַרמיטלט צווישן גראַף טשירנהויז און דעם פילאָזאָף. שפּעטער האָט זיך ספּינאָזאַ באַקענט מיט דר. וועלטהויזן און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן נישט געקענט שטימען אין זייערע פילאָזאָפישע און פּאָליטישע מיינונגען, דאָך האָט איינער צו דעם אַנדערן זיך באַצויגן מיט גרויס יראת־הכבוד.

אין הארבסט 1675 האָט ספּינאָזא אין א בריוו צו דר. וועלטהויזן געבעטן אים דערלויבן אָפּצודרוקן זיין תשובה, וואָס ער האָט געשיקט קעגן אים צו אָסטענען צוזאַמען מיט זיין אַן אייגענער ערקלערונג. ער האָט געהאט בדעה אַרויסגעבן פּירושים צו זיין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט און דער דאָזיגער בריוו זיינער איז אַ וויכטיקער פּירוש צו אים.

ער גיט אים אפילו דאָס רעכט צו מעקן און קאָרעגירן זיין טעקסט פון דעם ענטפער צו דר. אָסטען. ער וועט אויך ניט אָנגעבן זיין נאָמען — אויב יענער וועט נישט וועלן — ווייל אפשר האַלט ער אַזאַ ענין פאַר געפערלאַך פאַר זיך?

ספּינאָזא בעט זיין קעגנער שריפטלאַך אויסדריקן זיינע קאָנטער־אַרגומענטן צום טראַקטאַט.

„איך בעט אייך זייער דאָס צו טאָן, — שרייבט ער צו דר. וועלטהויזן — קיינעמס ארגומענטן ווילט זיך מיר נישט אַזוי שטאַרק צו אונטערזוכן — ווי אייערע — ווייל איך ווייס, אַז זיי זיינען באַזעלט פון דער ליבע צום אמת און איך קען די פּאָלקאָמענע ריינהייט פון אייער געמיט".

מיט יאָרן שפּעטער (אין 1680) — שוין נאָך ספּינאָזאַ׳ס טויט — ווען דר. וועלטהויזן האָט ארויסגעגעבן זיינע שריפטן האָט ער אין דער הקדמה דערמאָנט וועגן די אפּטע שמועסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט ספּינאָזאַ׳ן.

ער האָט אָבער זיין קאַמף קעגן ספּינאָזאַ׳ן נישט אויפגעגעבן. צו יענער צייט איז שוין דערשינען די „עטיק" צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע כתבים, וואו עס איז אויך געווען אָפּגעדרוקט ספּינאָזאַ׳ס בריוו צום דר. אסטען און צו דר. וועלטהויזן. דער לעצטער האָט שטאַרק אָנגעגריפן די עטיק און האָט זיך אויס־געדריקט אַז „אַ בייזער רוח האָט באַהערשט זיינע געדאַנקען".

די צאָל פון פּאָלעמישע שריפטן קעגן דעם טעאָלאָגיש־פּאָלי־טישן טראַקטאַט איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. אין 1674 האָט מען ארויסגעגעבן פינף שריפטן קעגן ספּינאָזאַ׳ן. צווישן זיי אויך אַ גרויס בוך אין קוואַרטאַ פון 500 זייטן פון וויליאַם בליי־ענבערג, דער תבואה סוחר, וואָס האָט נאָך מיט צען יאָר צוריק אַזוי געגאַרט נאָך ספּינאָזאַ׳ס פריינדשאַפט.

זייער געפערלאַך איז געווען די אַטאַקע און מסירה פון דעם אוטרעכטער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע ריינער וואַן מאַנסוועלד.

אין זיין בוך „קעגן דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן אַנאָנים" האָט ער גערעדט אין שאַרפע ווערטער וועגן דעם בוך.

„מיט אַ טייוולשער קונסט — שרייבט ער, — האָט דער פאַר־פאַסער אויפגעבויט זיין אַטעאיסטישן בנין. ער ערקלערט, אַז גאָט און וועלט, גייסט און קערפּער זיינען איינס און דאָס זעלבע, ער קעמפט נישט פאַר פרייהייט פון דענקען, נאָר פאַר פאַרברעכע־רישע פרייהייט. זיינע גרונדפּרינציפּען בויען גאָרניט ניט אויף, נאָר זיי צושטערן דעם שלום פון דער רעפּובליק. דעריבער דאַרף דאָס גאַנצע בוך אָפּגעגעבן ווערן דער אייביקער פינסטערניש (ד.ה. קאָנפיסקירט און פאַרניכטעט ווערן)."

דאָס איז שוין געווען אַ מסירה, וואָס האָט זייער שנעל גע־בראַכט רעזולטאַטן. מאַנסוועלד האָט אָנגעוויזן, אַז די מלוכה קען נישט זיין זיכער און איר פונדאַמענט ווערט אָפּגעשוואַכט, ווען מען דערלויבט צו פּרעדיקן „פאַרשידענע טעותן".

„די מאַכט האָט שיצן זיך זעלבסט און אויך די גוטע ביר־גער מיט אַלע מיטלען קעגן די פאַרפירער פון פאָלק, און האַלטן זיי אין צוים מיט דער הילף פון רעכט, וואָס גאָט האָט איר געגעבן“.

ספינאָזאַ האָט זיך גאָר אַנדערש באַצויגן צו דעם האַסטיקן, ליידנשאַפטלאָכן אָנפאַל פון דעם טעאָלאָגישן פּראָפעסאָר. ער האָט פשוט דאָס בוך איגנאָרירט — ווייל לויט דעם אינהאַלט זיינעם איז אים קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נישט כדאי אפילו צו ענט־פערן.

„דאָס בוך וואָס דער אוטרעכטער פּראָפעסאָר האָט געשריבן קעגן מיין בוך — האָט ספינאָזאַ געשריבן אין אַ בריוו — האָב איך געזען אויסגעשטעלט אין אַ פענצטער פון אַ בוכהאַנדלונג און דאָס ווינציגע וואָס איך האָב דאַמאָלט פון אים אויסגעלייענט — האָט מיך איבערצייגט, — אַז עס פאַרדינט נישט געלייענט צו ווערן — אַ פשיטא נאָך אַן אַנטוואָרט! איך האָב דעריבער איבערגעלאָזן אי דאָס בוך אי דעם מחבר. איך האָב מיך געטראַכט אַזוי שמייכ־לענדיק, אַז די עם הארצים זיינען אַלעמאָל אין דער זעלבער צייט חצופים און גראָפּאַמאַנען“.

אָבער די מלוכה האָט זיך גאָר אַנדערש געדענקט און האָט זיך גאָר צוגעהערט צו די רייד פון די „חצופים און עם הארצים“.

די לאַגע איז געוואָרן זייער אַן אומערטרעגלאַכע. פון אַלע זייטן האָט מען אַטאַקירט ספינאָזאַ'ן. גוטע פריינט האָבן אים וועגן אַלץ אינפאָרמירט, צוגעשיקט די פּאָלעמישע שריפטן און ער האָט זיך מיט זיי אָפטמאָל באַראָטן צו זאָל ער ענטפערן צו נישט.

דער גרויסער זכות צוליב וועלכן מען האָט ספינאָזאַ'ן פאַר־זענלאָך נישט אָנגערירט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס „פאַר־פעסטעטע“ בוך איז דערשינען אין לאַטיין און קען דעריבער נישט „פאַרדאַרבן“ אַ גרויסע צאָל מענטשן.

דערווייל האָבן זיינע פריינט אָנגעהויבן צו גרייטן אַ האָלענ־דישע איבערזעצונג פון טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט. ר י א ־ װ ע ר ט ש האָט מסתמא געהאַט אַ סך אָנפראַגעס פון פּאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט קיין לאַטיין און האָבן געוואָלט לייענען דאָס בוך. ער האָט תיכף אָנגעשטעלט אַ גוטן איבערזע־

צער יאָן הענדריקש גלאַזעמייקער, וואָס האָט שוין פריער איבערגעזעצט סענעקאַן, מאָנטען און דעקאַרטן און יענער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ווען ספּינאָזאַ האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין פריינט יאַריג יעללעס און אים געבעטן אָפּשטעלן די האָלענדישע אויסגאַבע.

„איך בעט אייך דעריבער זייער ערנסט — האָט ער געשריבן דעם 17טן פעברואַר 1671 — איר זאָלט זיך ערקונדיקן וועגן דעם און אויב עס איז נאָך מעגלאַך — אָפּשטעלן דאָס דרוקן. דאָס איז נישט נאָר מיין בקשה, נאָר אויך די בקשה פון די פילע פריינט מיינע, וואָס וואָלטן נישט געוואָלט זען, אַז מיין בוך זאָל זיין פאַרבאָטן און עס וועט אָן ספק קומען דערצו, אויב מען וועט עס אַרויסגעבן אין דער האָלענדישער שפּראַך. איך בין איבערצייגט אַז איר וועט צוליב טאָן סיי מיר און סיי דער זאַך גופא“.

יעללעס האָט אויסגעפירט זיין בקשה. די האָלענדישע איבערזעצונג פון טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט איז דערשינען אַ סך יאָרן נאָך ספּינאָזאַ׳ס טויט — ערשט אין 1693.

די קאַטאַסטראָפע איז ניט געקומען אַ דאַנק די פּאָלעמישע ספרים, נאָר אַ דאַנק דער לעבעדיקער טעטיגקייט פון די פּראָווינציעלע קרייז-סינאָדן, וואָס האָבן אָנגעהויבן באַשיטן די צענטראַלע קירכנראַטן מיט באַשלוסן מחרים זיין און קאָנפיסקירן אַלע אַפּיקורסישע ווערק און צווישן זיי דאָס „געפערלאַכע בוך“ — דעם טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט. שוין דעם 30 יוני, 1670 באַשטימט דער אַמסטערדאַמער קירכנראַט אָננעמען שטרענגע מיטלען נעגן דעם טראַקטאַט. דאָס איז געשען אַ דאַנק אַ מסירה, וואָס עס איז אָנגעקומען פון אַ קרייז-סינאָד.

פון האַג, לײדען, אוטרעכט, דאָרטרעכט, געלדערן און אַנדערע שטעט און שטעטלאַך האָבן זיך געשאָטן שטרענגע החלטות נעגן דעם טראַקטאַט. די דרום האָלענדישע סינאָדן האָבן אין יולי 1670, באַשלאָסן בעטן די „ברידער פּרעדיקאַנטן“ העלפן אונטערדריקן אַלע „שעדלאַכע, אַפּיקורסישע ביכער“ און ספּעציעל „דאָס

ערגסטע און גאָטלעסטערישע בוך, דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

מען האָט געוואָלט ווירקן אויף דעם מלוכה־פּענסיאָנאַר — י א ה א ן ד ע ו ו י ט דעם אייגנטלאַכן אינספּיראַטאָר פון טראַקטאַט, — אַז ער זאָל העלפן דאָס בוך צו אונטערדריקן.

אַלע בקשות, וואָס מען האָט צו אים געשיקט אין 1670 און 1671, מערסטנטייל פון די צפון און דרום׳דיקע טיילן פון האָלאַנד — זיינען כלומרשט פאַרלאָרן געגאַנגען — ווייל ד ע ו ו י ט איז געשטאַנען ביים מלוכה־רודער און נישט דערלאָזט צו קיין שום רדיפות און אויסדרוקן פון אומטאָלעראַנץ.

אַ חוץ דעם האָט ספּינאָזאַ געהאַט גוטע פּאַרטיידיקער צווישן די פּריינט זיינע, ווי ה ו ד ע, ב ו ר ג א. א. וואָס האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלאַכע שטעלעס אַלס מלוכה־באַאמטע.

פון די אוניווערסיטעטן זיינען געפלויגן מסירות צו די שטאָטישע מאַגיסטראַטן, אין וועלכע עס האָבן די פּראָפעסאָרן געבעטן פאַרניכטן דעם טראַקטאַט און גלייכצייטיק געוואָרנט פאַר אַ נייעם ספר, וואָס דער דאָזיקער ספּינאָזאַ האָט בדעה צו דרוקן „איבער גאָט און מענטשן־גייסט".

דעם 16טן אַפּריל 1671 האָט דער האָלענדישער הויף שטרענג פאַרבאָטן צו דרוקן און צו פאַרקויפן דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט, ווייל, ווי עס איז צו זען פון די צוגעשיקטע מוסטערן, אַנטהאַלט דאָס בוך אַ „מענגע אפיקורסישע געדאַנקען". אַלע אומגליקן אין לאַנד האָט מען צוגעשריבן דער פרייהייט פון דרוקן — אָבער די הויפּט סיבה האָט מען געזוכט אין דער פראַנק און פרייער פאַרשפּרייטונג פון ספּינאָזאַ׳ס טראַקטאַט.

„דאָס העכסט גאָטלאָזע בוך, דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט האָט גורם געווען דעם וואוקס פון הימלשרייענדיקע עבירות, דאָס לעסטערן גאָט׳ס הייליקן נאָמען, חרמות, פאַלשע שבועות, חילול השבת, חילול הקדש, פאַראַכטונג פאַר רעליגיע, אונטערגאַנג פון טהרת המשפחה און אַזוי ווייטער" — אַזוי האָט געשריבן דער אַמסטערדאַמער קרייז סינאָד דעם 25טן יולי 1672.

„צוליב די דאָזיקע און ענלאַכע ספרים — האָבן געשריבן די זעלבע פרומע אַמסטערדאַמער — לאָזט גאָט אויף זיי אַראָפּ פון

הימל דעם צאָרן און די דונערן פון זיין כעס גיסט ער אַלץ מער און מער אויס אויף אונזער פאַטערלאַנד״.

אַזעלכע פּעטיציעס און באַשלוסן האָבן סוף כל סוף געמוזט ווירקן אַז מען זאָל דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״ אינגאַנצן פאַרבאָטן.

געקומען איז די דאָזיקע גזירה איצט אין דער צייט פון דער געזעלשאַפטלאַכער רעאַקציע — נאָך דעם שרעקלאַכן טויט פון ספּינאָזאָ׳ס באַשיצער — י א ה א ן ד ע ו ו י ט.

ביים רודער זיינען שוין געשטאַנען די אָראַנזשיסטן — וואָס האָבן געהאַט זייער מאַכט צו פאַרדאַנקען די קירכנראַטלייט אין די שוואַרצע מאַנטלען און כדי זיך באַפעסטיקן און צופאָרן צום מאָנאַרכיסטישן ברעג זיינען זיי געגאַנגען מיט׳ן שטראָם פון דער פּאַסטאָרן־פּאָליטיק.

דעם 19טן יולי, 1674, האָט דער נייער נאַמעסטניק ווילהעלם דער דריטער אַרויסגעגעבן דעם אַזוי באַגערטן מצד די קירכנראַטלייט — דעקרעט. אין דעם דאָזיקן דעקרעט ווערט געוואָרנט קעגן דעם „שעדלאַכן גיפט״ פון אַזעלכע ביכער ווי „די ביבליאָטעק פון די פּוילישע ברידער״ (Bibliotheca Fratrum Polonorum) ה א ב ס׳ „לויתן״, ד ר. ל ו ד ו ו י ק מ י י ע ר ס „די פילאָזאָפיע פון אויסטייטשונג פון די הייליקע שריפטן״ און ספּעציעל קעגן דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״.

אַזעלכע ביכער דאַרפן פריער זיין צענזורירט כדי צו פאַרמיידן די טעות׳ן וואָס די נעמען אַליין קענען אַרויסרופן און ברענגען דערצו אַז פרומע מענטשן זאָלן זיי קויפן.

„עס ווערט להבא פאַרבאָטן אונטער אַ שטראָף אַלעמען און יעדערן באַזונדער די דאָזיקע אָדער ענלאַכע ביכער צו דרוקן, פאַרשפּרייטן און צו פאַרקויפן דורך אַן אויסשטייג אָדער אויף אַן אַנדער אופן״.

מ י י נ ז מ א זאָגט אַז דער דאָזיקער דעקרעט האָט קיין גרויס שאָדן נישט געקענט ברענגען — פשוט דערפאַר, ווייל דער טראַקטאַט האָט אַלע מאָל געהאַט די אַלטע דאַטע אויפן שערבלאַט און מען האָט געקענט זיך ריינוואַשן מיט׳ן תירוץ, אַז עס איז

געדרוקט געווען איידער דער נאָמיעסטניק האָט אַרויסגעגעבן זיין דעקרעט.

און אַז די מיינונג איז אַ גערעכטע באַווייזן אַם בעסטן די פיר אויפלאַגן, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט אין אַ קורצער צייט און זיינען דערשינען אונטער פיקטיווע נעמען און מיט אַנדערע שער־בלעטער.

דער „גאָטלאָזער געדאַנק" פון ברוך ספינאָזאַ דרינגט אַריין אַלץ מער און מער, אָפן און פריי אין די מוחות פון האָלענדישן ביר־גער, — אַזוי קלאָגט זיך דער האַגער קירכנראַט אין זיין פּעטיציע פון 21 יוני 1675. דער דאָזיקער קירכראַט האָט אַרומגעצוימט ספינאָ־זאַ'ן מיט אַ מחנה שפּיאָנען, וואָס פלעגן אינפאָרמירן וועגן אַלץ, וואָס ספינאָזאַ טוט און וועגן די אַלע מענטשן וואָס קומען צו אים צו באַזוך.

ווען דער קירכנראַט האָט זיך דערוואוסט אַז ספינאָזאַ גרייט צום דרוק אַ ניי ווערק האָט ער באַפוילן אויסצוגעפינען ווען און וואו, — איבערגעבן וועגן דעם אַ גענויעם באַריכט פאַר דער גלחים פאַרזאַמלונג כדי מען זאָל קענען „האַנדלען לויט דער לאַגע פון דער זאַך". די געפאַר איז זייער גרויס און די הערן פון דעם האַגער קירכנראַט גלויבן אַז יעדערער וועט פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט און העלפן אויסגעפינען די פאַרברעכער און אָפּשטעלן די געפאַר.

ווייזט אויס, אַז ספינאָזאַ האָט וועגן דעם געוואוסט — ווייל ער האָט באַשלאָסן פאָרן קיין אַמסטערדאַם און דאָרטן מיט דער הילף פון דעם רירוודיקן, געטרייען און דורכגעטריבענעם ר י אַ ו ו ע ר ט ש אַרויסגעבן די „עטיק". ווען ער איז אָבער געקומען קיין אַמסטערדאַם (יולי 1675) האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריגקייטן און ער האָט געמוזט דעם פּלאַן אינגאַנצן אויפגעבן.

„בעת איך האָב געהאַט בדעה דאָס בוך צו דרוקן — שרייבט ספינאָזאַ צו אָלדענבורגען — האָט זיך אומעטום דערהערט אַ קלאַנג אַז עס געפינט זיך אין פרעס מיינס אַ ניי בוך וועגן גאָט — וואו איך זוך צו באַווייזן — אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט. דער־פון האָבן געוויסע טעאָלאָגן, וואָס האָבן דעם דאָזיקן קלאַנג אַרויס

גערופן, גענומען די געלעגנהייט צו מסר'ן מיר ביי דעם פרינץ פון אראניע און ביי די באאמטע. חוץ דעם האבן די נארישע קארטעזיאנער, וועלכע מען האט חושד געווען אז זיי זיינען גוט געשטימט צו מיר—שטארק זיך דערשראקן און אנגעהויבן צו שפאטן פון מיינע געדאנקען און ווערק — און זיי הערן דאס נישט אויף צו טאן ביז איצט".

ספינאזא האט דעריבער באשלאסן אויפגעבן די אויסגאבע פון דער עטיק — ווייל די לאגע איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג און ער האט נישט געוואוסט וואס צו אונטערנעמען.

די שטעלונג פון די קארטעזיאנער צו ספינאזא'ן אין יענער צייט שטימט איינגאנצן מיט דער אינפארמאציע פון לוקאסן.

לוקאס דערציילט, אז די „אנהענגער פון דעקראטן האבן גע־טאן אלץ וואס זיי האבן געקענט כדי זיך באפרייען פון דער בא־שולדיקונג אז זיי זיינען אטעאיסטן און כדי דער בליץ זאל פאלן אויפן קאפ פון אונזער פילאזאף".

„אבער די רדיפות, וואס די קארטעזיאנער האבן ארויסגערופן געגן ספינאזא — זאגט דער זעלבער לוקאס — און וואס האבן אנגעהאלטן כל זמן ער האט געלעבט — האבן אים נישט געקענט מאכן וואקלדיק, נאר זיי האבן אים נאך מער פארשטארקט אין זיין זוכן דעם אמת".

אין אזא אטמאספערע איז געווען אויסגעשלאסן עפעס צו טאן. ספינאזא איז שוין געווען ערנסט קראנק און האט געמוזט אויף די פאדערונגען פון זיינע דאקטוירים זיך היטן פון אויפרעגונג און עגמת נפש.

עס האט געמוזט קומען דער מלאך המות און צונעמען ביי די געטרייע תלמידים דעם רבין — כדי זיי זאלן פעסט באשליסן אים אוועקשטעלן א נר־תמיד אין דער פארם פון דעם ספר, וואס האט אין זיך אנטהאלטן די איבערגעבליבענע כתבים פון דעם איינ־זאמען דענקער.

אויך דאמאלסט, — ווי מיר ווילן זען — איז דער גייסט זיינער געווען פארפאלגט — אפשר מיט נאך א גרעסערן צארן — ווי ביי זיין לעבן.

שבתי צבי

דער גרויסער שטורם, וואָס האָט צו יענער צייט אָנגערירט ביז אין די טיפֿסטע טיפֿענישן דאָס אידישע לעבן אין דער גאָרער וועלט — איז געווען די שבתי צבי באַוועגונג.

אין אַן עפּאָכע — ווען די קריסטלאַכע וועלט איז געווען איבערגעזעטיגט מיטן דאָגמאַטישן אינהאַלט פֿון דער קירך און האָט געזוכט פֿאַר זיך אַן אויסלייז אין כיליאַזמטישע נביאות — און ווען די אידישע וועלט האָט אויף די חורבות פֿון די אויסגעשאָכטענע אוקראַינישע שטעטלאַך אויסגעוויינט אין תפֿילות און תחנונים די בענקשאַפֿט נאָך אַ גואל — אין יענער צייט באַוויזט זיך אין מזרח די עקסטאַטישע געשטאַלט פֿון **שבתי צבי**.

אין ספּינאָזאַ׳ס היים האָט דער מיסטיציזם דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון פֿאַרגליווערונג אין דער פֿאָרמע פֿון דער פּראַקטישער קבלה (קבלה מעשית). רייכע סוחרים, אידישע און קריסטלאַכע, אָנגעזעטיגטע מאַטעריעל האָבן זיך אָנגעהויבן צו טובל׳ען אין די מוטנע וואַסערן פֿון קאַבאַליסטישע נביאות און זוכן אַ גייסטיקן תיקון פֿאַר זייער שוין פֿעסט באַזאָרגטן ערדישן יש. די נביאות וועגן דער אונטערגאַנג פֿון דער וועלט האָבן זיך פֿאַראַלעליזירט מיט די סודות־פֿולע ציפֿערן־רמזים פֿון אַ נייער דערלייזונג. די נעכטיקע קאַלווינער, היינט רעליגיעזע אַנאַרכיסטן — האָבן געפֿונען אַ בשותּפֿות׳דיקן באָדן פֿאַר אַ נישט געצוימטער בענקשאַפֿט נאָך אַן אויסלייזונג מיט די נעכטיקע מאַראַנען, היינו תרי״ג־מצוות׳דיקע פֿרומע אידן. ביידע האָבן פֿון דעם זעלבן ברונען געשעפּט די דאָזיקע מיסטישע טראָפּנס, מיט וועלכע מען האָט זיך געמונטערט אין די יאָרן פֿון שטורמישן מבול, וואָס האָט פֿאַרגאָסן גרויסע אייראָפּעאישע שטחים.

די גרויסע מגפה אין ענגלאַנד, די דרייסיק־יאָריקע מלחמה אין מיטל־אייראָפּע, די גזירות ת"ח אין פּוילן, דער הונגער אין אזיען — דאָס זיינען אַלץ די קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן גע־שפּייזט דעם פאַר'חידוש'טן מענטשן — וואָס איז געשטאַנען הילפ־לאָז און צוטומלט אין דעם פאַר'כשופ'טן ראָד פון כמעט אַפּאָקאַ־ליפּטישע געשעענישן און האָט אומזיסט געקלאַפּט אין די שמאָ־לע טויערן פון שכל — כדי דאָרטן צו געפינען די טרייסטנדע תשובה אויף זיינע בלוטיקע ספקות און יאוש'דיקע קשיות.

און גראָד אין האָלאַנד האָט דער מיסטיציזם געהאַט אַ ברייטן באָדן אונטער זיך. דאָרטן וואו דער סוחר איז זייער שנעל געקו־מען צו עשירות און האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט געלט — דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן די סיבות פון זיין שנעלער רייכקייט און האָט אויף אַ רגע נישט געקענט אַ טראַכטן טאָן, אַז ער און די גינסטיקע עקאָנאָמישע קאָניונקטור — זיינען די איינציקע סיבות פון זיין שנעלן רייך ווערן. ער האָט זיי אָנגעהויבן צו זוכן מחוץ זיך, אין דער „באַשערטקייט" (פּרעדעסטינאַציע), וואָס איז פון גאָט אָנגעמערקט געוואָרן; איבערגעזעטיקט מיט מאַטעריע־לע גיטער האָט ער זיך געווענדעט צו די גייסטיקע און פאַר אַזעל־כע האָט ער נישט געקענט האַלטן די קאַלטע לאָגיק פון יוריס־פּרודענץ אָדער די נאָך נישט צוגענגלאַכע פאַר אים וועלט פון פיזיק און מאַטעמאַטיק — נאָר די וועלט, וואָס בינדט אַזוי מיס־טעריעז צונויף זיין שיקזאַל מיט'ן סוד פון גאָט'ס וועלט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אין ספּינאָזאַ'ס לאַנד האָט שבתי צבי דער נביא. וואָס איז פון די מיסטיקער כמעט ווי פאַר־אויסגעזעצט געוואָרן — געפונען זייער שנעל אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג און אַן אַלגעמיינעם אינטערעס.

די ידיעות וואָס קומען אָן פון טערקיי קיין האָלאַנד עלעקטרי־זירן די אידן און די קריסטן. אידישע סוחרים, וואָס זיינען גע־פאָרן אין די מזרח לענדער, האָבן געשריבן צו זייערע קינדער ענטוזיאַסטישע בריוו וועגן דעם משיח צדק און געהייסן אַל פאַרקויפן און גרייטן זיך אין וועג אריין.

מיט גרוים יובל און מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן התלהבות האָט די אַמסטערדאַמער קהילה באַגריסט די אויפגייענדע געשטאַלט

פון משיח. אין עקסטאַטישע טענץ האָט דער אידישער מקובל פון האָלאַנד, אויסגעדריקט זיין שמחה און מיט תעניתים און תפלות האָט ער זי באַפעסטיקט.

טאָג און נאַכט האָבן די דרוקערייען געאַרבעט און געדרוקט סידורים אויף שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און העברעאיש מיט נייע תפילות לכבוד שבתי צבי און מיט זיין בילד לעבן דעם בילד פון דוד המלך.

אין דער זיכערער דערוואַרטונג פון אַ שנעלן צוריקקער קיין ארץ ישראל האָבן די פּאָרשטייער פון די קהילות אריינגעפירט יעדן שבת דאָס דוכנ'ען פאַר די כהנים.

עס איז געקומען דער עולם התיקון און איסור און התיר האָבן פאַרלאָרן די שליטה איבער'ן פאָלק ישראל אין האָלאַנד.

דעם 24טן אלול תכ"ו (1666) האָט די אַמסטערדאַמער קהילה אוועקגעשיקט צו שבתי צבי אַ תחנונים־בריוו. דעם דאָזיקן בריוו האָבן צווישן אַנדערע אונטערגעשריבן אַזעלכע אָנגעזעענע פּערזענ־לאַכקייטן אין אידישן לעבן, ווי דר' בנימין מוספיא, אַ מעדיקער און אַ פילאָלאָג, אַ מחבר פון אַ פּירוש צום ערוך, אַ גוטער קענער פון גריכיש און לאַטיין, וואָס האָט זיך אויך פאַר־נומען מיט אַלכעמיע. אַ חוץ אים האָבן דעם בריוו אונטערגעשריבן משה רפאל ב"ר יצחק אגילר, אַ פילאָלאָג, דער חכם פון ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם, אברהם הכהן פּימנטיל אַ מחבר פון מאַטעמאַטישע און אַסטראָ־נאָמישע ווערק און אויך דער רב און געלערנטער ר' יצחק נהר, ספּינאָזאַ'ס אַ מיט־חבר פון „עץ חיים" — שפּעטער רב אין ליוואָרנע.

אין דעם דאָזיקן בקשה־בריוו האָבן די שטאָלצע פּרנסים און תלמידי חכמים פון אַמסטערדאַם זיך געבעטן, אַז שבתי צבי זאָל זיי נישט פאַרלאָזן און זיך נישט אָפּקערן פון זיי און ווייזן דעם וועג אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין און די מעשים, וואָס זיי דאַרפן אויספירן. זיי בעטן אויך צו ענטפערן — ווי לאַנג וועט זיי אויסקומען צו וואַרטן אויף יענעם טאָג — ווען די פּאַרטריבענע וועלן צוזאַמענ־געקליבן ווערן.

„און מיר אַלע בוקן זיך און קניען פאַר'ן כסא הכבוד פון אונ־

זער קעניג — שרייבן די אַמסטערדאַמער תּלמידי־חכמים — און טוען תּפֿלה פֿאַר דעם, וואָס יוֹאווינט אין הימל אַז ער זאָל צואײַלן דאָס קומען (פֿון דער גאולה) און זאָל פֿאַרשטאַרקן די פּראַכטיקע מלוכה פֿון אונזער האַר אויף הייליקן באַרג אין ירושלים און גע־לויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען צום גונסטן פֿון אונזער מלוכה".

דעם דאָזיקן אויפֿרוף האָבן זיי געשיקט צו שבתי צבי דורך דעם חכם ר' יצחק נהר, וואָס איז געפֿאָרן ספּעציעל קיין טערקיי. ר' יצחק נהר האָט אָבער קיינמאָל שבתי צבי'ן דעם דאָקומענט נישט איבערגעגעבן, ווײַל אינצווישן איז געקומען די ידיעה פֿון שבתי צבי'ס שמד. אין אַנדערן אויפֿרוף־בריוו צו שבתי צבי האָבן אַרויס־געגעבן 26 אָנגעזעענע ספּרדישע אידן אין אַמסטערדאַם, מערסטנ־טייל פֿון מאַראַנישער אָפּשטאַמונג; צווישן זיי האָט זיך אויך גע־פֿונען ב ר ו ך ד אַ ק אָ ס ט אַ.

גאַנץ אייראָפּע האָט געקוקט אויף אַמסטערדאַם — ווי אויף דעם אמת'ן קוואַל פֿון ידיעות וועגן שבתי צבי. כּל זמן מען האָט דאָרט געטאַנצט דעם ריקוד של משיח — האָט מען אומעטום גע־גלויבט אין דער געזאָלבטקייט פֿון דעם סמירנער מקובל.

אין דײַטשלאַנד האָט מען זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס טוט זיך אין מזרח דורך די אויערן פֿון האָלאַנד. דער זייער שטאַרק געניינטער צו שבתי צבי, דער בעל „חות יאיר", ר' ח י י ם ב כ ר ך, וואָס איז דאַמאָלסט געזעסן אויף דעם כּסא הרבנות אין וואָרמס — האָט געהאַט אין אַמסטערדאַם אַ ספּעציעלן קאָ־רעספּאָנדענט אין דער פּערזאָן פֿון דעם רב פֿון דער אשכנזישער קהלה, ר' א י י ז י ק ד ע ג ע נ ג ע ן — וואָס פֿלעגט אים יעדן טאָג שיקן ידיעות וועגן דער שבתי צבי באַוועגונג.

סעפּטעמבער 1667 איז געקומען קיין אַמסטערדאַם שבתי רפֿאל, דער פֿלאַמענדיקער פּראָפּאַגאַטאָר פֿון שבתי צבי. ער האָט גע־האַלטן אַ דרשה אין דער שול פֿון די אשכנזים — שוין צו יענער צייט — ווען די מערהייט פֿון די ספֿרדים האָט זיך אויסגעניכ־טערט און האָט אָנגעהויבן צו באַקעמפֿן און צו רודפֿן די אָנ־הענגער פֿון שבתי־צבי. שבתי רפֿאל האָט געמוזט אין אַ חודש אַרום פֿאַרלאָזן די שטאָט — און דאָס איז געווען אַ סימן אַז עס קומט אַ רעאַקציע קעגן דער באַוועגונג — אַלס אַ רעזולטאַט פֿון

א ביטערער אנטוישונג. ביז די אנטוישונג איז אָבער רייף גע־וואָרן, האָט גענומען א לאַנגע צייט, אפילו נאָך דעם ווי שבתי צבי האָט אָנגעטאָן דעם מאַהאַמעדאַנישן טורבאַן.

א האָלענדיש־אידישער היסטאָריקער, אָפּשאַצנדיק די ראָלע פון די אַמסטערדאַמער אידן אין דער שבתי צבי באַוועגונג, זאָגט צווישן אַנדערעס פאָלגענדעס:

„די גרויסע צאָל פון זיינע (ד. ה. שבתי צבי'ס) אָנהענגער צווישן די ספרדישע אידן אין אַמסטערדאַם, דאַרף מען קודם כל צוצושרייבן דעם פאַקט, וואָס משיח איז פאַר זיי געווען די פאַר־קערפּערונג פון א נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער דערוואַכונג... ער וועט דאָס אידישע פאָלק ארויספירן פון זיין סאָציאַלער קנעכט־שאַפט צו דער פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער זעלבסטשטענ־דיגקייט און א גייסטיקן נאַציאָנאַלן לעבן אין לאַנד פון די אבות" (דא סילווא ראָזא).

דאָס איז געווען דער אידעאָלאָגישער הינטערגרונט פון דעם, וואָס די גייסטיקע און אויך די פינאַנציעלע אַריסטאָקראַטיע איז לויט דער מיינונג פון דעם דאָזיקן היסטאָריקער מיטגעריסן גע־וואָרן פון דער באַוועגונג.

און אפילו דאַן, ווען שבתי צבי איז באַגאַנגען א פאַראַט און האָט זיך אונטערגעגעבן דעם סולטאַן — האָט מען אין אַמסטערדאַם נישט געוואָלט גלויבן, אַז משיח בן דוד איז א פאַרעטער.

שפּעטער, ווען מען האָט זיך סוף כל סוף איבערגעצייגט, אַז דאָס איז אמת האָט מען נאָך יאָרן לאַנג געמאַכט אַן אָנשטעל אַז מען איז איבערצייגט, אין זיין אמת'ן שליחות, ווייל מען האָט זיך פּשוט געשעמט — און זיך געשראָקן אַז די וועלט זאָל זיך פון זיי ניט אויסלאַכן.

„אַזוי ווי אין שטורם־נעכט אויף א ים קלאַפּן פאַראויס די כוואַליעס צו די ליכט טורעמס (כדי זיי צו פאַרטונקלען) — אַזוי זיינען די קלאָרסטע קעפּ פאַרטונקלט געוואָרן אין יענעם שרעקלאַכן גייסטיקן אויפברויז".

אַזוי כאַראַקטעריזירט די שבתי צבי באַוועגונג א דייטש־אי־דישער היסטאָריקער (דוד קויפמאַן).

איז דער קלאָרער קאָפּ פון ברוך ספּינאָזאַ אויך פאַרטונקלט געוואָרן?

עס איז געווען אוממעגלאך פאַר אַזאַ מענטשן ווי ספּינאָזאַ, נישט צו פאַרפאָלגן די גרויסע באַוועגונג, וואָס איז געווען פאַר אַ געוויסע צייט כמעט דער צענטראַלער פונקט אין אידישן לעבן פון האָלאַנד, און מען וואָלט געקענט אפילו זאָגן — אַז אויך אין דעם נישט אידישן...

די גרויסע צאָל פון האָלענדישע פלוגשריפטן, וואָס זיינען צו יענער צייט דערשינען האָבן אָן ספק ארויסגערופן ספּינאָזאַ'ס אינטערעס. דער פאַקט, וואָס זיי פעלן אין ספּינאָזאַ'ס רשימה פון ביכער, באַווייזט נאָך גאָרנישט — ווייל מיר זיינען פאַרט נישט זיכער, אַז די דאָזיקע רשימה שטעלט פאָר מיט זיך די גאַנצע ביבליאָטעק זיינע.

אויב מען האָט ספּינאָזאַ'ן פון אַלע זייטן צוגעשיקט די נייסטע ביכער און ספרים — איז נישט אויסגעשלאָסן אַז אויך די שבתי צבי ליטעראַטור פלעגט אים צוגעשיקט ווערן און ער האָט זיך גע־קענט פון זיי באַקענען מיט דער פּערזענלאַכקייט פון שבתי צבי, דעם מערקווירדיקן מיטצייטלער זיינעם.

אין אוטרעכט איז אין 1666 אַרויס אויף האָלענדיש אַ בראָשור פון אַ געוויסן אנדרעאַס עסעזיוס אַ. נ. „דער היילזאַמער באַריכט און טרייסט פאַר די אידן צו דער גע־לעגנהייט פון דעם כלומרשטן משיח“...

אין אַמסטערדאַם איז אין דעם זעלבן יאָר דערשינען אַ „זייער פאָלקאָמע“ באַשרייבונג פון דעם לעבן און באַרוף פון דעם פרעטענדירטן אידישן משיח. מיט אַ יאָר פריער איז אין דעם זעלבן אַמסטערדאַם אַרויס אַ ביכל וועגן דעם „ערוואַרטעטן אידישן משיח“.

קענען, אַ האָלענדישער פרעדיגער אין סמירנע — אַן עדות פון שבתי צבי'ס טעטיגקייט, האָט אינפאָרמירט זיינע לאַנדס־לייט וועגן אים און זיין באַוועגונג פריער אין אַ טאָן פון צוטרוי און ערשט שפּעטער נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָט ער אים פאַרגעשטעלט אין אַ נעגאַטיווער ליכט. אין יאָר 1669 האָט ער אַרויסגעגעבן

אין אַמסטערדאַם אַ פולן באַריכט א. נ. „אומזיסטע האָפנונגען פון די אידן אויף זייער משיח“.

צווישן די שבתי צבי'ניקעס אין אַמסטערדאַם זיינען געווען אַ סך אנגעזעענע פערזענלאכקייטן. ווי הרב יצחק אבוהב, דער רייכער סוחר אברהם פעריירא און אויך ספינאָזאַ'ס שול־חבר, דער פריער דערמאָנטער ד״ר. יצחק נהר.

וועגן דעם האָט ספינאָזאַ וואַרשיינלאַך געהאַט די בעסטע ידיעות. און דעריבער ווען אָלדענבורג האָט אים אין אַ בריוו פון 8טן דעצעמבער 1665 אָנגעפרעגט מכח שבתי צבי — איז די פראַגע פאַר אים נישט געווען קיין אומדערוואַרטעטע. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט אָלדענבורג, באַרירנדיק די פּאָליטישע געשע־נישן פון יענער צייט, האָט אים אָנגעפרעגט אויך מכח שבתי צבי.

„אַלע ריידן דאָ וועגן די שמועות אַז אידן וועלן זיך נאָך צוויי טויזנט יאָר פון גלות איצט אומקערן אין זייער פאַטערלאַנד, — האָט ער געשריבן. — ווייניק מענטשן גלויבן אין דעם; אָבער אַ סך ווינטשן זיך דאָס. וואָס האָט איר געהערט וועגן דעם און וואָס דענקט איר. דאָס וועט איר אייער פריינט מיטטיילן. איך פון מיין זייט קען אין דעם אַזוי לאַנג נישט גלויבן, כל זמן איך וועל נישט באַקומען אַ באַריכט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל גופא, פון מענטשן, וואָס פאַרדינען דעם צוטרוי, און זיינען מיט דעם ענין באַקאַנט. איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָבן די אַמסטער־דאַמער אידן דערפון געהערט און וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט די דאָזיקע ידיעה אויף זיי געמאַכט? אויב די ידיעה זאָל זיך באַשטעטיקן — דאַן זאָגט זי דאָך אָן זייער וויכטיקע ענדערונגען“.

ווי עס איז דערפון צו זען, האָט אָלדענבורג, פונקט ווי אַ סך אַנדערע קריסטן — געגלויבט אַז דאָ קומט פאָר אַ גרויסער פאַקט, וואָס וועט ברענגען „וויכטיקע ענדערונגען“.

לײדער פעלט אונז ספינאָזאַ'ס תשובה. עס איז מעגלאַך, אַז ער האָט בכלל נישט געענטפערט און דווקא נישט אויף די דאָ־זיקע דרך־אגב'דיקע אָנפראַגע — נאָר אויף דעם גאַנצן בריוו בכלל. ווייל דער דאָזיקער בריוו איז דער לעצטער פון דער ער־שטער תקופה פון זייער בריוו־אויסטויש. צען יאָר האָבן זיי צו זיך נישט געשריבן. און ווען אין אויגוסט 1675 האָט ספינאָזאַ

באקומען אין האג אלדענבורג׳ס א בריוו — איז שוין דער חלום פון שבתי צבי לאנג צורונען געווארן און מען האט שוין וועגן דעם נישט גערעדט.

אבער אין ליכט פון ספינאזא׳ס געדאנקען איבער דער אידי־שער מלוכה אין זיין „טעאלאגיש־פאליטישן טראקטאט" — לאזט זיך מער אדער ווייניקער פעסטשטעלן, וואס האט געקענט ברוך ספינאזא ענטפערן וועגן דעם אל־ווייסנדיקן אלדענבורג׳ן.

אין דריטן קאפיטל פון דעם טראקטאט זאגט ספינאזא — אז די אידן האבן זיך אויפגעהיט אין משך פון אזא לאנגן גלות־לעבן נאר דערפאר, וואס זיי האבן אפגעהיט אלע אויסערלאכע מנהגים, וואס אנדערע פעלקער האבן זיי נישט, און די הויפט זאך, א דאנק דער ברית־מילה, וואס זיי היטן אפ זייער שטארק.

די ברית־מילה האלט ספינאזא פאר אזא וויכטיקן פאקטאר, אז די דאזיקע מצוה איז אליין בכח צו פארזיכערן די אייביקע עקזיסטענץ פון אידישן פאלק. דאך גלויבט ער — אז די אידן, „אויב זיי וועלן ניט ווערן דעגענערירט אונטער דעם איינפלוס פון די עיקרים פון זייער אמונה" — וועלן נאך אמאל צוריק אויפ־בויען זייער מלוכה און „גאט וועט זיי אויפסניי אויסוויילן". ווייל דער גורל פון מענטשן בייט זיך און מען קען קיינמאל נישט פאר־אויסזאגן, וואס וועט פאסירן!

די מנהגים, וואס האבן זיך אנטוויקלט און באפעסטיקט ביי די אידן אין משך פון דורות — זיינען נישט נאר צוליב רעליגיעזע אויפגאבן — נאר זיי האבן אויך פארזיכערט דעם פאלק די מא־טעריעלע עקזיסטענץ.

צו יענער צייט — ווען עס האט עקזיסטירט די אידישע מלוכה — זיינען די דאזיקע דינים און מנהגים געווען נויטיק — ווייל זיי האבן גליקלאך געמאכט די מענטשן.

אין דער אמאליקער אידישער מלוכה האט גאט אליין גע־הערשט איבער די אידן און דערפאר האט מען מיט רעכט גערופן די מלוכה, מלכות שמים און גאט האט זיך גערופן מלך ישראל; דעריבער איז פארשטענדלאך אז די שונאים פון ישראל זיינען גע־ווען אויך די שונאים פון גאט און די וואס האבן געוואלט פאר־

כאַפּן די מאַכט, זיינען געווען באַשולדיקט אין חילול השם — ווייל די דינים פון דער מלוכה זיינען געווען אָנערקענט פאַר גאָט'ס דינים. דעריבער זיינען משה'ס געזעצן — נישט מער ווי פאַר־פליכטונגען, וואָס זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דעם אידישן פאָלק. אנשטאָט ויסן וועגן גאָט, האָט משה געלערנט געהאַרזאַמקייט צו גאָט.

ווער עס האָט פאַראַטן די אמונה האָט מיט דעם אויך פאַראַטן די מלוכה; דער רעליגיעזער כופר איז אין דער זעלבער צייט אויך דער פּאָליטישער כופר. דעריבער קען מען זאָגן, אַז די אי־דישע מלוכה איז געווען אַ טעאָקראַטישער שטאַט — ווייל קיין אַנדערער געזעץ האָט דאָרטן נישט פאַרפליכטעט אַ חוץ דער גע־זעץ וואָס גאָט האָט נתגלה געווען פאַר זיין פאָלק.

און ווייל די אידן זיינען געווען דערצויגן אין גייסט פון גאָטס־פאַרכטיגקייט, דעריבער איז זייער ליבע צום פאָטערלאַנד געווען נישט קיין געוויינטלאַכע ליבע, נאָר אַ מורא פאַר גאָט. גלייכ־צייטיק האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ דאַנק די געזעצן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר די אידן, אַ שטאַרקע ליבע צו פרייהייט אין די ראַמען פון דער אייגענער מלוכה — און דערפאַר האָבן אידן קיינמאָל ניט געקענט לאַנג אויסהאַלטן אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. נישט אומזיסט רופט אָן עזרא ירושלים אַ בונטארישע שטאָט. אידן איז געווען עקאָנאָמיש זייער גוט אין זייער לאַנד, — שלעכט אין דער פרעמד — ווייל דאָרטן האָט אויף זיי גע־לויערט רדיפה און שאַנד.

די אידן זיינען פאַרהאַסט — ווייל זיי לעבן זיך אויס אין אַ רעליגיע, וואָס איז נאַציאָנאַל און איז לויט איר טיפסטן וועזן, פיינטלאַך צום קריסטנטום.

ספינאָזאַ זאָגט פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער רע־ליגיע אין גלות — ווייל דאָ איז זי נאָר רעליגיע, וואָס האַלט זיך אויף עיקרים און דינים פון דער אַמאָליקער אידישער מלוכה.

נאָר אין דער אידישער מלוכה קען זיך די רעליגיע אויסלעבן — ווייל דאַמאָלסט איז דאָס נישט נאָר רעליגיע, דאָגמע נאָר אויך פּאָליטישע רעכט, נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע.

אָבער — זאָגט ספינאָזאַ — „הגם די אידישע מלוכה וואָלט

געקענט ווערן אַ פעסטע אויף אייביק, דאָך לאָזט זיך שוין נישט מער זי נאָכמאַכן, און דאָס איז אויך נישט ווינשנסווערט".

דעריבער איז דער גורל פון די אידן אַ טראַגישער: זיי לעבן זיך אויס אין אַ רעליגיע וואָס איז גלייכצייטיק נאַציאָנאַלער, שטאַט־לאַכער קאָדעקס, און מיט אירע מנהגים זאָנדערן זיך די אידן אָפּ פון די אַרומיקע פעלקער. די נאַטור קען נישט קיין וואונדער; קיין אידישע מלוכה וועט נישט אויפגעבויט ווערן!

אַזוי האָט ב א ד א ר פ ט ענטפערן ספינאָזאַ אין הסכם מיט זיין נישט אַלעמאָל קלאָרן צוגאַנג צום אידענטום אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

ער האָט אַזוי געקענט ע נ ט פ ע ר ן; ער איז אָבער נישט געווען בכח די פראַגע צו פ אַ ר ע נ ט פ ע ר ן.

שבת נחמו שנת תל"ה (3 אויגוסט 1675) איז אין אַמסטערדאַם פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד דער חנוכת הבית פון דער נייער ספרדישער שול.

די אידישע עדה אין אַמסטערדאַם איז מיט דער צייט אַזוי אויסגעוואַקסן — אַז זי האָט שוין געציילט 4000 משפחות.

די דאָזיקע פייערונג פון דער שול, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „תלמוד תורה" איז געווען איינע פון די אימפּאָזאַנטסטע — וואָס אין האָלאַנד האָט מען ווען עס איז ביי אידן געזען.

אין לשון־קודש'דיקע, שפּאַנישע און אפילו האָלענדישע גראַ־מען האָט מען באַזונגען איר פּראַכט און מיט אַ גרויס שמחה האָט מען זיך פאַרטיפט אין אייגענעם עבר, דוקא דאָ, אין גלות, וואו דאָס אידיש לעבן האָט געבליט — וואו תורה און פרנסה איז געגאַנגען יד אחת.

צו יענער צייט וויילט ספינאָזאַ אין אַמסטערדאַם; ער איז אַהין געקומען מיט דער באַשלוס צו דרוקן זיין „עטיק".

האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער פייערונג? האָט ער געהערט די קאַנטאַטעס געזונגען פונם חזן און די משוררים אין דער קליינגעגנדיקער ספרדישער חברה? האָט ער זיך צוגעהערט צום פּאַטאָס פון גלויבן, וואָס האָט געשפּאַרט פון די פייערדיקע דרשות פון די מטיפים און דרשנים? פאַר'עקשנ'ט שוויינגן די קוועלן.

אויב ער האָט זיך אָבער יאָ צוגעהערט, — צי האָט ער נישט א טראַכט געטאָן, אַז נישט אַלץ, וואָס זיין געניאַלער מח האָט געטראַכט וועגן אידן און זייער צוקונפט — איז ריכטיק און וועט מקוים ווערן?

שבתי צבי איז שוין פאַרגעסן און די האָפנונג איז ערגיץ צו־רונען געוואָרן.

און אויף די חורבות פון דער משיח'שער אנטוישונג האָט זיך צעהילכט דער „שיר ותהילה" לכבוד דעם חנוכת הבית פון א נייער שול אין „ניי־ירושלים".

די געהיימע נסיעה

אָנפאַנג 1672 האָט די פראַנצויזישע אַרמיע מיט לייכטע נצחונות פאַרנומען אַ פּאָר האָלענדישע פּראָווינצן. די דאָזיקע מפּלה פון דער האָלענדישער אַרמיע האָט געגעבן דעם אימפּולס די אָראַנזשיסטן צו קעמפן פאַר אַ קאָנצענטראַציע פון דער מאַכט און זייערע הענט. ספּינאָזאַ׳ס פּראָטעקטאָר, יאָהאַן דע וויט, איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם המונ׳ס דעמאַגאָגישע באַשולדיקונג אַז דאָס האָט מען אים צו פאַרדאַנקען די אַנוועזנהייט פון דעם שונא׳ס סאָלדאַטן אין דעם פרייהייטלאַכן האָלאַנד.

די אָראַנזשיסטן זיינען אָבער אויך געווען שוואַך און נישט געקענט שאַפן אַזאַ שנעלן און קאָלעקטיוון כח פון ווידערשטאַנד — וואָס זאָל אַרויסשטויסן די פראַנצויזן פון האָלאַנד.

דער גאַנצער אוטרעכטער געגנט איז געווען אין די הענט פון דער פראַנצויזישער אַרמיע אונטער דער הויפּט הנהגה פון פ י ר ש ט ק אָ נ ד ע. מען האָט זיך פאַרקוואַרטירט אין אוטרעכט און זיך געגרייט צו אַ שטורעם אויף די הויפּטשטאָט.

די לאַגע פון די האָלענדער איז געווען זייער אַ שווערע. מען האָט זיך אַרומגעקוקט אַז מיט גבורה וועט מען דעם שונא נישט באַזיגן און מען מוז זיך נעמען צו אַנדערע מיטלען; אפשר וועט זיך לאָזן פירן דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קעגנער, קומען צו אַ פשרה און אויף אַזאַ אופן אויסמיידן אַ ווייטערדיקע מלחמה, אַ ענין וואָס איז בכלל נישט געווען צום האַרצן דעם האָלענדישן סוחרים־פאָלק.

האָט מען זיך דערמאָנט אַז דער הויפּט קאָמענדאַנט, דער פ י ר ש ט ק א נ ד ע איז נישט נאָר אַ סטראַטעגיקער, נאָר אויך אַ פילאָזאָפירנדער דילעטאַנט. ער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט

וויסנשאַפטלאַכע ענינים, געווען גוט באַפריינדעט מיט מ א - ל י ע ר, ל א פ א נ ט ע ן, געשטיצט שרייבער און קינסטלער און אפילו פארקערט מיט די „פרייגייסטער“ און די טעאיסטן. אין זיין סביבה האָבן זיך אַלעמאָל געפונען די פאָרשטייער פון קינסט־לער־וועלט און אפילו אידן זיינען געווען צוגעלאָזן אין זיין געזעל־שאַפט; פאַר יענער צייט — אַ באַווייז פון ליבעראַליזם, בפרט אַז קאָנדע איז געווען אַ מיטגליד פון דער קעניגלאַכער משפחה.

דער דאָזיקער מיליטאַריסט־געלערנטער האָט וואַרשיינלאַך גע־הערט וועגן ספינאָזאַ'ן און זייענדיק נישט ווייט פון האַג, וואו ספינאָזא האָט געוואוינט — איז געווען גאָר פאַרשטענדלאַך דער ווילן צו זען און צו שמועסן מיט אַזאַ באַרימטן געלערנטן, ווי דער אַמסטערדאַמער גלעזער־שלייפער.

אויך, האָט דער צווייטער צד, וואָס איז גאָר מעגלאַך, געוואָלט אויסנוצן ספינאָזאַ'ן, ער זאָל אין אַ באַגעגעניש מיט דעם אָנפי־רער פון דער פיינטלאַכער אַרמיע, וואָס דראָעט צו פאַרכאַפּן גאַנץ האָלאַנד — באַשיצן ז י י ן פאָטערלאַנד קעגן דער אינוואַזיע און זאָל אויס'פועל'ן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַ באַלדיקן שלום צווישן האָלאַנד און פראַנקרייך.

דאָס איז דער וואַרשיינלאַכער פּאָליטישער הינטערגרונט פון דער געהיימער נסיעה וואָס ברוך עספינאָזא האָט אונטערגענומען אין פיינדס לאַגער.

אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער רייזע פיגורירט אַ פאַרמיט־לער — וועמענס נאָמען און אויך אייגנאַרטיקע קאַריערע זאָל דאָ געשילדערט ווערן.

דאָס איז דער שווייצאַר פון געבורט און אינטערנאַציאָנאַליסט לויט נייגונגען — ז ש א ן ב א פ ט י ס ט ס ט ו פ (Jean Baptiste Stouppe). ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שווייץ אין יאָר 1620. ער האָט געשטודירט טעאָלאָגיע, דאַן אַוועק קיין ענגלאַנד און געווען פאַר אַ לענגערע צייט אַ פּרעדיקער אין דער וואַלאָנישער געמיינדע אין לאָנדאָן. בשעת קראָמוועל'ס ממשלה האָט מען אים אויסגענוצט פאַר פאַרשיידענע פּאָליטישע שליחות'ן. נאָכ'ן פאַלן פון דער ענגלישער רעפּובליק און דער רעסטאַווראַציע פון דער מאָנאַרכיע איז ס ט ו פ געצוואונגען געוואָרן צו פאַר־

לאַנד. ער באַזעצט זיך אין פראַנקרייך, גט זיך אָפּ מיט דער מאַדאַם טעאָלאָגיע און פאַרקנסט זיך מיט'ן שווערדל. זיין ברודער איז געווען אַ פראַנצויזישער פּאַלקאָווניק און אין זיין זכות ווערט דער עקס־טעאָלאָג — אַן אָפיציר. ווייזט זיך אויס, אַז דער נייער מאַרסישער פעלד פון זיין טעטיקייט איז אים זייער געווען צום הארצן — ווייל ער פילט זיך גאַר גוט אין דער אַטמאָס־פערע פון סאָלדאַטעסקא און אין שלאַכטן ווייזט ער אויס זאַרגלאָ־זע בראַוואור, חוצפה און ליבע פאַר ריזיקאַלישקייט: אינטעגראַלע טיילן פון דעם פּאָפּולערן, אַלגעמיינע באַגריף פון העלדישקייט.

צוזאַמען מיט'ן פּירשט קאָנדע'ס אַרמיע געפי־נען מיר אים אין האָלאַנד. אין יולי 1672 באַגעגענען מיר דעם אָפיציר סטופּ (ער איז שוין דאַמאָלט אויך אַ פּאָלקאָווניק) אין דער שטאָט אוטרעכט.

אין דער דאָזיקער שטאָט איז געווען די שטענדיקע דירה פון גענעראַל־שטאַב מיט'ן פירשט קאָנדע בראָש. אָנפאַנג 1673 קומט דער פירשט מיט זיינע זין קיין אוטרעכט און דער דיפּלאָמאַטישער סטופּ גיט לכבוד אים אַ מאָלצייט ביי זיך אין הויז — אַ באַ־ווייז אַז ער איז געווען אַן אנגעזעענער מיליטער־מאַן אין דער פראַנצויזישער אַרמיע.

הערווייל פאַרגייט די צייט אין זיסלאַך־לאַנגווייליקן מיליטע־רישן „דאָלטשע פאַר ניענטע" — וואָס דריקט זיך אויס אין אימ־פּראָוויזירטע באַנקעטן און כלומרשטע סטראַטעגישע שטודיען. און אויף די ראַנדן פון די דאָזיקע פּליכטלאָזע פליכטן און פליכטעלאַך, שפּילן זיך יונגע בלוטן אין מעטעאָרישע ליבעס, באַווירצט מיט אַ וויץ פון ראַבעלע און באַצוקערט מיט אַ פּאַסטאָראַל ליד פון אַ באַלאַ... די איינגעזוירערטע בלוטן פון די „עלטערע" אָפי־צירן ווענדן אַן זייער ענערגיע אין דער ריכטונג פון סטראַטעגישע פאָרשונגען אדער סתם ליטעראַרישע „ליבהאָבעריי". פּאָלקאָוו־ניק סטופּ האָט זיך דאַמאָלסט איבערגעגעבן אין רשות פון „וויסנשאַפט". ער האָט געשטודירט דעם „כאַראַקטער" און די רע־ליגיע פון האָלענדישן פאָלק. אינספּירירט האָט אים צו דער דאָ־זיקער אַרבעט אַן אונדערוואַרטעטער בריוו פון זיינער אַ פריינט, אַ פּאַסטאָר פון בערן.

דער דאָזיקער פּאַסטאָר האָט אין אַ בריוו געטאַדלט ס ט ו פּ ן — אַלמאַי ער אַליין, זייענדיק אַ פּראָטעסטאַנט, קעמפט אין אַ קאַ־טוילישע אַרמיע קעגן די פּראָטעסטאַנטן? ס ט ו פּ ן האָט די פראַגע־פאָרוואורף אַ שטאָך געטאָן. ער האָט זיך תיכף אוועקגע־זעצט און אָנגעשריבן זיין פּריינט אַ בריוו־חיבור א. נ. „די רע־ליגיע פון די האָלענדער, פּרעזענטירט אין אַ רייע בריוו, געשריבן פון אַן אָפיציר פון דער קיניגלאַכער אַרמיע צום פּאַסטאָר און פּראָפעסאָר פאַר טעאָלאָגיע אין בערן".

דער דאָזיקער טשיקאַווער חיבור באַשטייט פון זעקס בריוו, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין משך פון 17 טעג. (פון 2 ביז 19 מאַי 1673).

אין די דאָזיקע בריוו ווייזט סטופּ אָן, אַז אין האָלאַנד איז פאַראַן אַזוי פיל סעקטעס און רעליגיעזע קהילות אַז עס איז פשוט אוממעגלאַך צו ריידן וועגן אַ פּראָטעסטאַנטיזם אין האָלאַנד — אַלס וועגן דער איינציקער הערשנדיקער אמונה.

סטופּ האַלט אַז די אמת'ע רעליגיע פון די האָלענדער איז דער... געלדזאַק. האָלענדישע באַאַמטע, וואָס דינען אין דער אָסט־אינדי־שער קאָמפּאַניע אין יאַפּאַן, באַהאַלטן זייער קריסטנטום, ווייל דאָס קען זיי שאַדן צו די געשעפטן. האָבן דען די האָלענדער נישט גע־קעמפט קעגן די ענגלענדער, וואָס זיינען דאָך אויך פּראָטעסטאַנטן?

ווען האָט סטופּ געהאַט די מעגלאַכקייט אָנזאַמלען אַזוי פיל ידיעות וועגן האָלאַנד און אפילו זיך באַקענען מיט די האָלענדישע היסטאָריקער? — דאָס איז אַ וויכטיקע פראַגע. ווייסן מיר אָבער, אַז אין אוטרעכט האָט פּראַקטיצירט דער שוין אונז באַקאַנטער דר. ו ו ע ל ט ה ו י ז ן , וואָס האָט אפילו באַגריסט מיט ברויט און זאַלץ דעם זיגרייכן פירשט דע קאָנדע. עס איז דאָך אויסגעשלאָסן אַז דער דאָזיקער נייגעריקער סטופּ זאָל נישט זיין אַ בן־בית ביי דעם דאָקטאָר — בפרט אין אַ צייט פון אַ לאַנגווייליקער, מאָנאָ־טאָנער אָקופּאַציע־צייט, ווען מען זוכט פאַרביינדן באַקאַנטשאַפטן. קענען מיר מיט דער פולסטער זיכערקייט באַשטימען אַז פון דעם דאָזיקן פּרינציפּיעלן באַקעמפער פון ספּינאָזא האָט זיך סטופּ דער־וואוסט אַ סך זאַכן וועגן האָלאַנד בכלל און וועגן ברוך ספּינאָזא בפרט.

און אַט איז די טשיקאַווע אינפאָרמאַציע וואָס דער דאָזיקער עקס־טעאָלאָג, פאָלקאָווניק סטופּ, ברענגט וועגן אונזער פילאָזאָף.

„איך גלויב, אַז נישט אַלע אמונות פון דעם דאָזיקן לאַנד וואָלטן געווען פון מיר אויסגערעכנט — ווען איך וואָלט צו אייך נישט גע־רעדט אויך וועגן איינעם אַ באַרימטן און געלערנטן מאַן — וואָס האָט, ווי מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַ גרויסע צאָל פון אָנהענ־גערשאַפט, וואָס האָבן דעם זעלבן גלויבן, וואָס ער. ער איז אַ גע־בוירענער אַ איד, הייסט ספינאָזאַ. ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם אידישן גלויבן — האָט אָבער אויך נישט אָנגענומען דאָס קריס־טענטום. ער איז זייער אַ שלעכטער איד און נישט קיין בעסערער קריסט. אומגעפער מיט אַ יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך אונטער'ן נאָמען דער „ט ע אָ ל אָ ג י ש ־ פּ אָ ל י ט י ש ע ר ט ר אַ ק ט אַ ט". ווי עס שיינט, איז דער הויפּט צוועק פון דעם בוך, אויסצוראָטן אַלע רעליגיעס, די אידישע אַזוי גוט ווי די קריסט־לאַכע, און עפענען ברייט די טויערן פאַר'ן אַטעאיזם, פרייגייסטע־ריי און דער פרייהייט פון אַלע רעליגיעס. ער טענה'ט אַז די רע־ליגיעס זיינען אויסגעטראַכט געוואָרן צום נוצן פון דער אַלגעמיי־נער געזעלשאַפט כדי די בירגער זאָלן לעבן ערלאַך און פאָלגן די רעגירונגען און כדי זיי זאָלן זיך איבערגעבן אין רשות פון טוגנד נישט דערוואַרטנדיק קיין שום באַלוינונג נאָכ'ן טויט, נאָר צוליב דער פאַרטרעפלאַכקייט פון דער טוגנד גופא און צוליב די נוצן, וואָס זי ברענגט שוין אין דעם לעבן פאַר די, וואָס שטרעבן צו איר. וואָס איז זיין געדאַנק וועגן גאָטהייט — דאָס זאָגט ער אין זיין בוך דייטלאַך נישט אַרויס — אָבער ס'לאָזט דאָס דאָ און דאָרט אויסלייענען. דאַגעגן אין זיינע פּאָלעמיקעס זאָגט ער קלאָר אַרויס — אַז גאָט איז ניט קיין וועזן, וואָס איז באַשאַנקען מיט שכל, איז פאָלקאָם און גליקלאַך, ווי מיר ריידן זיך דאָס איין — נאָר ער איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די קראַפט פון דער נאַ־טור וואָס געפינט זיך אין אַלע באַשעפענישן".

„דער דאָזיקער ספינאָזאַ לעבט, אַלזאָ, אין דעם לאַנד. ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין האַג, וואו עס האָבן אים באַ־זוכט פאַרשיידענע נייגעריקע גייסטער צווישן זיי אויך יונגע דאַמען פון געזעלשאַפט, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי שטייגען

איבער מיט'ן שכל די אַנדערע פון זייער געשלעכט. זיינע תּלמידים האָבן מורא זיך עפנטלאַך מודה צו זיין, ווער איז זייער רבי — ווייל זיין בוך גראָבט אונטער אַלע רעליגיעס און איז לויט אַ דע־קרעט פון די גענעראַל שטאַטן פאַרבאָטן געוואָרן. דאָך, נישט קוקנדיק אויפ'ן פאַרבאָט ווערט דאָס בוך פאַרקויפט עפנטלאַך. קיי־נער פון די היגע טעאָלאָגן האָט נישט געוואַגט צו שרייבן קעגן די אידעיען, וואָס דער דאָזיקער מחבר פאַרטיידיקט אין זיין אָפּהאַנד־לונג. דאָס וואונדערט מיך נאָך שטאַרקער, שוין צוליב דעם, וואָס ער ציייגט אַ גרויסע קענטעניש פון העברעאיש, ווי אויך פון די אידישע רעליגיעזע מנהגים, דינים און פילאָזאָפיע — אַזוי, אַז די טעאָלאָגן האָבן נישט געקענט זאָגן — אַז עס איז נישט כדאי אים צו ענטפערן. אויב זיי וועלן ווייטער אַזוי שווייגן — דאַמאָלסט וואָלט מען געקענט מיט רעכט באַהויפּטן, אַז זיי האָבן נישט קיין אמונה — ווייל זיי האָבן אַזאַ שעדלאַך בוך איבערגעלאָזט אָן אַ תשובה — אָדער, אַז זיי טאָלערירן די מיינונג פונ'ם מחבר, אָדער גאָר, אַז עס האָט זיי געפעלט מוט און קראַפט צום קאַמף".

די דאָזיקע לאַנגע, אָבער זייער וויכטיקע ציטאַטע באַווייזט אונז, אַז פּאַלקאָווניק סטופּ איז נישט געשלאָפן אין משך פון זיין אָקופּאַציע־צייט. ער האָט באַקומען אַ סך גוטע, צופערלעסיקע ידיעות און אָפּשאַצונגען וועגן ספינאָזאַ. און אַז דעם מקור דאַרף מען זוכן נישט אין שטודיען — נאָר אין פּריוואַטע געשפּרעכן — דאָס איז אָן ספק. אַזוי שנעל קען מען פון אייגענע פאָרשונגען נישט אָריענטירט ווערן!

ווער זיינען געווען די דאָזיקע אינפאָרמאַטאָרן — ווייסן מיר אויך. דאָס איז געווען דער דאָקטאָר ו ו ע ל ט ה ו י ז ן און דער פילאָלאָג ג ר ע ו ו י ו ס.

מסתמא האָט סטופּ אָפטמאָל גערעדט וועגן ספינאָזאַ'ן מיט'ן פ י ר ש ט ק אָ נ ד ע. צי האָט ער געלייענט ספינאָזאַ'ן, צי נישט, — דאָס איז אַ פראַגע אַביסל אַ שווערלאַכע אויף צו פאַר־ענטפערן. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן אַז דער דאָזיקער אויסצוג אין סטופּ'ס תשובה צום בערנער טעאָלאָג האָט געקענט אַרויסרופן ביי אים אַ חשק זיך צו באַקענען מיט'ן באַרימטן דענ־קער און מיט זיינע ווערק.

ק אַ נ ד ע האָט באַשלאָסן איינלאַדן ספּינאָזאַ'ן צו זיך אין הויפּט־קוואַרטיר. סטופּ האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס. ער האָט זיך געווענדעט צום פילאָלאָג ג ר ע ־ װ י ו ס, וואָס האָט זיך געקענט פערזענלאַך מיט ספּינאָזאַ'ן און האָט אים געבעטן דורכפירן דעם פּלאַן, אַז ספּינאָזאַ זאָל קומען קיין אוטרעכט.

ווי אַזוי איז געקומען דורך די שורות פון פּיינטלאַכע טראַנ־שעיען און מלחמה־פּלעצער דער איינלאַדונגס בריוו פון פירשט קאַנדע — דאָס וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט וויסן.

אין ספּינאָזאַ'ס בריוו ווערט דער גאַנצער אוטרעכטער עפּי־זאָד לחלוטין נישט דערמאָנט. האָט מען אפילו געוואָלט דעם גאַנצן אינצידענט אָפּלייקענען און צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע פון לעגענדעס, וואָס וועבן זיך אַזוי לייכט אַרום אַ גרויס לעבן און שוועבן זיך פאַנאַנדער מיט אַזאַ עטערישער לייכטקייט, אַז עס איז ממש אוממעגלאַך זיי אַרויסטרייבן — פּונקט ווי עס איז שווער זיי מאַכן וואָגיק.

דאָך, אין דעם פאַל, האָבן מיר נישט צו טאָן מיט קיין לעגענ־דע. דאָרטן וואו עס שווייגט ספּינאָזאַ — שווייגן אָבער נישט קיין אַנדערע, וויכטיקע עדות, וואָס פאַרדינען אויף צוטרוי.

די הויפּט פראַגע איז: — וואָס האָט ספּינאָזאַ'ן, דעם פּאַרזיכ־טיק, רויקן מענטשן, באַוואויגן — ז ו מ ע ר 1673 — פאָרן צום ראש פון דער פּיינטלאַכער אַרמיע — זייענדיק נישט זיכער מיט'ן לעבן און לעבנדיק אין אַ געדיכטער מלחמה־אַטמאָספערע פון חשד און פאַרראַט, שפּיאָנאַזש און קרענקלאַכער, פּאַטריאָ־טישער סענסיוויטעט, וואָס איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון סיסטעמאַטישע מפּלות! עס האָט אים קיינמאָל נישט באַהערשט די גאווה צו קענען פערזענלאַך „הויכגעשטעלטע" מענטשן; בפרט נאָך פאָרן בעת אַ מלחמה פון דער הויפּט שטאָט, וואו מען האָט אים געקענט און נאָכגעשפּירט זיין יעדן שריט און טריט — צום אַנפירער פון דעם פּיינטס חילות!

לייענען מיר די באַריכטן פון די מיטצייטלערישע כראָניקער־ביאָגראַפן — דאַן באַקומען מיר אַזאַ בילד.

קאָלערוס ווייס צו דערציילן אַז דער „הער סטופּ האָט איינגעלאַדן ספּינאָזאַ'ן, נאָכדעם ווי זיי האָבן צו זיך געשריבן אַ רייע בריוו".

די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איז זייער אַ וויכטיקע; ספּינאָזאַ האָט באַקומען, הייסט עס, אַ פּאָר בריוו פון סטופּ'ן. ליידער, זיי פעלן אָבער אין דער זאַמלונג פון די איבערגעבליבענע בריוו. עס איז דעריבער קלאָר — אַז צווישן די בריוו און דאָקומענטן, וואָס ספּינאָזאַ האָט פאַרברענט פאַר זיין טויט, האָבן זיך אויך געפונען די דאָזיקע בריוו פון פּאָלקאָווניק סטופּ. צו וואָס האָט ער דאָס געטאָן? דער זייער פאָרזיכטיקער ספּינאָזאַ וואָלט די בריוו נישט פאַרברענט, ווען זיי וואָלטן נישט אַנטהאַלטן פּאָליטישע ידיעות, וואָס האָבן געקענט שפּעטער האָבן אַ שעדלאַכע ווירקונג. מסתמא האָט זיך געהאַנדלט וועגן שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן פראַנקרייך און האָלאַנד — און דער פריינט פון יאהאַן דע וויט און מחבר פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" — איז געווען דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט מצד דער האַגער מלוכה צו העלפן דעם פאָטערלאַנד בעת צרה — בפרט אַז דער צד שכנגד איז געווען פאַרטראָטן פון אַ מענטשן וואָס האָט אַ געוויסן שייכות מיט פילאָזאָפיע. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז פירשט קאָנדע האָט געטראַכט וועגן שלום; ער האָט וועגן דעם נישט באַדאַרפט טראַכטן — ווייל זיין סטראַטעגישע לאַגע איז געווען אַ סך אַ גינסטיקערע ווי האָלאַנד'ס. עס איז נישט אויסגעשלאָסן — אַז דער געדאַנק אַראָפּצוברענגען ספּינאָזאַ'ן איז געווען פשוט אַ קאַפּריז פון אַ פילאָזאָפירנדן פירשט, וואָס קרענקט שטענדיק אויף פּאָדאַגרע און איז זייער ווייט פון מאַרס' מחנה — און וויל סתם זען דעם באַרימטן געלערנטן. די האָפנונגען אויף דעראָבערן האָג זיינען שוין אויפגעגעבן געוואָרן און דערמיט אויך די אויסזיכטן באַזוכן דעם אידישן פילאָזאָף אין זיין שטאָט. דעריבער איז אים געפעלן געוואָרן סטופּ'ס אידעיע איינלאַדן ספּינאָזאַ'ן קיין אוטרעכט.

אָבער ספּינאָזאַ האָט נישט געקענט פאָרן כדי צו באַפרידיקן דעם וואונש פון אַ פירשט, וואָס וויל אים זען, אַ פשיטא צו האָבן די געלעגנהייט צו ריידן מיט סטופּ'ן, אָדער זען דעם

פּראָפעסאָר גרעוויוס אָדער דעם דר. וועלטהויזן! בלייבט נישט אַנדערש — אַז מיט זיין רייזע איז ער אויסן געווען אַ פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע מיסיע; די הינטערגרונט געשיכטע פון דער דאָזיקער מיסיע איז געבליבן אַ סוד.

קאָלערוס דערציילט ווייטער: ס ט ו פּ האָט פאַרזיכערט ספּינאָזאַ'ן אַז פירשט קאָנדע וועט פאַר אים אויס'פועל'ן אַ יערלאַכע פּענסיע פון דעם פראַנצויזישן קעניג — אויב ער וועט אים ווידמען זיינס אַ ווערק. ווען ספּינאָזאַ איז געקומען קיין אוטרעכט איז דער פירשט קאָנדע נישט געווען אין שטאָט. דעם 4טן יולי, 1673, האָט ער צוזאַמען מיט דער סוויטע פאַרלאָזט אוטרעכט. דאָס איז געשען אונדערוואַרטעט פאַר'ן פירשט גופא — וויל אַנדערש וואָלט ער געווים אָפּגערופן דעם באַזוך.

ל ו ק אַ ס דערציילט — אַז דער הערצאָג פון לוקסעמבורג האָט באַגריסט ספּינאָזאַ'ן און אים פאַרזיכערט אַז דער פירשט קאָנדע שעצט אים זייער שטאַרק.

די האָפענונגען זיינען געווען זייער איבעראַשט פון ספּינאָזאַ'ס פיינע מאַנירן. דער פרינץ קאָנדע האָט פאַר'ן אָוועקפאָרן געהייסן בעטן ספּינאָזאַ'ן — ער זאָל בלייבן אַ געוויסע צייט אין אוטרעכט און וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. ספּינאָזאַ איז דאַרויף איינגעגאַנגען און האָט פאַרבראַכט אין אוטרעכט אַ פּאָר וואָכן.

די פרייע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון דר. וועלטהויזן און מסתמא אויך מיט ס ט ו פּ 'ן, דעם איינציקן „טשיקאַווען גייסט" צווישן די פראַנצויזישע אָפיצירן. אינצווישן איז געקומען אַ בריוו פון פירשט קאָנדע — אַז ער קען נישט קומען אַזוי שנעל צוריק קיין אוטרעכט, ווי ער האָט לכתחילה גערעכנט. ספּינאָזאַ האָט דעריבער באַשלאָסן תיכף אָפּפאָרן צוריק קיין האַג.

מיט'ן זעלבן אומבאַקאַנטן וועג מיט וועלכן ער איז געקומען קיין אוטרעכט, איז ער אָוועקגעפאָרן צוריק קיין האַג.

אין זיין אָפּוועזנהייט האָט זיך אין האַג אָנגעזאַמלט אַ הויפן

מיט רכילות וועגן דער רייזע פון דעם „אידישן גלעזער־שלייפער“. מען האָט אים באַשולדיקט אין פאַראַט לגבי דעם פאַטערלאַנד און ער איז שיעור נישט געפאַלן קיין קרבן פון דעם המונ׳ס ליידנ־שאַפטלאַכע באַשולדיקונגען.

ווען וואַן דער ספיק, זיין בעל הבית, האָט דערהערט וועגן די ראַזיקע רכילות, איז ער געקומען צולויפן צו ספינאָזאַ׳ן מיט דער דאָזיקער ידיעה, אַז דאָס פאָלק אין שטאָט מורמעלט זייער שטאַרק, אַז מען דאַרף באַשטראָפן דעם „שפּיאָן, וואָס האָט געשריבן בריוו צו די פראַנצויזן וועגן מלוכה און לאַנדס־ענינים“.

ספינאָזאַ האָט געזאָלט ענטפערן — לויט קאָלערוס׳ן, אַזוי:

„זאָרגט זיך נישט! איך בין אומשולדיק, און צווישן די גרויסע (מענטשן) איז פאַראַן אַ סך, וואָס וויסן זייער גוט, צוליב וואָס איך בין געווען אין אוטרעכט. אויב פאַר אייער טויער וועט זיין אַ צונויפלויף, דאַמאָלסט וועל איך אַליין אַרויסטרעטן — אַפילו ווען מען וועט זיך מיט מיר אַזוי באַגיין, ווי מיט דעם גוטן הער דע וויט. איך בין אַיין אויפריכטיקער רעפּובליקאַנער און איך האָב נאָר געהאַט אין זינען דאָס ראַטעווען פון דער מלוכה“.

פון דעם דאָזיקן טעקסט ביי קאָלערוס׳ן ווערט באַשטעטיקט, אַז ספינאָזאַ׳ס זיכערקייט נעמט זיך דערפון, וואָס ער האָט געהאַט אַ שליחות צום פירשט קאָנדע. און דערפון קען מען אויך אויסטייטשן, אַז פירשט קאָנדע האָט אפשר געוואָלט זען ספינאָזאַ דעם דענקער, ער האָט אָבער נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט ספינאָזאַ׳ן, דעם האָלענדישן דיפּלאָמאַטישן שתדלן — און דערפאַר האָט ער אין דער לעצטער מינוט פאַרלאָזן אוטרעכט.

זייער שנעל איז ליקווידירט געוואָרן די פראַנצויזישע אָקופּאַציע אין אוטרעכט. דעם 13טן נאָוועמבער 1673 האָט סטופּ דער לעצטער פאַרלאָזן מיט זיין אָפּטיילונג די שטאָט. אין 1675 האָט אַ געוויסער זשאַן ברון, געטאַדלט אין אַ בוך סטופּ׳ן פאַר זיין בלומרשטער שנאה צו ספינאָזאַ׳ן. ער האָט אים באַשול־

דיקט אין פריינטלאכע באציהונגען מיט ספינאָזא'ן, בעת יענער האָט שטארק פארליבט ספינאָזא'ן פאר'ן פירשט קאָנדע און איז ארומגעגאנגען מיט דעם פילאָזאָף „זייער פאמיליאר“.

דער דאָזיקער עדות באשטעטיקט אלזא ספינאָזא'ס באזוך אין אוטרעכט. דאָך בלייבט די דאָזיקע געהיימע נסיעה — א טונקעלער עפּיזאָד אין ספינאָזא'ס רייכן לעבן.

די היידעלבערגער פראפעסור

סוף פעברואר 1673 איז צווישן פארשיידענע בריוו, וואס ברוך ספינאזא האט באקומען — געווען איין בריוו, וואס האט גע־מוזט ארויסרופן א גרעסערן אינטערעס, ווי די אנדערע. דאס איז געווען דערפאר ווייל דער בריוו איז געקומען פון אן אומ־באקאנטן מאן און פון א שטאט, פון וואנען עס איז נאך ביז איצט נישט געקומען קיין שום ידיעה צום איינזאמען דענקער אויף פאוויליאנסגראכט.

אינטריגירט האט דער בריוו מיט די רונדע, קאלטבלוטיק־אויסגעטאקטע אותיות, וואס האבן מרמז געווען א האנט געוואוינט צו דיפלאמאטישע בריוו און ווענדונגען. אויף די גלייכע, סימעט־ריש אויסגעלייגטע שורות איז געלעגן א חתימה פון א גוט דערצויגענעם מאן, וואס זארגט פאר'ן אויסערלאכן אויסזען פון דעם געפאנצערטן ווארט און שטרייכט אונטער די חשיבות פון זיין שליחות אויסגעדריקט אין פיינע, קלארע, פאלירטע און עלעגאנ־טע זאצן.

דער דאזיקער בריוו דאטירט פון היידעלבערג, דעם 16 פעב־רואר 1673, האט געהאט פאלגנדיקן **אינהאלט:**

„צו דעם שארפזיניקן און בארימטן פילאזאף בענעדיקטוס דע ספינאזא.

וואויל אנגעזעענער הער!

„זיין עקסעלענץ, דער קורפירשט פון פפאלץ, מיין גנאדיק־סטער הער האט מיר באאויפטראגט צו אייך, וואס איז מיר אמת ביז איצט אונבאקאנט, אבער דעם הויכן פירשט זייט איר שטארק רעקאמענדירט — צו שרייבן און אנצופרעגן, צו וואלט איר נישט געווען גענויגט אנצונעמען א שטעלע פון א געוויינלאכן פּ

פעסאָר פאַר פילאָזאָפיע אין זיין באַרימטער אַקאַדעמיע? מען וועט אייך צאָלען די יערלאַכע שכירות, וואָס געוויינלאַך ווערט איצט געצאָלט די געוויינלאַכע פּראָפעסאָרן. איר ווערט אין ערגיץ נישט געפינען אַ פירשט מיט אַזוי פיל דרך ארץ פאַר אויסערגעוויינלאַכע גייסטער, צו וועלכע איר ווערט אויך פאַררעכנט — ווי ער איז עס. איר וועט האָבן די פולסטע פרייהייט צו פילאָזאָפירן. ער ‑ט אַז איר וועט זי נישט מיסברויכן כדי חרוב מאַכן די עפנטלאַך אָנערקענטע אמונה. איך האָב נישט געקענט נישט פאָלגען דעם באַפעל פון דעם קלוגן פירשט.

„דעריבער וועל איך אייך שטאַרק בעטן מיר צו ענטפערן אַזוי שנעל ווי מעגלאַך. די אַנטוואָרט קענט איר שיקן אָדער דעם קורפירשטלאַכן פאָרשטייער אין האַג, הערן גראַטיוס, אָדער איבערגעבן דעם הערן גילעס וואַן דער העק אין אַ בריוו פּאַקעט, וואָס איז ווי געוויינלאַך באַשטימט פאַר דעם היגן הויף — אָדער זיך באַנוצן מיט וועלכער עס איז אַנדערער געלעגנהייט, וועלכער איר וועט האַלטן פאַר די באַקוועמסטע. דאָס איינציקע קען נאָך צוגעבן ווערן אַז אויב איר וועט אַהער קומען, וועט איר מיט פאַרגעניגן פירן אַ לעבן וואָס איז ווירדיק פאַר אַ פילאָזאָף — אויב עס וועט עפּעס נישט געשען אונערוואַרטעטעס און נישט פאָרויסגעזענעס.

„זייט גליקליך און באַגריסט, זייער געערטער הער!
„פון דעם וואָס נייגט זיך פאַר אייער רום,
יאהאַן לודוויק פאַבריציוס.
פּראָפעסאָר פון דער היידעלבערגער אַקאַדעמיע
און קורפירשטלאַך־פּפאַלצישער ראַט.“

דאָס איז געווען דער נוסח פון דעם אונדערוואַרטעטן בריוו.

דער פירשט, אין וועמענס נאָמען האָט דער „פּראָפעסאָר און קורפירשטראַט“ געשריבן דעם דאָזיקן בריוו, איז געווען ק אַ ר ל ל ו ד ו ו י ק, דער היידעלבערגער קורפירשט (1617‑1680) — איינער פון די אינטערעסאַנטע געשטאַלטן אין דעם דאַמאָלסטדיקן דייטשלאַנד.

ק אַ ר ל ל ו ד ו ו י ק איז געווען אַ פריידענקער, וואָס האָט

אָבער נישט געהאַט די פולע מוט צו לעבן לויט זיינע איבערצייגונ־גען — האָט אָבער ארויסגעוויזן אַ ברייטע טאָלעראַנץ פאַר ריין פאָרשערישע ארבעטן אויפ׳ן געביט פון פילאָזאָפיע — אפילו דאַ־מאָלסט, ווען די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע פאָרשונגען זיינען גע־ווען נישט קיין גינסטיקע פאַר דער הערשנדיקער קירך. זיין יוגנט האָט דער פירשט קאַרל לודוויק פאַרבראַכט אין האָלאַנד וואָס האָט צו יענער צייט געשמט פאַר דאָס איינציקע לאַנד פון פרייער תורה. ער האָט געשטודירט אין דעם באַרימטן לײדענער אוניווערסיטעט — וואוהין עס פלעגן עולה־רגל זיין סטודענטן פון אייראָפּע.

דער יונגער פירשט האָט זיך אָפּגעגעבן קודם כל מיט שטאַטס־לערע, פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק — הגם ער האָט אויך לויט׳ן נוסח פון דער תקופה נישט פאַרנאַכלעסיגט די טעאָלאָגיע.

קומענדיק צוריק אַהיים נאָך אַ באַלערנדער רייזע און נאָך סיסטעמאַטישע, ערנסטע שטודיען — האָט ער זיך קודם כל אָפּ־געגעבן מיט דער פראַגע פון פאַרבעסערן די העכערע לעראַנ־שטאַלטן אין לאַנד.

אין דער הויפּט־שטאָט, היידעלבערג, איז אַמאָל געווען אַ באַ־רימטער אוניווערסיטעט, דער צענטער פון תורה און פרייען געדאַנק.

די דרייסיק־יאָריקע מלחמה האָט חרוב געמאַכט אַ סך לענ־דער אין דייטשלאַנד, און האָט נישט איין בילדונגס־צענטער רואי־נירט; אויך היידעלבערג, די שטאָט ביי דער קאַפּריזנער, עלאַס־טישער טייך נעקאַר, איז געפאַלן אַ קרבן פון די לאַנגע, לײדנשאַפט־לאַכע רעליגיעז־טעריטאָריעלע צווייסטיגקייטן.

קאַרל לודוויק האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צוריק אויפבויען דעם אוניווערסיטעט. זיין אידעאַל איז געווען אַזאַ תורה וואָס זאָל נישט חוזק מאַכן פון „קיין שום שטאַנד, פון קיין שום נאַציע, און פון קיין שום גאָטעסדינסט“ — ווי ער האָט זיך אויס־געדריקט אין אַ בריוו צו אַ פריינט. דעם ערשטן נאָוועמבער 1652 איז פאָרגעקומען מיט דער כאַראַקטעריסטישער פּאָמפּע פון אַ באַ־ראָק־עפּאָכע, די פייערלאַכע דערעפענונג פון דעם באַנייטן גייסטיק און פיזיש היידעלבערגישן אוניווערסיטעט.

דער פירשט ווערט דער רעקטאָר, דער מעצענאַט און דער באַשיצער פון דער נאָענטער און ליבער „אַלמאַ מאַטער“.

עס װערן אָראָפּגעבראַכט געלערנטע פֿון אויסלאַנד און זײ קו־מען גערן צו דעם פּריװיטלאַך געשטימטן, ברייט קוקנדיקן און טאָלעראַנט דענקענדן פֿירשט און מעצענאַט. די קאַטעדר פֿון נאַטור־רעכט איז געװען באַזעצט פֿון דעם באַרימטן היסטאָריקער און יוריסט סאַמועל פּופּענדאָרף. די קאַטעדר פֿון פֿי־לאָזאָפֿיע איז אָנפֿאַרטרויט געװאָרן דעם קאַרטעזיאַנער יאָהאַנעס גריינסהיים. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1660 און דער אוניװערסיטעט איז אַ לאַנגע צייט געװען אָן אַ פֿילאָזאָפֿיע־פּראָפֿעסאָר. אין צװעלף יאָר אַרום, אין 1672 האָט מען געפֿונען אַ מאַן, װאָס זאָל קענען מער אָדער װײניקער אויספֿילן די פֿליכטן פֿון אַ לעקטאָר איבער די פֿילאָזאָפֿיע. דאָס איז געװען אַ פֿראַנצויז מיט'ן נאָמען טאַנקװיל לעפֿעװור (Tannequil Lefevre).

ער האָט אָבער געגאָלטן מער פֿאַר אַ סוראָגאַט, אײדער פֿאַר די אמת'ע און ריכטיקע פֿילאָזאָפֿישע מאַטעריע. דאָס איז צו זען דערפֿון, װאָס אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם װי דער פֿראַנצויז נעמט איבער די קאַטעדר פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע, — װערט די דאָזיקע שטעלע אָנגעבאָטן ספּינאָזאַ'ן. װער איז ספּינאָזאַ האָט קאַרל לודװיק זײער גוט געװאוסט; ער האָט אים געקענט נישט נאָר פֿון דעם טראַקטאַט װעגן די קאַרטעזיאַנישע פּרינציפּן, נאָר עס איז פֿאַר אים, װי פֿאַר קיינעם אַנדערן אויך נישט געװען קיין סוד דער שייכות פֿון ספּי־נאָזאַן צום טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט.

דער קוק אויף די באַציִונג פֿון מלוכה צו דער קירך, װאָס ספּינאָזאַ האָט אַזױ שאַרפֿזיניק אַנטװיקלט אין זײן „טעאָלאָ־גיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" — איז געװען אַ קוק, װאָס האָט אַפּע־לירט צום ראַציאָנאַליסטיש געשטימטן פּפֿאַלצער פֿירשט, דעם פֿאָרלויפֿער פֿון דער אויפֿקלערונגס עפּאָכע אין דײטשלאַנד.

האָט ער באַפֿוילן זײן סעקרעטאַר, בעל־יועץ און פּראָפֿע־סאָר פֿאַבריציוס ער זאָל פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיטן אַמסטערדאַמער עקס־ייד, באַרימטן פֿילאָזאָף ספּינאָזאַ, װעגן װעלכן עס איז אַזױ געװען שװער צו באַקומען צװײ אידענטישע מיי־נונגען.

דער גוטער, פריידענקענדיקער פירשט איז אבער געווען א שלעכטער מבין אויף מענטשן. די, וואס האבן געוואונען זיין צוטרוי און זיך אריינגעשליכט אין די אינטימע חדרים פון פירשטלאכע פלענער און געדאנקען — די זיינען געווען זייער ווייט פון אקצעפטירן זיי און א פשיטא נאך זיי אויספירן. און אזא איינער איז געווען דער, וואס איז אונטערגעשריבן אונטערן בריוו צו ברוך ספינאזא.

יאהאן לודוויק פאבריציוס איז געווען אין די זעלבע יארן וואס ברוך ספינאזא. ער איז געבוירן געווארן אין יאר 1632. זיין ערציהונג איז געווען א שטרענג קאלוויניסטישע און זיין בילדונג מערסטנטייל א טעאלאגישע אין דעם נוסח פון דער זעלבער קירך, צו וועלכער ער האט געהערט. פאבריציוס האט זייער פיל געדייזט, געזען א וועלט, געווארן אויסערלאך פאלירט, געשליפן. א געשיקטער דיפלאמאט מיט א טיפן יראת הכבוד פאר מאקיאוועלי און זיינע קאלטבלוטיקע פאליטישע פרינציפן — האט ער געהאט די אויסערלאכע און אויך ריין פארמעלע אקאדעמישע עלעמענטן — וואס האבן געזאגט נביאות אז דער מענש וועט מאכן א קאריערע.

אין היידעלבערג האט ער געהאט א ברודער, טעאבאלדוס פאבריציוס, א פראפעסאר פאר געשיכטע. ער האט אים א סך געהאלפן ארויפקלעטערן אויף דעם לייטער פון אקאדעמישער טעטיגקייט. אין יאר 1656 האט זיך יאהאן פאבריציוס האבילירט פאר א פראפעסאר פון טעאלאגיע. אין א יאר שפעטער פארכאפט ער נאך א קאטעדרע, דאס מאל—פאר דער גריכישער שפראך. א חוץ דעם האט דער דאזיקער אלצווייסנדיקער דיפלאמאט־פראפעסאר געלייענט לעקציעס אויך איבער עטיק און מעטאפיזיק.

נישט קענענדיק זיך צופרידנשטעלן נאר מיט דער טרוקענער תורה פון דער גריכישער גראמאטיק און קאלוויניסטישן שולחן־ערוך צוגעבראקט מיט מעטאפיזישער סכאלאסטיק — האט זיך דער אמביציעזער פאבריציוס צוגעשארט אלץ נעענטער און נעענטער צום פשוט'ן און אויפריכטיקן פירשט קארל לודוויק און איז מיט דער צייט געווארן זיין הויפט בעל־יועץ. דער פירשט פלעגט

אים באַנוצן אין פאַרשיידענע ,אמת, נישט ווייכטיקע, דיפּלאָמאַ־טישע שליחות'ן און אויפטראַגן פון וועלכע ער איז געווען זייער שטאָלץ און צופרידן — ווייל אַ דאַנק זיי האָט ער געהאַט אַ גע־לעגנהייט אַרומצופאָרן איבער דער וועלט.

אַזוי אַרום מאַכט פּ אַ ב ר י צ י ו ס אין 1660 אַ רייזע קיין פראַנקרייך און האָלאַנד און קומענדיק אַ היים פאַרגרעסערט ער זיינע אַקאַדעמישע פּאָסטנס מיט נאָך אַ מיסיע: ער לייענט לעק־ציעס איבער פילאָזאָפיע. משמעות איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל דער פּראָפעסאָר, דער קאַרטעזיאַנער פ ר י י נ ס ה י י ם איז געשטאָרבן און ביז מען וועט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ פּאַסיקן קאַנ־דידאַט, האָט שוין דער, אָן צווייפל פעאיקער, הגם זייער ביטרער און אַבערפלעכלאַכער דיפּלאָמאַט־פּראָפעסאָר אריינגעכאַפּט אויך די שטעלע.

אויב דער פירשט האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף מענטשן —האָט ער אָבער גראַד זייער גוט געוואוסט—וואָס איז אַזוינס פי־לאָזאָפיע. פון דעם אופן — ווי דער סכאָלאַסטיקער פאַבריציוס האָט געלערנט, האָט ער נישט געקענט זיין צופרידן. און בכלל האָט ער נישט געוואָלט, אַז טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע זאָלן זיך אָנ־שפּאַרן אָן די זעלבע אַקאַדעמישע אָרעמס, וואָס האָבן אונטער־געהאַלטן דעם קאַלוויניסטישן בנין פון אַ דאָגמאַטישער וועלטאַנשוי־אונג, געבויט אויף אָן עקסקלוזיווער אתה בחרתנו טענדענץ.

צווישן די פּראָפעסאָרן פון דעם היידעלבערגער אוניווערסיטעט האָט זיך געפונען אַ פראַנצויז מיט'ן נאָמען אָרבען שעווראָ (Urbain Chevreau) דער דאָזיקער שעווראָ, גראַד אַ קאַטוילער, וואָס האָט מיט זיין אַנוועזנהייט מאַניפעסטירט דעם פירשט'ס רעליגיעזע טאָלעראַנץ אין דער נישט טאָלעראַנטער תקופה — איז געווען אַ מין הויף ליטעראַט און אַ פילאָזאָפישער קאָזער. אויף דעם פירשטלאַכן הויף האָט ער פאַרבראַכט זיבן יאָר (פון 1671 ביז 1678) — נאָך דעם איז ער אַוועקגעפאָרן אין זיין היימאַט, וואו ער איז אין 1701 געשטאָרבן. באַלד נאָך זיין קומען קיין היי־דעלבערג (ער האָט עס געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַבריציוס'ן, מיט וועמען ער האָט געפירט אַ האַלב־פילאָזאָפישע קאָרעספּאָנדענץ) האָט שעווראָ אָנגעהויבן אַריינפירן זיינע לאַנדסלייט. ער האָט עס

רעקאָמענדירט דעם קורפירשט דעם פילאָזאָף **לעפעוור** — וועמען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. דער דאָזיקער ל ע פ ע ו ו ר איז דערפאַר אָנגענומען געוואָרן פון פירשט קאַרל לודוויק — ווייל ער האָט געהאַט אַ ויכוח אין דער אַקאַדעמיע אין ס א מ ו ר, וואו ער האָט געלערנט, וואָס האָט געבראַכט צו זיין צוואַנגס־דימיסיע. מיט אַן אָרעאָלע פון מאַרטירערישקייט איז ער געקומען קיין היידעלבערג און איז וואַרים אויפגענומען געוואָרן פון דעם פירשט־רעקטאָר. עס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט לאַנג צו זיין פּראָפעסאָר אין היידעלבערג — ווייל אין אַ יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן. דאַמאָלט זאָל דערזעלבער שעווראָ האָבן פאָרגעשלאָגן דעם קורפירשט אַראָפּצוברענגען פון האַג דעם מחבר פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“, אַזוי, אַלנפאַלס דערציילט ער אַליין אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן.

„ווען איך בין געווען אויף דעם קורפירשטלאַכן הויף — ווייסט אונז שעווראָ צו דערציילן — האָב איך גערעט זייער גינסטיק איבער ספינאָזאַ — הגם איך האָב דאַמאָלסט געקאָנט דעם דאָזיקן פריגייסטיקן אידן (ce Juif Protestant) נאָך פון דעם ערשטן און צווייטן חלק פון דעקאַרט, געדרוקט אין אַמסטערדאַם ביי יאַן ר י א ו ו ע ר ט ש אין 1663. דער הער עלעקטאַר (ד. ה. דער קורפירשט) האָט געהאַט דאָס בוך: און נאָך דעם ווי איך האָב אים פאָרגעלייענט פון אים אַ פּאָר קאַפּיטלען, האָט ער באַשלאָסן אים איינצולאַדן (resolut de l'appeller) אין זיין אַקאַדעמיע אין היידעלבערג, ער זאָל דאָרטן לערנען פילאָזאָפיע מיט אַ באַדינג, אַז ער זאָל אונטער קיים שום אומשטאַנד נישט באַרירן די עיקרים פון דער קירך“. (de ne point dogmatizer).

דאָס דערציילט אונז שעווראָ. ווייטער גיט ער צו, אַז דער קורפירשט האָט באַפוילן פאַבריציוס'ן אָנשרייבן וועגן דעם אַ בריוו צו ספינאָזאַ'ן און ספינאָזאַ האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. שעווראָ האָט נאָכגעפרעגט, פאַר וואָס האָט ער ניט אָנגענומען די דאָזיגע שטעלע און ער האָט באַקומען תשובות פון אַ פּאָר פריינט זיינע פון האַג און פון אַמסטערדאַם — אַז דאָס איז צוליב דער באַדינגונג — ער זאָל נישט אָנרירן אין זיין לערנען די עיקרים פון דער קירך.

געשריבן האָט שעווראָ די דאָזיקע שורות אין דער עלטער

פון 83 יאָר; 23 יאָר נאָך דער געשיכטע מיט דער איינלאַדונג בכלל. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז דער זכרון האָט אַביסל פאַר־פּירט און אין די מאָטיוון פון ספּינאָזאַ׳ס אָפּזאָג האָט זיך אַריינ־געגנבעט דער עלעמענט פון לעקטור. גראָד צו יענער צייט, אין 1696 האָט אַ פּאַריזער בענעדיקטינער אַרויסגעבראַכט די זעלבע סיבות אין זיינעם אַ פּאָלעמישן ספר קעגן ספּינאָזאַ. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין צווייטן טייל פון זיין באַ־ריכט האָט זיך אַריינגעמישט אַ דרויסנדיקער עלעמענט, אָקאָרשט אַן אַנטנומענער פון דעם איבערגעלייענטן בוך. דאַגעגן דער פאַקט פון איינלאַדן ספּינאָזאַ׳ן און פון באַאויפטראַג אַז פאַבריציוס זאָל די זאַך ערקלערן קען נישט באַשטריטן ווערן — ווייל מיר האָבן אויבן געבראַכט דעם בריוו פון קורפירשטלאַכן ראַט צו ספּינאָזאַ׳ן און מיר וועלן זיך אויך ווייטער באַקענען מיט ספּינאָזאַ׳ס ענט־פער.

די פראַגע איז אָבער ווי קומט שעוורא רעקאָמענדירן דעם קור־פירשט דעם „איד־פּראָטעסטאַנט“ לויט זיין כאַראַקטעריסטישער טערמינאָלאָגיע פאַר אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין היידעל־בערג? און פון וואַנען האָט זיך גענומען די לעגענדע וועגן ספּינאָ־זאַ׳ס תירוץ אויף נישט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג? לויט זיינע נייגונגען און אויסגעשפּראָכענע סכאָלאַסטישע געדאַנקען, וואָלט שעוורא אייגנטלאַך נישט באַדאַרפט רעקאָמענדירן ספּינאָזאַ׳ן. ער וואָס ווערט אָנטציקט מיט יעדן אַנטי־ספּינאָזאַ פּאַמפלעט, ער, וואָס איז איינפאַרשטאַנען אַז ספּינאָזאַ איז אַ צושטערנדער גייסט — ווערט פלוצלינג אַ מליץ־יושר ביים פירשט פאַר דעם „איד־פּראָטעסטאַנט?“

מיר ווייסן אָבער אַז די נאָטיץ איז געשריבן אויף דער על־טער. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן אַז מיט 23 יאָר צו־ריק אַז שעוורא געווען גראָד אַן אָנהענגער פון ספּינאָזאַ׳ן. ווייל זיין באַריכט שטימט דאָך מיט די קוועלן — מער נישט אפשר האָט ער אַביסל איבערגעטריבן?

עס גלויבט זיך קוים אַז גראָד פון אים, שעוורא, האָט זיך דער געבילדעטער קורפירשט דערוואוסט פון ספּינאָזאַ׳ס ווערק. דאָס איז אָן ספק אַ גוזמא. אָבער אין דער איבערגעטריבענער און גוזמא׳־

דיקער ידיעה איז דאָ דער וועזנטלאַכער קרן פון אמת וועגן זיין איינלאַדונג קיין היידעלבערג און דאָס דאַרף אונז דאָ אינטערעסירן.

שעוורא זאָגט אין זיין באריכט, אז דער פירשט האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז דער פילאָזאָף זאָל אין זיינע לעקציעס נישט באַרירן די עיקרים פון דער הערשנדיקער אמונה.

עס איז אומגלויבלאַך: אַזאַ באַדינג איז אין אַ סתירה מיט׳ן קורפירשט׳ס כאַראַקטער און באַגריף וועגן פילאָזאָפיע.

מיר וועלן דעריבער שעוורא׳ן נישט גלויבן; מיר האָבן אפילו אַן עדות, אַ מיטצייטלער, מיט׳ן נאָמען **ז ש א ק ב ע ר נ א ר ד** (1658-1708), וואָס האָט באַלד נאָכ׳ן דערשיינען פון **ש ע ו ו ר אָ ׳ ס** מעלדונג (אין זיין כתבים אין יאָר 1700) קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די ידיעה, אַז דער קורפירשט האָט געשטעלט די דאָזיקע פאַרדעכטיקע קאָנדיציע.

אַלזאָ, אויך דאָקומענטאַריש לאָזט זיך די דאָזיקע רכילות אָפּלייקענען. בלייבט דאָך פאָרט די פראַגע פון וואַנען האָט זיך גענומען אין דעם בריוו צו ספינאָזא׳ן דער דאָזיקער פונקט, נישט צו „רואינירן די עפנטלאַך אנערקענטע רעליגיע" — ווי מיר לייענען דאָס אין פאַבריציוס׳ בריוו פון 16טן פעברואַר 1673?

מוז ערגיץ זיין אַ סתירה צווישן דעם קורפירשט׳ס באַפעל און דעם „קורפירשטלאַכן ראטס" אויספירונג!

לאָמיר זי אַ זוך טאָן!

אַז ספינאָזאַס וועלט אַנשויאונג האָט געקענט זיין פרעמד און פיינטלאַך פאַבריציוס׳ן איז קלאָר — ווייל דער לעצטער האָט נישט געהאַט קיינע אַנשויאונגען בכלל און לויט זיינע אַלע געירשנ׳טע און מיטן כח פון אינערציע עקזיסטירנדע געדאַנקען איז ער געווען אַ פול בלוטיקער סכאָלאַסטיקער. ווען פאַבריציוס האָט באַקומען דעם אויפטראַג צו אונטערהאַנדלען מיט ספינאָזא׳ן — האָט ער געוואוסט וועגן אים אַ סך מער — ווי ער האָט עס פאַרגעשטעלט אין זיין בריוו קיין האַג.

דאָס וואָס ער האָט ספינאָזא׳ן געשריבן אַז ער איז „באמת ביז איצט אומבאַקאַנט" — איז אין דער ווירקלאַכקייט אַ דיפּלאָמאַטישער טריק. פאַבריציוס האָט גאָר גוט געוואוסט — ווער ספינאָזאַ איז. זיין מחבר׳שאַפט פון דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַק-

טאט" איז פאר קיינעם קיין סוד נישט געווען. פאבריציוס האט קארעספאנדירט מיט א סך האלענדישע געלערנטע און איז געווען ביים אמתן קוואל, נישט אלעמאל א ריינעם — אבער פארט דעם קוואל פון ידיעות איבער ספינאזא און זיין לערע. ער האט, צווישן אנדערע אויך געהאט בריוו פון קריסטיאן וויטיך, דעם, וואס האט אין יאר 1690 ארויסגעגעבן א שארפן בוך געגן ספינאזא'ן. פון ספינאזא'ס קרייז קענען מיר די נעמען פון וועטיוס (Voetius) געארג גרעוויוס און יצחק פאס (Voss) גרעוויוס איז באקאנט מיט זיין שארפןווארט וועגן דעם טעאלאגיש־פאליטישן טראקטאט אין א בריוו צו לייבניצ'ן האט ער אים א נאמען געגעבן: דער אנשטעקנדסטער ספר (liber pestilentissimus).

פאבריציוס האט אויך געוואוסט וועגן דער דאזיקער מיינונג. ער האט תיכף אנגעשריבן א בריוו צו זיין באזעלער פריינט און שפעטער ביאגראף און ארויסגעבער הײדעגער (Heidegger)

אין דעם בריוו צו אים האט פאבריציוס זיך אנגעפרעגט צי האט ער ווען עס איז געהערט פון דעם „שרעקלאכן בוך". אים — שרייבט ער — האט א פחד ארומגענומען, ווי אזוי האט מען בכלל געקענט ארויסגעבן אזא שרעקלאך בוך און ווי אזוי האט מען דאס דערלויבט?

„איר זייט גליקלאך — האט ער צו אים געשריבן — אז איר קענט מיט'ן כח פון אויטאריטעט פון דער שטאט־פארוואלטונג, דערשטיקן אזא חוצפה" (petulentia).

מסתמא האלטן די בעלגער (ד. ה. די האלענדער) אז אזא בוך ווי דער „טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט" וועט נישט חרוב מאכן די הערשנדע קירך. ער טענה'ט ווייטער — אז אין דייטשלאנד וואלט אזא בוך געווען זייער שעדלאך און דעריבער דארף מען ארבעטן און נישט דערלאזן אז דאס בוך זאל אנקומען קיין דייטשלאנד בכלל און צו די דארטיקע שטודירנדיקע בפרט.

אמת; ער מוז צוגעבן: „ווער האט דעם כח אין זיך, דאס בוך פון זיך אפשטויסן? אדער, ווער לייענט עס און זיין גייסט בלייבט נישט צומישט?"

פון דעם איז צו זען אז פאבריציוס איז געווען א באוואוסטזי־

ניקער קעגנער פון ספינאָזאַ'ס טראַקטאַט: האָט זיך אפשר ווינ־ציק וואָס אָריענטירט אין זיין גאַנצער פילאָזאָפיע — איז אָבער געווען ווייט פון נישט צו וויסן — ווער איז דער איד פון אמ־סטערדאַם, דער ערשטער איד, וועמען עס האָט אַ קריסטלאַכער פירשט אין איינראָפּע אָנגעבאָטן אַ פּראָפעסאָר־שטול?

האָט ער געקענט מיט אַ ריינעם געוויסן דערפילן דעם קור־פירשט'ס פּלאַנג? עס איז קלאָר אַז נישט! אָבער אַנטקעגנ־שטעלן זיך זיין ווילן — אויף אַזאַ טאַט האָט אים מסתמא נישט געסטייעט קיין מוט!

עס איז וואַרשיינלאַך אַז „פּראָפעסאָר און קורפירשטן ראַט פאַבריציוס" האָט צו דערדאָזיקער מיסיע בכלל קיין חשק נישט געהאַט. ער האָט אָבער געמוזט זי אָננעמען — הגם ער האָט שטאַרק נישט געוואָלט.

דער זייער וויכטיקער עדות, פאַבריציוס'ס ביאָגראַף, דערציילט אונז אויף'ן סמך פון זיינע בריוו — ווי אַזוי דער ענין איז פאָר־געקומען. ער זאָגט אַז פאַבריציוס האָט נישט געקענט באַהאַלטן זיין אָפּנייגונג פאַר דער גאַנצער אידעיע בכלל. איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אַ קריסטלאַכן אוניווערסיטעט זאָל לערנען אַ איד ספינאָזאַ, וואָס איז מער געצנדינער — ווי קריסטלאַך?

דאָן האָט ער אָבער אַ טראַכט געטאָן — אַז אייגנטלאַך איז דער געפאַר נישט אַזוי גרויס. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ פּראָ־פעסאָר פאַר פילאָזאָפיע און נישט פאַר טעאָלאָגיע.

ער וועט אים דעריבער אָנשרייבן, אַז ער באַקומט די פול־לע פרייהייט צו פילאָזאָפירן מיט'ן באַדינג נישט צו צעשטערן די עפנטלאַכע רעליגיע.

„אויף אַזאַ אופן — שרייבט פאַבריציוס'ס ביאָגראַף ה י י ־ ד ע ג ע ר — האָט ער פון איין זייט אויסגענוצט די רעליגיע — פון דער צווייטער זייט האָט ער שטילערהייד אָפּגעשראָקן ספינאָ־זאַ'ן, וועמענס פילאָזאָפיע האָט גאָר שטאַרק ווידערגעשפּראָכן דער אָנערקענטער רעליגיע — אַז ער זאָל אָננעמען די פון קורפירשט אָנגעבאָטענע שטעלע אין וועלכער ער פאַרמיטלט".

דאָס איז זייער וויכטיק. מיר זעען אַלזאָ, אַז פאַבריציוס האָט

זיך ערלויבט פאלש פּרעזענטירן די באדינגונגען פון קורפירשט, וואס האט בפירוש געפאָדערט אז דער פילאזאף זאל לערנען אין די ראמען פון זיין קעגנשטאנד און בכלל נישט אנרירן קיין טעאלאָגישע טעמעס.

אין נוסח מיט פאבריציוס׳ שטעלונג צו דעם ענין איז אויך דער בארימטער בריוו צו ספינאזא׳ן.

אין זעקס וואכן ארום האט ספינאזא ארויסגעשיקט זיין ענטפער. צי האט ער זיך מיט אימיצן בּאראטן וועגן דעם ענין — אדער צו האט ער אינצווישן זיך אינפארמירט וועגן דער גאנצער אנגעלעגנהייט דאס איז נישט באקאנט.

דער נאמען פאברייוס אליין איז אים פרעמד נישט געווען. אין זיין ביבליאטעק האט זיך געפונען א בוך פון פאבריציוס׳ ברודער, דעם פראפעסאר פאר געשיכטע אין הײדעלבערג.

דעם 30טן מארט 1673 איז פון האג אוועק קיין הײדעלבערג דורך דער געוויינטלאכער פאסט ספינאזא׳ס ענטפער.

דאס איז דער נוסח:

„צו דעם זייער בכבוד׳יקן און איידעלן הער לודוויק פאבריציוס, פראפעסאר פון דער אקאדעמיע אין הײדעלבערג און דעם קורפירשטלאך־פפאלצישן ראט“

„זייער בכבוד׳יקער הער!

„ווען איך וואלט געהאט א וואונש אננעמען אויף וועלכן עס איז פאקולטעט א פראפעסור, וואלט איך געהאט נאר דעם איינציקן וואונש אנצונעמען די, וואס דער קורפירשט פון פפאלץ האט מיר אנגעבאטן, צוליב דער פרייהייט פון פילאזאפירן, וואס דער גנאדיקסטער פירשט האט באוויליגט מיר צו דערלויבן. איך רעד שוין נישט דערפון, וואס איך האב פון לאנג געהאט א חשק צו לעבן אונטער דער הערשאפט פון א פירשט, וועמענס חכמה עס ווערט אומעטום באוואונדערט. אזוי ווי איך האב אבער נישט קיין שום כונה צו האלטן אן עפנטלאכן אמט — דעריבער קען איך זיך נישט אנטשליסן אנצונעמען די דאזיקע גלענצנדע געלעגנהייט — הגם איך האב זיך מיט׳ן ענין זייער לאנג גע׳ישוב׳ט. ווייל, קודם כל, דענק איך, אז איך וועל זיך אויפהערן ווייטער אפגעבן מיט פילאזאפיע — אויב איך וועל זיך אפגעבן מיט לערנען די יוגנט. עס

איז מיר נישט קלאָר אין וואָס פאַר אַ גרעניצן וועל איך זיך מוזן האַלטן מיט דער דאָזיקער פרייהייט צו פילאָזאָפירן — כדי ס'זאָל נישט אויסקומען אַז איך וויל אונטערריסן די עפנטלאַך אַנערקענטע רעליגיע, ווייל דער חשד פון אפיקורסות אנשטייט נישט פון דער פלאַמענדיקער רעליגיעזער התמדה — נאָר מערסטן פון מאַנכע מענטשלאַכע ליידנשאַפטן אָדער פון דעם ווידערשפּרוכגייסט — פון וועלכן — אויב עס איז ריכטיק אויסגעדריקט געוואָרן — ווערט אַלץ פאַרדרייט אָדער פאַרדאַמט. אויב איך האָב זיך שוין איבערצייגט וועגן דעם אין מיין פּריוואַטן און איינזאַמען לעבן — טאָ וויפיל מער וועט מיר אויסקומען זיך שרעקן — ווען איך וועל דערגרייכן די דאָזיקע בכבוד'יקע מדרגה.

איר זעט דעריבער, אַ מיר האַלט נישט צוריק אפילו די האָפנונג, אויף אַ בעסערער לאַגע — נאָר די איינציקע ליבע פאַר רואיגקייט, וואָס איך גלויב אַ איך קען זי אין אַ געוויסער מאָס דערווערבן, ווייל איך מייד אויס עפנטלאַכע פאָרלעזונגען.

דעריבער בעט איך אייך זייער שטאַרק, איר זאָלט בעטן דעם קורפירשט, ער זאָל מיר דערלויבן וועגן דעם ענין ווייטער איבערקלערן. זעצט פאָר אויך אויף ווייטער צו פאַרמיטלען די גונסט פון דעם גנאַדיקן פירשט צו זיין דינסטפאַרטיקן פאַרהערער—מיט וואָס איר וועט זיך נאָך מער ערווערבן מיין דאַנקבאַרקייט, זייער בכבוד'יגער און איידעלער האַר! אייערער אינגאַנצן, ב. ספינאָזאַ.“

די דאָזיקע תשובה איז אַ דאָקומענט פון פיינער דיפּלאָמאַטיע און נישט קיין דעמאָנסטראַטיוון שטאָלץ פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרשטאַנען — אַז אין נוסח פון די באַדינגונגען, וואָס דער בריוו פון קורפירשט'ס פאַרמיטלער האָט אַרויסגעבראַכט — קען קיין פרייהייט פון געדאַנק נישט זיין פאַרזיכערט.

און דאַן, די כאַראַקטעריסטישע פאָר ווערטער וועגן דער „ליבע פאַר רואיגקייט!“ וואָלט ער דאָרטן געהאַט די רואיגקייט, וואָלט ער געקענט ענדיקן די עטיק?

מען קען היינט מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, אַז ניין!

עס איז געקומען די מלחמה מיט פראַנקרייך. לואיס' דעם פערצנטנס אַרמיי האָט געשטורעמט די שטאָט.

דער פּיפּיקער דיפּלאָמאַט — פּראָפעסאָר פאַבריציוס, האָט גע־

מוזט אַנטלויפֿן פֿון רואיקן און שטילן היידעלבערג. ער האָט קוים געראַטעוועט זיין ביבליאָטעק.

דעם 1טן פֿעברואַר 1697 איז ער געשטאָרבן אין פֿראַנקפֿורט אַם מיין. ספּינאָזאַ האָט נישט חרטה געהאַט, וואָס ער איז נישט געוואָרן היידעלבערגער פּראָפֿעסאָר.

אויך דער קורפֿירשט קאַרל לודוויק האָט זיך אַרומגעזען אַז זיין שריט איז געווען נישט קיין ציטיקער. די וועלט איז נאָך נישט רייף געווען צו אַזאַ אָפֿענעם ברוך מיט דער טעאָלאָגיע. ער, דער הערשער, האָט שפּעטער פֿאַרשטאַנען אַז זי אני־מאמין קען נאָך נישט זיין דער אני־מאמין פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אין זיין לעבן איז ער געווען אַ ספּינאָזיסט. די בריוו די שוועסטער זיינע שפּיגלען אָפּ אַ צאַרטן, פֿילנדן, אמת וועלטלאַכן דענקענדן מענטשן. די גאַנצע פֿירשטלאַכע משפּחה איז געווען גענייגט צום ספּינאָזיסטישן פּאַנטעאיזם.

ווען אין יאָר 1679 האָט ער אַוועקגעשיקט זיין זון קיין פּאַריז אין דער באַגלייטונג פֿון דער שוין באַקאַנטן שעוורא, האָט ער אין אַ בריוו צו אים געשריבן, ער זאָל אויסזוכן אַ פּאַסיקן פּראָפֿעסאָר פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע.

„ער דאַרף נישט זיין קיין צבוע'אק — האָט דער קורפֿירשט געשריבן צו שעוורא — איבעריקנס איז פּאַלץ גלייכגילטיק צו וואָס פֿאַר אַ רעליגיע ער געהערט, אַבי פֿון די, וואָס זיינען דערלויבט אין דער מלוכה. ער זאָל אָבער נישט זיין קיין גייסטלאַכער“.

אַ בולטע, קלאָרע וועלטלאַכע שטעלונג.

אַ שטעלונג פֿון אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־קלעריקאַל, אַנטי־טעאָלאָג; נישט אומזיסט איז ער דער אַנזאָגער פֿון דער אויפֿקלערונגס־תקופֿה. אַ זעלטענער פֿירשט אויפֿן טראָן האָט געוואָלט אין אַ פֿינצטערער תקופֿה אויסשטרעקן די האַנט צום פֿירשט פֿון די פֿילאָזאָפֿן.

אָבער, צווישן זיי איז געשטאַנען אַ מעקלער.

די אַלטע געשיכטע מיט היסטאָרישע מעקלערס!

דער רוף צום שמד

פון צוויי תלמידים האָט ספינאָזא דערהערט דעם רוף צום שמד. אין לאנגע, פאטעטישע בריוו, וואָס זיינען אנטשטאַנען אין מאָמענטן פון טיפן, פלאמענדיקן רעליגיעזן עקסטאז, האָבן די דאָזיקע יונגע תלמידים געוואָלט ברײנגען זייער לערער אויף דעם איינציקן דרך הישר, וואָס זיי האָבן געגלויבט איז בכלל פאראן — און דאָס איז דער וועג וואָס פירט צום וואטיקאן.

איינער פון זיי איז געווען נ י ק אָ ל א ס ט ע נ א, א דענער, וואָס האָט אלס צוואנציק־יאָריקער בחור שטודירט אין לײדן טעאָלאָגיע (אין יאָר 1660). ער איז שפּעטער אוועק קיין איטאליע און דאָרטן, אונטערן איינדרוק פון פאַנטאַסטישע מאַיעסטאַט און בלענדנדער שײנקייט פון דער קאטוילישער צערעמאָניע, אַנגענומען מיט א ציטערנדיקער התלהבות דעם קאטוילישן גלויבן.

עס האָט זיך פאר אים אזוי שנעל „אנטפּלעקט“ דער אמת, וואָס איז דער איינציקער און מחוץ וועלכן עס איז ניטאָ בכלל קיין ישועה, נאָר דער „תהום פון שטן“, אז ער האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן אלס א פרייוויליקער מיסיאָנער לטובות דעם קאטאָליציזם. ער האָט געפונען א שוץ און א ווארעמקייט אונטער די געניטע פליגלען פון די פלאָרענטינער גלחים און האָט אין 1675 ארויסגע־געבן אויף לאטיין אן אויספירלאכע געדרוקטן בריוו צום רעפאָרמאַ־טאָר פון דער נייער פילאָזאָפיע איבער דער אמת׳ער פילאָזאָפיע.
(Nicolai Stenonis ad novae philosophiae reformatorem de vera philosophia epistola.)

דער בריוו איז געווענדעט צו ברוך ספינאָזא. דאריבער דארף מען משער זיין אז ער האָט אים פריער געשיקט פערזענלאך צו ספּי־נאָזאַ׳ן קיין האג, און ווען יענער האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער עס אָפּגעדרוקט מיט דער הילף פון די קאטוילישע אויטאָריטעטן.

דאָס ווערט אויך באשטעטיקט דורך דעם, וואָס אין זיין תשובה צום צווייטן אויפרופער צום שמד, דערמאָנט ספינאָזא אויך דעם־דאָזיקן בריוו פון ניקאָלא סטענא.

דער גאַנצער בריוו איז געשריבן אין א רואיקן, באשיידענעם טאָן. עס ווערט ניט דערמאָנט דאָס בוך, וואָס ער אטאקירט (ד. ה. דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראקטאט") און אויך ניט דער נאָמען פונם מחבר.

מיט א טיפער זיכערקייט און א גלויבנספעסטקייט פון א גר אפעלירט סטענא צו ברוך ספינאָזא ער זאָל אָנשטעלן זיינע אויערן „צום אמת פון אונזער קירכע". בארופנדיק זיך אויפן אויטאָריטעט פון דעם הייליקן יוסטינאַן, וויל ער אים באווייזן, אז דאָס איז „די איינציקע און אמת'ע פילאָזאָפיע וואָס איך האָב געפונען".

ער ווינטשט אים דאריבער, ער זאָל דידאָזיקע פילאָזאָפיע משיג זיין און זיך באקערן צום קאטאָליציזם — צו דער קירכע, וואָס האָט אין אירע הענט די געטלאכע שליחות איבער לענדער און מלוכות, און זי איז די איינציקע הערשערין אין גאָט'ס נאָמען.

סטענא דריקט אויס זיין באדויערן, וואָס ספינאָזא בלאָנדזשעט. ער שרייבט, אז עס איז אים אומעגלאך זיך צוצוקוקן ווי א מענש וואָס איז אים אמאָל געווען נאָענט און איז איצט האָפנטלאך ניט קיין שונא טאַפּט אין דער פינצטער. דאָס רופט ארויס בא סטענא א טיפן געפיל פון רחמנות פאר ספינאָזא. און דערפאר שלאָגט ער אים פאָר די פאסיקסטע, לויט זיין מיינונג, ארגומענטן, וועלכע צייגן אָן ווי אזוי צו געפינען דעם ריכטיקן וועג פון דער אמת'ער ישועה.

דער גאַנצער בריוו איז געשריבן אין פּשוט'ע זאצן, באשיידענער פאָרם און מיט א באהאלטענער זיכערקייט צווישן די שורות, וואָס זיינען גראָד אזוי כאראקטעריסטיש פאר די רעליגיעזע ויכוחים־בריוו אין מיטלאלטער.

גאָר אנדערש איז דער טאָן פון צווייטן בריוו צו ספינאָזאָ'ן — אויף וועלכן דער לעצטער האָט געענטפערט אין א מייסטערהאפטער, שאַרפזיניקער פאָרמע.

דערדאָזיקער בריוו איז צו אים געשיקט געוואָרן פון א תלמיד, וואָס איז גלייכצייטיק געווען א זון פון זיינעם א נאָענטן פריינט.

דער מחבר פונם בריוו אַלבערט בורג (Burgh) איז געווען דער עלטסטער זון פון קאָנראַד בורג, איינעם פון די רייכסטע בירגער אין אמסטערדאם. אין יאָר 1666 איז קאָנראַד בורג באשטימט געוואָרן פארן הויפּט שאצמייסטער פון די פאראייניקטע נידערלאנדן.

דער פאָטער האָט געגעבן זיין זון די בעסטע דערציאונג, וואָס אין האָלאנד האָט מען בכלל געקענט באקומען. צו זיבצען יאָר האָט ער אָנגעהויבן שטודירן פילאָזאָפיע אין לײדענער אוניווערזי־טעט. ווי מען איז זיך משער, האָט ער פריער געלערנט בא דעם בארימטן דאָקטאָר וואַן דען ענדענס, ספּינאָזאַ׳ס לערער, אלגעמיינע לימודים, ווי לאטיין, מאטעמאטיק א. א. וו. פון דער נאטור א בעל־חלומות, א ראָמאנטיקער, דורך און דורך ערלאך, מיט שטאַרקע מיסטישע נייגונגען און עקסטאטישע אויסברוכן, האָט דער עלטערער זון פון דעם ראציאָנאליסטישן פאָטער קאָנראד בורג אביסל צושטערט די אויסגעהאלטענע שכל׳דיקע טראדיציע פון דער דורות לאנגער יחוס׳דיקער משפחה פון די שטאָלצע אמסטערדאמער פאטריציער.

דער פאָטער האָט אים אין אלץ נאָכגעגעבן, וואָס נאָר דער בכור האָט געוואָלט. צו יענער צייט האָט מען געהאלטן, למשל, אז א רייזע קיין איטאליע איז א וויכטיקער, אָרגאנישער טייל פון א גוטער דערציאונג. אויך אלבערט בורג האָט אין 1673 געמאכט אזא רייזע. ער איז ארויסגעפאָרן פון דער היים א מונטערער און זייער ווייט פון וועלכע עס איז דאָגמאטישע קירכלאכע איבערצייי־גונגען.

די שפּעטערדיקע קאטוילישע ביאָגראפן זיינע, וואָס האָבן פון זיין לעבן ווי אויך פונם לעבן פון ניקאָלא סטענא געמאכט מיסיאָ־נערישע מוסטער לעבנס־באשרייבונגען לויטן קאנאָן פון די לעבנס פון די קאטוילישע הייליקע, האָבן אין א געוויסער מאָס איבער־געטריבן אין זייערע שילדערונגען אלבערט בורג׳ס שטימונגס־געמיט, איידער ער איז אוועק אין קאטוילישער איטאליע.

זיי ווילן דוקא האָבן, אז ער האָט אויפן וועג געשפּעט פון רעליגיע, אויסגעלאכט דעם געצנדינערישן כאראקטער פון די קאַ־טוילישע קלויסטערס און האָט פּראָוואָצירט בשעת דער רייזע די

גייסטלאכע אויף דעבאַטעס איבער רעליגיע בכלל און דער קאַטוילי־שער בפרט. ער איז געווען אַזאַ פלינקער דיסקוטאַנט, אַזאַ שאַרפער מח און דרייסטער פּאָלעמיסט אַז מ'האָט אים ניט געקענט באַזיגן.

ביז ער האָט זיך אין וואַנעדיק אָנגעשטויסן אויף אַ גלח, וואָס האָט זיך קונא־שם געווען מיט זיינע מיסיאָנערישע נסים. דער דאָזיקער גלח האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויפֿן יונגן 22־יאָריקן אַלבערט בורג, אַז ער איז שוין געפֿאָרן קיין פּאַדוא אַ פּאַרטראַכטער, ווי אַ מענטש וואָס איז ערב זיין געטלאַכער האַנדלונג און מאַכט מיט זיך אַ ענדגילטיקן רעליגיעזן דין וחשבון.

אין פּאַדוא איז ער שוין אין האַרצן „באַקערט" געוואָרן; דורכ־פירן אָבער דעם „גרויסן און טיפֿן" אַקט האָט ער געוואָלט אין דער שטאָט פון הייליקן פּעטער, אין רוים. דאָרטן איז ער אָפּיציעל אַריינגעטראָטן אין די קאַטוילישע קירך און האָט אָנגעהויבן לעבן ווי אַ נזיר, פאַרברייענגענדיק טעג און נעכט אויף תפלות און לערנען „די פּאָטערס פון דער קירך".

ער האָט אָבער דערפילט אַז דערמיט אַליין קאָן ער, אַלבערט בורג, ניט יוצא זיין. אַזוי ווי ער האָט משיג געווען דעם איינציקן אמת, טאָר דאַריבער דער דאָזיקער אמת ניט רוען אין די ד'אמות פון זיין נשמה, נאָר מוז איינגעפּלאַנצט ווערן אין די הערצער און נשמות פון די, וואָס האָבן נאָך צו דער מדרגה ניט דערגאַנגען און בלאָנקען אַרום אומזיכער און אָן אַ באָדן.

ער האָט זיך דערפילט ווי אַ חוזה, אַ זעער וואָס זעט פאָראויס דעם גאַנג פון דער וועלט. מיט אַ כאַראַקטעריסטישן גר'שן אימפּעט האָט זיך אַלבערט בורג אַ וואָרף געטאָן צו פּריידיקן קאַטאָליציזם און רופן מענטשן תשובה טאָן און אומקערן זיך צו דער אמת'ער קירך פון פּעטער און פּאַוול, צו דער אַלגעמיינער קירך, דעם איינ־ציקן מקום־מקלט פון גאָט. ער איז אַזוי איבערגעאַנדערשט געוואָרן אַז דער שטילער ראָמאַנטיקער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ליידנ־שאַפטלאַכן אָנגרייפער, פול מיט חוצפה, זעלבסט־זיכערקייט און אומטאָלעראַנץ.

פאַרוואָס האָט ער גראָד אויסגעוויילט ספּינאָזאַ'ן פאַר אַ קרבן פון זיין מיסיאָנערישער פּראָפּאַגאַנדע איז שווער צו זאָגן. אַז בורג איז געווען ספּינאָזאַ'ס אַ תלמיד איז קלאָר פון דעם רבינ'ס תשובה.

האָט ער אים באטראכט פארן געפערלאכסטן רעפאָרמאטאָר, ווי סטענא האָט עס געטאָן, ווייל ער וויל אָפּשיידן די מלוכה פון דער קירך.

ספינאָזאַ איז געווען באמת איבערראשט ווען ער האָט באקומען דעם בריוו פון זיין פריינט׳ס זון, ווייל א בריוו האָט ער פון אים סיי ווי סיי באַדאַרפט באקומען. ער האָט אים פארן אוועקפאָרן צוגעזאָגט צו שרייבן פון וועג, אזוי „צווישן קעלן און פאריז".

אָבער אנשטאָט פון יענע מקומות איז גראָד אָנגעקומען א בריוו פון פלאָרענץ, דאטירט דעם 8טן סעפּטעמבער 1675 און אדרעסירט צו „דעם געלערנטסטן און שאַרפזיניקסטן הערן בענע־דיקטוס דע ספינאָזאַ. שלום!"

קודם כל דערמאָנט ער אים, אז ביים אָפּפאָרן האָט ער אים צוגעזאָגט צו שרייבן, אויב עס וועט עפּעס פאסירן וואָס איז כדאי צו דערמאָנען. און ווייל עס האָט אזוינס פאסירט, דעריבער שרייבט ער. נעמלאָך: ער איז א דאנק „גאָט׳ס אומענדלאכער בארמהאַרציקייט" צוריקגעפירט געוואָרן אונטער די געוועלבן פון דער קאטוילישער קירך און איז געוואָרן איר מיטגליד. באריכות שרייבט ער וועגן דעמדאָזיקן פאל צו זיין ליידענער פּראָפעסאָר און א קאָפּיע שיקט ער צו אויך צו ספינאָזאַן.

וואָס איז שייך ספינאָזאַ׳ן גופא האָט ער אים פאָלגענדעס צו זאָגן:

„וואָס מער איך האָב אייך אמאָל אָפּט באוואונדערט — צוליב דער פיינקייט און שאַרפקייט פון אייער גייסט — אלץ מער באוויין איך און באקלאָג אייך איצט, ווייל איר, אזא גייסטפולער מאן, וואָס האָט א נשמה באשאָנקען פון גאָט מיט די הערלאכסטע מתנות, וואָס האָט ליב דעם אמת, און באגערט אים, איר לאָזט זיך דאָך אָפּנארן און פארפירן פון דעם געמיינסטן און חוצפה׳דיקסטן פירשט פון די נידערטרעכטיקע רוחות. וואָס איז דען אייער גאנצע פילאָזאָפיע אויב ניט בלויז אָפּנארעריי און כימערע? און דאָך פארטרויט איר איר ניט אייער זעלן־רו אויף דער וועלט, נאָר אויך די אייביקע ישועה פון אייער נשמה! גיט א קוק אויף וואָס פאר א עלענדן פונדאמענט איז באזירט אייער גאנצער בנין! איר האָט זיך דאָס אונטערגענומען ענדלאך צו געפינען די אמת׳ע פילאָזאָפיע! פון וואנעט

ווייסט איר דאָס, אַז אייער פילאָזאָפיע איז די בעסטע פון די אַלע, וואָס מען האָט ווען עס איז געלערנט אויף דער וועלט, ווערט גע־לערנט איצט און וועט שפּעטער ווען עס איז געלערנט ווערן.

.... „איר וועט זאָגן: מיין פילאָזאָפיע שטימט אינגאַנצן מיטן אמתן שכל; די אַנדערע וועלן אייך דאָס זעלבע אַנטקעגן זאָגן. אַלע אַנדערע פילאָזאָפן, מיטן אויסנאַם פון זייערע תלמידים, האָבן גאָר אַן אַנדער מיינונג ווי איר און מיטן זעלבן רעכט באַרימען זיי זיך מיט זייער פילאָזאָפיע, אַזוי ווי איר טוט עס מיט אייערער, און באַשולדיקן אייך אין פאַלשקייטן און טעותן, פונקט ווי איר באַשול־דיקט זיי. עס איז קלאָר, אַז כדי דער אמת פון אייער פילאָ־זאָפיע זאָל בולט ווערן מוזט איר צושטעלן אַזעלכע ראיות וואָס זיינען ניט אידענטיש מיט די ראיות פון די אַנדערע פילאָזאָפן און שטימען נאָר איין מיט זייערע. אויב ניט מוז דאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אייער פילאָזאָפיע איז פונקט אַזוי ניט זיכער און נישטיק ווי די איבעריקע".

איבערגייענדיק צום טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט (דער טיטל אַליין איז פאַר בורגין גאָטלאָז!), זאָגט דער בריוונשרייבער, אַז ספּינאָזאַ האָט „ווי אַ טייוול" געוואָלט באַווייזן אַז פילאָזאָפיע האָט גאָרניט צו טאָן מיט טעאָלאָגיע.

און בנוגע דער אויסטייטשונג פון די הייליקע ספרים, פון וואַ־נעט איז געדרונגען אַז ספּינאָזאַ טייטשט זיי אויס ריכטיק?

„איך באַשווער אייך—ווענדעט ער זיך צו אים מיט פּאַטאָס— פון וואַנעט ווייסט איר אַז איר האָט געמאַכט דעם ריכטיקן און גענויגנדן טייטש? אַפילו די קאַטאָליקן זאָגן — וואָס איז אויך מלא אמת — אַז ניט אַלץ וואָס גאָט האָט געזאָגט איז פאַר אונז נתגלה געוואָרן און אויף אַזאַ אופן קאָן מען דאָך די הייליקע שריפט אַליין ניט אויסטייטשן; איך רייד שוין ניט פון יחידים, אַ פּשיטא נאָך פון דער קירך, וואָס איז אַליין די אויסטייטשערין פון דער הייליקער שריפט. איר מוזט דאָך אויך אַריינעמען די אַפּאָסטאָלישע מסורה, ווי דאָס ווערט באַוויזן פון דער הייליקער שריפט ווי אויך פון די עדות פון די הייליקע פּאַטערס, וואָס שטימען איין אין אַ גרויסער מאָס מיטן רעכטן שכל און דערפאַרונג".

... „זייט זיך מודה אין אייער שלעכטער אפּיקורסות, אויב איר

גלויבט נאָך אין דעם געקרייציקטן ישוע, רוקט זיך אָפּ פון אייער צו להכעיס נאַטור און שליסט ווידער שלום מיט דער קירך!"

און טאָמער וועט ספינאָזא דיינקען, אז שליסן שלום מיט ישעו הנוצרי קאָן מען דורך קאלוויניזם אָדער לוטעראניזם אויך— פירט אים באַלד דער יונגער גר ארויס פון דעם טעות.

ניין! די אַלע אמונות זיינען כלומרשט קריסטלאַך: אין זייער שוים קאָן מען קיין ישועה ניט געפינען, ווייל זיי זיינען פונקט אזוי עלנט ווי ער, ספינאָזא, איז און די וואָס געהערן צו יענע סעקטעס געפינען זיך אויך אין שאָטן פון טויט. די איינציקע רעטונג איז ישוע הנוצרי!

„איך גלויבט ניט אין ישוע — פרעגט זיך בורג — און פאַר וואָס? איר וועט זאָגן דערפאַר, ווייל די תורה און דאָס לעבן פון ישוע שטימט ניט מיט מיינע הויפּט עיקרים, און דאָס זעלבע איז מיט דער לערע פון די קריסטן איבער ישוע, וואָס שטימט אויך ניט מיט מיין לערע! אָבער איך חזר איבער: האַלט איר זיך דען גרעסער פון די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער מלוכה און אין גאָט'ס קירך? האַלט איר זיך גרעסער פון די פּאַטריאַרכן, נביאים, אַפּאָסטאָלן, קדושים, לערער, מיסיאָנערן, יונגפרויען און די אומצאָליקע הייליקע? יאָ, דו כופר'שער חכם, האַלסט זיך אפשר גרעסער ווי אונזער האר ישוע הנוצרי? ווילט איר זיי אַלעמען איבערשטייגן אין תורה, לעבנס־מדות וכדומה? אָ, איר עלנדער מענטשן־קינד, איר נידריקער ערדישער וואָרים, איר וואָס איר זייט נאָר שפּייז פאַר ווערים — איר ווילט פאַר זיך אין אייער אומער־הערטער לעסטערונג די אויבערהאַנט איבער דער אינסופדיקער חכמה פון דעם אייביקן פאָטער, וואָס איז שוין מקוים געוואָרן און האָט זיך שוין אין פלייש פאַרוואַנדלט?"

ווייטער ברענגט דער יונגער גר א רייע באַווייזן פאַר דער וואָרהייט פון דער קאַטוילישער קירך — ווי מעשיות וועגן גייסטער, וואָס עקזיסטירן, אַלכעמישע שטיינער, קאַבאַלדן, סירענעס און דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון דעם מיטלאַלטערישן אַבערגלויבן.

„דאָס אַלץ וועט איר, מיין פילאָזאָף, ניט זיין בכח צו ערקלערן אפילו ווען איר וואָלט פאַרמאָגט טויזנט מאָל א פיינערן און שאַרפערן גייסט ווי איר באַזיצט".

פון דעם איז געדרונגען אז עס זיינען פאראן ענינים וואס קאנען מיטן שכל הישר ניט אויסגעטייטשט ווערן און מיר מוזן גלויבן אפילו דאמאלסט ווען מיר זעען א געוויסע דערשיינונג ניט.

און ב ו ר ג גיט ביישפילן פון דער רוימישער תקופה און זאגט, אז ווען מען וואלט יוליוס צעזארן געזאגט אז עס איז פאראן אזא זאך ווי פולווער, וואס קען צוזעצן הייזער און שטעט, וואלט ער זיך אויסגעלאכט און ניט געגלויבט, ביז ער וועט זיך ניט איבער־צייגן.

דער משל איז אנגעווענד צו דעם ענין פון ישוע הנוצרים „תחית המתים“. דער נמשל איז, אז פונקט ווי דער פאקט איז אמת, אזוי איז דער צווייטער ניט קיין ליגן.

מיט אזעלכע „לאגישע“ דריידלאך אפערירט בורג אין זיינע באווייזן וועגן דער געטלאכקייט פון ישוע הנוצרי און דער גרויס־קייט פון דער קאטוילישער קירך.

פארוואס איז גראד די קאטוילישע קירך דאס אמתע קריסטנטום און אנדערע רעליגיעזע שיטות און סעקטעס ווערן פון אים גע־פסלט?

בורג ברענגט ארויס פאלגענדע ראיות פאר דער אמתדיקייט פון דער קאטוילישער קירך.

ערשטנס איז זי די עלטסטע אין דער וועלט און איז א דירעקטע יורשטע פון דער אידישער אמונה, וואס איז ביז איצט געווען די איינציקע אמתע רעליגיע.

די קאטוילישע קירך האט גערשנט די הייליקע ספרים און האט אפגעהיט די מסורהדיקע אויסטייטשונג פון דעם ניט געשריבענעם געטלאכן ווארט.

צווייטנס איז די קאטוילישע קירך אומפארענדערבאר, ווייל דער גאנצער „שולחן־ערוך“ איז באזירט אויף דעם יסוד פון ישוע הנוצרים דינים, וואס זיינען געבליבן בדרך המסורה אפגעהיט.

דריטנס, אלס א פועל־יוצא פון דער צווייטער הנחה, איז די קא־טוילישע קירך געבויט אויף פעסטע, זיכערע דינים וואס דער „חתן, דער הייליקער גייסט“ האט אין נאמען פון ישועה הנוצרי איבער־געגעבן דער „כלה“, דער קירך.

פערטנס, די ניט רעפארמירבארקייט — א סימן אז די קאטוי־

לישע קירך איז ניט פאַרדאָרבן, ווייל זי נויטיקט זיך ניט אין קיין שום רעפאָרמען.

פינפטנס, די אומשיידבארקייט פון איר: די נשמה פונם קריסט קען זיך פון דער קירך ניט שיידן, אויב זי וויל ניט זיין אין גיהנום אויף יענער וועלט אדער אריינגעוואָרפן ווערן אין חרם אויף דער וועלט. דער בעסטער סימן: אלע אפיקורסים זיינען אויסגע־ראָטן געוואָרן פון דער קאטוילישער קירך.

זעקסטנס, די אומגעהייערע פארשפרייטונג פון דער קירך: זי איז אומעטום און כאַפּט ארום מיט זיך א וועלט ווי קיין שום רע־ליגיע, פּאָליטישע מאכט אדער אפילו א פילאָזאָפיע.

זיבעטנס, דער אייביקער דויער פון דער קירך עד קץ העולם און ענדלאך די שטרענגע ארדנונג, סיסטעם, אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין און יערארכיע—א סימן אז דער הייליקער גייסט האָט איבער איר די שליטה און די הנהגה.

היינט — זאָגט בורג מיט טריומף, נאָכדעם ווי ער האָט ארויסגעבראכט די אלע ראיות, וואָס איז ווערט דאס לעבן פון א ניט־קאטוילער?

„דער מאָראַלישסטער אפיקורס אדער פילאָזאָף פארדינט אין פארגלייך מיט א ווינציקער מאָראַלישן קאטוילער אפילו ניט דער־מאָנט צו ווערן".

פארוואָס?

ווייל די „קאטוילישע תורה איז די קלוגסטע און איז וואונדער־באר טיף. מיט איין וואָרט, זי שטייגט איבער אלע איבעריקע תורות פון דער וועלט".

„זי מאַכט עס דעם מענטשן בעסער, ווי זיי זיינען דאָס ניט אין קיין שום קיבוץ; זי לערנט און ווייזט אן דעם זיכערן וועג צו נשמה רואיקייט אויף דער וועלט און צו אן אייביקער ישועה פון דער נשמה אויף יענער וועלט".

און ווייטער באַמיט זיך בורג באווייזן ספינאָזאן אז די אמתע מנוחת הנשמה האָבן די אפיקורסים געפונען, ווען זיי זיינען געוואָרן קאטוילן. זיי האָבן זיך באפרייט פון אלע גאוות און תאוות, און זיינען געוואָרן באשיידן, ענוותדיק, טיף און הארציק.

און וואָס האָט דער אפיקורס? — פרעגט זיך בורג.

„שליסלאַך גיט אַ טראַכט וועגן די אומגליקלאַכע און אומרו־היגע אטעאיסטן, ווען זיי טראָגן שוין אפילו די בלמרשטע נשמה־פרייד אויפן פנים און מאַכן אַן אַנשטעל, ווי זיי וואָלטן געווען צו־פרידן מיטן לעבן און אין דער זעל ביי זיי הערשט דער גרעסטער פרידן. קוקט זיך צו ספּעציעל צו זייער אומגליקלאַכן און שווידער־לאַכן טויט; מאַנכע ביישפּילן דערפון האָב איך אַליין געזען און זייער אַ סך, יאָ! אונצייליבאַרע זיכערע ביישפּילן קען איך אויך פון די באַריכטן, ווי אויך פון דער געשיכטע; לערנט זיך דאַך פון די דאָזיקע ביישפּילן, אַז מען דאַרף באַצייטנס קומען צום שכל און באַדענקען!"

און רופנדיק אים אונטער די פליגלען פון דער אַלמעכטיקער קירך, רופט ב ו ר ג אויס:

„באַדענקט זיך, איר פילאָזאָפירנדער מענטש, באַגרייפט אייערע ווייזע נאַרישקייט און אייערע דומע חכמה; ווערט פון אַ שטאָלצן — אַן עניותדיקער און איר ווערט געראַטעוועט ווערן!"

....„באַראַט זיך מיט די קאַטוילן וואָס זיינען טיף געלערנט אין זייער אמונה און פירן אַ לייטיש לעבן און זיי וועלן אייך אַ סך זאָגן וואָס איר האָט ניט געוואוסט און איבער וואָס איר וועט שטוינען".

„איך האָב דעם בריוו געשריבן צו אייך מיט דער ו ו אָ ר ־ ה אַ פ ט י ק ע ר קריסטלאַכער כונה, כדי איר זאָלט, ראשית פאַר־שטיין די ליבע וואָס איך טראָג אין זיך פאַר אייך, הגם איר זייט אַ געצנדינער — דאָס אַלץ צוליב דעם, כדי אייך בעטן איר זאָלט ווייטער ניט גיין און אַנדערע ניט פאַרדאַרבן!"

און צום סוף:

„גאָט וויל אייער נשמה ראַטעווען פון אַן אייביקער קללה, אויב איר וועט נאָר וועלן. לייגט ניט אָפּ גאָט געהאָרכזאַם צו זיין; ער האָט שוין אייך אַזוי אָפט דורך אַנדערע גערופן. איצט רופט ער אייך נאָך אַמאָל און אפשר דאָס לעצטע מאָל דורך מיר, וואָס איז אַליין טיילווייז באַשאָנקען געוואָרן מיט דעם חסד אַ דאַנק דער אומבאַגרעניצטע באַרמהאַרציקייט פון גאָט. דעריבער בעט איך אייך פון דער גאַנצער זעל! וואַקלט זיך ניט! אויב איר וועט זיך איצט ניט צוהערן צו גאָט, וואָס רופט אייך, דאַן וועט זיך זיין צאָרן אויפסניי קעגן אייך אָנצינדן, און עס שטייט פאַר אַ גע־

פאַר אַז איר וועט פאַרלאָזן ווערן פון זיין אומענדלאַכן רחמנות און איר וועט ווערן אַן עלנדער קרבן פון געטלאַכער גערעכטיקייט, וואָס אין איר צאָרן ווערט אַלץ פאַרצערט״.

„גאָט דער אַלמעכטיקער קען צום גרויסן רום פון זיין הייליקן נאָמען דערפון אָפּהיטן, לשם דער ישועה פון אייער נשמה, ווי אויך ניט ווינציקער צוליב אַ היילזאַמען מוסטער־ביישפּיל פאַר אייערע פילע אומגליקלאַכע מתפּללים. דאָס קען ער טאָן דורך אונזער האַר און רעטער ישוע הנוצרי, וואָס לעבט מיט דעם אייביקן פאָטער און רעגירט אין הסכם מיטן הייליקן גייסט אַלס גאָט דורך דורות עד קץ הימים, אמן.״

דעם דאָזיקן לאַנגן בריוו האָט ספּינאָזא באַקומען אין דער זעל־בער צייט ווען דער יונגער עקסטאַטישער גר האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן פלאָרענץ און איז געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין אמסטער־דאַם, צו זיינע עלטערן. געקומען איז ער באָרוועס אנגעטאָן אין בעטל קליידער, ווי אַ בעל־בשובה. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אין פאַרשידענע שטעט מיט אַלטע קלויסטערס און האָט זייער היים מתפּלל געווען. די באַגעגעניש מיט דער מוטער אין דער היים איז געווען זייער אַ דראַמאַטישע. די עלטערן האָבן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי האָט זייער עלטסטער זון געקענט אַזוי ווייט אוועקגיין פון זיי, כאָטש צוליב ריין עלטערן־געפיל.

מיט אַ תמימותדיקייט און עניוות האָט זיך דער פרומער זון מתודה געווען פאַר דער מוטער, אַז ער „ווייסט זייער גוט, וואָס ער האָט איר צו פאַרדאַנקען און ער וועט קיינמאָל ניט זיין אונדאַנק־באַר. דאָך קען זי ניט און ניט דער פאָטער אים מאַכן פאַרוואורפן דערפאַר, וואָס ער פילט די גרעסטע ליבע פאַר דעם, וואָס האָט אים אַמערסטן ליב געהאַט; און ווען ער שטרעקט אויס זיינע אויגן אויף דעם כריסטוס, וואָס איז באַדעקט מיט וואונדן און איז געשטאָרבן צוליב אים אויפן צלם, דאַן קען ער זיי נאָר זאָגן, אַז ער איז גרייט אויך זיין צלם צו טראָגן, אים נאָכפאָלגן און פאַרלאָזן דעם טאַטן און די מאַמע און בכלל אַלץ, אַזוי ווי כריסטוס האָט באַפוילן אין דער עוואַנגעליע״.

די דאָזיקע ווערטער האָבן איבערצייגט אַז אין דער נשמה פון דעם האָלענדישן שאַצמייסטערס זון איז פאַרגעקומען אַ טיפע, פּסי־

כּאָלאָגישע ענדערונג, וואָס זיי, די עלטערן, קענען ניט באַגרייפן, נאָר העכסטנס ווייטיקן און באַדויערן דעריבער.

דער פאָטער האָט געמוזט זיך אַנשטרענגען כּדי זיין פריינדלאַך צום זון און אים צולאָזן צום טיש. אַלע באַמיאונגען פון באַקאַנטע גלחים, פּרעדיקער און סתּם פריינד וואָס האָבן געוואָלט איבערערעדן דעם יונגן בורג, האָבן גאָרנישט ניט געהאָלפן.

ספּינאָזאַס ענטפער דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרוּוו איבערערעדן דעם יונגן גר. מסתּמא האָט ער דאָס געטאָן אויף דער בקשה פון דעם פאָטער אָדער צוליב אים, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגישע קאָמפּליצירטקייט פון דעם עקסטאַ־טישן גר און געוואוסט אַז קעגן אַזעלכע אַרגומענטן, וואָס זיינען כּוּלו אַפעקטן, קען דער שׂכל הישר ווינציק וואָס רעאַגירן. דאָך האָט ער נאָך לאַנגע וואַקלענישן אָנגעשריבן דעם ענטפער און געשיקט מסתּמא קיין אַמסטערדאַם, וואו דער יונגער בורג האָט זיך געפונען ציטווייליק אויף אַ באַזוך ביי זיינע עלטערן.

דער גאַנצער טאָן פונם בריוו איז אַ מענטאָרישער; אַזוי שרייבט אַ לערער צו זיינעם אַ תּלמיד.

די תּשובה איז אַזוי קלאַסיש אין איר אַרט אַרגומענטן, לאָגיק און טיפקייט, אַז מיר גיבן זי דאָ כּמעט אינגאַנצן.

„דאָס, וואָס איך האָב קוים געגלויבט, ווען אַנדערע האָבן מיר וועגן דעם איבערגעגעבן, דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן פון אייער בריוו. איר זייט, הייסט עס, ניט נאָר אַליין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רוימישער קירך, ווי איר דריקט זיך אויס, נאָר אויך איינער פון אירע שטאַרקסטע קעמפער און איר האָט שוין זיך אויסגעלערנט שעלטן און אונגעצוימט לויאַרמען קעגן אייערע קעגנער. איך האָב ביי מיר באַשלאָסן דאַרויף גאָרנישט ניט צו ענטפערן, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז איר נויטיקט זיך מער אין צייט ווי אין אַרגומענטן, כּדי ווידער קומען צו זיך און זיך אומקערן צו די אייגענע. איך רעד שוין ניט פון אַנדערע מאָטיוון, צו וועלכע איר האָט פריער צוגע־שטימט, ווען מיר האָבן אַמאָל אין אַ געשפּרעך דערמאָנט סטענאָ (אין וועמענס דרכים זייט איר איצט געגאַנגען!). אייניקע פריינד אָבער, וואָס האָבן פּונקט ווי איך געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף אייך, אַ דאַנק אייערע אויסגעצייכנטע פעאיקייטן, האָבן מיר

שטאַרק געבעטן אין נאָמען פון פריינדשאַפט זיך ניט אָפּזאָגן פון שרייבן צו אייך און מער טראַכטן וועגן דעם, וואָס איר זייט געווען ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איידער וואָס איר זייט איצט און אזוי ווייטער. אויף דעם סמך האָב איך זיך אַנטשלאָסן אָנשרייבן צו אייך די פּאָר שורות, און איך בעט אייך קאַטעגאָריש זיי איבער־לייענען מיט אַ רואיקן געמיט.

„איך וויל דאָ ניט דערציילן וועגן די זינד פון די פּריסטערס און פּויפּסטן, ווי דאָס טוען געוויינלאַך די שונאים פון דער רוימישער קירך, כדי אייך אָפּשרעקן פון איר. אַמאָל פּלעגט מען אָפּט ברענגען אַזעלכע ראיות; מער אָבער פון וואולגאַרער בייזוויליקייט וועגן כדי אייך צו קרענקען און ניט צו באַלערנען. איך גיב אייך אפילו צו, אַז די רוימישע קירך פאַרמאָגט מער גדולים פון גרויס וויסן און אַנ־שטענדיקן לעבן ווי וועלכע עס איז אַנדערע קריסטלאַכע קירך. און וויל די קאַטוילישע קירך ציילט מער מיטגלידער, דערפאַר האָט זי מער מענטשן פון דעם מין.

„אויב איר האָט אָבער צוזאַמען מיטן שכל ניט פאַרלאָרן אייער זכרון, דאַמאָלסט וועט איר בשום אופן ניט קענען פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז אין יעדער קירך געפינט זיך אַ באַדייטנדע צאָל פון בכבודיקע מענטשן, וואָס ערן גאָט דורך מעשים טובים און ליבע. אַסך פון דעם מין קענען מיר ביי די לוטעראַנער, רעפאָרמיסטן, מע־נאָניטן און ענטוזיאַסטן, און ניט דערמאָנענדיק קיין אַנדערע וויסט איר דאָך אַליין, אַז אייערע אבות האָבן אין דער צייט פון הערצאָג אַלבאַ מיט אַזויפיל עקשנות און מסירת הנפש געליטן פאַר־שיידענע עניוים צוליב זייער רעליגיע. איר וועט דאָך צוגעבן, אַז דער באַגריף פון הייליקייט פון לעבן איז ניט כאַראַקטערסיטיש נאָר פאַר דער רוימישער קירך, נאָר איז אויך צוגענגלאַך פאַר אַלעמען. און וויל דערפון איז געדרונגען (ווי מיר לייענען דאָס ביים אַפּאָס־טאָל יוחנן — ערשטער בריוו, קאַפּיטל 4, שורה 13) אַז מיר בלייבן מיט גאָט און גאָט איז אין אונז, דעריבער שליסן מיר דערפון, אַז אַלץ מיט וואָס די רוימישע קירך אונטערשייד זיך פון די אַנדערע איז לחלוטין איבעריק און נעמט זיך נאָר פון אָבערגלויבן. וויל, ווי איך האָב דאָס געזאָגט לויט יוחנן, אויב יושר און ליבע זיינען די איינציקע און די זיכערסטע סימנים פון דעם אמתן קאַטוילישן

גלויבן און די עכטע פּירות פון דעם הייליקן גייסט, איז איבעראַל וואו די סימנים זיינען פאַראַן, איז דאָרטן דאָ ישוע און דאָרטן וואו זיי פעלן, דאָרטן איז ער ניטאָ. דען אליין דורך דעם גייסט פון ישוע קענען מיר דערגיין צו דער ליבע פאַר גערעכטיקייט און צו מענטשן־פריינדלאַכקייט.

וואָלט איר כאָטש וועגן דעם א טראַכט געטאָן, וואָלט איר זיך אליין ניט געמאַכט אומגליקלאַך און ניט געבראַכט אייערע עלטערן אז זיי זאָלן איצט אייך באַוויינען מיט ביטערע טרערן".

„אבער איך קער זיך אום צוריק צו אייער בריוו! איר באַוויינט דאָרטן קודם כל מיר ווי איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם פירשט פון בייזע רוחות. איך בעט אייך אבער אויסהערן מיר מיט א רואיקן געמיט און זיך אביסל פאַרטיפן אין זיך אליין".

„אויב איך מאַך ניט קיין טעות האָט איר אמאָל זייענדיק נאָך ביים קלאָרן פאַרשטאַנד פאַרערט דעם גאָט פון אינסוף מיט וועמענס כח אַלץ אנטשטייט און עקזיסטירט. איצט אָבער חלומט זיך אייך עפּעס א פירשט פון רוחות, וואָס איז גאָטפיינדלאַך, וואָס פאַרפירט און נאַרט אָפּ די מיינסטע מענטשן אויף צו להכעיס גאָט (ווייל גוטע מענטשן איז זעלטן בנמצא!), און וואָס זיינען פון גאָט איבערגעגעבן געוואָרן אויף אייביקע יסורים אָט דעם לערמייסטער פון רשעות. הייסט עס, אז די געטלאַכע גערעכטיקייט דערלאָזט, אז דער שטן זאָל אָפּנאַרן די מענטשן אומבאַשטראָפטערהייט, אבער בשום אופן ניט, אז די אָפּגענאַרטע און פאַרפירטע פונם טייוול זאָלן בלייבן אונבאַשטראָפט?

„...און איר באַקלאָגט מיר—אָ איר אומגליקלאַכער! און איר רופט אָן מיין פילאָזאָפיע, וואָס איז אייך לגמרי אומבאַקאַנט—כימערען, אָ איר פונם גייסט פאַרלאָזענער יונגערמאַן! ווער האָט עס אייך פאַרכישופט, אז איר זאָלט יענעם העכסטע און אייביקע וועזן פאַרשלינגען און גלויבן אז עס געפינט זיך אין אייערע געדערים?

„איר שיינט נאָך צו וועלן באַנוצן דעם שכל און איר פרעגט מיך: „פון וואַנעט ווייס איך דאס, אז מיין פילאָזאָפיע איז די בעסטע, נאָר איך ווייס, אז זי איז די אמתע. וועט איר מיר פרעגן פון וואַנעט ווייס איך דאס, וועל איך אייך אזא תשובה געבן: פּונקט אזוי ווי איר ווייסט, אז די דריי ווינקלען פון א דרייעק

זיינען גלייך צו די צוויי רעכטע. אז דאס איז געווען יעדערער, וואָס האָט אַ געזונטן געהירן און חלומט ניט פון שמוציקע רוחות ניט קענען פארלייקענען. די דאָזיקע חלומות שאַפן פאר אונז פאַל־שע אידייען וואס זיינען בלומרשט ענלאך צום אמת. ווייל דער אמת איז דער פּרובירשטיין פאר זיך אליין ווי אויך פארן ניט אמת".

„אָבער איר, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אז איר האָט געפונען די בעסטע רעליגיע און אפילו מער; די בעסטע מענטשן, וועמען איר גלויבט אזוי לייכטזיניק: „ווי ווייסט איר, אז זיי זיינען די בעסטע פון אלע, וואָס האָבן ווען עס איז געפּרעדיקט רעליגיע, טוען דאס איצט און וועלן דאס טאָן אין דער צוקונפט? האָט איר דען אויס־געפּרובירט די אלע רעליגיעס, די אלטע ווי די נייע, די היגע, ווי אויך די וואָס ווערן געלערנט אין אינדיען אדער ערגעץ אנדערש אויף דער גאַרער וועלט? און ווען איר האָט זיי אפילו אונטער־זוכט ווי געהעריק, פון וואנעט ווייסט איר, אז איר האָט גראָד אויס־דערוויילט די בעסטע?" איר קענט דאָך פאר אייער גלויבן קיין שום שכלדיקן באַזיס ניט ווייזן. וועט איר אפשר וועלן ענטפערן, אז דער אינערלאכער באַווייז פון היילקן גייסט איז פאר אייך די ערבות—דאַמאָלסט ווען די אנדערע מענטשן זיינען פארפירט און אָפּגענאַרט געוואָרן פון דעם פירשט פון די געמיינע רוחות? אלע אנדערע, וואָס שטייען מחוץ דער רוימישער קירך טענה'ען מיט דעם זעלבן רעכט פון אייער רעליגיע, דאס וואָס איר טענה'ט פון זיי־ערער".

„ווען איר ברענגט אבער נאָך אלס אַ ראיה, אז טויזנטער מענט־שען האָבן די זעלבע איבערצייגונג וועגן דעם אייביקן דויערן פון דער קירך און אזוי ווייטער, ווי איר האָט עס, איז דאָס דווקא די אייגנ־ארטיקע פלאָפּלעריי פון די פּרושים, ווייל די דאָזיקע מענטשן ברענגען באַווייזן פּונקט מיט דער זעלבער זיכערקייט ווי די טויזנ־טער פון די אנהייננגער פון דער רוימישער קירך, וואָס דערציילן, וואָס זיי האָבן געהערט מיט דעם זעלבן עקשנות ווי די עדות פון דער רוימישער קירך, אזוי ווי זיי וואָלטן דאָס אליין איבערגעלעבט".

„אויך זיי פירן צוריק דעם אורשפּרונג פון דער קירך ביז אדם הראשון און באַרימען זיך מיט דער זעלבער חוצפּה, אז זייער סינאַ־גאָגע האָט זיך דערהאַלטן ביז היינטיקן טאָג, אָט אַז זי איז אונ־

פאַרענדערלאַך און פעסט און וועט בלייבן ניט קוקנדיק אויף די שנאה פון די געצנדינער און די קריסטן. זי שטייגט איבער אַלע קירכעס אַ דאַנק איר אַלטקייט. זיי זאָגן בקול אחד, אַז נאָר ביי זיי געפינט זיך גאָטס וואָרט און אַז נאָר זיי אַליין האָבן אָפּגעהיט גאָט׳ס תורה שבכתב און שבעל פּה. קיינער וועט ניט אַפילו קענען, אַז אַלע אַנדערע האָבן זיך קעצעריש פון זיי אָפּגעטיילט, און זיי זיינען דורך מערער יאָרטויזנטער געבליבן פעסט און שטאַרק ניט האָבנדיק איבער זיך קיין צוואַנגס־הערשאַפט, און נאָר מיטן כח פון אָבערגלויבן. דערציילן זייערע וואונדער הייסט מיך מאַכן טויזנטער רעדעוודיקע צינגער. וואָס קען מען זיי אָבער יאָ צושרייבן צום גונסטן איז דאָס, אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַסך מער קדושים ווי וועלכע עס איז אַנדערע אומה, און דאָס די צאָל פון די וואָס האָבן מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן מסירת נפש געליטן פאַר זייער אמונה וואַקסט פון טאָג צו טאָג".

„און דאָס איז ניט קיין ליגן, ווייל איך האָב אַליין געקענט צווישן אַנדערע אַ אידן, מיטן נאָמען פּידוס (טרייהייט), וואָס שטייענדיק אין פלאַמען, ווען מען האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ טויטן, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען דאָס לויב־ליד:

„גאָט, דיר גיב איך איבער מיין גייסט". און אַזוי בשעת זינגען אויסגעהויכט די נשמה".

„די אָרגאַניזאַציע פון דער רוימישער קירך, וואָס איר רימט אַזוי, איז לויט מיין מיינונג פּאָליטיש שטאַרק און האָט פאַר אַ סך מענטשן געבראַכט נוצן. אויך גלויב איך, אַז דוקא זי וואָלט זיך אַמבעסטן צוגעפּאַסט צום אָפּנאַרן די מאַסן און האַלטן אין צוימען די מענטשלאַכע געמיטער, ווען עס וואָלט ניט אַנטשטאַנען אַ מאַהאָמעטאַנישע קירך, וואָס איז אין דעם פּרט נאָך מערער, ווייל פון אָנפאַנג זינט עס עקזיסטירט דער דאָזיקער אָבערגלויבן זיינען אין יענער קירך קיין שום אַפּיקורסישע שפּאַלטונגען ניט פאָרגעקומען".

„אויב איר מאַכט אַ ריכטיקן חשבון, דאַן וועט איר זען אַז נאָר דער דריטער פּונקט פון אייער באַמערקונג איז לטובות די קריסטן. און דאָס איז: אַז קליינע, עם־הארצישע מענטשן האָבן עס געקענט כמעט די גאַנצע וועלט באַקערן צום גלויבן אין ישוע. דער

ראַזיקער פונקט אבער איז חל פאר אלעמען, וואָס האַלטן זיך פאר קריסטן און ניט נאר פאר דער קאטוילישער קירך".

„אבער ווען מיר וואלטן אפילו אנגענומען אז אלץ וואָס איר זאָט אָנגעגעבן וועגן דער רוימישער קירך איז ריכטיק; גלויבט איר מיט דעם מאַטעמאַטיש צו באווייזן דעם אויטאָריטעט פון דער ראַזיקער קירך? אזוי ווי דאָס איז אין דעם פאַל ווייט פון צו זיין אזוי, איז ווי אזוי ווילט איר מיר מאכן גלויבן אז מיינע באווייזן שטאַמען פונם פירשט פון די שרעקלאַכע רוחות, און אייערע, דירעקט פון גאָט? און דאס איז דערפון געדרונגען, ווייל איך זע און אייער בריוו ציינגט מיר דאס אָן זייער דייטלאך, אז איר זייט געוואָרן א שקלאַף פון דער דאַזיקער קירך ניט אוים ליבע צו גאָט, נאָר אוים מורא פארן גיהנום. דאָס איז די איינציקע סיבה פון אייער אבער־גלויבן".

„איז דאס אייער עניות, אז איר קענט זיך אליין ניט אנפאר־טרויען, נאר אנדערע די, וואָס זיינען פון מייסטן אליין פאַרדאַמט געוואָרן? האַלט איר דאָס פאר חוצפה און גאוה, אז איך אָפעריר מיטן שכל און בארואיק זיך מיטן אמתן וואָרט פון גאָט, וואָס לעבט אין גייסט און קען ניט געפעלשט אדער פארדרייט ווערן?

„וואַרפט אוועק פון זיך דעם דאָזיקן שעדלאַכן אבערגלויבן און אנערקענט דעם שכל, וואָס גאָט האָט אייך געגעבן און אנטוויקלט אים, אויב איר ווילט ניט זיין צוגערעכנט צו די חיות! איך זאָג אייך, הערט שוין אויף, שטותיקע טעותן אנערקענען פאַר מיסטע־ריען, און מישט ניט צונויף אויף א שמאָלקעפיקן אופן דאָס אומ־באקאַנטע און נאָך ניט אנטפלעקטע פון דעם וואָס איז שוין באוויזן געוועז פאר ווידערזיניק!"

„דאָס זיינען די שוידערלאַכסטע סודות פון דער קירך, וואָס אַלץ מער איז זי זיך סותר מיטן שכל הישר, אלץ שטארקער שטייגט זי איבער לויט אייער גלויבן דעם פאַרשטאַנד".

„איבריגנס: עס ווערט אין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט ניט בלויז אויסגעשטעלט די טעאָריע, אז שריפט קען נאר דורך שריפט ערקלערט ווערן, נאר עס ווערט פאלשטענדיק באוויזן דער אמת און די זיכערקייט דערפון ניט קוקנדיק דאַרויף וואָס איר ער־קלערט עס פאר חוצפהדיק און פאר גרונדלאָז פאלש. אין קאפיטל

7, נעמלאך ווערט עס אַנגעוויזן; דארט ווערן אויך אפּגעלייקנט די מיינונגען פון די קעגנער. איר קענט עס צונויפבינדן מיט דעם וואָס איך האָב געזאָגט צום סוף פון קאַפּיטל 15, ווען איר וועט זיך צו דעם צוהערן און אויך דערביי זיך אַביסל באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער קירך (זי שיינט אייך זיין לחלוטין אומבאַקאַנט), כדי איר זאָלט קענען זען ווי עס איז פאַלש, דאס וואָס מערסטע פון די פּויפּסטן גיבן אָן, און דורך וואָס פאַר א גלגול און מיט וואָס פאַר א קונצן האָט דער רוימישער בישאָף ענדלאַך אין זעקס הונדערט יאָר נאָכן געבורט פון ישוע הנוצרי באַהערשט די קירך, דאן וועט איר אָן ספק קומען ענדלאַך צו זיך אליין!"

„אז דאס זאָל געשען ווינש איך אייך פון טיפן הארצן. בלייבט געזונד!"

דער דאָזיקער שטארקער בריוו האָט אבער קיין שום פּעולה ניט געהאַט. דער פרום געוואָרענער בורג האָט אפילו געהאַט בדעה ארויסטרעטן עפנטלאַך מיט א געדרוקטן באריכט וועגן זיין שמד. ער האָט עס אָבער ניט געקענט טאָן זייענדיק אין דער היים, צוליב די עלטערן.

די האַפענונגען פון בורג'ס עלטערן און פריינד, אז ספּינאָזאַ'ס בריוו וועט האָבן אן איינפלוס איז ניט מקוים געוואָרן. דער יונגער בורג האָט באַלד פארלאָזן די עלטערן, איז אוועק צוריק קיין רוים. דאָרטן איז ער אריינגעטראָטן אין א קלויסטער און איז געוואָרן א מאָנאַך פון פראַנציסקאַנער אָרדן. ער איז דערטרונקען געוואָרן אין ים פון די ברוינע קאַפּיושאָנען און האַלב געגאָלטע קעפּ פון די פראַנציסקאַנער נזירים. מיט דעם פארשווינדט דער טשיקאַווער תלמיד פון ברוך ספּינאָזאַ פון די האָריזאָנטן, וואָס רירן אָן דעם לעבנס-וועג פון אונזער דענקער.

און נאָר אין דעם זכות פון זיין לערער איז ער טיילווייז פארייביקט געוואָרן. אים האָבן מיר צו פארדאַנקען דעם מערקווירדיקן בריוו פון ספּינאָזאַ, וואו עס ווערן באַרירט מיינונגען, וואָס וואָלטן קיינמאָל אפשר ניט ארויסגעבראַכט געוואָרן, ווען ניט דער בריוו פון א ל ב ע ר ט ב ו ר ג.

ספּינאָזאַ'ס ענטפערן איז א טיפער מקור פארן שטודיום פון זיינע היסטאָריש-טעאָלאָגישע געדאַנקען; קודם כל איז דער בריוו

אַ דאָקומענט פון דעם דענקערס דרייסטקייט אין זיין בליק אויפן קריסטענטום.

ניט אומזיסט האָבן די ארויסגעבער פון זיינע איבערגעבליבענע כתבים נאָכן טויט ארייננגענומען אויך די צוויי בריוו און אפילו אָנגעגעבן דעם פולן נאָמען פון דעם בריוונשרייבער.

מעגלאך אז טאטע־מאמע זיינען שוין געווען אויף יענער וועלט, און קיין נאָענטע מענטשן האָבן ניט געפילט די בושה און דעם צאָרן וואָס דער בריוו האָט בשעתו ארויסגערופן.

לייבניץ

אויף זייטיקע וועגן, וואָס פירן זעלטן צום פילאָזאָפישן טראַקט האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט יאָרן לאַנג דער מאַן, וועמען עס איז באַשערט געווען צו ווערן דייטשלאַנדס שטאָלץ אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, ביז עס האָט אים ניט פאַרדונקלט דער גאונישער שטערן פון קעניגסבערגער פרוש, עמאַנואל קאַנט. דער דאָזיקער מאַן האָט געהייסן ג אָ ט פ ר י ד ו ו י ל ה ע ל ם ל י י ב נ י ץ.

ער איז געווען מיט אַ יאָר פערצן אינגער פון ברוך ספינאָזאַ. געבוירן אין לייפּציק אין 1646 ביי אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער משפּחה פון דייטשן אַדל מיט אינטעלעקטועלע אינטערעסן (זיין פאָטער איז געווען פּראָפעסאָר און נאָטאַריוס) האָט לייבניץ אויסגעוויזן שוין פון קינדוויַיז אָן גאונישע פעאיקייטן. ער האָט צו אַכט יאָר באַהערשט פאָלקאָם די לאַטיינישע שפּראַך. און צו דרייצן יאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס פאַר פּראָבלעמען פון לאָגיק און האָט אויסגעצייכנט געקענט די דורות־לאַנגע ליטעראַטור וועגן לאָגישע ענינים. ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָר איז ער געוואָרן אַ סטודענט פון לייפּציקער אוניווערסיטעט און זיך געגרייט צו אַן אַדוואָקאַטישער קאַריערע. ער שטודירט נאַטורוויסנשאַפט און ווערט שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער מאַניסטישער טעאָריע פון קעפּלער, גאַלילעאָ און קאָפּערניק. כדי זיך פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון דער מעכאַניסטישער וועלטאַנשויאונג פאָרט ער קיין י ע נ ע שטודירן מאַטעמאַטיק.

צו 21 יאָר איז לייבניץ אַ קאַנדידאַט פון פילאָזאָפיע און דאָקטאָר פאַר יוריספּרודענץ. זיין שטודיום איז פאַרענדיקט; זיין קאַריערע פאַנגט זיך אָן. ער ווייזט ניט אַרויס קיין נייגונג פאַר שטילע פאָרשערישע אַרבעט; די וועלט ציט אים; דער גלאַנץ פון די

פירשטלאַכע הויפן און די דיפּלאָמאַטישע דיאַלעקטיק האָט פאַרן יונגן יוריסט אַ רייצנדן טעם; עס ציט אים אהין און דער צופאַל העלפט אים אונטער.

ער באַקענט זיך מיט דער קורצמייניקער קאַנצלער י אָ ה אַ ן קריסטיאַן פאָן באַיינעבורג און האָט נושא חן געווען; זיין גורל איז דערמיט באַשטימט.

אין יאָר 1667 פאָרט ער קיין מאַיינץ און הויבט אָן זיין דיפּלאָמאַטיש - פּאָליטישע קאַריערע ביי דעם קורפירשט י אָ ה אַ ן פיליפּ פאָן שענבאָרן.

עס איז אַ שטורמישע צייט אין אייראָפּע. עס איז כמעט צוואַנציק יאָר נאָך וועסטפאַלער שלום און די קריסטלאַכע וועלט איז צושפּרענגט אין צוויי מחנות. פאָרמעל האָבן דער קאַטאָליציזם און דער פּראָטעסטאַנטיזם זיין קריג אויפגעגעבן. אין דער אמתן איז אָבער דער רעליגיעזער מאָמענט אויך ווייטער אויסגענוצט געוואָרן פאַר פאַרשיידענע עראָבערישע צוועקן פון די דאָמאָלסדיקע אייראָפּעאישע מלוכות. דייטשלאַנד איז געווען פּאָליטיש און נאַציאָנאַל—אַ חורבה. אויף אירע חורבות האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן די מאַכט פון שוועדן און פראַנקרייך. די שוועדישע מאַכט וועט לאַנג ניט דויערן. דער „אַנטיקריסט" פון צפון, פּעטער דער גרויסער וועט פאַרצאַמען זיין נאָענטן שכן דעם וועג צום אימפּעריאַליסטישן וואוקס. פראַנקרייך איז אָבער געשטיגן, ווייל איר שכן, דייטשלאַנד איז געווען צורודערט און צומישט. און אין ענגלאַנד האָט דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף צווישן פּוריטאַנישע פריייהייטס-שטרעבונגען און קאַטוילישע אַבסאָלוטיזם-טענדענצן האָט אויף אַ צייט אָוועקגענומען דער דאָזיקער מדינה די מעגלאַכקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק-שפּילעריי; נאָר אויף אַ ווײַלע.

און אין מזרח אייראָפּע האָט די האַלב-לבנה געהאַלטן אין אַ זיגרייכן מאַרש קעגן דעם צלם און די אָפּגעשוואַכטע עסטרייך האָט זיך געמוזט לאָזן ראַטעווען מיט דער סאַרמאַצקער בלוט פון דעם דילעטאַנטישן „קרול" יאַן סאָביעסקי.

אַ צייט פון פאַרפּלאָנטערטע דיפּלאָמאַטישע פעדים וואָס האָבן געפאָדערט מאַקיאַוועליסטישע שטיק כדי ניט ווערן אַ קנויל פאַר אַלעמען.

דאָס איז די צייט ווען לייבניץ טרעט אריין אין דינסט פון שיפּרירטע דעפּעשן און דיפּלאָמאַטישע סודות.

דער וועג פון דיפּלאָמאַטיע האָט געפירט קיין פּאַריז און לאָנ־דאָן. אַהין שיקט אים דער האַר זיינער, דער קורפירשט. אין פּאַריז וועט ער, דער דייטשישער פּאַטריאָט, וועלן געווינען דעם לויכטנדן טורם פון דער מאָנארכישער אייראָפּע, דעם קיניג לואי דעם פער־צענטן און מיט א משונהדיקן פּלאַן וועגן ערָאבערן מצרים, וועט ער זיך באַמיען אָפּרייסן די זשעדנע אויגן פון דעם גרעסטן בעל־מזל אויפ׳ן טראָן פון זיין חורבן פאַטערלאַנד.

אויף די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע טראַקטן פלעגט לייבניץ פאַר־בייסן זיין דיפּלאָמאַטישן מיטאָג מיט א פילאָזאָפישן קוכן. אין די פרייע צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פילאָזאָפישע און נאַטור־וויסנשאַפטלאַכע פּראָגעס—דערוויל דילעטאַנטיש, מיט גרויס התמדה אבער אָן א שטיצ־פּונקט, מיט דייטשישער פּלייסי־קייט אבער דערוויל אָן דער דייטשישער סיסטעמע.

און פאַרשטייט זיך אז אויף די זייטיקע וועגן פון פילאָזאָפישע אינטערעסן האָט זיך דער שפּעטער גרויסער דייטשער פילאָזאָף גע־מוזט אנשטויסן דערוויל נאָר אויפן נאָמען פון דעם גרויסן וועלט־דענקער.

די דאָזיקע סטעזשקעס האָבן סוף כל סוף דערפירט לייבניצן צו א פּערזענלאַכער באַקאַנטשאַפט מיט ספּינאָזאַ׳ן ווען יענער איז געווען אין די בין השמשות פון זיין לעבן. נאָך די דאָזיגע וועגן וועלן מיר נאָכגיין; אַנדערע אינטערעסירן אונז אין דעם פּרט ניט.

ל י י ב נ י ץ האָט וואַכזאַם נאָכגעפאָלגט די פילאָזאָפישע ליטעראַטור פון זיין צייט און האָט אויף יעדן בוך רעאַגירט אין בריוו צו זיינע פריינד, וואָס ער האָט זיך זייער לייכט געקענט פאַרשאַפן, וויל דער פריינד איז געווען ניט מער ווי אָן אדרעסאַט, וועלכן מען מוז האָבן, כדי אריינשיסן אין אים א פּאָר קוילן פון קריטישע מיינונגען.

די ערשטע שפּורן פון לייבניצעס באַקאַנטשאַפט מיט ספּינאָ־זא׳ס פילאָזאָפיע געפינען מיר אין א בריוו, וואָס ער האָט געשריבן (דעם 20 אַפּריל, 1669) צו זיין לערער ט א מ א ז י ו ס. ער רעדט

דאָרטן וועגן די קאַרטעזיאַנער און דערמאָנט צווישן אַנדערע אויך ספינאָזאַן און האַלט אַז ספינאָזאַ האָט אייגנטלעך נאָר פּאַראַפראַזירט דעקאַרטן.

אין אַ יאָר שפּעטער איז דערשינען דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט. לייבניץ האָט דאָס בוך געלייענט, באַלד ווי ער איז דערשינען. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, ווער איז דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַנאָנימען ספר.

ער האָט לאַנג ניט געוואָרט און תיכף אין אַ בריוו צו אַ פריינד (סעפּטעמבער 1670) האָט ער געלאָזט וויסן, אַז דאָס בוך איז אַן „אונערטרעגלעך געמיינע שריפט“. און צו אַ צווייטן האָט ער געשריבן, אַז דאָס בוך איז „שוידערלעך“.

דער פילאָלאָג ג ר ע ו ו י ו ס, וואָס האָט זיך געקענט פּערזענלעך מיט ספינאָזאַן און איז געווען צווישן לייבניצעס פריינדקאָרעספּאָנדענטן האָט אים געמאָלדן, אַז דאָס „העכסט פּאַרדאָרבענע ווערק“, האָט אָנגעשריבן ברוך דע ספינאָזאַ.

ווי אַזוי האָט לייבניץ רעאַגירט אויף די דאָזיקע ידיעה, ווייסן מיר ניט. ער האָט ווייזט אויס געהאַלטן, אַז מען קען אָנשרייבן אַ „פאַרדאָרבנד בוך“, נאָר אויב מען דאַרף צו אַזאַ מחבר אַמאָל אָנקומען, דאַרפן מען דאָס פאַרשווייגן און אַפילו, אויב מען מוז, זיך חנפענען צו אים.

דעם 5טן אָקטאָבער 1671, האָט לייבניץ אַרויסגעשיקט פון פראַנקפורט אַ בריוו צו ספינאָזאַן אין וועלכן ער ווענדט זיך צו אים מכח ענינים פון אָפּטיק. ער בעט „דעם באַרימטן און זייער בכבודיקן הער“, ווי ער טיטולירט ספינאָזאַן, אַרויסזאָגן אַ מיינונג איבער זיינער אַן אַרבעט איבער אָפּטיק, וואָס ער דערלויבט זיך אים צוצושיקן. ער ווייסט אַז אַ חוץ זיין רום אויף אַנדערע געביטן, איז ער, ספינאָזאַ, אויך אַן „אויסגעצייכנטער קענער פון אָפּטיק“. די דאָזיקע אַרבעט אונטערן נאָמען „קענטנישן פון דער פאָרטגעשריטענער אָפּטיק“ (Notitia opticae promotae) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר פאַר פריינד און מבינים. לייבניצן גייט אויך ניט אָן ספינאָזאַס מיינונג איבער זיין ביכל, נאָר אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ באַרימטער אָפּטיקער, מיט וועמען ספינאָזאַ קען זיך פערזענלעך, דעריבער וואָלט ער געוואָלט הערן זיין מיינונג דורך די פאַרמיטלונג

פון האַגער „קאָלעגע". אין דעם בריוו איז דער נאָמען פון דעם געלערנטן ניט אָנגעגעבן; מיר קענען אָבער משער זיין, אַז דאָס איז געווען הייגענס אָדער הודדע.

ווייטער בעט אים לייבניץ צו פאַרענטפערן אַ פּאָר פראַגן פון אָפּטיק, ווייל ער וויל הערן ספּינאָזאַס „שאַרפזיניקן אורטייל".

אַדרעסירט האָט לייבניץ דעם בריוו צום „זייער באַרימטן דאָקטאָר און זייער טיפן פילאָזאָף" ספּינאָזאַ, און האָט זיך אונטערגעחתמעט אַלס זיין „שטענדיקער פאַרערער (Cultor sedulus) גאָטפריד לייבניץ, רעכטס־דאָקטאָר און ראַט אין מאַיינץ".

פאַר זיין לערער טאָמאַזיוס האָלט ער אין סוד דעם פאַקט, וואָס ער האָט געשריבן אַ בריוו צום „אַפּיקורס" ספּינאָזאַ, מיט וועלכן ער האָט זיך געאיילט צו באַקענען פּונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט טאָמאַ האָבס, וועמען ער האָט שאַרף קריטיקירט און דאַן געוואָלט זיך צו אים דערנענטערן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז צווישן ספּינאָזאַן און לייבניצן איז אָנגעגאַנגען אַ אָפּטערער בריוון־אויסטויש, ווי מען איז זיך נוהג צו דענקען אויפן סמך פון דעם איין איינציקן בריוו, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען, געשריבן פון ספּינאָזאַ צום דיפּלאָמאַט און פילאָזאָף לייבניץ.

דער דאָזיקער בריוו איז אויך כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס לייבניץ שטרייכט אונטער אַז ספּינאָזאַ איז פאַר אים אַן אויטאָריטעט אויפן געביט פון אָפּטיק. בנוגע זיינע פילאָזאָפישע ווערק האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן פאַר וויכטיק און נויטיק צו פאַרשווייגן זיין מיינונג אין דעם בריוו צו ספּינאָזאַן.

ווען זיין לערער, יאַקאָב טאָמאַזיוס האָט פאַרפאַסט אַ ווידערלייגונג פון ספּינאָזאַס טראַקטאַט און האָט עס צוגעשיקט צו זיין געראָטענעם תלמיד לייבניץ, האָט יענער אים אַזוי געענטפערט:

„דער פּראָפעסאָר פונם בוך איבער דער פרייהייט פון פילאָזאָפירן, אויף וועלכן דו האָסט אָנגעשריבן אַ פיינע הגם אַ קורצע תשובה איז בענעדיקטוס ספּינאָזאַ, אַ איד, וואָס איז, ווי מען גיט מיר צו וויסן פון האָלאַנד, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער סינאַגאָגע פאַר זיינע אומערהערטע מיינונגען".

גאָטפריד ווילהעלם לייבניץ
(1646-1716)

פון דער ציטאַטע איז קלאָר, אַז ספּינאָזא איז געווען פאַר לייבניצן אַ געפערלאַכער דענקער, אפילו קיין דענקער אויך ניט, ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט. הגם בשתיקה האָט ער זייער אַסך גענאַשט פון ספּינאָזאַס סיסטעמע. אויף לייבניצעס בריוו ענטפערט ספּינאָזא געלאַסן, פאָרמאַליסטיש, אָפיציעל, מיט אַן אַנ־געצויגענעם טאָן—און דער עיקר, ניט געאיילט.

דער בריוו־שרייבער האָט געמוזט וואַרטן איבער פינף וואָכן, ביז ער האָט באַקומען פון האַג אַ תשובה.

זיין אַרבעט קריטיקירט ער מיט אַסך פאַרזיכט און טאַקט. ער שטעלט אים אַ פּאָר פראַגעס, ווייל ער האָט געוויסע פּונקטן ניט געקענט תופס זיין. ער טוט צוליב זיין בקשה און שיקט דעם אוי־טאָריטעט איבער אָפּטיק—אַן עקזעמפּלאַר פון לייבניצעס אַרבעט, אין הסכם מיט זיין וואונש, אָבער יענער האָט געזאָגט, אַז ער האָט איצט ניט קיין צייט צו שרייבן וועגן דעם.

ביי דער געלעגנהייט פרעגט ער אים אָן אויב ער האָט שוין דעם „פּאָליטיש - טעאָלאָגישן טראַקטאַט“, און אויב ניט, איז ער גרייט אים צו שיקן אַן עקזעמפּליאַר.

דאַגעגן בעט ער לייבניצן צוצושיקן אים זיינע „פיזישע היפּאָ־טעזן“ וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בריוו צו ספּינאָזאָן. ער האָט זיי, צום באַדויערן, ניט געזען, ווייל אין האַג קען מען דאָס בוך ניט קריגן צו קויפן.

אויך וואָלט מען באַדאַרפט להבא בעסער באַזאָרגן דעם ענין פון שיקן די בריוו: מען דאַרף געפינען, דאָ אין האַג, עמיצן וואָס זאָל נעמען אויף זיך דאָס זיכערע און פּינקטלאַכע באַזאָרגן פון די בריוו.

אַלזא קאַלט, מעריאָטאָריש אָבער מיט אַן אינערלאַכן דראַנג אָנצוקניפּן באַציאונגען און אויסטוישן זיך מיט די געדאַנקען; דאָס איז ליבנסווירדיק, קאַלקולאַמעסיק; דאָס איז ספּינאָזא.

עס איז פון דעם „פּאָסט־סקריפּטום“ קלאָר אַז עס האָבן געמוזט זיין מער בריוו פון זיי ביידן. זיי זיינען אָבער, ליידער, פאַרפאַלן געגאַנגען.

הויפּטזאַכלאַך האָט עס געמוזט זיין אין דער צייט פון נאָ־ווועמבער 1671 ביז מאַרט 1672. לייבניץ האָט עס שפּעטער אָפּגע־

ליקנט. ער, דער פּאָרזיכטיקער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט געמוזט לאַ־ווירירן צווישן מענשן און הערשער האָט פאַרשטאַנען אַז אַ באַקאַנט־שאַפט מיט ספּינאָזאַן, וועט אים קיין גוטס ניט געבן. דעריבער האָט ער שפּעטער געשריבן אַז ער האָט נאָר איין איינציק מאָל געשריבן צו ספּינאָזאַן. און דאָס קענען מיר ניט גלויבן, ווייל ספּינאָזאַ האָט אין אַ בריוו צום גראַף טשירנהויז געשריבן, אַז ער האָט גע־האַט פון לייבניצן אַסך בריוו און לויט די דאָזיקע בריוו וואָר־שיינלאַך אורטיילט ער וועגן אים, ווען ער זאָגט אַז לייבניץ, ווייזט זיך אויס צו זיין אַ גוט ערצויגענער מענטש מיט אַסך וויסן.

איבריגנס האָט דער דיפּלאָמאַט לייבניץ זיך אַליין סותר געווען. ער האָט זיך אַמאָל מודה געווען פאַרן גראַף טשירנהויז, אַז ער האָט געשריבן צו ספּינאָזאַן אַ בריוו וועגן דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט („אויב איך מאַך ניט קיין טעות", מוז צוגעבן דער דיפּלאָמאַט אין דעם וידוי).

אין חודש מאַרט 1672 פאָרט לייבניץ אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע קיין פּאַריז. פון פּאַריז שרייבט ער זיכער ניט צו ספּינאָזאַן, ווייל ווען גראַף טשירנהויז גיט צו וויסן זיין האַגער פריינד און לערער אַז לייבניץ געפינט זיך אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, רופט די ידיעה אַרויס אַ שטאַרקע פאַרוואונדערונג מצד ספּינאָזאַן.

קיין פּאַריז איז לייבניץ געקומען ניט נאָר מיט אַ דיפּלאָמאַ־טישער שליחות. ער האָט געוואָלט זיין אין צענטער פון דער וויסנ־שאַפט, און צו יענער צייט איז דער דאָזיקער צענטער געווען גראָד אין פּאַריז.

ער באַקענט זיך קודם כל מיטן אַלטן אַוואַנטיוריסט דאָקטאָר וואַן דער ענדנס און מסתמא פון אים האָט ער באַקו־מען מער אויספירלאַכע ידיעות וועגן ספּינאָזאַ. דאָס, וואָס דער אַלטער לערער פון ספּינאָזאַ האָט געקענט דערציילן איז געווען שוין פאַרגאַנגנהייט, ווייל דער תלמיד האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן קיין שום באַציאונגען מיטן רבין ניט געהאַט.

געקענט האָט ער מער וויסן פון דעם גרויסן האָלענדישן פיזיקער הייגענס, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין פּאַריז. דער דאָזיקער פיזיקער האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט ספּינאָזאַן

און האָט אפילו שטודירט זיינע ווערק, הגם ער איז געווען זייער ווייט פון פילאָזאָפיע בכלל און פון מעטאפיזיק בפרט.

אין פאריז האָט זיך לייבניץ אַ סך באַשעפטיקט מיט דעקארט'ס פילאָזאָפיע און די דאָזיקע שטודיען האָבן אים געבראַכט נאָענט צו אַ מענטשן, וואָס פלעגט באַקומען פון ספּינאָזאָן לאַנגע בריוו. דאָס איז געווען גראַף ה ע ר נ פ ר י ד וואַלטנער פאָן טשירנהויז.

דורך טשירנהויזן איז לייבניץ געקומען נעענטער צו ספּינאָ־זאָס געדאַנקען־וועלט. פון אים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ספּי־נאָזא האָט אנגעשריבן אַ „עטיק", און זי איז נאָך ניט געדרוקט, נאָר די אינטימע פריינד פון דעם מחבר און דער גראַף בתוכם האָבן געשריבענע אפּשריפטן פון איר.

טשירנהויז האָט אבער ניט געוואָלט געבן צו לייענען לייבניצן די עטיק, ווייל ספּינאָזא האָט נאָר אַ פּאָר מענטשן אָנפאַרטרויט דאָס ווערק, און עס וואָלט דעריבער געווען אַ טאַקטלאָזיקייט לאָזן אַ מענטשן, וועמענס באַציאונג צו ספּינאָזאַ איז נאָך ניט זיכער און קלאָר, זיך באַקענען מיט אַ ניט־געדרוקטן ווערק פון אַ גערודפטן דענקער.

עס איז געווען קלאָר, אַז לייבניצן האָט ניט נאָר די נייגעריקייט אליין געטריבן צו ספּינאָזאָס ווערק. ער אַלס פילאָזאָף, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע, וואָס אַ פילאָזאָף האָט פאַר זיך אין אויפבויען אַ סיסטעמע, האָט פאַרשטאַנען אַז די מעטאַפיזישע קאָנסטרוקציע איז איינע פון די וויכטיקסטע חלקים אין אַזאַ פאַררונדערטער, אויספירלאַכער סיסטעמע. ער האָט דע־ריבער געזוכט אָט די אַנלען פונקטן אדער אינספּירירנדע געדאַנקען, ווי מאַנכע ווילן, וואָס זאָלן אים קענען אַרויספירן אויפן וועג צו אַן איינגענער סיסטעמע.

און אַז לייבניץ האָט אסך צו פאַרדאַנקען ספּינאָזאָן, און אַז אָן ספּינאָזאָס לערע פון סובסטאַנצן וואָלט ניט געווען לייבניצעס לערע פון די מאָנאַדן—דאָס איז היינט קלאָר פאַר יעדן פילאָזאָפישן פאָרשער.

און דוקא דאַמאָלס אין פאַריז, נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַזאַ התמדה שטודירט דעקארט'ס פילאָזאָפיע און האָט זיך באַקענט

מיט אלע זיינע תלמידים, איז אים געווען אינטערעסאַנט צו האָבן געלייענט דאס הויפּט־ווערק פון ספינאָזאַ, וועמענס ער האָט דאך אמאָל אין א בריוו צו זיינעם א לערער, צוגערעכנט צו די וויכטיג־סטע תלמידים פון דעקארט.

ט ש י ר נ ה ו י ז איז אויך געווען פאַראינטערעסירט, אז לייבניץ זאָל איבערלייענען די עטיק. ער האָט אבער דאס ניט גע־וואָלט טאָן אויף זיינע אייגענע אחריות. לייבניץ האָט געמאכט אויף טשירנהויזן זייער א גוטן איינדרוק. זיי האָבן זיך זייער שנעל באַפריינדעט און ספּינאָזאַ איז אין גיכן געווען אין א באזיץ פון א כאַראַקטעריסטיקע פון לייבניצן א דאנק דער פאַרמיטלונג פון דאקטאר ש ו ל ע ר פון אמסטערדאם.

צו דעם דאָזיקן שולער האָט זיך געווענדט דער גראַף טשירנהויז מיט א בקשה, ער זאָל דאס בעטן ביי ספּינאָזאן א דערלויבעניש צו ווייזן לייבניצן די ניט־געדרוקטע עטיק.

אין א בריוו פון ש ו ל ע ר ן צו ס פּ י נ אָ ז א ן (פון 14 נאָוועמבער 1675), ווערט דערציילט ווי דער גראַף טשירנהויז האָט זיך באַקענט אין פּאַריז מיטן פיזיקער היגענס, און אויך מיט לייב־ניצן.

„דער הער טשירנהויז באריכטעט ווייטער, אז ער האָט אין פּאַ־ריז באַגעגנט א מאַן מיט אויסערגעוויינלאכע בקיאות, וואָס פילט זיך היימיש אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וויסנשאפט און וועל־כער איז פריי פון די וואולגארע פאָראורטיילן פון דער טעאָלאָגיע. זיין נאָמען איז לייבניץ. ער איז מיט אים אין זייער אינטימע באַ־ציאונגען. עס האָט גראד אזוי געטראָפן, אז זיי ארבעטן ביידע צוזאמען אין דער ריכטונג פון א פאָלקאָמער אנטוויקלונג פון גייסט. יאָ, קיין זאך ווערט פון אים העכער און ווערטפולער געשאצט (ווי דער גייסט). מאָראַליש איז ער אמבעסטן געניט, ווייל ער רעדט אָן אויפרעגונג און אפעקטן, נאָר על פי השכל. ער אָריענטירט זיך גוט אין דער פיזיק און ספּעציעל אין די מעטאַפיזישע שטודיען איבער גאָט און זעל. דערפון דרינגט טשירנהויז אויסעט, אז ער פאַרדינט דורכאויס צו זיין באקאנט מיט אייערע כתבים, אויב איר וועט איינ־גיין דארויף. נעמליך: ער גלויבט, אז דער מחבר (ד. ה. ספּינאָזאַ) וועט דערפון האָבן גרויס נוצן, וואָס ער זאָגט צו אויספירלאכער צו

באווייזן, ווען ער וועט עס וועלן. אויב ניט, דאן קענט איר זיין אינ־גאנצן רואיק, אז ער וועט ניט ברעכן דעם געגעבענעם וואָרט, האַלטן די כתבים בסוד און וועט קיין אות פון זיי קיינעם ניט ווייזן".

און דאן קומט די פאָלגנדיקע זייער וויכטיקע שטעלע, ספּעציעל פאַר דער כאַראַקטעריסטיקע פון לייבניצן.

„דערזעלבער לייבניץ האַלט גאָר א וועלט פון דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט. אויב איר געדענקט נאָך האָט ער דעריבער געשריבן צו אייך אַמאָל אין א בריוו. איך וואָלט דעריבער אייך געבעטן, אז אויב איר האָט ניט גאָרניט דאגעגן זאָלט איר דאַרויף פריינדלאַך איינגיין און ניט שאַפן ביי קיינעם קיין פּאַרדרוס. אזוי שנעל ווי איר וועט איינגיין דאַרויף, וואָלט איך אייך געבעטן ווענן דעם מיר מודיע צו זיין. נאָך דעם ווי איך וועל באַקומען אייער תשובה, וועל איך ענטפערן אונזער טשירנהויז. איך וואָלט דאָס געטאָן זייער גערן דעם דינסטיק אוונט, אויב עס וועט אייך א וויכטיקער ארבעט ניט אָפּהאַלטן דערפון".

דאָקטאָר שולער האָט געטאָן זיין פליכט. ער איז געווען באַפריינדעט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען מיט לייבניצן, פּונקט אזוי ווי מיט ספּינאָזאָן.

אבער ספּינאָזא איז געווען ווייט פון דער גאוה, אז יעדערער זאָל קענען זיינע ווערק, אפילו ווען ער איז אזוי וואַרים רעקאָמענדירט ווי לייבניץ.

עס זיינען געווען פאַרשיידענע סיבות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט ספּינאָזאַס רעזערווע שטעלונג בנוגע לייבניצן.

קודם כל — א ריין פּאָליטישע סיבה. ספּינאָזא איז געווען איי־בעראַשט צו הערן אז דער ד י פּ ל אָ מ אַ ט לייבניץ איז אין פּאַריז. עס איז די צייט פון דער מלחמה מיט האָלאַנד. פון אַלע זייטן לויערן שונאים און זיין פריינד, יאהאַן דע וויט, שטייט איינער אַליין און וויל באַווייזן אז מען קען יאָ זיין א גבור, איינזאם און עלנד.

עס איז קלאָר אז די דיפּלאָמאַטישע מיסיע פון א דייטשישן קורפירשט אין פּאַריז און שפּעטער לאָנדאָן איז געווען ענג פאַר־בונדן מיט דער אידעע פון לאָזן צורו דייטשלאַנד אויפן חשבון פון האָלאַנד.

ספינאָזאַ האָט עס פאַרשטאַנען. ז י י ן פאַטערלאַנד איז אין געפאַר. ווי קען מען האָבן צו טאָן מיט איינעם וואָס אינטריגירט קעגן האָלאַנד? דערפון נעמט זיך ניט די נייגעריקייט, נאָר די אי־בעראַשונג: וואָס טוט ער דאָרט אַזוינס אין די נעסטן פון געהיי־מער דיפּלאָמאַטיע, דער דאָזיקער לייבניץ?

ער בעט ביי זיין תלמיד טשירנהויז אויספירלאַכע ידיעות וועגן לייבניצן. ער ווייס אַז לייבניץ קען אים פון בריוו. ער וויל אָבער וויסן צו וואָס איז ער געפאָרן קיין פראַנקרייך? אויף וויפיל ער קען אורטיילן פון די בריוו זיינע, איז דער דאָזיקער לייבניץ אַ מאַן מיט וויסן און בילדונג. אָבער אים אַנצוטרויען אַזוי שנעל זיינע שריפטן, האַלט ער פאַר ניט ראַטזאַם.

אַזוי שרייבט ער צום דאָקטאָר שולער.

„איך וואָלט געוואָלט קודם כל וויסן, וואָס טוט ער דאָרטן אין פראַנקרייך און איך וואָלט געוואָלט הערן די מיינונג פון אונזער טשירנהויז, אויב ער וועט מיט אים לענגער קומען אין אַ באַרירונג און וועט בעסער קענען זיין כאַראַקטער".

און דאַן די צווייטע סיבה:

עס איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן אַז צו ספינאָזאַן איז דערגאַנגען לייבניצעס נעגאַטיווע מיינונג וועגן דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט. עס האָט אים דעריבער געמוזט שטאַרק שאַקירן דער חניפה־טאָן און די פאַלשקייט פון דעם פירשטן־ראַט, וואָס האָט גע־זאָגט אַ ליגן, כדי נושא חן זיין אין די אויגן פון ספינאָזאַן און גע־פינען אַ צוטריט צו זיינע כתבים.

ער האָט אָבער מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די פאַלש־קייט פון לייבניצן, ווייל ער האָט זיך מיט אַזעלכע דערשיינונגען ניט איינמאָל באַגעגנט.

שפּעטער פאַרשווינדט לייבניצס נאָמען אינגאַנצן פון ספינאָזאַס בריוו. ער דערמאָנט אים אפילו ניט אין די בריוו, געשריבן דירעקט צום גראַף טשירנהויז.

אָבער די אינטימע פאַריזער געשפּרעכן פון טשירנהויז מיט לייבניצן וועגן דעם האַגער פילאָזאָף האָבן ערוועקט ביים לעצטן אַ טיפן באַגער לכל הפחות איין מאָל אָנקוקן און רעדן מיט ספינאָזאַן.

און די דאָזיקע ערשטע און אפשר איינציקע באַגעגעניש צווישן

די צוויי דענקער איז פארגעקומען פיר חדשים פאר ספינאזא'ס טויט.

נאָוועמבער 1676 איז לייבניץ געווען אין האָלאנד. ער האָט באַזוכט אמסטערדאם און איז פון דאָרטן געפאָרן קיין האג כדי זיך זען מיט ספינאָזאַן.

ווארשיינלאך אין אמסטערדאם האָט ער זיך באַקענט מיט'ן דאָק־טאר שולער, זיין מליץ יושר ביי ספינאָזאַן, וועמען ער האָט פריער ניט געקענט און וועלכער וועט איצט גראד ווערן א לעבעדיקער פאר־מיטלער צווישן ספינאָזאַס גייסטיקע ירושה און לייבניצעס חשק די־דאָזיקע ירושה אפצוקויפן.

מען האָט ביז איצט נאר אין אלגעמיינע שטריכן געשילדערט די באַגעגעניש צווישן די צוויי גרויסע פילאָזאָפן פון יענער צייט. עס האָט געהערשט א מיינונג, אז די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען א צופעליקע, און אז לייבניץ האָט דורכפאָרנדיק האָלאנד באַזוכט דעם איינזאמען דענקער אין האג.

היינט ווייסן מיר א דאנק די אויספאָרשונגען פון פּראָפעסאָר לודוויק שטיין, אז די רייזע איז געווען א בכיוונדיקע.

לייבניץ האָט גראד אין ענגלאנד, וואו ער האָט געהאט אזוי פיל באַקאנטע און קאָרעספּאָנדענטן, פאַרבראַכט אינגאנצן אכט טעג. דאָרט האָבן דאך געוואוינט ניוטאָן, באייל, קאָלינס, אונזער אלדענבורג און אנדערע. אין האָלאנד וואו א חוץ גרעוויוס'ן און ספינאָזאַן האָט ער קיינעם ניט געקענט, האָט ער פאַרבראַכט גאנצע צוויי חדשים.

אין אמסטערדאם באַקענט ער זיך מיט דר. שולער, צו וועמען ער איז געווען פּראָטעזשירט פון גראף טשירנהויז. עס איז כמעט ווי זיכער אז דר. שולער האָט לייבניצן אלס א פערזענלאכקייט ניט געקענט אינטערעסירן. ער האָט אבער געוואָלט אים אויסנוצן אלס א פּראָטעזשע צו ספינאָזאַן, וועמענס ניט־צוגענגלאכקייט איז אים געווען וואויל באַקאנט.

און אינטערעסאנט: ביי שולערן האָט זיך לייבניץ באַקענט מיט דריי בריוו, וואָס ספינאָזא האָט געשריבן צו אָלדענבורגן. לייב־ניץ ווערט אזוי פאראינטערעסירט אין דעם תוכן פון די בריוו, אז

ער שרייבט זיי איבער און שרייבט אפילו אַן צו זיי פּירושים. די־דאָזיקע פּירושים זיינען גאר אנדערש געשריבן, ווי די אמאָליקע אויסדרוקן איבער ספינאָזא און די בריוו צו פריינד און קארעספּאָנ־דענטן.

ל י י ב נ י ץ ו ו י ל ס פּ י נ אָ ז אָ ן פאַרשטיין און באהאַנ־דעלט זיינע געדאנקען לאָיאַל און טאָלעראַנט, אפילו ווען ער שטימט ניט איין מיט זיי.

און גלייכצייטיק פון די בריוו און פון געשפּרעכן מיט דר. שולער לערנט ער דעם כאַראַקטער פון ספינאָזא, אזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו א באגעגעניש, וואָס זאָל אויספאַלן הארמאָניש און פרידלאַך. די דאָזיקע פּאר שטונדן מאכן אן איינדרוק ווי לייבניץ וואָלט וועלן קענען די אלע שליסלען און צוגאַנגען צו ספינאָזאס כאַראַקטער, כדי געפינען זיין צוטרוי און קענען פון דער באגעגניש געניסן. ער איז געוווען אן אקטיאָר, וואָס לערנט זיך אויס די ראָלע לויט די רעפּליקן פון דעם מיטשפּילער. דער אונטערשיד איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס דער אקטיאָר האָט די רעפּליקן און לייבניץ האָט געמוזט אינטואיטיוו זיך אָנשטויסן, וואָס פאר א רעפּליק וועט ער דערהערן אויף די און די מיינונג און האָט געוואָלט זיין פראגע צופּאסן צו ספינאָזא׳ס פאַראויסגעפילטע תשובה כדי דער געשפּרעך זאָל גיין אין דער ריכטונג פון ספינאָזאס געמיט, און אפשר אויך געזונד־צושטאנד, וועגן וואָס ער איז בלי ספק געווען גוט אינפאָר־מירט מצד דאקטאר שולער.

אין מיטן נאָוועמבער 1676 טרעפן מיר לייבניצן אין האג.

לאָמיר לאָזן דעם פיינעם פילאָזאָף־היסטאָריקער ט ע אָ ד אָ ר ג א מ פּ ע ר ץ שילדערן די דאָזיקע מערקווירדיקע באגעגעניש, ווייל קיינער קען די דאָזיקע שילדערונג ניט איבערטרעפן:

„איצט לאָמיר זיך פאַרשטעלן דאס בילד, וואָס וואָלט זיכער פאַרדינט פּאַראייביקט צו ווערן פון א מאָלערס א פּינזל. אין דרויסן, אויף די גאַסן און אויף די פּלעצער פון דער בוימרייכער שטאָט שפּילט זיך דער הארבסט־ווינט מיט פאַרגעלבטע בלעטער. אינוויי־ניק אין דער שטילער הינטערשטוב פון א בירגער הויז אויף דער רואיקער פּאַוויליאָנסגראַכט—צוויי מענטשן אין אַן ערנסטן און



suspicaris fore. Prodromus Francisci Lanae nondum ad meas manus pervenit ut nec etiam cogitationes physico-mechanicas Johannis Holtii et quod magis doleo, quod nec etiam hypothesin tuam physicam ~~nondum~~ videre potuerim. hic saltem Hagae Com: venalis non extat. Si hanc ergo miseris rem mihi gratissimam facies, et si qua alia in re tibi servire potero, non desinam ostendere, quod sim

Vir amplissime

Ex asse tuus

B. despinoza

Hagae comitis 9 novi 1671

Dns Dimerbruckius hic non habitat. cogor itaque hanc tabellioni ordinario tradere. Non dubito quin hic Hagae comitis aliquem, qui epistolas nostras curare velit, noveris: quem ego nosse velim ut epistolae commodius et securius curari possent. Si Tractatus theologico-politicus ad tuas manus nondum pervenit, unum exemplar nisi molestum erit, mittam. Vale.

Nobilissimo Amplissimoque Do
Do Gotfredo Gulielmo Leibnitio
Juris u. Doctori et Consiliario
Moguntino

Maintz

Port.

Hagae 9 Nov. 1671

ספינאָזאס בריוו צו לייבניצן

Eruditissime Nobilissimeq. De

Schedulam, quam mihi dignatus es mittere legi, magnasq.
pro ejusdem communicatione ago gratias. Doleo, quod mentem
tuam, quam tamen credo te satis clare exposuisse, non satis
assequi potuerim. Precor itaq. ut ad hæc pauca mihi respon-
dere non graveris. Videlicet, an aliam credis esse causam, cur
in vitrorum apertura parci esse debemus, quam quia radii, qui ex
uno puncto veniunt, non in alio accurate puncto, sed in spatiolo
(quod punctum mechanicum appellare solemus) quod pro ratio-
ne aperturæ majus aut minus est, congregantur. Deinde
rogo, num lentes illæ quas Pandochas vocas, hoc vitium
corrigant hoc est, an punctum mechanicum, sive spatiolum
in quo radii qui ex eodem puncto veniunt post refractionem
congregantur, eadem ratione magnitudinis maneat, sive
apertura magna sit, sive parva. Nam si hoc præstant
earum aperturam augere ad libitum licebit, et consequenter
omnibus aliis figuris mihi cognitis longe præstantiores erunt,
alias non video, cur easdem supra communes lentes tantopere
commendas. Lentes enim circulares eundem ubique habent
axem, adeoq. quando illas adhibemus, omnia objecti puncta
tanquam in axe optico posita, sunt consideranda et quamvis
omnia objecti puncta non in eadem sint distantia, differentia
tamen, quæ inde oritur, sensibilis esse non potest, quando
objecta admodum remota sunt quia tum radii, qui ex eodem
puncto veniunt, considerantur tanquam paralleli ingrederentur
vitrum. Hoc tamen credo, lentes tuas juvare posse, quando
plurima objecta uno obtutu comprehendere volumus (ut fit
quando lentes oculares convexas admodum magnas adhibemus)
ut omnia scilicet simul distinctius repræsententur. Verum
de his omnibus judicium suspendam, donec mentem tuam
mihi clarius explices, quod, ut facias enixe rogo.
Dno Huddenio alterum, ut jussisti, exemplar misi. Respondit
sibi in præsentiarum tempus non esse, idem examinandi
sperat tamen post unam aut alteram hebdomadam

(פאקסימילע)

איי‏פּריקן דיאַלאָג. ארום—אַרעמלאַכע הויזווירטשאַפט. איינער פון זיי איז פאַרפּוצט אין פיינע רייזע קליידער לויט דער לעצטער מאָדע (ווייל, ווי עס זאָגט הייגענס, לייבניצעס פריינד — גרויס איז געוועזן זיין באַגער „צו שיינען”). דאָס אויסגעצערטע פון קראַנקהייט לייב פון דעם צווייטן, דעם „גאָט אָדער נאַטור” איבערגעגעבענעם חכם איז באַדעקט מיט אַ באַשיידן מלבוש. עס שוועבן שוין ארום אים די שאָטנס פון טויט — עס איז אים דאָך געבליבן אינגאַנצן פיר חדשים פון ערדישן לעבן, אָבער פרידיק רוען זיינע קלאָרע און מילדע אויגן אונטער די צוויגן־ברעמען אויף דעם פרעמדן באַזוכער, וואָס באַמיט זיך ביי יעדער געלעגנהייט צו געווינען זיין הסכמה. און דערזעלבער מאַן, וואָס איז איצט אין די דרייסיקער, אין דער בליענדער צייט פון זיין מענערישער קראַפט (ווען אפילו שוין מיט אַ פליך אויפן קאָפּ!) מיט די לייכטנדע אויגן פון שטאָלצע האָפנונגען און ניט ווינציק שטאָלצע דערפאָלגן — ער, וואָס האָט אָקאָרשט געוואונען די פריינדשאַפט פון ניוטאָן און באַייל; אין דער „ראייעל אקאדעמי”, ארויסגעטראָטן פאַר קורצן אלס דער דערגענצער פון פאַסקאַלס חשבון־מאַשין; איז באַערט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער אקאַדעמיע אלס דער דערפינדער פון דער דיפערענציאלער רעכנונג און האָט אויפן הויף פון לואי דעם פערצנטן זיך טיף צוגעקוקט צום וועלט מסחר פון כל המינים און אין וועמענס קאָפּ עס שווינדלט פון פאַרשיידענע פּאָליטישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלאַכע פּראָיעקטן. — ער — דער דאָזיקער הויפישער און וועלטיש־באַהאַוועטער דענקער, איז אין איצטיקן מאָמענט ניט אַ דענקער, נאָר עס גייט אים אין דעם, ער זאָל זיין עלטערן קאָלעגע קענען איבערצייגן די סאָלידקייט פון געבראַכטע באַווייזן”.

„מיר זעען אים דאָך לעבעדיק פאַר אונז, אין דער מאָמענטאַלער אויפרעגונג מיט רויטע פלעקן אויפן בלאַסן פּנים, ווי ער כאַפּט שנעל טינט און פעדער, זעצט זיך ביי ספּינאָזאָ׳ס שרייבטיש און וואַרפט אָן מיט אימפעט אויפן פּאַפּיר זיין הנחה פון וועלכער עס איז געדרונגען די עקזיסטענץ פון אַ העכסט פּאָלקאָמענסטן וועזן (Ens perfectissimum) ער נעמט דאָס באַשריבענע פּאַפּיר נעענטער צו זיינע שאַרפקוקנדע, אָבער קורצזיכטיקע אויגן, כדי מיט אַ טריומפירנדן פּנים פאָרלייענען דעם

האלב־פאַרטראַכטן חכם, וואָס שטייט לעבן אים מיט אַ פריינדלאַכן שמייכל".

„אַ שאָד, וואָס ספינאָזאס בעל־הבית, דער ערלאַכער מאַ־לער װ ו אַ ן ד ע ר ס פּ י ק האָט די דאָזיקע סצענע נים אונטערגעקוקט און נים איבערגעלאָזט די קומענדיקע דורות געטריי קאָפּירט! אבער באמת, האָט דען דער דאָזיקער מוטיקער מאַן געקענט אפילו דערשמעקן, אַז אין יענער שעה זיינען אונטער זיין באַשיידן דאַך געשטאַנען אויג אין אויג אַנטקעגן זיך צוויי תקופות פון דער מענטשלאַבער אַנטוויקלונג און אַז עס האָט, מערקווירדיק, פּאַסירט אַז די עלטערע תקופה איז געווען פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון דעם אינגערן—און די אינגערע תקופה האָט אין דעם עלטערן דענקער איר תיקון געפונען".

דאָס איז נים געווען דער איינציקער גייסטיקער דועל צווישן די צוויי דענקער. לייבניץ אליין האָט שפּעטער געשריבן אין אַ בריוו, אַז ער האָט זיך געזען אַ פּאָר מאָל מיט ספינאָזאָן, **(je luy ay parle plusieurs fois et fort longtemps)** ליידער ווייסן מיר זייער ווייניק וועגן וואָס זיי האָבן אַזוי אָפט און לאַנג גערעדט. פון געוויסע רמזים לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז מען האָט דעבאַטירט די פּראָבלעמען פון דינאַמיק, ווייל לייב־ניץ האָט גראָד דאַמאָלסט איבער דעם געאַרבעט. ספינאָזא איז געווען צו אים זייער פריינדלאַך. ער האָט אים געלייענט אויסצוגן פון דער עטיק, און לייבניץ האָט אפילו געמאַכט אַ פּאָר באַמער־קונגען. ספינאָזא האָט אים באַוויזן דעם באַריימטן בריוו פון זיין תלמיד בורג מכח קריסטנטום און לייבניץ האָט אים תיכף אָפּגעקאָ־פּירט, פאַרשטייט זיך, מיט דער דערלויבניש פון אדרעסאַט.

ער האָט אויך מיט אים סתם געפּלוידערט; דערציילט אביסל זכרונות ווי די מעשה מיט דעוויטס ערמאָרדונג און זיין פּרוּאוו צו פּראָטעסטירן. לייבניץ האָט אים „אָפּגעצאָלט" מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע אַנעקדאָטן און דיפּלאָמאַטישע עפּיזאָדן.

ספינאָזא האָט זיך געמוזט פילן גוט און צופרידן מיט דער וויזיט. דער ר י י כ ע ר, שטאַרקער, יונגער, פּאַריסענער און שטאָלצער לייבניץ איז געווען אַ מאָדנער קאָנטראַסט מיט דעם

אַרימען, שוואַכן, אַלט אויסזעענדיקן, שטילן און עניותדיקן ספּי־נאָזאַ. אבער דער דאָזיקער קאָנטראַסט איז אין דערזעלבער צייט געווען אַ גוטע אילוסטראַציע צו ספּינאָזאַס געדאַנקען וועלט — וועגן דעם אַז צום אמת מוזן מענטשן דערגיין ניט גערירט פון דרויסנדיקע אפעקטן.

די זעלבע פּראָבלעמען האָבן געפּייניקט דעם בעל־גוף לייב־ניץ און דעם גוססדיקן שווינדזיכטיקן ספּינאָזאַ.

פון די דאָזיקע געשפּרעכן איז לייבניצן קלאָר געוואָרן ספּינאָזאַס פילאָזאָפיע. דאָס הייסט אבער ניט, אַז ער האָט מיט איר איינ־געשטימט.

אויך ספּינאָזאַ האָט זיך באַפרייט פון זיין אומצוטרוי צו לייב־ניצן. ער האָט אים אנגעהויבן פאַרשטיין און געפונען די מקורים פן זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט.

אבער פון דעם פרידלאַכן שמועס איז צו קיין פריינדשאַפט ניט געקומען. אין שאָטן פון יענער באַגעגניש האָט זיך יאָרן־לאַנג גע־קילט לייבניצעס גייסט.

אבער די ליבע האָט די זכרונות ניט באַוועגט.

דאָס זיינען געווען און געבליבן צוויי אנדערע, פרעמדע איי־ע צו דער אנדערער, וועלטן.

מיט ספּינאָזאַס לעצטע מינוטן און מיט דער ירושה האָט זיך לייבניץ זייער שטאַרק אינטערעסירט. דר. געאָרג שולער האָט אים וועגן אַלצדינג געשריבן. ער האָט עס צו אים געשריבן דריי וואָכן פאַר ספּינאָזאַס טויט, אַז די לאַגע פון ספּינאָזאַ איז אַ געפערלאַכע, ווייל ער ליידט אויף אַן אונהיילבאַרע קראַנקהייט, משמעות אַ גע־ירשנטער.

און אין פינף טעג נאָך ספּינאָזאַס טויט האָט דאָקטאָר שולער אים אנגעבאָטן צו קויפן פאַר דער ביבליאָטעק פון האַנאָווערישן הערצאָג, ביי וועמען לייבניץ האָט געדינט—דעם עקזעמפּלאַר פון דער עטיק פאַר 150 גולדן.

ווייזט אויס אַז די נאָענטע פריינד פון דעם פאַרשטאָרבענעם פילאָזאָף, ווי דאָקטאָר מעייער, דער דרוקער ר י א װ י ר ט ש

און אנדערע האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט, ווייל עס איז דערצו ניט געקומען.

שולער האָט געפירט א לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט לייבניצן, ווי עס איז צו זען פון די געפונענע דריי און דרייסיק בריוו זיינע צום האנאווערישן דענקער, פון דעם א דריטל האָט א דירעקטן שייכות מיט ספּינאָזאַן.

לייבניץ האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט דער אויסגאבע פון די איבערגעבליבענע כתבים. נעאָרג שולער גיט אים צו וויסן (דעם 17 יולי 1677), אז די ווערק זיינען אָפּגעגעבן אין דרוק און אין א פּאָר חדשים שפּעטער (דעם 21 אָקטאָבער) קען ער שוין אים מעלדן, אז זיי זיינען אָפּגעדרוקט און אזוי שנעל ווי דער אינדעקס וועט זיין פאַרטיק וועט ער אים קודם כל שיקן אזוי פיל עקזעמפּלאַרן, וויפיל ער וועט נאָר וועלן.

לייבניץ אינטערעסירט זיך מיט ספּינאָזאַס ביבליאָטעק און מאנוסקריפּטן. דער דאָקטאָר שולער ערקלערט אים אז קיין זעלטענע ספרים זיינען ניט געבליבן. און אויב עס איז עפּעס געווען איז דאס פאַרטיילט געוואָרן צווישן פריינד לויט ספּינאָזאַ׳ס לעצט-רצון. אזוי, אז עס איז גאַרנישט ניט געבליבן וואס עס קען פאַר-קויפט ווערן.

אין פעברואַר 1678 האָט שוין לייבניץ געהאַט דעם באַנד פון די איבערגעבליבענע כתבים, צוגעשיקט פון דאָקטאָר געאָרג שולער. אין דעם באַנד איז אויך אריין זיין בריוו צו ספּינאָזאַן. דער בריוו איז אָפּגעדרוקט מיט לייבניצעס נאָמען. שולער שרייבט אים אין א בריוו (6 פעברואַר 1678)—ער זאָל זיך ניט נעמען די זאַך צום האַרצן, ווייל דער בריוו באהאנדלט מאטעמאטישע פּראָבלעמען און קען דעריבער ניט שאַדן לייבניצן. באמת האָט לייבניץ געהאַט דער-פון גרויס עגמת נפש. ער האָט ניט געוואָלט אז זיין קאַריערע זאָל געשטערט ווערן דורך א באַקאַנטשאַפט, א פּשיטא, א בריוונאָויס-טויש מיטן „מלך פון די אפּיקורסים“, דעם איד און אַטעאיסט ברוך דע ספּינאָזאַ.

אין די קריטישע יאָרן פון 1676-1681, אין די יאָרן ווען עס האָט זיך קריסטאַליזירט לייבניצעס וועלטאנשויאונג בכלל און עס

האט זיך קאנצענטרירט זיין לערע איבער די נאמאדן, האט ער זיך זייער שטארק און פיל באשעפטיקט מיט ספינאזאס פילאזאפיע. מערקווירדיק, ער פלעגט זיך דאמאלסט זייער גינסטיק אויסדריקן וועגן דער דאזיקער פילאזאפיע.

מיר ווייסן אז ער האט ספינאזא׳ן געהאט א סך צו פארדאנקען און האט פון אים אנטנומען זיין מאנאדן לערע.

די וועגן פון דער דאזיקער השפעה ווי אויך די ענדערונגען אין די אורטיילן איבער ספינאזאס פילאזאפיע, געהערן ניט צו די דירעקטע אויפגאבן פון דעם דאזיקן קאפיטל.

א מאדערנער דייטשער פארשער כאראקטעריזירט לייבניצן אין פאלגענדע ווערטער:

„ער איז געווען ניט נאר א דענקער פון ספינאזאס שניט; עס האט אין אים נאך געשטעקט עפעס פון א מאכטוועלער און די פיל־זייטיקייט פון די בעל־גאוה׳עס פון דער רענעסאנס תקופה, ניט קוקנדיק אויף די ניט אנזעענבארקייט פון זיין קערפערלאכער דער־שיינונג און אויף די אומבאהאלפנקייט פון זיינע מאניערן“.

„די שטארקע גאוה האט אים באוועגט. ער איז געווען צופיל זשעדנע אלצדינג אליין וועלן מאכן; דערמיט האט ער צושפליטערט זיינע כחות; דערצו נאך האט ער געוואלט פארכאפן ניט נאר דעם איינפלוס נאר אויך די הכנסות“.

ער איז געשטארבן פארלאזן, איינזאם (אין 1716). ער האט איבערגעלעבט ספינאזאן מיט גאנצע פערציק יאר.

פראנקרייך האט אים באערט, דייטשלאנד האט אים פארשוויגן. די פירשטן האבן זיך פון אים דערווייטערט, דאס פאלק האט אויף אים פארט געקוקט ווי אויף אן אפיקורס.

א געניאלער עקלעקטיקער געווין מיט קליינע גרויסע פארדינסטען. און דאס וויכטיקסטע דארף מען פארט זוכן אונטער ספינאזאס שאטן.

אין זיין זכות ווערט ער דא אין דעם ספר דערמאנט.

לוקאַס

„די אינטעליגענטע רייזנדער וואָס פלעגן באַזוכן האַג, האָבן געגלויבט אַז ניט זעענדיק ספּינאָזאַ'ן האָבן זיי דעם ציל פון זייער רייזע ניט דערגרייכט".

אַזוי ווייס אונז צו דערציילן דער וועגנווייזער איבער ספּינאָזאַ'ס לעבן — דער גוט־באַקאַנטער ל ו ק אַ ס.

צווישן די פאַרשיידענע באַזוכער, ווילקאָמענע און ניטגעבעטענע, צופעליקע און בכיוונדיקע, געפינען מיר אַ רייע אינטערעסאַנטע טיפּן, וואָס שלענגלען זיך דורך אין אַ פּראָפיל־ליניע אויף איין מינוט, כדי שפּעטער אינגאַנצן פאַרשוואונדן ווערן פון האָריזאָנט.

מאַנכע פון די דאָזיקע צופעליקע פּראָפילן האָבן זוכה געווען אַריינגיין אין דעם ספר הזכרון, ווייל אויף זיי איז געפאַלן דער ליכטיקער שטראַל פון ספּינאָזאַ'ס שאָטן. אַנדערע האָבן זיך סיי ווי סיי דערוואָרבן אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע און זייער קוק און בליק אויף ספּינאָזאַ'ן איז אין דערזעלבער צייט אַ מאַטעריאַל פאַר צוויי ענינים; פאַר'ן ענין ספּינאָזאַ גופא און פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זייער באַציאונג צום דענקער אין יענער צייט.

צווישן די צופעליקע געסט אויף פאַווילאַנסגראַכט געפינען מיר אַ פראַנצויזישן דיכטער הענאָט (Henoux) וואָס איז געקומען אָנקוקן ספּינאָזאַ'ן און זיך פאַר אים באַרימען אַז ער איז אויך „אַן אַטעאיסט און אַ געלערנטער".

עס באַזוכט אים דער באַרימטער היסטאָריקער ס אַ מ ו ע ל פּ ו פ ע נ ד אָ ר ף , וואָס וועט אים מיט יאָרן שפּעטער אַזוי שילדערן:

„איך האָב זיך באַקענט מיט ספּינאָזאַ'ן, ער איז געווען

לייכטער פויגל, אַ צושטערער פון געטער און מענטשן. ער האָט דעם נייעם טעסטאַמענט געבונדן צוזאַמען מיט׳ן קאָראַן. אין געפין ביי אים ניט קיין סובטילע (געדאַנקען). ער איז אָבער ווערט די מי, אַז מען זאָל אים גרינדלאַך צושטערן״.

אויב דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער היסטאָריקער, בשום אופן אָבער ניט אַ מבין פון פילאָזאָפיע, האָט אַזוי געאורטיילט וועגן ספינאָזאַ׳ן — איז אָבער געווען אַן אַנדערער געלערנטער, אַ פּראָפעסאָר פון דעם טעאָלאָגיש־סכאָלאַסטישן אַלטדאָרפער אינסטיטוט, וואָס האָט זיך מודה געווען, צוליב וואָס ער איז געפאָרן זען ספינאָזאַ׳ן.

דאָס איז געווען יאהאן קריסטיאן שטורם. ער איז געפאָרן „באַקוקן״ ספינאָזאַ׳ן, ווייל ער איז געווען נייגעריק צו זען די „דאָזיקע עקזאָטישע חיה״.

וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט די דאָזיקע „חיה״ אויף אים געמאַכט, דאָס האָט ער אונז, ליידער, נישט דערציילט.

אַ סך געסט וואַרפן זיך דורך אין יענער האַגער תקופה פון ספינאָזאַ׳ס לעבן. ער האָט אָבער קיין גרויס באַדייטונג צו די נייע באַקאַנטשאַפטן ניט צוגעשריבן. ווי מעטעאָרן פלעגן זיי פאַרביילויפן; זעלטן אַ לייכט געטאָן, נאָך זעלטענער באַפרידיקט דעם איינזאַמען דענקער.

ער האָט מער הנאה געהאַט פון די אַלטע אויסגעפּרובירטע פריינט זיינע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי אים און געבליבן מיט אים אין יענע שטורמישע טעג און יאָרן פון זיין לעבן, ווען די כוואַליעס פון טעאָלאָגישער שנאה האָבן געדראָהט צו פאַרפלייצן דעם מוטיקן פילאָזאָף.

צווישן די אַלטע פריינט, רירנדע פּאַזשן פון דעם בלאַסן, ניט געקרוינטן הערשער פון געדאַנק, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע קינדער אַריינגעבראַכט אין דער היילִיקנדער סביבה פון ברוך ספינאָזאַ.

אַזאַ איינער איז געווען דער בוכהענדלער יאַן ריאָווערטס, וואָס האָט זיין זון איבערגעלאָזט בירושה די דאָזיקע פּאַטעטישע ליבע צו ספינאָזאַ׳ן.

ספינאָזאַ האָט אים מקרב געווען און דער יונגער ריאָווערטש

האָט זיך געפילט גליקלאַך אין דער געזעלשאַפט פונם מייסטער. מיט גרויס ווייטיק האָט ער געקוקט ווי עס צאַנקט דאָס לעבן פון זיין פאַרגעטערטן מייסטער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט מיט די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט אין ספינאָזאַ'ס קרייז.

צו יענער צייט דאַרף זיך באַוויזן אין ספינאָזאַ'ס קרייז דער מאַן, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די וויכטיקסטע ידיעות וועגן זיין לעבן: דאָס איז דער שוין אָפטמאָל דערמאָנטער לוקאַס.

זשאַן מאַקסימיליאַן לוקאַס איז געווען אַן אַמסטערדאַמער דאָקטאָר. קיין ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אים פאַרמאָגן מיר ניט. זיין ספינאָזאַ־ביאָגראַפיע האָט לוקאַס אַרויס־געגעבן אַנאָנים, ווייל, ווי ער זאָגט „כדי צו באַשרייבן ספינאָזאַ'ס לעבן דאַרף מען דאָס טאָן בשתיקה, אַזוי ווי מען וואָלט באַגאַנ־גען אַ פאַרברעכן".

מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געוואוסט דעם נאָמען פון דעם ער־שטען ביאָגראַף פון ספינאָזאַ, ווען ניט דער קאָפּיסט, וואָס האָט, אי־בערשרייבנדיק דעם טעקסט צוגעגעבן, אַז מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, דאָס די דאָזיקע שריפט האָט פאַרפאַסט אַ „געוויסער הער לוקאַס, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע „קווינטעסענצן" אָבער נאָכמער דורך זיינע מנהגים און אַרט פון לעבן".

וואָס איז שייך די „קווינטעסענצן" איז באַוויזן געוואָרן אַז אונטער אַזאַ נאָמען איז אַן ערך 1680 דערשינען אַ שאַרפער פּאַמ־פלעט געגן דעם פראַנצויזישן קעניג לואי דעם 14טן, וואָס איז אפילו איבערגעזעצט געוואָרן אין האָלענדיש. דער דאָזיקער שאַר־פער פּאַמפלעט האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן אַ דיפּלאָמאַטי־שע אינטערווענץ מצד פראַנקרייך.

ספינאָזאַ'ס ערשטער ביאָגראַף ווייזט אויס צו זיין אַ גרוי־סער שונא פון מאָנאַרכן און גלחים. לואי דעם 14טן רופט ער אָן „ניט קעניג, נאָר טיראַן", „צושטערער פון דער מלוכה, גאָט'ס ביטש, זומפּ פון פאַרברעכנס, בייזע אָנשיקעניש אויפ'ן פאָטער־לאַנד, שונא פון שטאַט, דער בלוטזויגער פון פראַנקרייך", א. א. וו. די גלחים רופט ער אָן ליגנערס, צבועק'עס, קאַריערעסטן א. א. וו.

אין זיין ביאָגראַפיע פון ספינאָזאַ, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן

פאר'ן יאר 1688, געפינען מיר דיזעלבע שטריכן פון א ברויזנדן טעמפעראמענט, ווי אין זיין פאליטישן פאמפלעט.

דא אבער דריקט זיך אויס דער טעמפעראמענט פון שרייבער אין דער אומבאגרעניצטער ליבע, פארהערלאכונג, יראת הכבוד און קולט פאר ספינאזא'ן.

לוקאס איז ניט קיין אוהב ישראל: מיט א גרינגשעצונג רעדט ער וועגן ספינאזא'ס אידישער אפשטאמונג. אין איבערגעטריבע־נע קאלירן מאלט ער די רדיפות אויף ספינאזא'ן מצד די אידן. ער באהאלט ניט זיין צופרידנהייט, וואס ספינאזא איז אוועק פון די אידן. אפטמאל כאפט זיך ארויס בא אים א ווארט, וואס דריקט אויס א סך מער, ווי ניט־ליבשאפט צו די אידן. די אידן זיינען אין זיינע אויגן יעזואיטן, ווילדע פאנאטיקער, בלוט דורשטיקע נקמה נעמער.

די דאזיקע שווארצע פארבן, מיט וועלכע ער מאלט די אידן, זיינען לוקאס'ן נויטיק אלס קאנטראסט, כדי צו מאלן אין איבערגע־טריבענע העלע קאלירן דאס לעבן פון דעם פארגעטערטן ספינא־זא'ן.

לוקאס דערמאנט די מיטלאלטערישע ביאגראפן פון די קאטוי־לישע הייליקע, וואס האבן אויף אן עקסטאטישן מאניר באשריבן די רעליגיעזע מארטירער.

„אין זיינע אלע מעשים" — שרייבט לוקאס וועגן ספינאזא'ן — איז די טוגענד געווען דער ציל. מעסיגקייט, געדולד און וואר־האפטיגקייט זיינען פון די קלענסטע טוגענדן זיינע".

לוקאס לויבט ספינאזא'ס וויסן, כאראקטער, גייסט, השפעה, און ליבע.

פון דער דאזיקער שילדערונג איז צו זען, אז ער האט אים געקענט פערזענלאך; עס לאזט זיך אבער, ליידער, ניט פעסט־שטעלן, ווען האט זיך די דאזיקע באקאנטשאפט אנגעהויבן.

בכלל איז דער ערשטער ביאגראף פון ספינאזא'ן נאך א טונ־קעלע געשטאלט און ווארט אויף א קריטישן... לוקאס.

פון די אלע נייע פריינט, וואס האבן זיך צו יענער צייט בא־וויזן אין ספינאזא'ס סביבה, האט גאר א גרויסע ראלע געשפילט א הייסער חסיד זיינער מיט'ן נאמען ט ש י ר נ ה ו י ז.

זשאַן מאַקסימיליען לוקאַס
דער עלטסטער ביאָגראַף פון ספינאָזא
(אַ וואַרשויינלאַכער פּאָרטרעט)

גראַף וואַלטער עהרענפריד פאָן טשירנהויז איז געווען אַ רייכער גוטסבאַזיצער. געבאָרן אין יאָר 1651, אַלזאָ, מיט ניינצען יאָר אינגער פון ספּי־נאָזאַ׳ן, האָט טשירנהויז אָנגעהויבן אין יאָר 1668 שטודירן מאַטע־מאַטיק אין ליידענער אוניווערסיטעט. בשעת דער מלחמה צווישן די אַליִרטע: פראַנקרייך, ענגלאַנד און שוועדן קעגן האָלאַנד, האָט דער יונגער גראַף־מאַטעמאַטיקער זיך אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט פון ציפערן און האָט זיך אויף אַנדערהאַלבן יאָר אָפּגעגעבן אינ־גאַנצן אין רשות פון מאַרס.

אין 1674 האָט ער זיך באַקאַנט מיט ספּינאָזאַ׳ן, וועמענס ווערק ער האָט שוין צו יענער צייט געקענט. ער איז אפילו גע־ווען באַקאַנט מיט זיין „עטיק", וואָס איז שוין צו יענער צייט אַרומ־געגאַנגען אין מאַנוסקריפּט און אַ פּאָר אָפּשריפטן האָט מען געקענט געפינען בײַ די גאָר נאָענטע פריינט פון ספּינאָזאַ. אַ סברה אַז גראַף טשירנהויז האָט זיך געקענט מיט זיי, ווייל, ווען ער האָט זיך דעם 8טן אָקטאָבער 1674 געווענדעט צו ספּינאָזאַ׳ן מיט אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט געבעטן אים קלאָר צו מאַכן אַ פּאָר טונקעלע דעפיניציעס און מיינונגען, האָט ער שוין ציטירט מאַנכע שטעלן פון דעם דאָזיקן ווערק. די פּערזענלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט אים איז פאָרגעקומען אביסל שפּעטער, סוף 1674.

טשירנהויז האָט זייער שנעל געוואונען ספּינאָזאַ׳ס צוטרוי, ווייל ער האָט סתם ניט קריטיקירט זיין לערע און האָט אויך אים ניט געשמייכלט, נאָר אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש און גוטן ווילן קלאָר צו מאַכן פאַר זיך די הויפּט פּראָבלעמען פון ספּינאָ־זאַ׳ס פילאָזאָפיע.

ספּינאָזאַ האָט עם אָפּגעשאַצט און האָט זיך אפילו גערעכנט מיט טשירנהויז׳ס מיינונגען. אויף געוויסע אָנגעדייטעטע סתירות און ניט קלאָרקייטן, האָט ספּינאָזאַ איינגעשטימט און האָט זיי באַ־זייטיקט.

אין אויגוסט 1675 איז טשירנהויז אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַגעגנט מיט אָלדענבורג׳ן, דעם אַלטן פריינט פון ספּינאָזאַ. אָלדענבורג האָט אַלץ ניט געקענט אָנעמען ספּינאָזאַ׳ס אַנטי־טעאָלאָגישע פילאָזאָפיע און האָט דאַריבער, בפרט

נאָכ׳ן דערשיינען פון פּאָליטיש־טעאָלאָגישן טראַקטאַט, געביטן זיין מיינונג וועגן ספּינאָזאַ.

טשירנהויז׳ן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט זיך גע־אַמפּערט מיט׳ן סעקרעטאַר פון „ראָייאַל סאָסייעטי" און האָט זיך באַמיט אים צוריק געווינען פאַר ספּינאָזאַ׳ן. די דאָזיקע פּאַרטיי־דיקונגס אַרבעט האָט זיך טשירנהויז׳ן איינגעגעבן, ווייל אָלדענ־בורג איז מרוצה געווען זיין אַמאָליקן פריינט, נאָך 10 יאָר שווייגן, אַ בריוו מיט אַן ערקלערונג, אַז ער האָט ניט ריכטיק געאורטיילט וועגן אים.

ספּינאָזאַ׳ן האָט אָלדענבורג׳ס בריוו שטאַרק דערפרייט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אָלדענבורג קאָן ניט ווערן אַנדערש, ווייל דאָס וואָלט געהייסן האַנדלען קעגן דער אייגענער נאַטור. ער איז אַ פרומער, דאָגמאַטישער קריסט, און עס איז פאַר אים פאַרשטענד־לאַך פאַרוואָס דער פּאָליטיש־טעאָלאָגישער טראַקטאַט געפעלט אים ניט.

פון די טענות האָט ספּינאָזאַ פאַרשטאַנען, אַז אָלדענבורג האָט אפילו ניט געלייענט דעם טראַקטאַט, נאָר ער רעדט מער פון שמועות און דערציילונגען.

האָט ער אים אויף דער רעקאָמענדאַציע פון גראַף טשירנהויז געשיקט אַן עקזעמפּליאַר פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט".

אָלדענבורג האָט אים געענטפערט, אַז ער דאַנקט אים פאַר׳ן צוגעשיקטן בוך. ער איז זיך אָבער מודה, אַז מיט אַ סך אויס־פירונגען זיינע איז ער ניט מסכים, הויפּטזעכלאַך דערפאַר, וואָס זיי צושטערן דעם יסוד פון רעליגיע. ער ציט אָבער צוריק זיין אַמאָליקע מיינונג וועגן אים, ווייל זי איז ניט געווען קיין באַ־גרינדעטע.

ער האָט איינגעזען, אַז ספּינאָזאַ „איז זייער ווייט דערפון, אַז ער זאָל וועלן אָנטאָן שאָדן דער אמת׳ער רעליגיע און דער פונדאַ־מענטאַלער פילאָזאָפיע. וואָס מער: ער באַמיט זיך צו רעקאָמענ־דירן און צו באַפעסטיקן די עכטע צילן פון דער קריסטלאַכער רע־ליגיע און די געטלאַכע גרויסקייט פון אַ פרוכטבאַרער פילאָזאָ־פיע".

דאָן בעט ער ספּינאָזאַ׳ן ער זאָל אים ענטפערן אויף אַ פּאָר

פילאָזאָפישע פראַגעס. ער איז גרייט, אויף וויפיל עס וועט נאָר זיין מעגלאַך, צו באַזייטיקן די אומגינסטיקע מיינונג וועגן אים; ער וועט אויפקלערן די פּאַסיקע פּערזאָנען זיי זאָלן זיך פאַראינ־טערעסירן מיט זיין פילאָזאָפיע.

די דאָזיקע עוואָלוציע פון אָלדענבורג׳ס מיינונג איז גראָד זייער כאַראַקטעריסטיש, ווייל זי אילוסטרירט אמבעסטן די וואַקל־דיקייט פון דעמדאָזיקן אָרגאַניזאַטאָר פון וויסנשאַפט און בריוו־שרייבער צו געלערנטע. ער איז געווען ווייט פון זיין אַ דיסציפּלי־נירטער מח און עס איז געווען דאָס, וואָס ספּינאָזא האָט ניט ליב געהאַט: עמאָציאָנעל. אַ מענטש מיט שטימונגען האָט זיך אָל־דענבורג געלאָזט זייער לייכט באַאיינפלוסן אויף אַ רגע.

מער ווי אַ רגע האָט די נייע התפעלות פאַר ספּינאָזאַ׳ן ניט געדויערט. ספּינאָזאַ האָט אים געקענט. אויף זיינע נייע ליבעס ערקלערונגען ענטפערט ער קאַלט, מיט רעזערוו, אָן צוטרוי, אין דערוואַרטונגען.

ווען דער פרומער קריסט האָט גובר געווען אין אָלדענבורג׳ן דעם פילאָזאָפירנדן דילעטאַנט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו ספּינאָזאַ׳ן גאָר אין אַן אַנדער טאָן.

ער וויל אים בעטן, אַז ביים אַרויסגעבן זיין „עטיק“ זאָל ער זיך באַמיען אַרויסוואַרפן די אַנטי־רעליגיעזע שטעלן, „ווייל די דאָזיקע דעגענערירטע און פאַרברעכערישע עפּאָכע פאַרלאַנגט גאָר־ניט מיט אַזאַ שטאַרקן באַגער, ווי אַ תורה, וואָס זאָל אַלס פועל־יוצא זיין צוגונסטן דער הערשנדער פאַרדאָרבנקייט“.

און דאָס וויל אָלדענבורג ניט. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין, אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן פון דער „עטיק“ בעט ער אים אַרויסשיקן, אָבער ניט אויף זיין נאָמען.

„ער, דער „אַנשטענדיקער“ בירגער און סעקרעטאַר פון „ראָיאַל סאָסייעטי“, קאָן זיין נאָמען אין קאָן ניט שטעלן, אַז מען זאָל וויסן, אַז עס קומען צו אים אַן ווערק פון אַזעלכע אפּיקורסים. עס וואוינט אין לאָנדאָן זיינער אַ באַקאַנטער, אַ האָלענדישער סוחר, וואָס האָט ניט וואָס איינצושטעלן: צו אים זאָל ספּינאָזאַ צושיקן זיין נייעם ספר.

באַ דער געלעגנהייט שרייבט ער צו ספּינאָזאַ׳ן און גיט אים

פאָלגנדע עצות: „שרייבט ניט אַזעלכעס, וואָס קאָן אונטערגראָבן די אויספירונג פון רעליגיעזע גוטע מידות; דריקט זיך אויס אזוי, אַז איר זאָלט געפעלן די קלוגע און פארשטייענדע קריסטן; דאַמאָלט וועט איר קענען לעבן אין רואיקייט".

עס איז געווען קלאָר, אַז דידאַזיקע אויפגעלעבטע פריינטשאַפט האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטן.

אין 1676 האָט אָלדענבורג פארענדיקט אַ בריוו צו ספינאָזאַ'ן מיט די ווערטער:

„לעבט זיך גוט און הערט ניט אוף מיך צו ליבן" — אויף וואָס ספינאָזאַ האָט געקענט ענטפערן:

„לעבט אייך וואויל, הויך געערטער הער, און גלויבט מיר, אַז איך בין מיט מיין גאַנצן ווילן און כונה מיט אייך".

דאָס מיינט, אַז ספינאָזאַ האָט געוואָלט זיין מיט אָלדענבורג'ן, אָבער עס איז געווען אוממעגלאַך.

—

די צוויי וועלטן האָבן זיך ניט געקענט צוזאַמענטרעפן.

גראַף טשירנהויז'ס רודף שלום'דיקע טענדענצן זיינען ניט איבערגעטראָגן די שוועלן פון גוטע כונות.

פון לאָנדאָן פאָרט דערווייל אונזער רודף שלום'ניק טשירנהויז קיין פאַריז. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט דעם גרויסן פיזיקער ה י ג ע נ ס — אויך לויט ספּינאָזאַ'ס רעקאָמענדאַציע.

ער שרייבט אים אינטערעסאַנטע בריוו פון וועג, שיקט אים איבער אַ סך ידיעות וועגן דער וויסנשאַפטלאַכער באַוועגונג. מערסטנטייל אָבער אינפאָרמירט אים טשירנהויז וועגן דעם, וואָס מען רעדט וועגן זיין פילאָזאָפיע און פירט מיט אים אַ בריוולאַכן ויכוח וועגן פארשיידענע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען.

ספינאָזאַ ענטפערט אים זייער גערן און מיט גרויס רעספּעקט. אין זיין לעצטער בריוו צו אים, געשריבן דעם 15טן יולי 1676, ענטפערט ער אים, צווישן אַנדערע פראַגן אויך אויף די פראַגע, פאַרוואָס זיינען אין זיין לערע פאַראַן אַ סך ניט קיין קלאָרע פונקטן און מ'וואָלט באַדאַרפט זיי באַזייטיקן.

וועגן דידאַזיקע פונקטן — שרייבט ספינאָזאַ, — אַז „אויב מען וועט לעבן, וועל איך זיך אפשר נאָך אַמאָל זיך מיט אייך

קלאָרער פאַנאַנדערריידן; ביז איצט איז מיר ניט געווען באַשערט צו פאַרענדיקן עפּעס פעסטעס וועגן דעם ענין".

ער האָט שוין אָבער געפילט, אַז עס וועט אים בכלל „ניט זיין באַשערט", ווייל אַלץ אָפטער און אָפטער קלאָגט זיך ספּינאָזאַ אויף זיין קראַנקהייט. ווען ער האָט אין יולי 1675 באַקומען אַ בריוו פון דעם אַמסטערדאַמער דאָקטאָר געאָרג הערמאַן שולער, האָט ער אין זיין תשובה זיך שטאַרק געקלאָגט אויף זיין געזונט.

דער דאָזיקער דאָקטאָר איז געווען רעקאָמענדירט ספּינאָזאַ'ן פון דעם אינגערן ריאָווערטש. עס האָט אים געפיינקט דאָס פּראָבלעם פון פרייען ווילן, און צוליב דעם האָט ער זיך געווענדעט צו ספּינאָזאַ'ן מיט אַן ערקלערונג. שולער איז געווען פול מיט באַגייסטערונג פאַר ספּינאָזאַ'ן. אַ פריינט פון גראַף טשירנהויז, האָט ער געוואוסט אַ סך סודות וועגן ספּינאָזאַ'ן וואָס יענער האָט צו אים ניט געוואָלט שרייבן, און ער האָט זיי אים איבערגעגעבן, האָבנדיק אַ גלענצענדע געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ בריוו־אויסטויש מיט ספּינאָזאַ'ן.

דער דאָזיקער, אַביסל יאָוויאַלער דאָקטאָר, אינפאָרמירט זיין קאָרעספּאָנדענט וועגן אַלץ, וואָס דערגייט נאָר צו אים.

איינמאָל שרייבט ער אפילו צום „סאַמע געלערנטן און אויסערגעוויינלאַכן הערן, צום אומבאַגרענצט בכבוד'יקן פּראָטעקטאָר" — ווי ער טיטולירט אים מליצה'דיק — אַז מען שיקט אים אַרויס פון אַמסטערדאַם... ביר, דאָס בעסטע, דאָס וואָס ער האָט ליב.

צי האָט ער אים אָפט באַזוכט און זיך מטריח געווען אונטערזוכן זיינע לונגען — דאָס ווייסן מיר ניט. וועגן אַ פּאָר וויזיטן ווייסן מיר יאָ, און הויפּטזעכלאַך וועגן דעם לעצטן באַזוך, ווען עס איז אים באַשערט געווען צו קאָנסטאַטירן ספּינאָזאַ'ס טויט. וועגן דעם וועט נאָך זיין די רייד. די גוטע, האַרציקע, ווען אפילו ניט קיין טיפע בריוו פון דעם אַמסטערדאַמער דאָקטאָר און פילאָזאָפאַנט האָבן פאַרשאַפט ספּינאָזאַ'ן אין יענע יאָרן פון פיזישן פּיין — פרייד און נחמה; דאָס איז אָן שום צווייפל.

אָמאָל האָט אים אַ בריוו פאַרשאַפט מאָמענטן פון פרייד און געלעכטער, צוליב דעם נארישן אינהאַלט, ווי למשל, די קשיות

פון אַ געוויסן באַקסעל, וואָס פרעגט אים אָן אין אַ לאַנגער מגילה מכח געשפּענסטער און בייזע רוחות. ספינאָזאַ האָט זיך געמוזט פילן אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג, ווייל ער האָט אים אויסגעלאַכט אין אַ פיינעם, לייכטן הומאָריסטישן טאָן.

אָבער אַזעלכע מאָמענטן פון אַ לייכטן געמיט זיינען שוין אַלץ מער און מער אַ זעלטנקייט. דער קאַמף אַרום דער „טעאָלאָגיש־פּאָלאָמישן טראַקטאַט“ ווערט אַלץ העפטיקער און ליידנשאַפט־לאַכער.

ספינאָזאַ פילט אַז די לעצטע כוחות זיינע קומען צום וואָרט. עס איז שוין קיין צייט ניטאָ אויף נייע פּלענער, וואָס ווערן ראַשיק געבאָרן אין דעם אָפּגעשוואַכטן, אָבער ניט קיין קראַנקן קאָפּ.

ער איילט זיך צו פאַרענדיקן די „עטיק“, די העברייאישע גראַמאַטיק און אַ פּאָר קלענערע אַרבעטן, וואָס ער האָט שוין אָנגעהויבן.

מיט אַן אומגעדולדיקן אָטעם אַרבעט ער.

עס דערנענטערן זיך די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

מיט אַ רואיקייט און פאַרשטענדלאַכקייט גייט ער זיי אַנטקעגן.

אין די ארעמס פון אייביקייט

„עס איז געווען נישט קיין קליין גליק פאר ספינאָזאַ'ן, דורכ'ן טויט זיך ראַטעווען פון דעם שטורם, וואָס זיינע שונאים האָבן צוגעגרייט. זיי האָבן אים אין פאָלק געמאַכט צום האַסן, ווייל ער האָט אָנגעוויזן אויף די מיטלען, ווי אַזוי אונטערשיידן צביעות'־טווע פון אמת'ער פרומקייט און ווי אַזוי פּטור ווערן פון די זאַ־באַבאַנעס. מען דאַרף דעריבער באמת ליבן אונזער פילאָזאָף, נישט נאָר צוליב דעם שם פון זיין לעבן, נאָר אויך צוליב די אומ־שטענדן פון זיין טויט. ער איז אים מיט מוטיגע אויגן אַנטקעגנ־געגאַנגען. גראָד אַזוי ווי ער וואָלט געווען צופרידן, זיך מקריב זיין פאַר זיינע שונאים און עס זאָל זייער נאָמען נישט ווערן פאַר־אומרייניקט דורך זיין ערמאָרדונג".

דאָס זיינען די ווערטער פון לוקאַס.

מיט שטילע טריט האָט זיך דערנענטערט צו דעם איינזאַ־מען צימערל אויף פּאַוויליאַנסגראַכט נומער 32 — דער שאָטן פון אייביקייט.

אַרום איז געווען גרוי און די איינזאַמקייט האָט געשטיקט.

אין די געוועלבטע חדרים פון די האָלענדישע קירכן־ראַטן זיינען געזעסן אין זייערע שוואַרצע מאַנטיליעס מיט די ברייטע בראַבאַנטישע שפּיצן — די היטער פון דער קירך, די פּאַסטאָרן און די פרומע מיטגלידער פון די קאָנסיסטאַריאַלע פאַרוואַלטונ־גען און האָבן איבערגעטראַכט די אַלע פאַרבאָטן און קלעמען, וואָס וועלן דערשטיקן דאָס וואָרט פון דעם כופר.

עס האָבן זיך פון יענע פינצטערע חדרים אַ לאָז געטאָן איי

דער פאָרמע פון גרויסע גאָסן־פּלאַקאַטן פאַרבאָטן צו לייענען דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט.

די קליינע נחמה וואָס די סיסטעמאַטישע רדיפות אויף ספּי־נאָזאַ'ס ווערק האָבן מיט זיך געבראַכט איז געווען די צאָלרייכע געזעלשאַפט פון מיטליידנדע ספרים, וועמען עס איז אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל פון אַ געצוואונגענעם שווייגן.

באַגלייט האָט די דאָזיקע מלחמה קעגן ספּינאָזאַ'ן אַן אומ־ערשעפּלאַכע, פּאַרעקשנ'טע, ביזוויליקע רכילות קאַמפּאַניע וואָס האָט צושטערט זיין רואיגקייט און ניט איין טראָפּן סם האָט זי אַריינגעגאָסן אין דעם בעכער פון זיין שווינדזוכטיקן פיין.

די דאָזיקע אַטאַקע אויף ספּינאָזאַ'ן האָט איבערגעשראָקן די וואָס האָבן זיך געפילט פאַר פריינד זיינע. זיי האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז די קאַמפּאַניע וועט זיך ביי די פּאַפּירענע פעסטונגען ניט אָפּשטעלן, און מיט פּלאַקאַטן און פאַרבאָטן וועלן זיך די שונאים ניט באַגרעניצן, ווייל דאָס וועט זיי ווינציק וואָס אָפּהיטן פון ספּי־נאָזאַ'ס השפּעה.

אין אַ בריוו צו אָלדערבורג'ן האָט ספּינאָזאַ געשריבן, אַז מיט יעדן טאָג ווערן זיינע עינוים אַלץ ערגער און ערגער.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שונאים זיינע האָבן מיט שטילע, פאַרשווערערישע טריט געגרייט פאַר אים אַ משפּט, וואָס וואָלט אים אָן ספק פון תפיסה ניט באַפרייט. איז געקומען דער מלאך־המות און האָט ספּינאָזאַ'ן באַפרייט פון דעם מענטשלאַכן משפּט. ער האָט דעם אָטעם פון טויט געפילט און ער האָט געזען מיט דער קלאָרקייט און דורכזיכטיקער ליכטיגקייט פון זיין נשמה ווי די אייביגקייט קומט אָן. ער האָט פיבערהאַפט גע־אַרבעט, כדי לכל הפּחות פאַרענדיקן די אַרבעטן, וואָס זיינען נוי־טיק כדי צו פאַרשטיין די אַזוי שלעכט־פאַרשטאַנענע, ביזוויליקע אָדער גוטוויליק שלעכט אויסגעטייטשטע געדאַנקען זיינע בכלל, און פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" בפרט.

ווען ספּינאָזאַ האָט אין יאָר 1665 אויפגעגעבן דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן די עטיק, ווייל ער האָט געפילט די אומגינסטיקע אַט־מאָספערע אין לאַנד און דער פּחד פאַר דער תפיסה האָט געפּענ־טעט דעם גוטן ווילן אפילו פון זיינע איבערגעבענע בלב ובנפש

פריינט — האָט ער באַשלאָסן צו שרייבן אַ פּירוש צום טעאָלאָ־גיש־פּאָליטישן טראַקטאַט.

אין אַ בריוו צו אָלדענבורג'ן וועלכער האָט אַזוי שטאַרק גע־קעמפט קעגן די ערטער אין טראַקטאַט, וואָס קענען, לויט זיין מיי־נונג, ברענגען דעם אונטערגאַנג פון רעליגיע, האָט ברוך ספּינאָזא געבעטן ער זאָל אים אָנווייזן אויף די שלעכט־פאַרשטאַנענע פּאַ־ראַגראַפן, און ער וועט זיך באַמיען זיי ניט צו באַזייטיקן, ווייל זיי זיינען קעגן רעליגיע, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט קלאָר. ער האָט געוואָלט אָפּשאַפן די פאַראורטיילן קעגן אים — ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זיינע אידעיען.

עס זיינען דאַמאָלסט אַנטשטאַנען די אויף לאַטיין געשריבע־נע „אַנמערקונגען צום טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט". די דאָ־זיקע אַנמערקונגען זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן, נאָר אַלס באַזונדערע הערות האָבן זיי פיגורירט אויף אַ פּאָר עקזעמפּ־לאָרן פון טראַקטאַט.

שפּעטער האָט זיי דער פראַנצויזישער איבערזעצער פון טראַק־טאַט צוזאַמענגעקליבן און האָט זיי צוגעגעבן אין אַ ביסל אַ פאַר־ענדערטער פאָרמע צו זיין איבערזעצונג אונטער'ן נאָמען „שליסל פון הייליקטום". (אין יאָר 1678).

מען האָט שפּעטער די דאָזיקע באַמערקונגען אַרויסגעגעבן אָפּט־מאָל באַזונדער, אָבער מערסטנטייל זיינען זיי צוגעגעבן געוואָרן צו דעם טראַקטאַט גופא.

אין שייכות מיט'ן טראַקטאַט האָט ספּינאָזא אויף'ן וואונש פון זיינע פריינט אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ פּאָליטישן טראַקטאַט. דער דאָזיקער טראַקטאַט איז, ליידער, געבליבן ניט פאַרענדיקט.

אין פּאָליטישן טראַקטאַט האָט זיך ספּינאָזא פאַרמאָסטן צו געבן אַן אַנאַליז וועגן דעם וועזן פון מלוכה, איר אַנטוויקלונג אין מהות. אין דער דאָזיקער ניטפאַרענדיקטער שריפט איז פאַראַן די בולטקייט פון אַ פּאָליטישער וועלט־אַנשויאונג, וואָס מאַכט אַ סוף פון דער באַשולדיקונג, אַז ספּינאָזא איז געווען אַן אָפּאָרטוניסט אין דער פּאָליטיק.

געשריבן נאָך יאָהאַן דע וויטס שרעקלאַכן טויט, ווען די

האָלענדישע מלוכה פירער האָבן אַליין אָפענער און דרייסטער אַרויסגעפירט די שטאַטס־שיף אויף די מאָנאַרכיסטישע ים'ען — איז אַן אָפענער אַרויסטריט קעגן מאָנאַרכיע געווען זייער ווייט פון אָפּאָרטוניזם.

ספינאָזא האָט אין בולטע רמזים זיך אויסגעדריקט פאַר אַ דעמאָקראַטישע שטאַטס־אָרדנונג.

„די גלייכהייט פון בירגער קען ניט באַוואָרנט ווערן וויבאַלד עס ווערט פאַר אַן אויסדערוויילטן מענטשן צוגעטיילט דורך אַן עפנטלאַכן געזעץ ספּעציעלע כבודים; מיטן באַזייטיקן פון גלייכהייט גייט אויך אונטער די פרייהייט".

גערעכט איז דער ביאָגראַף פון ספינאָזא'ן, וואָס זאָגט אַז אָנשרייבן אַזעלכע פאַר שורות פאַר דעמאָקראַטיע האָט זיך געפאָדערט צו יענער צייט מוט און כאַראַקטער.

דער פּאָליטישער טראַקטאַט ווערט אָנערקענט פאַר אַ קלאַסיש ווערק אין דער געשיכטע פון מלוכה וויסנשאַפט.

ראבערט פאן מאהל, דער באַרימטער היסטאָריקער פון מלוכה־וויסנשאַפט כאַראַקטעריזירט דעם טראַקטאַט אין פאָלגנדע שורות:

„ספינאָזאַ'ס גרויסאַרטיקע לערע שטייט אינגאַנצן ניט פאַרבונדן מיט די אַנדערע דערשיינונגען אויפ'ן געביט פון פילאָזאָפישן מלוכה־רעכט; אויף וויפיל זי באַשעפטיקט זיך מיט דער מלוכה האָט זי לחלוטין קיין שום השפעה ניט געהאַט. דערצו זיינען די טיפע געדאַנקען ניט געווען קלאָר פאַר אַלעמען; איר פאַנטעאיסטישער כאַראַקטער האָט אָפּגעשטויסן די גלויביקע און האָט אָפּגעשראָקן די פּאָזיטיווע. די ענלאַכקייט פון דער דאָזיקער לערע מיט דער לערע פון האבס איז נאָר אַן אויסערלאַכע און אַ פאַלשע; אין גאַנצן שטייט זי און פאַלט זיך צונויף מיט ספינאָזאַ'ס קוק אויף דער וועלט. מען קען זי אָפּוואַרפן, אָבער זי איז אַ ווערק פון מענטשלאַכן כח הדמיון, וואָס איז ווערט צו זיין באַוואונדערט".

אַ חוץ דעם האָט ספינאָזא אין די לעצטע יאָרן זיינע געאַרבעט איבער אַ גראַמאַטיקע פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס איז אויך

געבליבן ניט פארענדיקט און א לאטיינישע אפהאנדלונג איבער דעם רעגנבויגן.

די גראמאטיק האט נאר א היסטארישן ווערט — הגם פי־לאלאגן געפינען דארט א סך חידושים און שארפע באמערקונגען.

דער טראקטאט וועגן רעגנבויגן האט מען געהאלטן פאר פאר־לארן, ווייל, לויט א געוויסער טראדיציע האט ספינאזא פארברענט דעם מאנוסקריפט. באמת האט איינער פון זיינע חסידים צוגע־נומען פאר זיך דעם מאנוסקריפט און האט אים ארויסגעגעבן אנא־נים אין 1687 (צען יאר נאך ספינאזא'ס טויט). דער דאזיקער געדרוקטער עקזעמפלאר איז אבער אויך פארלארן געגאנגען. ערשט אין יאר 1862 האט מען געפונען די דאזיקע געדרוקטע אויסגאבע און מען האט זי אויפסניי ארויסגעגעבן.

קאלערוס וויים אויך צו דערציילן אז ספינאזא האט אי־בערגעזעצט דעם חומש אויף האלענדיש. ער איז אבער געבליבן ניט צופרידן מיט דער איבערזעצונג און האט דעם כתב־יד פאר'ן טויט פארברענט. אן אנדערער דערציילט אויך, אז ספינאזא האט זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו שרייבן א העברעאישע גראמאטיקע לויט דער גיאמעטרישער מעטאדע און אויך אן אל־געברע.

א חוץ דעם האט ספינאזא געפלאנט אנשרייבן דערגענצונגען צו זיין עטיק און א נאטור־פילאזאפיע — א מין סינטעז פון זיין גאנצער סיסטעמע.

די אלע פלענער און פראיעקטן זיינען אבער צושטערט גע־ווארן דורכן שליח פון דער אייביקייט, וועלכע איז מיט שלייכע טריט געקומען אין א ווינטער נאך מיטאג און האט גענומען אין זיין רשות דאס ערדישע פון ברוך ספינאזא.

דער ווינטער פון 1676-77 איז געווען פאר ספינאזא'ן א שווע־רער און לאנגזאמער. אין קאפ האבן זיך געטומלט פלענער און געדאנקען; די האנט האט פיבערהאפט געארבעט, אבער עס איז געווען קלאר, אז קיין ציל וועלן די פלענער ניט דערגרייכן און די געדאנקען וועלן שוין קיין לבוש ניט באקומען.

און די איינזאמקייט איז געשטיגן פאראלעל מיט דעם וואוקס

פון דער כראָנישער היץ. די לונגען האָבן געבריפעט און דער הוסט האָט אָפּגעקלונגען ווי אין אַ געלעכערטן פאַס. דער צוואַנ־ציקיאָריקער שווינדזיכטיקער גאַסט אין ספינאָזאַ׳ס קערפּער האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ צושטערערישער רחבות און האָט געפּאָ־דערט פאַר זיך שוין ניט די לונגען, נאָר דעם גאַנצן גוף.

וואָן דע ספּיק לויפט אַראָפּ צום הערן יאָהאַנעס פּרי־דריק שרעדער דעם אַפּטייקער און נעמט דערוויל אויף באַרג אַביסל באַלזאַם, כדי צו באַרואיקן די ליידן פון דעם קראַנקן.

די פריינט זיינען ניטאָ; אפשר פאַלט אַמאָל אריין דער אַל־טער, ערלאַכער און געטרייער יאַריג יעלעס, דער, וועמען עס וועט זיין באַשערט אָנצושרייבן די הקדמה צו די איבער־געבליבענע כתבים, וואָס וועלן דערזען אָנאָנים די ליכטיקע שיין באַלד נאָכ׳ן פּרישן, צאַפּלענדיקן ווייטיק פון זיין ערדישן פאַר־שווינדן.

די מערסטע פריינט זיינען געווען ווייט; אַ גרויסער טייל אין אַמסטערדאַם, אַנדערע גאָר אַוועק אין די מרחקים.

דער גוטער, אויפריכטיקער דאָקטאָר שולער, פלעגט קומען צו־פאָרן פון אַמסטערדאַם, אונטערזוכן דעם קראַנקן, פאַרשרייבן אַ רעצעפּט און באַלד אַוועקפאָרן. איז ער געקומען אָנפאַנג פעברואַר 1677 צום חולה און האָט אים געפונען אין אַ שטימונג פון גרייטן זיך צום טויט.

ער האָט באַלד, (דעם 6טן פעברואַר), וועגן דעם מודיע גע־ווען לייבניצן און האָט צו אים אַזוי געשריבן:

„איך האָב מורא, אַז דער הער בענעדיקט דע ספּינאָזאַ וועט אונז אינגיכן פאַרלאָזן, ווייל די אויסצערונג, פון וועלכער ער ליידט, אַ גע׳ירשנ׳טע חולאת פון זיין משפחה, שיינט מיט יעדן טאָג צו ווערן אַלץ ערגער“.

ספּינאָזאַ האָט געבעטן דר. שולער׳ן, ער זאָל איבערקוקן זיי־נע פּאַפּירן. אַ טייל פון זיין ביבליאָטעק האָט ער איבערגעלאָזט פאַר דעם זעלבן דאָקטאָר זיינעם.

דעם שרייב־טיש מיט אַלע בריוו און מאַנוסקריפּטן האָט ער געהייסן אָפּגעבן דעם אויסגעפּרובירטן פריינט זיינעם און פאַר־לעגער יאַן ריאָווערטש.

די מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט ניט געוואָלט דרוקן, האָט ער אַליין פאַרברענט. נישט קוקנדיק אויף די אַלע פאַרבערייטונ־גען, איז זיין טויט פאַרט געווען פאַר אַלעמען אַן איבעראַשונג; אפילו פאַרן דאָקטאָר שולער. ער האָט אויך ניט געגלויבט אַז דער סוף וועט קומען אַזוי שנעל.

אין אַ בריוו צו לייבניצן אויפן צווייטן טאָג נאָך דער לויה האָט ער געשריבן אַז דער טויט איז געקומען אומדערוואַרטעט, ווייל ספּינאָזא האָט אפילו ניט איבערגעלאָזט קיין צוואה.

און געקומען איז דער טויט רואיק און געלאַסן.

די צוואה איז געווען אומנויטיק פאַר דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע וואונדערטיפע שורות:

„דער פרייער מענטש טראַכט וועגן קיין זאַך ניט אַזוי וויי־ניק ווי וועגן טויט און זיין ווייזהייט באַשטייט ניט אין דער פאַר־באַרייטונג צום טויט, נאָר — צום לעבן“.

און אין אַ בריוו האָט ער געשריבן:

„איך באַמי זיך מיין לעבן איבערלעבן ניט אין טרויער און זיפצן, נאָר אין רואיקייט, פרייד און שמחה“.

„נאָר דער פינצטערער און טרויעריגער אבערגלויבן פאַרבאָט אונז זיך אָפּגעבן מיט פרייד. ווי גרעסער איז אונזער פרייד, אַלץ אַ גרעסערע דערגרייכן מיר פאָלקאָמענהייט“.

שבת דעם 20טן פעברואַר, 1677, זיינען די בעלי בתים זיינע, די פרומע וואַן דע ספּיקס אַוועק אין קירך אריין. עס איז געווען ערב אַ פייערלאַכן יום טוב אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירך און מען האָט באַדאַרפט אויסהערן די פּאַסיקע דרשה פון דעם אַל־ווייסנדן פּאַסטאָר.

זיי קומען צוריק אַהיים אַרום פיר אַ זייגער. די בעל־הבית'ע איז פול מיט ווערטער; זי וועט איר מיטוואוינער, דעם נאָענטן און פריינטלאַכן ספּינאָזא איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער הייג־טיקער דרשה.

ספּינאָזא הערט די טריט פון די בעל־בתים. ער טוט אָן זיין שוואַרצן פּליושענעם שלאַפראָק, נעמט זיין פּיפּקע און גייט אַראָפּ.



האג, פאווילאנסגראכט נומער 32
דאָס הויז וואו ספּינאָזאַ איז געשטאָרבן
(אָנגעמערקט מיט א צייכן)

ער זעצט זיך אוועק געמיטלאך מיט די וואן דע ספיקס אין קיך; הערט אוים געדולדיק די נייס פון שטאט און די דרשה פון פאסטאר.

דער רויך שלענגלט זיך און טאנצט אין געקרייזלטע רייזעלאך ארום זיין פנים; די ווערטער פליסן רואיק און פרומלאך פון דער גאס הערן זיך די קלאנגען פון שטאט-זייגער. די רואיגקייט נייגט צום שלאפן; די געמיטלאכקייט פארוויגט די ברעמען.

ספינאזא פארלאזט דעם מאלער מיט דער פרוי; גייט אין דעם פאדערשטן צימער, וואו עס איז געשטאנען זיין בעטל און לייגט זיך שלאפן.

אויף מארגן אינדערפרי, איידער די בעל-בתים זיינען געגאנגען אין קירך, איז ער אראפ צו זיי און ווייטער געכאפט א לייכטן שמועס. זי האט אים צוגעזאגט אויך דעם פאסטאר'ס היינטיקע דרשה צו דערציילן. ספינאזא דריקט אוים די גרייטקייט אויך די היינטיקע תורה אויסצוהערן. ער וועט שוין הערנדיק די טריט פון די בעל-בתים אויף די אלטע, הילצערנע שטיגן פון זייער הויז, אראפגיין צו זיי און אזוי ווי נעכטן, אזוי ווי אלעמאל פאר די לעצטע זיבן יאר, וואס ער וואוינט ביי זיי, וועט ער אנשטעלן די נעהארזאמע אויערן פאר דער פרומער פליסיקייט פון מארגארעטע וואן דע ספיק.

אינצווישן קלאפט מען אן אין טיר. גאר אומערווארטעט קומט אן דער דאקטאר שולער פון אמסטערדאם. מיט זיין שארפן מעדיצינישן אויג זעט ער ספינאזא'ס צושטאנד; דער קראנקער ווערט פארצערט פון זיין חולאת און דארט פון טאג צו טאג. ער הייסט דער בעל-הבית'טע צוגרייטן פאר זיין פאציענט א יויך, ווייל דאס איז די איינציקע פאסיקע שפייז פאר אים.

די וואן דע ספיקס גייען אוועק אין קירך און די בעל-בית'טע האט אין זינען, אז היינט דארף זי אהיים ברענגען פאר ספינאזא צוויי זאכן: א פרישע הון אויף א יויך און די דרשה פון פאסטאר. זי ברענגט אהיים די הון און גרייט צו פאר ספינאזא'ן די יויך. אויף דערציילן די דרשה איז קיין צייט ניטא; איבערינענס מען דארף דאך נאך מיטאג אויך גיין אין קלויסטער, וועט

מען שוין איבערגעבן אַלע דרשות צוזאַמען. אַזוי טראַכט זיך מאַר־גאַריטע וואָן דע ספּיק.

זי קומט צוריק פון קירך פול מיט גאָט'ס ווערטער. עס הערן זיך אָבער ניט קיין טריט פון איר שכן.

זי גייט אריין צו אים אין צימער.

ביים ראַנד פון בעט זיצט דאָקטאָר שולער. די אויגן פאַר־קוקט אין דעם הייליק־רואיקן פּנים פון ברוך ספּינאָזאַ.

אַ ווייסער, אַ זאַרגלאָזער מיט אַ שמייכל פון אייביגקייט אין די ווינקלאַך פון די פאַר'עקשנ'טע ליפּן ליגט איר שכן.

זי האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ טיפן געוויין.

פון איר פרומען האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ תפילה; אין דער גרויסער מינוט פון דערליטערונג האָט זיך פאַר איר נתגלה געוועזן דער הייליקער גייסט פון ספּינאָזאַ:

„אָרא פּראָ נאָבּיס סאַנקטע ספּינאָזאַ"! (טו תפלה פאַר אונז, הייליקער ספּינאָזאַ).

דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג, דעם 22טן פעברואַר 1677 איז ער אַוועק צו דער אייביגקייט.

ער איז געוועזן אין רוים פון דויערנדן לעבן: 44 יאָר, 2 חדשים און 27 טעג.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז וואַן דע ספּיק שנעל אַוועק צום נאָטאַריוס ו ו י ל ע ם ו ו א ן ד ע ה א ו ו ע און אים געהייסן קומען און איבערנעמען די יורידישע אַפּוטרופּות איבער ספּינאָזאַ'ס ירושה. דער נאָטאַריוס האָט מיט דער הילף פון בעל־הבית אַריינגעשלעפּט אַלע זאַכן אין אַ קליין צימערל און פאַר'חתמ'עט די טיר מיט זיין אַמט־זיגל.

עס איז געקומען צולויפן דער אַלטער פריינט, דער בוכהענד־לער יאַן ריאָווערטש און האָט געמאָלדן אַז ער וועט דערווייל דעקן אַלע הוצאות פון דער לויה.

דער זינגער פון דער לוטעראַנישער קירך פ ו י ל ו ס ו ו א ן ד ע ר ה א א ר ד וואָס האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט סטאָ־לעריי האָט געמאַכט דעם ארון און באַלד צוגעשיקט אויף פּאַווי־ליאַנסגראַכט נומער 32.

אַזוי שנעל ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ספּינאָזאַ איז גע־שטאָרבן זיינען אַנגעלאָפן די בעלי חובות.

ספּינאָזאַ׳ס קערפּער איז נאָך ניט אַריינגעלייגט געווען אין ארון, ווען עס איז מיט אימפּעט אַריינגעלאָפן דער אַפּטייקער שרעדער און אַרויסגעלייגט אַן אַרעסט אויף דער ירושה פאַר די 14 פלאָ־רינען און 12 שטיבער, וואָס עס איז אים געקומען פאַר די גע־בראַכטע רפואות.

דער גוטער בעל־הבית איז אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דעם קליינלאַכן אַפּטייקער. ער האָט אים תיכף אַליין באַצאָלט דעם חוב און האָט דערביי נאָך אָפּגעריסן „פאַר צאָלן מזומן" איבער צוויי פלאָרינען.

דער כירורג־ראַזירער איז געקומען צוגיין מיט אַ רעכנונג, אַז דער פאַרשטאָרבענער העכ ספּינאָזאַ איז אים אַ ב ר ה ם ק ע ר ־ װ ע ל , דעם ראַזירער שולדיק איין פלאָרין מיט 18 שטיבער פאַר אַ פערטל יאָר ראַזירן.

דער בלעכער ל י ב ע ר ט ו ס װ אַ ן ד ע ר ב ו ר ג , האָט צוגעשטעלט אַ חשבון פאַר אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרפער־טיגט פאַר „זיינעם העכ ספּינאָזאַ".

אַ צווייטער בלעכער איז געקומען מיט אַן אַלטער ניט באַצאָל־טער רעכנונג נאָך פון דעצעמבער 1676 פאַר בלעכענע רערן, מסתמא פאַר זיינע פיזישע עקספּערימענטן.

מען האָט באַשטעלט 20 סטופ וויין פאַר די אנטיילנעמער אין דער לויה. מען איז זיך נוהג געווען נאָך דער לויה צוריקצוקומען אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם, טרינקען וויין און דערמאָנען דעם מת צום גוטן.

װ אַ ן ד ע ר ס פּ י ק האָט באַרואיקט די אומגעדולדיקע און קליינלאַכע קרעמער און בעל־מלאכות, האָט ערוב געווען פאַר אַלע חובות און זיי איינגעשטילט.

ביי אַ פראַנצויזישן סוחר האָט מען דערווייל געקויפט אויף באָרג זעקס פאַר ווייסע הענטשקעס פאַר די, וואָס וועלן טראָגן דעם ארון צו דער אייביקער רו.

די לויה איז פאָרגעקומען דעם 25טן פעברואַר. מען האָט

ספינאָזא׳ן באַגראָבן אויף דעם בית עלמין פון דער נייער קירך אויף דער ספאיי.

קיין סך מענטשן זיינען אויף דער לויה ניט געווען. קיין רעדעם האָט מען ניט געהאַלטן. עס זיינען נאָכגעפאָרן אינאַנצן זעקס קאַטשען. די מערסטע אָנהענגער זיינע האָבן אין האָג ניט געוואוינט און צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע אָרימע לייט, אַז זיי האָבן זיך ניט געקענט דערלויבן קומען אפילו פון אַמסטערדאַם.

דער דאָקטאָר שולער האָט זיך אויך ניט געקענט באַטייליקן אין דער לויה. אין דעם זעלבן טאָג ווען ספינאָזא איז געשטאָרבן, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם.

אין דעם פנקס פון דעם בית עלמין געפינט זיך פאָלגענדע נאָטיץ:

„25 פעברואַר: אין זעלבן טאָג איז באַגראָבן בענעדיקטוס ספינאָזאַ, וואָס האָט געוואוינט אַנטקעגן די הייזער פון הייליקן הויז" (ד. ה. דעם האָספּיטאַל)".

פאַר דעם קבר האָט מען באַצאָלט 12 פלאָרינען.

קיין מצבה אָדער טאַוול־ברעט האָט ניט באַצייכנט דאָס אָרט וואו ספינאָזא איז באַגראָבן געוואָרן.

אין אַ סך יאָרן שפּעטער האָט דער פּרעדיקער קאַראָלוס טוינמאַן, אַ פאַנאַטישער שונא פון דעם פילאָזאָף, פאַרפאַסט פאָלגענדע אויפשריפט פאַר ספינאָזאַ׳ס מצבה:

„אויף ב. ד. ס. (בענעדיקטוס דע ספינאָזאַ) שפּיי אויף זיין קבר! דאָ ליגט ספינאָזאַ! אויב זיין וואָרט קען ניט באַגראָבן ווערן, טאָ זאָל אים כאָטש די מגפה פון דער נשמה ניט אויפפרעסן".

און כדי מען זאָל די ווערטער ניט אויסטייטשן צום גונסטן פון ספינאָזאַ, האָט ער די פאָלגנדע גראַמען צוגעגעבן:

„בענעדיקטוס דע ספינאָזאַ

אַ כופר־איד, וואָס האָט אַליין ווילד קעגן גאָט געקעמפט\
קיין מיאוסערן מאָנסטער האָט דער גיהנום קיינמאָל ניט געזען!\
ווייל דו פאַרלייקנסט דעם, פאַר וועמען שדים ציטערן!\
ווער איז אַזוי בייז ווי דו! באמת איך ווייס עס ניט!"

דער טויט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז באַזוכן די איבער־געבליבענע פריינט פון ברוך ספינאָזאַ.

אין סעפּטעמבער 1677 איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין ט ש אַ ר ל ־ ט אָ ן (ענגלאַנד), דער אַלטער פריינט ה ע נ ר י א ל ד ע נ ־ ב ו ר ג.

דעם 23טן אָקטאָבער 1678, איז אין ראָטערדאַם געשטאָרבן דער דאָקטאָר י אַ ק אָ ב א ס ט ן.

דאַן איז געקומען די ריי אויף ספּינאָזאַ׳ס הויז־דאָקטאָר. דעם 2טן סעפּטעמבער 1679 איז אין זיינע בליהענדע 28 יאָר געשטאָרבן דער דאָקטאָר ג ע אָ ר ג ה ע ר מ א נ ו ס ש ו ל ע ר.

דעם 25טן נאָוועמבער 1681 איז אין אַמסטערדאַם געשטאָרבן דער אַלטער, געטרייער דאָקטאָר ל ו ד ו ו י ק מ ע י י ע ר.

אין צוויי יאָר שפּעטער איז אַוועק פון דער וועלט דער, וואָס האָט אַם טיפסטן געפילט די וואונד פון פאַר׳יתום׳קייט נאָך ספּי־נאָזאַ׳ס טויט. דאָס איז י אַ ר י ג י ע ל ע ס. ער איז גע־שטאָרבן דעם 22טן פעברואַר 1683.

דער לעצטער פון די, וואָס זיינען געשטאָרבן און האָבן גע־קענט ספּינאָזאַ׳ן — איז דער פילאָזאָף ל י י ב נ י ץ. ער איז געשטאָרבן אין אַ טיפן עלטער, דעם 14טן נאָוועמבער, 1716.

נאָך דעם ווי די מוטער־ערד האָט צוגענומען אַלע פריינט, אמת׳ע און כלומרשטע — ווי אויך אַלע שונאים, אָפענע און באַ־האַלטענע — האָט זיך אָנגעהויבן וועבן די גרויסע לעגענדע פון דעם אַמסטערדאַמער אידן ברוך דע ספּינאָזאַ.

די לעגענדע פון הייליקן מאַרטירער פאַר זיינע נאָכפאָלגער; די לעגענדע פון שרעקלאַבן שטן און אַנטי־קריסט — פאַר זיינע ביטערע, אייביקע שונאים.

אַזוי לעבט ער און וועט לעבן עד קץ העולם.

די ירושה

אין אַ פּאָר טעג נאָך דער לויה איז מען צוגעטראָטן צו ליקווידירן די ערדישע ירושה פון ברוך דע ספּינאָזאַ.

מען האָט קודם כל נאָך אַמאָל באַשריבן אַלע זאַכן, וואָס זיינען געווען אין די צוויי קליינע קעמערלאַך וואו ספּינאָזאַ האָט געוואוינט. דאָס מאָל האָט די אַרבעט דורכגעפירט דער יונגער י אַ ן ר י אָ ו ו ע ר ט ש . ער איז געקומען צופאָרן דעם 3טן מאַרט פון אַמסטערדאַם קיין האַג און האָט באַלד אָנגעהויבן אינווענטאַריזירן די ירושה. עס האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט: דער נאָטאַריוס, דער בעל־הבית וואַן דער ספּיק און וואַרשיינלאַך אויך דער האַגער דאָקטאָר א ב ר ה ם ס ל י נ ג ע ר ל אַ נ ד , אַ פריינט פון ספּינאָזאַ'ן, וועגן וועלכן מיר ווייסן כמעט ווי גאָרנישט.

ביי דער צווייטער אינווענטאַריזאַציע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך מער זאַכן ווי מען האָט אַריינגעצויגן אין דער ערשטער רשימה. קודם כל האָט מען געפונען אַ סך מער מלבושים ווי עס האָט זיך געלאָזט פעסטשטעלן ביי דער ערשטער באַשרייבונגען אין דער שנעל, באַלד נאָך ספּינאָזאַ'ס טויט.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך זאַכן פעלן; מען האָט גע'גנב'עט ביכער, בריוו און סתם געגנשטאַנדן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו ספּינאָזאַ'ן. דאָס איז געווען אַ גנבה ניט צוליב נוצן נאָר אויס פּיעטעט, כדי האָבן אַ אָנדענק נאָך דעם באַליבטן, ווען אפילו ניט פאַרשטאַנענעם פילאָזאָף.

דעם שרייב־טיש מיט אַלע מאַנוסקריפּטן און מיט'ן גרעסטן טייל פון בריוו האָט דער בעל־הבית וואַן דער ספּיק איבערגעגעבן ר י אָ ו ו ע ר ט ש 'ן ערב ספּינאָזאַ'ס טויט. דער דאָזיקער שרייב־

טיש האָט אַרויסגערופן אפילו אַ סכסוך מיט ספּינאָזאַ׳ס משפּחה. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ספּינאָזאַ האָט געהאַט געלט; און דאָס געלט זאָל ליגן באַהאַלטן דוקא אין שרייב־טיש צוזאַמען מיט די מאַנוסקריפּטן און בריוו. דאַמאָלסט האָט זיך ספּינאָזאַ׳ס שוועסטער רבקה, און דער פּלימעניק ד נ י א ל ב ן ש מ ו א ל ק אַ ז ע ר ע ס , דער זון פון דער צווייטער שוועסטער, מרים, זיך געווענדעט מיט אַ פאָדערונג צו באַקומען די ירושה. מען האָט זיי פאָרגעשלאָגן זיי זאָלן כאָטש באַצאָלן די קאָסטען פון דער לויה. די משפּחה האָט זיך אָבער געוואָקלט דאָס צו טאָן, ניט האָבנדיק די זיכערקייט אַז עס וועט עפּעס בלייבן פון דער ירושה. ר י אָ ־ ו ו ע ר ט ש האָט דורך ו ו אַ ן ד ע ר ס פּ י ק פאַרזיכערט די שוועסטער מיט דעם פּלימעניק, אַז דאָס געלד, וואָס זיי זוכן נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם, געפינט זיך ניט צווישן די געדאַנקען פון דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער און פעטער.

איז געבליבן צו וואַרטן ביז דעם אויסשטייג, ביז עס וועלן פאַרקויפט ווערן עפנטלאַך די אַלע זאַכן פון ספּינאָזאַ, כדי צו דעקן די הוצאות און באַצאָלן די חובות וואָס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן פון די ניט פאַרמעגלאַכע פריינט זיינע.

דערווייל איז געקומען צופאָרן פון ש י ד אַ ם ד ע ו ו ר י ע ז, אַ ברודער פון שמעון דע וורייעז, איינע פון די איבערגעבנסטע תלמידים און פריינט פון ספּינאָזאַ. ער האָט באַצאָלט וואַן דער ספּיק׳ן אַלע חובות פאַר די דירה, עסן און אַרבעט. און דער גוטער בעל־הבית איז געבליבן צופרידן.

אָבער קיין געלט אויף דעקן אַלע הוצאות איז פאָרט ניט געווען. דעריבער האָט מען באַשלאָסן צו פאַרקויפן פון אַן אויסשטייג די זאַכן פון ספּינאָזאַ.

דינסטיק דעם 2טן נאָוועמבער, 1677, האָט זיך באַוויזן אין „האַרלעמער קוראַנט“ פאָלגענדער אַנאָנס:

„אין האַג, אין הויז פון מאַנסיע הענדריק וואַן דער ספּיק, אַ מאָלער, וואָס וואוינט אויף דער פּאַוויליאַנסגראַכט אַנטקעגן דער דובעלעם גאַס, וועט מען קומענדיקן דאָנערשטיק, דעם 4טן נאָוועמבער, 9 אַזייגער אין דער פרי, פאַרקויפן אַלע איבערגעבליבענע זאַכן פון דעם פאַרשטאָרבענעם בענעדיקטוס דע ספּינאָזאַ, אַלזאָ:

ביכער, מאַנוסקריפּטע, לאַרנעטן, פאַרגרעסער־גלעזער, געשליפענע גלעזער און פאַרשיידענע כלים צו שלייפן, אויך מילשטיינער, גרויסע און קליינע, מעטאַלענע שיסלען א. א. וו."

צו דעם אויסשטייג זיינען געקומען אַ סך מענטשן. דעם בעסטן פּרייז האָבן באַקומען ספּינאָזאַ'ס ביכער. די מאַנוסקריפּטן האָט מען ניט ליציטירט, ווייל זיי האָבן זיך געפונען אין אַמסטערדאַם ביי ריאַווערטש'ן און זיינען בכלל ניט געווען באַשטימט פאַר'ן פאַרקויף.

אין סך הכל האָט דער אויסשטייג אַריינגעבראַכט 430 גולדן מיט 13 שטיבער; פון וואָס עס איז געבליבן נאָר 392 גולדן, ווייל מען האָט געמוזט באַצאָלן די קאָסטן פון דער ליציטאַציע.

רבקה דע ספּינאָזאַ האָט תיכף אַרויפגעלייגט אַן אַרעסט אויף די סומע, מיינענדיק אַז דאָס איז די „ריינע" ירושה. ווען זי האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז די סומע איז באַשטימט פאַר צאָלן די חובות און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די שוועסטער וועט אפשר מוזן עפּעס דערלייגן כדי ניט פאַרשעמען דעם ברודער, פון וועלכן מען האָט זיך ביים לעבן אָפּגעזאָגט, און נאָכ'ן טויט פון „אחר" איז מען געקומען נאָך זיין געלט, האָט זי שוין חרטה געקראָגן אויף דעם גאַנצן ענין און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ירושה בכלל.

אָבער די פריינט זיינע, די אמת'ע איבערגעגעבענע תלמידים און חסידים זיינע, האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון יענער ירושה וועגן וועלכער רבקה דע ספּינאָזאַ האָט מסתמא ניט געוואוסט, ניט געוואָלט וויסן און אפילו ניט פאַרשטאַנען צו מען דאַרף וויסן: דאָס איז די גייסטיקע ירושה.

עס זיינען געבליבן כתבים, וואָס מען האָט באַדאַרפט אַרויסגעבן. קיין געלט אויף הוצאות איז ניט געווען. די ליציטאַציע האָט קוים געדעקט די סומע, וואָס איז געווען נויטיק אויף באַצאָלן די ווייכטיקסטע חובות. יאַן ריאַווערטש האָט לכתחילה ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס ווייזט זיך אויס, אַז ער האָט אין אָנפאַנג ניט געהאַט בדעה אַרויסגעבן די שריפטן. דער גוט אינפאָרמירטער דאָקטאָר שולער וואָס האָט פאַרמאַכט אויף אייביק די אויגן פון פילאָזאָף, האָט געשריבן צו לייבניצן, אַז דער

מאַנוסקריפּט פון דער „עטיק“, געפינט זיך ביי אַ פריינט, ד. ה. ביי ריאַוווערטש'ן און מען קען אים אָפּקויפן פאַר 150 גולדן.

מען דאַרף וויסן, אַז בעת לייבניץ האָט באַזוכט ספּינאָזאַ'ן אין האַג, האָט ער ביי אים געזען דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט. לייבניץ איז ניט געווען איינשטימיק מיט ספּינאָזאַ'ן אין אַ סך פּונקטן — אָבער ער האָט פאַרשטאַנען אַז זיינס אַ ווערק האָט אַ באַדייט און מען דאַרף דאָס רעספּעקטירן. ער איז געווען דאַמאָלסט אַ ביבליאָטעקאַר ביים פירשט אין האַנאָווער און פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סומע פאַר'ן כתב יד האָט געקענט אריינקומען ניט פון לייבניצ'ן גופא, נאָר פון פירשט.

אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז דער געדאַנק וועגן פאַרקויפן דעם כתב יד פון דער „עטיק“ אַרויסגעשוואומען אין דער מינוט פון הילפלאָזיגקייט, ווען די פריינט פון ספּינאָזאַ'ן האָבן נאָך ניט געקענט אפילו אַ קלער טאָן וואָס צו טאָן מיט דער ירושה. אַזוי ווי שולער האָט זיך אויך געפונען צווישן דער גרופּע פריינט, האָט ער באַלד זיך צונויפגעשריבן מיט לייבניצ'ן און אים אינפאָרמירט וועגן דעם.

אָבער אינצווישן האָבן די פריינט פון דעם פאַרשטאָרבענעם געהאַט אַ באַראַטונג און באַשלאָסן אַרויסגעבן די עטיק מיט די אַנדערע כתבים; דער גאַנצער פּלאַן פון פאַרקויפן דעם כתב־יד איז אַזוי אַרום אויפגעגעבן געוואָרן.

דעם 29טן מאַרט 1677 האָט שולער אין אַ בריוו צו לייבניצ'ן געשריבן, אַז פון דעם פּלאַן פון פאַרקויפן דעם מאַנוסקריפּט וועט גאָרנישט ניט ווערן, ווייל מען איז געקומען צום באַשלוס אַרויסגעבן ניט נאָר די עטיק, „נאָר אויך אַלע ניט פאַרענדיקטע כתבים פאַר'ן אַלגעמיינעם נוצן“, און דורך דרוקן מאַכן די ווערק פאַר דאָס „אייגנטום פון דער מענטשהייט“.

„איך פאַרטרוי אייך די דאָזיקע נייס, — שרייבט ווייטער דאָקטאָר שולער — און איך צווייפל ניט, אַז איר וועט עס האַלטן בסוד פאַר יעדערן, אפילו פאַר אייערע פריינט — **כדי אונזער פּלאַן זאָל ניט צושטערט ווערן**“.

דאַן אינפאָרמירט ער לייבניצ'ן, אַז דער גרעסטער טייל פון ספּינאָזאַ'ס מאַנוסקריפּטן געפינט זיך ביי אים.

שולער האָט געהאַט ביי זיך: 1) דעם טראַקטאַט איבער דער פאַרבעסערונג פון פאַרשטאַנד. 2) וועגן סאַלפּעטער. 3) דעם פּאָליטישן טראַקטאַט, און אַ רייע בריוו.

ווען עס איז געקומען צו טראַכטן וועגן די נויטיקע הוצאות אויף אַרויסגעבן די ווערק, האָבן די פריינט ביישטייערט אויף אַזאַ אופן, אַז יעדערער פון די פּראָפעסיאָנעלע מענטשן, ד. ה. די דאָקטוירים, האָט גענומען אויף זיך צו דעקן די קאָסטן פון פאַרשידענע ווערק.

אַזוי האָט דר. לודוויג מעיער גענומען אויף זיך די הוצאות פון דער עטיק, דר. בוימעסטער פון דער העברעאישער גראַמאַטיק און דר. שולער, פון אַנדערע ווערק.

אַזוי ווי מען האָט באַשלאָסן אויך אַרויסגעבן די בריוו, האָט מען זיי זייער שטאַרק רעדאַגירט. מען האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע פּערזענלאַכע עלעמענטן, אויסגעשטראָכן דעם נאָמען פון אַדרעסאַט (ד. ה. ספּינאָזאַ'ס). ביי די בריוו פון די נאָך לעבעדיקע האָט מען פאַרביטן די פולע נעמען אויף ראשי־תובות.

נאָר די בריוו פון די געגנער האָט מען אָפּגעדרוקט מיט די פולע נעמען. ווי: בלייענבערג, בורג און אַנדערע.

יאן הענדריקס דע גלאַזעמאַקער איז באַאויפטראַגט געוואָרן איבערצוזעצן די ווערק אין האָלענדיש.

דער געטרייסטער תלמיד יאריג יעלעס האָט אָנגעשריבן אויף האָלענדיש אַ הקדמה צו די איבערגעבליבענע כתבים אין וועלכער ער האָט געגעבן אַ פּאָר זייער וויכטיקע ביאָגראַפישע שטריכן. דאָקטאָר מעייער און אפשר גלאַזעמאַקער האָט די דאָזיקע הקדמה איבערגעזעצט אין לאַטיין, ווייל יעלעס האָט אַ חוץ האָלענדיש קיין שום שפּראַך ניט געקענט. ריאָווערטש האָט געמאַכט אַ גראַווויור פון ספּינאָזאַ'ן, צו וועלכן דאָקטאָר בוימעסטער האָט צוגעשריבן אַ לאַטיינישן שיר.

דער שיר לייענט זיך אַזוי אין אַ פרייער איבערזעצונג:

„דער, וואָס האָט דורכגעדרונגען די נאַטור, גאָט און דעם סדר פון אַלזיין:

„ספּינאָזאַ, דאַרף באַקוקט ווערן פון דעם דאָזיקן בילד.
„נאָר צוויקסיסעם מייסטער־פּינדזל וואָלט געקענט מאָלן זיין פּנים
„אָבער אפילו זיין קראַפט איז ניט אימשטאַנד אָפּצושפּיגלען זיין
גייסט.
„ער אַנטפּלעקט זיין מאַכט אין די ספרים, די העכסטע ענינים
באַרירט
„ווער עס וויל דערקענען דעם גייסט, זאָל לייענען זיינע ווערק״.

די אַרבעט גייט אָן שטיל און לאַנגזאַם. אַרום האָט געלויערט די סטאַדע פון שונאים, וואָס האָט געקענט זייער לייכט צושטערן דעם גאַנצן פּלאַן. ניט אומזיסט האָט דאָקטאָר שולער געבעטן לייבניצ׳ן זיין דיסקרעט מיט די ידיעות: ער האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע אין האָלאַנד.

צו יענער צייט האָט זיך די קירכלאַכע רעאַקציע אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז אַרויסטרעטן אָפן מיט ספּינאָזאַ׳ס ווערק וואָלט געווען אַ געפאַר. אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערן קאָנספּיראַטיוו. כדי ניט קאָמפּראָמיטירן די מענטשן, וואָס האָבן ווען עס איז געהאַט צו טאָן מיט׳ן „כופר״ — האָט מען אויסגעמעקט זייערע נעמען פון די בריוו. דאָס גאַנצע בוך האָט געמוזט אַרויסגעגעבן ווערן אַנאָנים. אפילו דאָס אָרט פון דרוקן האָט מען ניט געטאָרט דערמאָנען.

אין יוני 1677 זיינען שוין ספּינאָזאַ׳ס כתבים געווען אין דרוק. זיי האָבן געזאָלט גלייכצייטיק דערשיינען אין צוויי שפּראַכן: אין האָלענדיש און אין לאַטיין.

די האָלענדישע אויסגאַבע איז אָבער צושטאַנד ניט געקומען.

סוף אָקטאָבער 1677 איז אָבער שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק די לאַטיינישע אויסגאַבע פון ספּינאָזאַ׳ס כתבים.

דער באַנד האָט אַנטהאַלטן פאָלגנדע ווערק: 1) די עטיק. 2) דער פּאָליטישער טראַקטאַט (געבליבן ניט פאַרענדיקט). 3) טראַקטאַט וועגן פאַרבעסערן דעם שכל. 4) בריוו צו און פון ספּינאָזאַ׳ן, און 5) אַ קאָמפּענדיום פון אַ גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך. דאָס בוך האָט געהאַט 726 זייטן, קוואַרטאָ פאָרמאַט.

„די שריפטן, וואָס דאָס בוך אנטהאַלט — האָט געשריבן אין דער הקדמה י אַ ר י ג י ע ל ע ס , זיינען מערסטנטייל נישט פאַרענדיקט און מען וועט באַדויערן, וואָס דער מחבר האָט זיי נאָכאַמאָל נישט איבערגעקוקט, דורכגעזען און אויך פאַרבעסערט. נישט קוקנדיק דאַרויף האָט מען געהאַלטן פאַר ראַטזאַם זיי צו פאַרעפנטלאַכן, ווייל די געלערנטע וועלט וועט פון זיי שעפּן נישט קיין קליינעם נוצן און אַ לעזער, וואָס איז גלייכצייטיק אַ פילאָזאָף וועט זיין וויסן פון זיי פאַרגרעסערן".

דאַן ווערט דערציילט אין קורצן ספינאָזאַ'ס ביאָגראַפיע — און מאָטיווירט פאַרוואָס ווערט דעם מחבר'ס נאָמען ניט דער־מאָנט.

„דער נאָמען פונ'ם מחבר סיי אויפ'ן שער בלאַט און סיי אויפ'ן בוך גופא, ווי אויך אומעטום, איז באַצייכנט נאָר מיט די ראשי־תיבות. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט אויסדריקלאַך פאַרלאַנגט אַז זיין נאָמען זאָל ניט פיגורירן אויף דער „עטיק", וואָס ער האָט נאָך ביים לעבן צוגעגרייט צום דרוק. פאַרוואָס האָט ער דאָס אָבער פאַרבאָטן, שיינט צו זיין באַ־גרינדעט נאָר דערמיט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז זיין לע־רע זאָל טראָגן זיין נאָמען".

און צום סוף ווערט אַזוי געזאָגט:

„די אַלע, וואָס האָבן אויפריכטיק ליב דעם אמת און שטרעבן צו אַ גרינטלאַכער און זיכערער דערקענטעניש פון זאַכן — וועלן אָן ספק, פילן דעם טיפסטן צער, צוליב דעם, וואָס די שריפטן פון אונזער פילאָזאָף זיינען מערסטנטייל נישט פאַרענדיקט גע־וואָרן. עס איז באַמת צו באַדויערן אַז דער טויט האָט אַזוי שנעל צוגענומען דעם, וואָס איז שוין אַזוי ווייט אַוועק מיט זיין אויס־פאָרשן דעם אמת און האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גרייטקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט. דער צער איז נאָך גרעסער, ווייל מען וואָלט געקענט פון אים דערוואַרטן נישט נאָר די פאַרענדיקונג פון זיינע כתבים אַליין, נאָר אויך אַ גאַנצע פילאָזאָפיע אויף וואָס ער איז מרמז אין פאַרשיידענע פלעצער פון דער „אָפּהאַנדלונג איבער'ן פאַרבעסערן דעם שכל..."

אויפ'ן שער־בלאַט האָט י אַ ן ר י אָ ו ו ע ר ט ש זיין

נאָמען ניט געגעבן. מען האָט אים צו גוט געקענט אין די גע־היימע קאָנצעלאַריעס פון די קירכנראַטן און דעריבער האָט ער נישט געוואָלט שטערן דעם בוך — און אפשר אויך זיך אליין.

אזוי שנעל ווי עס זיינען דערשינען די איבערגעבליבענע כתבים פון ברוך דע ספּינאָזאַ — האָט זיך פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַטאַקע געגן זיי.

יאָאַן געאָרג גרעוויוס, דער אוטרעכטער פּראָ־פעסאָר האָט וועגן די דאָזיקע שריפטן אזוי געשריבן:

„אין האָלאַנד איז דערשינען גאָר אַן אַפּיקורסיש ספר; ספּי־נאָזאַ'ס לערע איבער זיטן און זעל מיט נאָך אַנדערע איבערגעבלי־בענע ווערק פול מיט געמיינהייט און גאָטלאָזיגקייט; ער איז באמת ווערט צוריק אריינגעוואָרפן ווערן אין די פינסטערנישן פון גהינום — פון וואַנעט ער איז געקומען אויף די ליכטיקע וועלט, צו שאַנד און צו שפּאָט פון דער מענטשהייט. די ערד האָט אין משך פון לאַנגע דורות נישט געזען אזאַ פאַרדאָרבן פאַרזעע־ניש. מיט שאַרפזיניקע ראיות וויל ער אויפטרייסלען אין דער גאַנצער וועלט דעם אַלגעמיינעם גלויבן אין גאָט און אין די אומ־שטערבלאַכקייט פון דער נשמה, און אים אויסוואָרצלען פון די מענטשלאַכע הערצער. געטער! נעמט אַוועק די דאָזיקע מגפה פון דער ערד!"

נאָך דעם דאָזיקן שאַרפן אַטעסטאַט פון אַ „פּראָפעסאָר" — זיינען געקומען די קירכנראַטן און האָבן באַשלאָסן צו פאַרבאָטן דאָס לייענען פון ספּינאָזאַ'ס ירושה.

דעם 4טן פעברואַר 1678 איז דער ליידנדער קירכנראַט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט'ן אינהאַלט פון די איבערגעבלי־בענע כתבים — געקומען צום שלום, אַז דאָס בוך „רופט אַרויס אַ גרויל". מען האָט געלייענט פאַרשיידענע אויסצוגן פון דעם ספר און באַשלאָסן צו ווירקן, אַז דאָס „שעדלאַכע און גיפטיקע בוך, זאָל ווי וויים מעגלאַך ווערן אונטערדריקט".

דעם 6טן יוני 1678 האָט דער ליידענער קוראַטאָר און בירגער־מייסטער אָנגענומען אַ באַשלוס דאָס ווערק צו פאַרברענען.

ענדלאַך האָט מען דעם ציל דערגרייכט.

דעם 25טן יוני 1678 האָבן די שטאַטן פון האָלאַנד און מערב־

פריזלאַנד אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וועגן אַן ענטגילטיקן פאַר־באָט פון ספינאָזאַ׳ס ירושה.

דאַמאָלסט האָט זיך אויף די גאַסן פון די האָלענדישע שטעט און שטעטלאַך באַוויזן פאָלגנדע מעלדונג: *)

פ ל אַ ק אַ ט

„די שטאַטן פון האָלאַנד און מערב־פריזלאַנד שיקן אַ גרוס צו די אַלע, וואָס וועלן דעם פּלאַקאַט זען אָדער הערן פאָרלייענען. מיר טוען צו וויסן, אַז מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן אַ געוויסן בוך אונטער׳ן נאָמען: ב. ד. ס. איבערגעבליבענע ווערק און, אַז מיר האָבן זיך איבערגעציינט, אַז דאָס בוך אַנטהאַלט זייער אַ סך אַפּיקורסישע, קעטצערישע און גאָטלאָזע מיינונגען. דורך דעם בוך קען אַראָפּגעפירט ווערן פון דעם איינציקן און אמת׳ן וועג פון ישועה נישט נאָר דער פּשוט׳ער לייענער אַליין, נאָר עס ווערט אויך חרוב די לערע פון קריסטוס׳ס מענטשווערן און תחית־המתים אויפשטיין, ווי אויך פאַרשיידענע אַנדערע זייער וועזנטלאַכע עיקרים פון דער אַלגעמיינער קריסטלאַכער אמונה. חוץ דעם האָט דער מחבר איגנאָרירט און באַזייטיקט דעם אויטאָריטעט פון נסים, אַ דאַנק וואָס, האָט גאָט דער אַלמעכטיקער, געוואָלט באַווייזן זיין מאַכט און געטלאַך כח צו באַפעסטיקן דעם קריסטלאַכן גלויבן. ער טוט עס אויף אַזאַ אופן, אַז ער וויל דעם לעזער אַריינטענען אַז דער אמת פון דער געטלאַכער אַנטפּלעקונג מוז זיין באַפעסטיקט נישט דורך נסים, נאָר דורך דער ווייזהייט פון דער לערע גופא. (נסים רופט ער אָן עם הארצות און איר קוואַל איז — רשעות!). און ער טענה׳ט — אַז ווען מען איז נישט בכח אויסטייטשן עפּעס דורך נאַטירלאַכע סיבות — דאַמאָלסט שטופּט מען אַריין דעם גלויבן און דעם פּועל־יוצא דערפון — די נסים. ער נעמט דערביי אָן, אַז ווען מענטשן הרינגען נישט אַריין אַזוי טיף ווי געהעריק אין די געזעצן פון דער נאַטור — דאַמאָלסט איז פאַרשטענדלאַך אַז געוויסע דערשיינונגען שטעלן זיי זיך פאָר ווי נסים“.

„חוץ דעם האָט דער מחבר זיך באַנוצט מיט פילע און פאַר־

---

*) פרייע איבערזעצונג פון האָלענדיש.

שיידענע מעטאָדן פון ברענגען ראיות, וואָס זיינען אין אַ סתירה מיט דער מסורה פון די הייליקע ספרים און די עיקרים פון ישוע — ווי דאָס ווערט געלערנט אין די עפנטלאַכע קירכן. און דאָס אַלץ (האָט ער געטאָן) כדי צו באַשיצן זיינע שוין פריער דערמאָנטע באַהויפּטונגען, פיינטלאַכע פאַר דער רעליגיע און אין תוך גאָט־לאָזע".

„אַזוי ווי מיר קוקן מיט דער העכסטער אומצופרידנהייט אויפן דרוקן, פאַרקויפן און פאַרשפּרייטן פון דעם דערמאָנטן בוך — דעריבער האָבן מיר אַנערקענט פאַר פּאַסיק צו ערקלערן אַז דאָס בוך איז אַפּיקורסיש, גאָטלאָז און קעטצעריש".

„מיר טוען דאָס איצט און דערמיט פאַרווערן מיר דאָס בוך צו פאַרשפּרייטן, צו דרוקן, צו פאַרקויפן און צו איבערדרוקן — ווי אויך, עס איבערזעצן אונטער דער גרעסטער שטראָף".

„אויך דאַרף מען אין די דאָזיקע לענדער דאָס דערמאָנטע בוך מיט אַלע כוחות אונטערדריקן און זען ביי יעדער געלעגנהייט אַז דער פּשוטער בירגער זאָל נישט ווערן פאַרפירט פון אַזוינע גאָט־לאָזע תורות און נישט אָראָפּגעפירט ווערן פון דעם וועג פון אמתן גלויבן. און כדי קיינער זאָל נישט קענען זיך באַשיצן מיט׳ן תירוץ פון אומוויסנהייט — דעריבער באַפוילן מיר, אַז אין אַלע פּלעצער זאָל דער פּלאַקאַט זיין באַקאַנט און אויסגעהאַנגען, דאָרט וואו עס קומט און זאָל האָבן די פּעולה, וואָס געוויינטלאַך האָבן אויפרופן אין ענלאַכע ענינים".

געגעבן אין האַג דעם 25טן יוני, 1678.

אין אַ יאָר שפּעטער האָט דער פּויפּסט פאַרגרעסערט זיין רשימה פון פאַרבאָטענע ספרים מיט ספּינאָזאַ׳ס „טעאָלאָגיש־פּאָלי־טישן טראַקטאַט" און אין 1690, אויך מיט די איבערגעבליבענע ספרים.

די דאָזיקע הזהרה איז נישט געווען קיין פּלאַטאָנישע. מיט אַ התמחה, וואָס האָט פאַרדינט אַ בעסערן תכלית האָט מען גע־נישטערט, געזוכט און גערודפט ספּינאָזאַ׳ס ירושה, איר לייענער, פאַרקויפער, דרוקער און פאַרלעגער.

אין 1697 איז דער אַמסטערדאַמער בוכהענדלער אַ. וואָלפּס־גרין פאַר'משפּט געוואָרן צו באַצאָלן דריי טויזנט גילדן שטראָף און אָפּזיצן אַכט יאָר אין תּפיסה פאַר אָפּדרוקן אַ פּריינט־לאַך ווערק איבער ספּינאָזאַ'ן.

אין 83 יאָר נאָכ'ן דערשיינען פון די איבערגעבליבענע כּתבים, אין 1761 האָט אַן אַמסטערדאַמער מוכר־ספרים באַצאָלט דריי הונ־דערט גולדן פאַר פאַרקויפן ספּינאָזאַ'ס ווערק.

דאָס בוך איז געוואָרן מיט דער צייט אַ גרויסע זעלטנהייט; עס איז געווען ממש אַ געפאַר עס צו האָבן אין שטוב.

האָט מען געוואָלט צוזאַמען מיט דער געדרוקטער ירושה פון ספּינאָזאַ — אויך אויסראָטן זיין נאָמען.

די וועלט האָט אים באַהאַנדלט ווי „אַ געפּגר'טן הונט“ — ווי לעסינג האָט זיך אויסגעדריקט.

עס האָט געמוזט איבערגיין צוויי הונדערט יאָר ביז ספּינאָזאַ'ס ירושה, וואָס די פריינט זיינע און חסידים האָבן מיט אַזוי פיל מסירת הנפש אָפּגעראַטעוועט — אַז דאָס פאַרבאָטענע און גע־רודפ'טע זאָל ווערן דער שטאָלצער אוצר פון דער מענטשהייט.

ער האָט באמת געזיגט נאָכ'ן טויט!

מאלעדיקטום און בענעדיקטום

(נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע מיינונגען וועגן ספּינאָזאַ)

(אַן אויסוואַל)

ד א נ י א ל מ א ר ה א ף (ליטעראַטור־היסטאָריקער, אין זיין בוך „פּאָליהיסטאָר“, 1688):

„קען דען זיין עפּעס מער פאַרדאַרבנדעס — ווי די ביכער פון בענעדיקט ספּינאָזאַ? און דאָך באַזיגן זיי אַלעמען אין זייער טריומפאַלן מאַרש!“

י א ה א ן י א ק אָ ב ש ו ד (אין זיינע „אידישע מערקווירדיקייטן. פראַנקפורט, 1717):

„ספּינאָזאַ איז „דורך די צו גרויסע פרייהייט פון גריבלען זיך אין פילאָזאָפישע פראַגן אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון שענדלאַכן אַטעאיזם“.

י אַ ק אָ ב ב ר ו ק ע ר (אין זיינע „קורצע פראַגעם אויס דער פילאָזאָפישער היסטאָריע“ א ו ל ם, 1736):

„(ספּינאָזאַ) האָט זיך געמאַכט אַזאַ אָפּשרעקנדן נאָמען, אַז ער ווערט אַנערקענט פאַר'ן פּאַטריאַרך פון אַלע אַטעאיסטן, און אַן אַטעאיסט און אַ ספּינאָזיסט מיינט איינס און דאָס זעלבע“.

פ ר י ד ר י ך ד ע ר ג ר ו י ס ע ר (אין זיין: „אַנטי־מאַקיאַוועל“, 1740):

„ספּינאָזאַ האָט אונטערגעבראָכן דעם פונדאַמענט פון גלויבן און האָט געפּרואווט אַרונטערוואַרפן דעם בנין פון רעליגיע“.

ו ו אָ ל ט ע ר (1694-1778):

„מען מוז זיין אַטעאיזם אָפּוואַרפן, אָבער צו דעם דאַרף מען ניט אויסטראַכטן קיין ליגנס וועגן זיין פּערזאָן. קיין מענטש איז נישט געווען אַזוי וויט אין יעדן הינזיכט פון גאווה'דיקער כבוד־

זובעריי, ווי ער, דאָס מוז מען אָפּן צוגעבן; לאָמיר אים נישט פאַרלוימדן, בעת מיר פאַרדאַמען אים".

משה מענדעלסאָן (1729-1789):

„איינס איז אַלץ: אָדער נאָך מער, ווי ער (ספּינאָזאַ) זאָגט: דער אַלגעמיינער תוך־באַגריף פון זייער אַ סך ענדלאַכע קערפּערס און אַ סך אומענדלאַכע געדאַנקען — שאַפן איין איינציקס אומענדלאַך אַלץ, אומענדלאַך אין שטח און אומענדלאַך אין דענקען; אַלץ איז איינס.

„מען האָט מיט רעכט באַוואונדערט דעם שאַרפזין, מיט וועלכן ער פירט אַרויס די גרונדאידעיען פון זיין סיסטעם און פאַרבינדט אים ביז די קלענסטע דעטאַלן מיט געאָמעטרישער פעסטיקייט".

פרידריך היינריך יאַקאָבי (1743-1819):

(מענדעלסאָנ'ס אַ מיטצייטלער און דעבאַטאַנט איבער ספּינאָזיזם):

„און דו זיי מיר געבענטשט, אַ הייליקער בענעדיקטוס! ווי דו האָסט פילאָזאָפירט איבער דער נאַטור פון דעם העכסטן וועזן און אפשר אויך זיך טועה געווען אין ווערטער — אָבער: איר אמת איז געווען אין דיין נשמה און איר ליבע איז געווען דיין לעבן!"

געאָרג קריסטאָף ליכטענבערג (געשטאָרבן אין 1799):

„אויב די וועלט וועט נאָך שטיין אַן אומצאָלבאַרע צאָל מיט יאָרן — דאַמאָלסט וועט דער געלייטערטער ספּינאָזיזם ווערן די וועלט־רעליגיע. דער שכל, אויף וועלכן מען דאַרף זיך פאַרלאָזן פירט אונז אַרויס דוקא אין דער ריכטונג און ניט אַנדערש — און עס איז אוממעגלאַך — אַז ער זאָל אונז ערגיץ אַנדערש פאַרפירן!"

יאָהאַן גאָטפריד הערדער (1744-1803):

„זי (די ליבע) איז דער העכסטער שכל — פונקט ווי דער ריינסטער, געטלאַכסטער ווילן: ווען מיר ווילן דאָס נישט גלויבן דעם הייליקן יוחנן — דאַן זאָלן מיר גלויבן ספּינאָזאַ'ן, וועלכער איז געווען, אָן ספק, אַ סך געטלאַכער און וועמענס פילאָזאָפיע און מאָראַל באַוועגן זיך אינגאַנצן אַרום דער אַקס (פון ליבע)".

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע: (1749-1832):

„איך לייען ספּינאָזאַ'ס עטיק... איך פיל אַז ער איז מיר

זייער נאָענט — הגם זיין גייסט איז אַ סך טיפער און ריינער פון מיינעם".

„אין ספּינאָזאַ'ס עטיק האָב איך געפונען אַ באַרואיקונג פאַר מיינע ליידנשאַפטן: עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער האָט מיר געגעבן אַ גרויסן און פרייען בליק איבער דער וועלט פון חושים און מידות. די געשטאַלט פון דער דאָזיקער וועלט פאַרגייט; איך וואָלט געוואָלט זיך נאָר מיט דעם באַשעפטיקן, וואָס האָט צו דויערנדן צוזאַמענהאַנג און אין הסכם מיט דער לערע פון ספּינאָזאַ זיך פאַרשאַפן די אייביקייט פאַר מיין גייסט".

פ ר י ד ר י ך ש ל י י ע ר מ א כ ע ר (1798-1834):

„... ער (ספּינאָזאַ) איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם הויכן וועלט-גייסט; דאָס אומענדלאַכע איז געווען זיין אָנפאַנג און סוף, דער אוניווערסום זיין איינציקע און אייביקע ליבע; אין הייליקער אומשולד און טיפער עניות האָט ער זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער אייביקער וועלט און האָט געזען, אַז ער איז אויך איר באַליבטסטער שפּיגל; ער איז געווען פול מיט רעליגיע און פול מיט'ן רוח הקדש און דערפאַר שטייט ער אויך איינער אַליין און אומדערגרייכבאַר, אַ מייסטער אין זיין קונסט, הערהויבן איבער די פּראָפאַנע חברותא, אָן תלמידים און אָן בירגער-רעכט".

פ ר י ד ר י ך ש ל ע ג ל (1772-1829):

„איך קען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי קען מען זיין אַ דיכטער און נישט פאַרערלאַכן ספּינאָזאַ'ן, ניט ליבן אים און אינגאַנצן ניט ווערן זיינער אַן אָנהענגער".

„...אין ספּינאָזאַ'ן געפינט מען דעם אָנפאַנג און דעם סוף פון דער פאַנטאַזיע... ער וועט אייך געבן אַ טיפן בליק אין די אינטימסטע ווארשטאַטן פון פּאָעזיע — פון דעם זעלבן מין וואָס ספּינאָזאַ'ס פאַנטאַזיע, איז אויך זיין געפיל..."

ר ח ל וו א ר נ ה א ג ן (רחל לעווין) (1777-1833):

„ספּינאָזאַ געפעלט מיר זייער; ער דענקט זייער ערלאַך: דערגייט ביז צום טיפסטן אַבסאָלוט און דריקט עס אויס; אויך פאַרמאָגט ער אַ שיינעם כאַראַקטער פון אַ דענקער: אומפאַרזוענ-לאַך, מילד, שטיל; איינגעטאָן אין די טיפעניש און פון די טי-

פּענישן געשיקט (צו אונז)... איך האָב אים זייער ליב, דעם דאָ־זיקן מאַן"...

יאָהאַן גאָטליב פּיכטע (1762-1814):

„ספינאָזא קאָן נישט זיין איבערצייגט (אַז ער איז גערעכט); ער האָט געקענט נאָר דענקען זיין פּילאָזאָפיע — אָבער נית גלויבן — ווייל זי איז געשטאַנען אין דער דירעקטער סתירה מיט זיינע נויטוועגדיגסטע איבערצייגונגען אין לעבן, אַ דאַנק וואָס, ער האָט זיך געמוזט שטענדיק האַלטן פאַר אַ פרייען און זעלבסטשטענדיקן מענש".

„...ספינאָזא איז געווען ביים אריינגאַנג (צו דער פּילאָזאָ־פיע). אָבער ער האָט נישט געקענט אַהין אַריינגיין".

פרידריך שעלינג (1775-1854):

„וועגן אים (ד. ה. ספינאָזא'ן) קען מען אייגנטלאַך זאָגן: „ער האָט געלעבט אין זיין סיסטעם".

„...דעקאַרט און ספינאָזא! נור יחידים האָבן איך פאַרשטאַ־נען, און נאָך ווינציקערע האָבן איך געוואָלט פאַרשטיין".

געאָרג ווילהעלם העגעל (1770-1831):

„ספינאָזא איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער מאָדערנער פּילאָזאָפיע; אָדער ספינאָזיזם, אָדער קיין שום פּילאָזאָפיע".

גאָטהאָלד אפרים לעסינג (1729-1781):

„... די מענטשן רעדן תמיד וועגן ספינאָזא'ן — ווי וועגן אַ גע־פּגר'טן הונט"...

„... עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדערע פּילאָזאָפיע, אַ חוץ דער פּילאָזאָפיע פון ספינאָזא".

יאָהאַן פרידריך הערבאַרט (1776-1841):

„ספינאָזא איז דער שטרענגסטער פאַטאַליסט".

„די עטיק פון ספינאָזא — איז אָפּן גערעדט — נידעריקער פון יעדער קריטיק".

אַרטור שאָפּענהויער (1788-1860):

„...צום סוף פון 16טן און אָנפאַנג פון 17טן יאָרהונדערט האָבן געלעבט צוויי מענטשן אין וועלכע עס האָט, אָן ספק, געלעבט אַ סך אַ גרעסערער פּילאָזאָפישער טיפזין, ערנסט און כח — ווי אין אַלע אַנדערע (פון זיין צייט, ד. ה. בייקאָן, האָבס, לאָק, יום, דע־

קארט, לייבניץ א. א.), דאָס זיינען דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ און בע־
נעדיקטוס ספּינאָזאָ."

„זיי געהערן נישט צו זייער יאָרהונדערט — לויט דעם, ווי
מען האָט זיי מקבל געווען. איינעם האָט מען באַלוינט מיט'ן טויט
און דעם אַנדערן מיט רדיפות און זלזולים און זיי זיינען שטענדיק
געבליבן פרעמד (די מענטשן פון דער צייט)... די צייט איז נישט
געווען רייף פאַר זיי; איצט אַ סך שפּעטער, אין 19טן יאָרהונדערט
האָט מען זיי אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד".

לודוויג פעיערבאַך (1804-1872):

„וואָס ספּינאָזאַ זאָגט איבער די תאוה, די פאַרלאַנגען, דעם
טרייב־כח, און הויפּטזעכלאַך וועגן דעם שכל און דער דערקענט־
ניש — דאָס געהערט אָן ספק צו די טיפסטע און דערהויבנסטע,
צו די געדאַנקען און גייסטרייכסטע (ענינים) וואָס איז ווען עס
איז איבער די דאָזיקע פראַגן געזאָגט געוואָרן".

שמואל דוד לוצאַטאָ (שד"ל) (1800-1865):

„דער דאָזיקער פילאָזאָף, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרשאָלטן
אין אַלע לענדער האָט אין אונזער דור דערגרייכט אַזאַ באַרימט־
קייט, אַז אַלע זיינע כתבים, וואָס זיינען ביז איצט געווען פאַר־
באָטן זיינען איצט אויפסניי אָפּגעדרוקט געוואָרן און פאַרשפּרייט
אין אַלע לענדער און אפילו איבערגעזעצט אויף דייטש און אויף
פראַנצויזיש און דעם מחבר'ס נאָמען ווערט דערמאָנט צום לויב
און מיט אַ ברכה — אַזוי ווייט, אַז עס איז נישט לאַנג דער־
שינען אַן העברעאישע באַשרייבונג פון זיין לעבן — פול מיט
שבחים (פאַר ספּינאָזאָ'ן)".

„...מיר געפעלט נישט, וואָס דער ביאָגראַף האָט נישט דער־
ציילט זיינע לייענער, אַז דער דאָזיקער פילאָזאָף, וואָס האָט דאָך
געשטאַמט פון אידן, האָט זיך פון זיי דערווייטערט; האָט נישט
געלעבט מיט זיי און איז צווישן זיי נישט געשטאָרבן".

„... אָפּגעזען דערפון, דאָס ספּינאָזאָ'ס פילאָזאָפיע איז נישט
אָנצונעמען אפילו אין איר ריין טעאָרעטישן טייל, ווייל זי לערנט
אונז פאַרלייקענען גאָט — איז זי אָבער נאָך געפערלאַכער און שעד־
לאַבער צוליב איר פּראַקטישע אַנווענדונג — ווייל זי לערנט אונז

עגאָאיזם און איגננויע. ספינאָזא האָט בפירוש געשריבן אז ווער עס וויל לעבן אין הסכם מיט׳ן שכל, דער מוז זיך היטן פאַר יעדער רעגונג פון מיטלייד און רחמנות... גיב א קוק, מיין פריינט, וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז צווישן דער תורה פון ספינאָזא און דער תורה פון משה רבינו אָדער — פון אונזערע אַמאָליקע לערער ז״ל! און אויב ישראל איז ביז אונזער צייט געלויבט פאַר זיין מיטלייד און רחמנות — פאַרוואָס זאָלן מיר פלוצלינג אוועק־ווארפן דאָס בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן צוליב גאַרנישט און הערן און לויבן ספינאָזא׳ן, וואָס פּרעדיקט, אַז דער מענטש דאַרף זיך דערוויטערן פון רחמנות? ווער עס גיט אָפּ כבוד ספינאָזא׳ן און פאַרשפּרייט זיין תורה, דער באַגייט אַ פאַרברעכן לגבי דער מענטש־לאַכער געזעלשאַפט, וועמענס וואוילזיין און גליק באַשטייט אין דעם, אַז מענטשן נעמען אנטייל אין די ליידן פון זייערע נאָענטסטע און באַגייען זיך מיט רחמנות״.

היינריך היינע (1797-1856):

„די לערע פון ספינאָזא האָט זיך אנטבלויזט פון דעם מאַטע־מאַטישן מלבוש און פלאַטערט ארום אונז ווי געטע׳ס אַ ליד. דערפון נעמט זיך דער כעס פון אונזערע אָרטאָדאָקסן און פּיע־טיסטן קעגן געטע׳ס אַ ליד. מיט זייערע בערישע טאַצן טאַפּן זיי תמיד נאָך דעם דאָזיקן שמעטערלינג וואָס פליט שטענדיק פון זיי אוועק״.

„אַלע אונזערע היינטיקע פילאָזאָפן, זעען זיך דורך די ברילן, וואָס ברוך ספּינאָזא האָט געשליפן — אפשר אָפטמאָל ווייסן זיי נישט דערפון!״

משה העס (1812-1875):

„אדם, דער נאַטור־מענטש איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַלטער־טום; ישוע הנוצרי דער גאָטמענטש — דער פּראָטאָטיפּ פון מיטל־אַלטער; ספינאָזא, דער פּשוט׳ער מענטש, דער פּראָטאָטיפּ פון דער נייער צייט״.

פּיער דזשאָזעף פּרודאָן (1809-1865):

„...ווען דעקארט וואָלט נישט געטראַכט, וואָלט ספינאָזא נישט געשריבן. ווייל ספינאָזא׳ס סיסטעמע איז ניט קיין אַנדערשדיקע ווי דעקאַרט׳ס — נאָר אויסגעפּוצט, קאָרעגירט, בעסער פאַרבונדן,

פאַלשטענדיקער און קאָנסעקווענטער געמאכט פון אַ געני, וואָס ציינט ארויס אַן אויסערגעוויינטלאכן כח און אַן אומפאַרגלייכבאַרע אָריגינאַליטעט — נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס ער גייט אין
... עמדע **טריט**".

גוסטאַוו פלאָבער (1821-1880) (אין אַ בריוו צו זשאָרזש זאַן אין 1870):

„איך האָב געקענט ספינאָזאַ'ס עטיק, אָבער ניט זיין „טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט", וואָס האָט מיך איבעראשט, פאַרבלענדט, אריינגעבראַכט אין אַ באַוואונדערונג. גאָט אין הימל. איז דאָס אַ מענטש! איז דאָס אַ קאָפּ! זיין וויסן! זיין גייסט!"

פרידריך ניטשע (1844-1900):

„איך בין אינגאַנצן דערשטוינט, אינגאַנצן אַנטציקט! איך האָב אַ פאָרגענגער און נאָך וואָס פאַר איינעם! איך האָב לחלוטין ספינאָזאַ'ן נישט געקענט..."

„...אין פינף פונקטן פון זיין לערע האָב איך זיך נאָך אַמאָל געפונען. דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און איינזאַמסטער דענקער איז מיר גראָד אין די ענינים אם נאָענטסטן; ער לייקנט אָפּ די פרייהייט פון ווילן, די צוועקן, דעם מאָראַלישן סדר פון דער וועלט, דאָס אַלטרואיסטישע, דאָס שלעכטע... וואונדערלאַך!"

געאָרג בראַנדעס (1842-1927):

„ספינאָזאַ! אַ געוויסע וואַרימקייט צוגיסט זיך איבער'ן קערפּער, אַזוי אָפּט ווי מען דערמאָנט זיך וועגן אים און מען פאַרטיפט זיך אין אים. ווער עס האָט אים אין דער יוגנט געלייענט דער האָט זיין גייסט געטובלט אין אַ ברענענדיקן, לויטערנדן פייער. ספינאָזאַ איז דער קדוש פון דענקען, ווי שעלי — פון פּאָעזיע".

אָטאָ ווייניגער (1880-1903):

„ספינאָזאַ איז קיין גאון ניט געווען. עס איז ניט פאַראַן צווישן אַלע איינצלנע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע אזא אָרימער אין גערדאַנקען און פאַנטאַזיע פילאָזאָף (ווי ספינאָזאַ)".

הערמאַן קאָהען (1842-1918):

„די ביבל-פאָרשונג האָט באַוויזן, און דאָס איז אַלגעמיין אָנער-

קענט געוואָרן — אַז ספינאָזא האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן די אמת'ע שעפער פון אידנטום, פון די נביאים".

„... ספינאָזא איז פאַר די נייערע געשיכטע פון אידנטום אַ גרויסע שטערונג און דעריבער אַ גרויסער אומגליק (Nissgeschick) ווייל זייט לעסינג און הערדער האָבן אים שטאַרק אויפגעהויבן, נאָכדעם ווי די קריסטן פון אַלע פאַרטייען — נישט נאָר די האָג־מאַטישע פאַנאַטיקער, נאָר אפילו לייבניץ און טאמאזיוס האָבן זיך פון אים אָפּגעזאָגט — איז ער פאַר דער נייער צייט געוואָרן מיט זיין טראַקטאַט, דער אויטענטישער מקור פון ביבלישן און רבנישן אידנטום".

פ ר י ץ מ ו י ט נ ע ר (1840-1921):

„ספינאָזא וואָלט מיט זיין גאַנץ חריפות נישט געווען דאָס, וואָס ער איז געווען. ד. ה. דער גרעסטער און אָפּטימיסטישסטער דענקער, ווען ער וואָלט נישט געפלעגט די מיסטיק, די דאָזיקע בלויע בלום, וואָס איז דער לעצטער מקום מקלוט פון שמערצלאַכן דענ־קען".

ג ו ס ט א ו ו ל א נ ד ו י ע ר (1870-1919) : (ספינאָזא און שעקספּיר).

„...ביי ספינאָזא'ן איז פאַראַן אַן אַנאַליז פון פאַרשיידענע דערשיינונגס־פאָרמען פון קנעכטשאַפט — אַרויסגעבראַכט אומ־רחמנות'דיק שאַרף מיט זיין קאַלטער שפּראַך פון באַגריפן — אַזוי פאַלקאָם און ענטגילטיק — ווי שעקספּיר האָט עס אָנגעוואָרפן... אין זיינע דראַמען מיט אַ לעבעדיקער פּלאַסטישקייט".

ק אָ נ ס ט א נ ט י ן ב ר ו נ ע ר (דער גרעסטער מאָדער־נער ספינאָזיסטישער דענקער):

„משה, יעזוס, ספינאָזא — פון די אַלע דריי איז אָבער ספּי־נאָזא דער גרעסטער; דער העכסטער פון אַלע מענטשן איז ספּי־נאָזא; איך וואָלט געזאָגט: ער איז דער קיניג פון דער מענטש־הייט. ווען די מענטשהייט וואָלט זיך געלאָזט פון אים רעגירן און אין הסכם מיט'ן אמת משיג זיין אַז דער דאָזיקער ספינאָזא איז אַן איינמאָליקע און אַן איינאיינציקע דערשיינונג אין איר געשיכטע. משה און יעזוס זיינען די פענצטער פון דעם בית־המקדש, ספינאָזא איז אָבער די טיר — ווער עס גייט נישט אריין

דורך די דאזיקע טיר פון אייביקער פילאזאפיע, דער דערגרייכט נישט דאס אינערלאכע און קען נאר מטושטש פון דרויסן אהין אריינקוקן. ווער האט ליב די וואהרהייט — דער קען זי אינגאנצן ליבן אין ספינאזא׳ן. מען קען אפילו די וואַרהייט מער ליב האבן אפילו ווי פלאטא; אבער נישט מער ווי ספינאזא׳ן. איך באַטאן תמיד די שליחות פון ספינאזא׳ן און אז ער איז דער איינציקער פאלקאמענער פילאזאף; אלע אנדערע זעען אוים אין פארגלייך מיט אים ראמאנטיש און אומזיכער. ספינאזא׳ם עטיק איז אין יעדער שורה די דאזיקע קלאסישע פלאזאפישע עקספּליקאציע פון דעם איינהייטס געדאנק... דאס מעכטיקסטע קדושה ליד — אלע זאכן פון דער וועלט זענען די קלינגענדע סטרונעס לכבוד דעם אומגעהייערן ליד פון דער איינהייט".

„יעזוס, דער אידישסטער פון די אידן, א מלך פון די אידן און ערשט שפעטער פון די איבעריקע מענטשן; ספינאזא, דער אם ווינציקסטן אידישן איד, א קיניג פון אלע מענטשן און ערשט שפעטער אויך פון די אידן, אדער בעסער געזאגט — דער קיניג פון ווינציקע מענטשן — דערפאר אויך פון ווינציקע אידן"...

ק א ר ל ג ע ב ה א ר ד ט (דער גרעסטער מאדערנער פארשער פון ספינאזיזם).

„... ספינאזא האט דער ערשטער באגרינדעט דעם היסטארישן באוואוסטזיין אין א נאאיוו־אומהיסטארישן יארהונדערט. זיין לערע, אז יעדע גייסטיקע דערשיינונג איז באגרינדעט אין איר צייט, איז פארשטענדלאך אין שייכות מיט דער דאזיקער צייט און קען נאר דורך די דאזיקע צייט מאטיווירט ווערן — געהערט צו די הערלאכסטע געדאנקען. אזוי האט ער פארשטאנען די רעליגיעס אלס די אנטפלעקונג פון גאט׳ס געדאנק און דער וועלט אין די ראמען פון צייט. אזוי איז זיין קריטיק פון אידנטום געווען נים קיין דרויסנדיקער, נאר א אינערלאכער, וואס באשטרייט די נויטווענדיגקייט פון אידנטום באוויזן מיט די צייט באדינגונגען".

„... דער ספינאזיזם לייזט דעם פראבלעם פון אקטיוויטעט אין לעבן, ווי אויך אין דער פילאזאפיע. ספינאזא איז דאך אין דער נייער געשיכטע פון גייסט, דער ערשטער דענקער, וואס האט

געהאט מוט פאר א סיסטעמאטישע גאנצקייט — דאמאָלסט ווען בייקאָן און דעקארט האָבן זיך באנוגנט מיט טיילווייזע לייזונגען (פון פראָבלעמען)".

ס. נ. שטארקע (אין זיין בוך „ברוך דע ספינאָזא", קאָפּענהאגען, 1923).

„א טיף מענטשלאכע אויפפאסונג פון אלע פארהעלטענישן; א חיות'דיקע פרייד פון לעבן און ווירקן אויף דער רייכקייט און פרייהייט פון אלע פּאָזיטיווע כוחות; א ניט־באזיגטער ווידערווילן קעגן אומאָרדנונג און שקלאפעריי: דאָס איז ספינזאָא".

„מיט זיין גאנצן שטארקן פייגעם געפיל פאר גערעכטיקייט, איז ספינאָזא דער אידישער נביא אין א מאָדערנעם געשטאלט. אזא געפיל געפינט זיך אין א זייער גרויסער מאָס ביי די בעסטע רעפּרעזענטאנטן פונ'ם אידישן פאָלק".

די כראָנאָלאָגיע פון ספּינאָזאָס ווערק

1661-(?)1656 „דער קורצער טראַקטאַט" (tractatus brevis) געשריבן אין אָוועַרקערק און ריינסבורג.

1661. — פּלאַן פאַר דער ערשטער סיסטעמאַטישער אַרבעט אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן אין „קורצן טראַקטאַט".

1661. — „דער טראַקטאַט איבער פאַרבעסערן פון פאַרשטאַנד". — די הקדמה און די מעטאָדן-לערע. — אויסגעפירט אין ריינסבורג.

1665-1662. — אַנטשטייט אין ריינסבורג און אין וואָרבורג די עטיק אין איר עלטסטער רעדאַקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי חלקים : 1663 — צוערשט דער צווייטער חלק פון די פּרינציפּן פון דער קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפיע און די „מעטאַפיזישע געדאַנקען (cogitata metaphysica) דיקטירט אין ריינסבורג צו קאַזעאַריוס'ן.

1663 (1 מאַי) — ערשטער חלק פון די פּרינציפּן פון קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפיע — געשריבן אין אַמסטערדאַם.

נאָכ'ן יאָר 1660 — דער קליינער טראַקטאַט וועגן רעגנבויגן (tractatulus de rigide).

1670-1665. — דער טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט, אָנגעשריבן אין וואַרבורג.

1670-1665. — די האָלענדישע איבערזעצונג פון תנ"ך — פאַרברענט אין 1677 דורך ספּינאָזאַ'ן אין האַג.

נאָכ'ן יאָר 1670. — די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך.

1675-1670. — באַאַרבעט אין האַג ד עטיק אין איר היינטיקער פאָרמע. ד. ה. אין פינף חלקים.

1677-1675. — דער פּאָליטישער טראַקטאַט איז אַנטשטאַנען אין האַג.

באַמערקונגען צום טעקסט
און ביבליאָגראַפיע.

באמערקונגען צום טעקסט.

צום ז. 9. — דער טעקסט פון דער מעשה דערציילט לויט זולצבאך. Bilder aus der juedischen Vergangenheit. 1923. p. 181-191.

וואריאנטן: אין שארית ישראל פון מנחם בן שלמה מן. דיהרנפורט, 1799, ז. 85ב. אויך בא יעקב עמדן. מגלת ספר, 32.

צום ז. 17. — דרוקן אין אמסטערדאם. זע: חוץ די קאטאלאגן דער־מאָנט אין מיין ביבליאָגראפיע אויף „קהלת משה“ פון ש. ווינער און ספעציעל די הקדמה פון י. מ. הילעזיום צום קאטאלאָג פון ראזענטאליאנא לכבוד דעם 300 יאָריקן יובילוי פון מנשה בן ישראל׳ס דרוקעריי. אמסטערדאם, יאנואר, 1927. און סילווא ראָזא׳ס קאטאלאָג פון דער יובילוי־אויסשטעלונג אין „עץ חיים“, אמסטערדאם, 1927, 30 זז.

צום ז. 20. — ווי ווייט האָט זיך די האָלענדישע רעגירונג גע־שראָקן פאר אן עמיגראציע פון „אירע“ אידן באווייזט דער פאקט, וואָס זי האָט געהייסן דעם האָלענדישן אמבאסאדאָר אין לאָנדאָן זיך אויספרעגן בא מנשה בן ישראל וועגן דעם, צי האָט ער באמת בדעה איבערפירן די האָלענדישע אידן קיין ענגלאנד. אין א בריוו פון לאָנדאָן (דאטירט דעצעמבער, 1655) האָט ניופאָרט בארויקט זיין רעגירונג אין פאָלגענדע ווערטער:

„עס איז געוועזן בא מיר מנשה בן ישראל און האָט מיר פארזיכערט, אז ער פאָדערט גאָרניט פאר די האָלענדישע אידן, נאָר פאר די וואָס זיצן אין די אינקוויזיטאָרישע תפיסות פון שפאניען און פאָרטוגאליען“. זע: (Rev. des etudes juives 7, 262.)

צום ז. 21. — וועגן דעם נאָמען עספינאָזא, דעספינאָזא און ספינאָזא גייט אָן נאָך א ווויסנשאפטלאכע דעבאטע. געבהארד האָט פעסטגע־שטעלט די ווילקירלאכקייט אין באנוצן זיך מיטן נאָמען מצד ספינאָזא גופא. עס איז זיכער, אז דער נאָמען האָט געקלונגען דעספינאָזא, ווייל דער נאָמען איז א פאָרטוגעזישער. אויף שפאניש קאָן ניט זיין קיין קאָנטראקציע צווישן דע און ספינאָזא. דער אָריגינעלער נאָמען פון ברוך ספינאָזא איז בענטאָ דעספינאָזא. פון די עלף אונטערשריפטן ספינאָזא׳ס, וואָס מיר פארמאָגן, איז: איינער (דער עלטסטער) איז ספינאָזא, איינער

איז ד׳ספּינאָזא און נײַן זײַנען דעספּינאָזא. דאריבער נעמען מיר אָן אויך דעם נאָמען דעספּינאָזא. אזוי אָבער ווי עס איז שווער מיט אמאָל אײַנבירגערן דעם נאָמען, ספּעציעל פארן אידישן לייענער, באנוצן מיר אין אָנפאנג דעם נאָמען ד ע ס פּ י נ אָ ז א און אין גאנצן בוך: ס פּ י נ אָ ז א, ביז עס וועט קומען די צייט אז מיר וועלן קענען אײנמאָל פאר אלעמאָל שרייבן און רעדן וועגן דעספּינאָזא און ניט וועגן ספּינאָזא.

צ ו ם ז. 21. — ספּינאָזא׳ס פאָטער האָט נאָך אין יאָר 1641 געוואוינט אויף „פלויענבורג". צו יענער צייט איז ער ניט געווען קיין הויז באזיצער. אין יאָר 1651 וואוינט ער בא אן אנדערן באלעבאָס. (געבהארד, אין „כראָניקאָן ספּינאָזאנום", 2, 254-55.)

ספּינאָזא׳ס פאָטער איז געווען א גרויסער בעל חוב, אזוי אז זײַן זון האָט געמוזט צאָלן א סך פון זײַן טאַטע׳ס חובות. (מעיער אין „כראָניקאָן ספּינאָזאנום", 1, 20-23.)

צ ו ם ז. 23. — די פראגע פון ספּינאָזא׳ס בכורשאַפט קאָן צוליב מאנגל אין קוואלן ניט געלייזט ווערן. צי איז יצחק געווען פון א צווילינג בלייבט אויך א סוד. דערפאר האָב איך ניט געקענט זײַן אזוי זיכער מיט מײַן השערה.

צ ו ם ז. 39. — דעם דאָזיקן א ל א ר ק א ן האָט ספּינאָזא אין זינען אין זײַן בריוו צו ב ו ר ג ן, ווען ער דערמאָנט אז אידן האָבן געהאט קדושים. דאָס האָט געגעבן ג ר ע צ ׳ ן דעם געדאנק צו משער זײַן, אז ספּינאָזא איז געבאָרן געוואָרן אין שפּאניע. זע דאָס קאפּיטל: דער רוף צום שמד.

צ ו ם ז. 39. — „גאָט פון אברהם" בא די מאראנען. זע די זאמלונג פון תפלות בא שמ ו א ל ש ו ו א ר ץ
Os Cristaos-Novos em Portugal no Seculo XX. Lisboa, 1926. p. 52.

צ ו ם ז. 42. — ד נ י א ל ד ע ק א ז ע ר ע ז, מיכאל דעספּי־נאָזא׳ס מחותן, האָט געגעבן א פּאָר הסכמות צו מנשה בן ישראל׳ס ווערק. (זעה קאטאלאָג ..... 36, 15.) צווישן די ערשטע פרנסים פון דער אמסטער־דאמער קהילה איז אויך פאראן א מ ש ה ד ע ק א ז ע ר ע ז (סילווא ראָזא.... ז. 6).

צ ו ם ז. 42. — עס בלאָנדזשעט נאָך אלץ ארום אין דער געשיכטס־ליטעראטור די מעשה, אז מ ש ה ב ן מ ר ד כ י ז כ ו ת איז געווען ברוך דעספּינאָזא׳ס א קלאס־חבר. (לעצטנס אויך בא סילווא ראָזא אין זײַן געשיכטע פון די אידן אין אמסטערדאם, 68.) א ב א א פּ ע ל ב ו י ם האָט אין זײַן סופר איבער רמ״ז באוויזן, אז זכות איז געבאָרן געוואָרן אין 1612; הייסט עס, אז ער איז געווען מיט גאנצע 20 יאָר עלטער פון אונזער פילאָזאָף. ז כ ו ת רופט אָן ר׳ יצחק אבוהב, דעספּינאָזא׳ס רב, „חברי". עס איז מער ווי ווארשײַנלאך אז רמ״ז איז געווען צווישן די וואָס האָבן מחרים געווען דעספּינאָזא׳ן.

צום ז. 42. — א רמז אויף ספינאָזא'ן געפינען מיר אין ספר „אמונה חכמים“, פונם מקובל ר' אליעזר ברשלום. (דנ"א, ע"ב.)

„אחרי שהייתי בן ארבעים וארבע שנים זכיתי ללמוד תורה כפי מה שהורוני האר"י ז"ל וספר לי מהורמ"ז זצוק"ל, שפילוסוף אחד מעמנו בקש ממנו שיבאר לו סוד הצמצום, וכאשר התחיל לבאר לו לא יכול הפילסוף לשמוע והלך לו“.

צום ז. 62. — בכלל איז דער חרם געווען א מיטל מיט וועלכן מ'האָט זיך זייער אָפט באנוצט אין אמסטערדאם, בפרט געגן די אומצופרידענע מיט דער הערשנדער קליקע אין דער קהלה. אזוי האָט מען אין 1640 מחרים געווען משה בעלמאָנטע און דעם שוואָגער פון מנשה בן ישראל, יונה אברבנאל. (Ulman, 36.)

הויפּטזאכלאך האָבן זיך געפילט פאַרביטערט די מאַראַנען, וועלכע מ'האָט מיט א לייכטן הארצן מחרים געווען. א מאָדערנער אידיש־האָלענדישער היסטאָריקער זאָגט, אז דער חרם־פּראָבלעם אין האָלאנד דארפן מיר אורטיילן אין הסכם מיט יענער צייט און ניט פון אונזער שטאַנדפּונקט. ער איז, אָן ספק, טיילוויז, גערעכט.
“Wij moeten den ban tegen hem niet beoordeelen aar *owsen,* maar naar de inzichten van hun tijd” (60-62).

אולמאן זאָגט אז מ'האָט ספּינאָזא'ן באהאנדלט מילד, ווייל ס'איז געווען א האָפענונג אז ער וועט צוריק ווערן א איד. אויב מ'איז זיך באגאנגען מיט אקאָסטאַ'ן א סך שטרייַנגער, איז עס דערפאר ווייל ער איז געווען א פרעמדער. אולמאן בארעכטיקט און באַשיצט דעם חרם. ער האלט ספּינאָזא'ן פאר אן אנטיסעמיט. (אין זיין געשיכטע, ז. 54.)

צום ז. 63. — ספּינאָזא האָט געהאט א סטעמפּל מיטן אויפשריפט caute (פאָרזיכטיק). ער איז רעפּראָדוצירט אויפן איינבאנד פון דעם בוך.

צום ז. 63. — וועגן די השפעות פון די „פּוילישע ברידער“ אויף ספּינאָזא'ן דארף מען ניט ריידן מיט אזא זיכערקייט, ווי דאָס טוט א פּוילישער פאָרשער לודוויק כמאיי. (זע די ביבליאָגראַפיע.)

צום ז. 95. — אז ספּינאָזא האָט געקענט שוואך גריכיש, באווייזט די פאָלגענדע שטעלע פון „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראקטאַט“ (10, פּאראַגראַף 48): „איצט איז די צייט אויסצופאָרשן אויך דעם נייעם טעסטאַמענט, אָבער אזוי ווי איך האָב זיך דערוואוסט אז דאָס האָבן שוין דורכגעפירט מענטשן פון גרויסן וויסן, וועלכע קענען אויסגעצייכנט שפּראכן, און איך באהערש ניט אזוי פאָלקאָם די גריכישע שפּראך, כדי איך זאָל האָבן דעם מוט זיך ארייַנלאָזן אין דעם געביט“....

צום ז. 112. — מ'האָט אלע מאָל געגלויבט אז דער רייַנסבורגער תלמיד איז געווען בורג.

מ י י נ ו נ ג א האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען יאָהאַנעס קאָזעאַריוס.

צום ז. 129. — אין אַ בריוו צו אָלדענבורג'ן (פון 27 יולי 1663) שרייבט ספּינאָזא: „איך בין קוים אַ בעל־הבית איבער זיך אַליין צוליב דער גרויסער צאָל פון פריינד וואָס באַערן מיך מיט זייער באַזוך".

צום ז. 138. — וועגן אָלדענבורג'ס ארעסט אינפאָרמירט אויך: Pepys, Samuel, Diary, III, 273.

צום ז. 165. — וויליאַם וואַן בלייענבורג'ס פּאָלעמישע שריפט געגן דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט" איז אַ ספר פון 500 זייטן און טראָגט דעם פאָלגענדן טיטל:
Die Warheit der Christlichen Religion und die Autoritaet der heiligen Schriften behauptet gegen die Argumente der Unkirchlichen, oder Wiederlegung des gotteslaesterliches Buches, genannt Tractatus Theologico-Politicus. Leyden, 1674.

ער גיט צו פאַרשטיין אַז ספּינאָזא איז דער מחבר פון דעמדאָזיקן בוך, וועלכן ער באַקעמפט. „אַזוי לאַנג ווי די וועלט שטייט — שרייבט ער — איז נאָך קיינמאָל ניט אַרויס אויף דער ליכטיקייט אַזאַ שווידערלאַך בוך".

צום ז. 224. — וועגן דער גוטער באַציאונג פון דעם פירשט קאַרל לודוויג צו די אידן דערמאָנט אויך ר' ח י י ם ב כ ר ך אין זיין „חוות יאיר". בכרך איז געווען רב אין היידעלבערג אין יאָר 1691. (פאַרגלייך: קויפמאַנ'ס מאָנאָגראַפיע וועגן בכרכ'ן, 80-79.)

צום ז. 263. — אין לייבניצ'עס נייע עסייען (Nouveaux Essays) וואָס זיינען לכתחילה ניט געווען באַשטימט צום דרוק, געפינען מיר אַ סך געדאַנקען, פּאָזיטיווע, פאַר ספּינאָזא'ן, ווי למשל: „איך האָב זיך אַמאָל אַליין גענייגט צום ספּינאָזיזם". אָדער: „דער סובטילער איד"; אָדער „ספּינאָזא איז אַ פאָלקאָמענער מענטש מיט אַ פאָלקאָמענעם לעבן".

צום ז. 279. — אַ ד אָ ל ף מ ע נ צ ל זאָגט אין זיין בוך: Spinoza's Wandlungen in der Staatslehre (Stuttgart, 1898).

אַז ספּינאָזא האָט ניט געקענט זיין קיין דעמאָקראַט, ווייל די נידעריקע קלאַסן זיינען געווען אויף דער זייט פון דער אָרטאָדאָקסישער גייסט־ליכקייט; דאַגעגן די פרייע פאָרשונג האָט געהאַט די שטיצע פון דע וויטן.

צום ז. 285. — מאַרגאַרעטאַ וואַן דער ספּיק'ס ווערטער באַ ספּינאָ־זאַ'ס טויטן־בעט זיינען אַן אָפּקלאַנג פון ע ר א ז מ ו ס פון ראָטער־דאַם, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן סאָקראַטעס'ן: „עס פעלט זייער ווייניק, אַז איך זאָל זאָגן: הייליקער סאָקראַטעס! טו תפילה פאַר אונז"!

צום קאַפּיטל „וואָרבורג".

יעדער וואָס האָט עלעמענטאַרע ידיעות וועגן ספּינאָזאַ'ס לעבן ווייסט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט שלייפן גלעזער. משמעות, אַז אַ אידישער

זשורנאליסט האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט געהערט, ווייל ער שרייבט אזוי:
. . . : „איז שפינאָזא געזעסן אן איינזאמער, א שטילער, האָט דימענטן געשליפט, דימענטן פאר הויף־וואקכאנקעס, דימענטן פאר דעמימאנד פרויען, דימענטן פאר טעמפע זונות, דימענטן פאר שטילע צניעותדיקע פרויען", א. א. וו. (ד"ר אלעקסאנדער מוקדוני. דער שטילער אָפּטימיזם (צו דער ערשיינונג פון ספינאָזא'ס עטיק אין אידיש) — „פרייע ארבעטער שטימע, 1925.)

צום קאפיטל: „שבתי צבי".

אָ ל ד ע נ ב ו ר ג האָט געשריבן וועגן ש ב ת א י צ ב י ניט נאָר צו ספינאָזא'ן, נייערט אויך צו ראָבערט ווייל, אין אקספאָרד. ער האָט אין אזא בריוו געבראכט דריי ווינכטיקע אויסצוגן וועגן שבתאי צבי, וואָס זיינען ביז איצט געבליבן אומבאקאנט. לעצטנס האָט זיי פארעפנטלאכט דר. ג. ו ו י י ל א. נ.
Aus einem Briefe John Locke's. Soncino Blaetter, I, 205-206.

צום קאפיטל „דער רוף צום שמד".

וועגן דעם וואָרט „פרושים", וואָס ספינאָזא באנוצט אזוי אָפט, הן אין זיין „טעאָלאָגישן טראקטאַט" און אין דעם בריוו צו ב ו ר ג ' ן, האָט מען געמאכט אלערליי אויסטייטשונגען. י אָ ע ל האָט אונטערן וואָרט „פרושים" פארשטאַנען, אז ספינאָזא מיינט דאָ רבנים. אייגנטלאך די וואָס זיינען געטריי צו דער מסורה הייסן בא אים פרושים. אויך א ו ר י א ל א ק אָ ס ט א האָט באנוצט דאָס וואָרט אין דעם זין. דערפאר האָט מען דעם קאמף צווישן אקאָסטאַ'ן און דער קהלה באטראכט ווי א מלחמה צווישן „צדוקים" און „פרושים".

פ אָ ר ג ע ס זאָגט בפירוש אז דאָרטן וואו ספינאָזא באנוצט דאָס וואָרט פרושים מיינט ער דאָס ניט איראָניש, ווי מען איז זיך נוהג געווען אויסצוטייטשן.

„פרושים" הייסן בא ספינאָזא'ן ניט אנדערע ווי אָנהייגער פון א אידישער רעליגיעזער מסורה און ניט אין די קריסטלאכע קרייזן, נאָר דוקא בא די שפאנישע אידן, איז אנטשטאַנען דער דאָזיקער אייגנארטיקער געברויך פון דעם וואָרט „פרוש". אזוי ווי ער איז צוליב די טיף־גייענדע רעליגיעזע שטרייטיקייטן אויפגעקומען, אזוי שנעל איז ער אויך מיטן אונטערגאנג פון די שטרייטיקייטן פארשוואונדן". זע:
Das Wort Pharisaer bei Spinoza. Mon. f. G. und W. d. J. (1917). S. 150-165.

צום קאפיטל: „די ירושה".

„„עס וואָלטן א סך מענטשן גערן ספינאָזא'ן געלייענט, ווען זיי וואָלטן געקענט נאָר באקומען זיינע ביכער וואָס זיינען שוין אביסל זעלטן געוואָרן".

„ספינאָזא׳ס ווערק קאָן מען איינמאָל טרעפן אויף הונדערט ליציטאציעס פון ביכער״.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז ביז׳ן יאָר 1759 האָט מען אָנגעציילט 129 מחברים וואָס האָבן געשריבן געגן ספינאָזא׳ן. (זע ל. בעק: „ספינאָזא׳ס ערשטע איינווירקונג אויף דייטשלאנד״, בערלין, 1895.)

אנטאָניוס וואן דער לינדע זאָגט, אין זיין שיין ביכל וועגן ספינאָזא׳ן (געטטינגען, 1862), אז „מען וואָלט געקענט ספינאָזא׳ס לעבן אָנרופן א האָלענדיש שטיל לעבן, אזוי ווי די מאלער פון דעמדאָזיקן פאָלק האָבן עס אונז פאָרגעשטעלט אין זייערע בילדער״.

וועגן ספינאָזא׳ס ניט שמד׳ן זיך, זאָגט ער אזוי: „מיר לויבן אים פאר זיין ערלאכקייט וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשמד׳ן, ווייל זיין שמד וואָלט נאָך געוועזן א שפּיל מיט הייליגן.

ספינאָזא׳ס ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק איז באשטאַנען פון 160 ביכער: פון דעם 43 ווערק איבער מאטעמאטיק און נאטורוויסנשאַפט; 89 — הומאניסטיק; 14 — שפּראכוויסנשאַפט; 8 — ווערטערביכער. און אין פאָלגנדע שפּראכן: 1) לאטיין, 2) העברעאיש, 3) סיריש, 4) שפּאניש, 5) איטאליעניש, 6) פראנצויזיש, 7) האָלענדיש, 8) גריכיש.

מערסטנטייל האָט ער געלייענט די קלאסיקער, ווי האָמער, ווירגיל, אָוויד, פּלויטוס, סענעקא. די האָלענדישע ליטעראטור, וואָס האָט גראָד אין זיין צייט געבליט, איז אים געבליבן אומבאקאנט.

עס איז כדאי צו באמערקן אז אין ספינאָזא׳ס ביבליאָטעק האָט זיך ניט געפונען קיין איין דייטש בוך.

(זע: הענקל׳ס ארטיקל אין „צייטשריפט פיר ביכער פרוינדע״. 1915.)

רשימה פון באַנוצטע קוועלן.

פאַרקירצונגען.

Archiv—Archiv fuer die Geschichte der Philosophie.
C. S.—Chronicon Spinozanum. Amsterdam.

ביבליאָגראַפישע זאַמלונגען:

[Joseph Baer & Co.]—*Spinoza.* Katalog einer Sammlung seiner Werke, der Schriften seiner Anhaenger und Schueler und der Literatur ueber ihn (674 Num.). Frankfurt am Main.

אַן א יאָר (1911). די גרעסטע צאָל ביכער שטאַמט פון פראָווידנטאַל'ס ביבליאָטעק.

Boehmer, Ed. (1827-1900). *Spinozana.* (Ztsch. f. Phil. und Phil. Kritik, 1860 (121-166); 1863 (76-121); 1870 (240-277).

א זייער וויכטיקער מקור פאַר דער ביבליאָגראַפיע פון ספּינאָזאַ'ס קוועלן־ליטעראַטור.

Linde, van der A. *Benedictus Spinoza:* Bibliographie. VIII, 113 pp. Haag, 1871, 8°.

————*Notiz zur Litteratur des Spinozismus.* (Zt. f. Phil. und Phil. Kritik, 1865, B. 46, 301 ff.).

Spinozana (1897-1922). Bevattende Uittreksels uit de Jaarverslagen van den Secretaris der Vereeniging *Het Spinozahuis.* Benevens een Levensbericht omtrent Dr. W. Meijer en eene Lijst van diens Geschriften. Amsterdam, 1922. 144 pp.

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער ספּינאָזאַ געזעלשאַפט, איז געווידמעט דר. וויליאַם מעייער, איינעם פון די פאַרדינסטפולע ספּינאָזאַ־פאָרשער און סעקרעטאַר פון ספּינאָזאַ־הויז.

עס אנטהאלט זיין ביאָגראפיע, ביבליאָגראפיע פון זיינע שריפטן און אויס־צוגן פון יאָר־באריכטן פונם סעקרעטאר איבער די ספּינאָזא־ליטעראטור, וואָס איז אריינגעפלאָסן פארן ספּינאָזא־הויז אין משך פון די יאָרן 1897־1922. זייער א וויכטיקע קוועלע פאר אָריענטאַציע אין דער ספּינאָזא ליטעראטור פון די 25 יאָר.

ערשטע מקורים

SPINOZA. *Opera*. Ed. Carl Gebhardt. 4 Vol. Heidelberg, 1927.

ערשטע דריי בענד אנטהאלטן ספּינאָזא׳ס ווערק אין אָריגינאַל; דער פערטער באנד אנטהאלט די עפּיסטאָלאָגראפיע (84 בריוו) און די קלענערע ארבעטן, ווי דער טראקטאַט וועגן רעגנבויגן א. א. וו.

דאָס איז א פונדאמענטאַלע אויסגאבע, וואָס מאכט בטל אלע ביז איצטיקע אויסגאַבעס פון ספּינאָזאָ׳ס ווערק.

פון גרויס וויכטיקייט זיינען די נאָטיצן און הערות פון געבהארדט׳ן, וואָס פארנעמען איבער 400 זייטן.

די ווערק גייען לויטן פאָלגנדיקן סדר:

באנד 1

1) *Korte verhandeling van god, de mensch en des zelfs welstand* (1-120).
2) *Renati des Cartes Principiorum philosophiae*, pars I et II (121-230).
3) *Cogitata metaphysica* (231-281).
4) *Compendium grammatices linguae hebraeae* (282-493).

באמערקונגען פון ארויסגעבער: 494־631.

באנד 2

1) *Tractatus theologico-politicus* (1-249).
2) *Ethica* (41-309).

באמערקונגען פון ארויסגעבער: 310־392.

באנד 3

Tractatus theologico-politicus (61-249).
2) *Adnotationes ad tractatum theologico-politicum* (249-269).
3) *Tractatus politicus* (270-361).

באמערקונגען פון ארויסגעבער: 363־431.

באנד 4

1) *Epistolae* (1-342).
2) *Stelkonstige reeckening van der Regenboog* (343-359).
3) *Reeckening van Kanssen* (360-362).

באמערקונגען פון ארויסגעבער: 363-434.

FREUDENTHAL, J. *Die Lebensgeschichte Spinoza's in Quellenschriften, Urkunden und nichtamtlichen Nachrichten.* Leipzig, 1899.

די וויכטיקסטע זאמלונג פון קוועלן פאר ספינאָזא'ס לעבן און זיין סביבה.

COLERUS, JOHANNES. *Korte, dog waarachtige Levens-Beschryving van Benedictus de Spinosa, uit autentique Stukken en mondeling getuigenis van nog levende Personen, opgestelt.*

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין אמסטערדאם, אין 1705. איך ציטיר לויט פרוידנטאל'ס טעקסט. ז. 35-104.

וויכטיקע באמערקונגען: ז. 249-259.

KORTHOLT, CHR. *De tribus impostoribus.* Hamburg, 1700.

ציטירט לויט פרוידנטאל: 26-28.*

LUCAS. *La vie et l'esprit de Mr. Benoit de Spinosa.*

געדרוקט צום ערשטן מאָל אין 1719; איך באַניץ זיך מיטן טעקסט, וואָס פ ר ו י ד נ ט א ל האָט אָפּגעדרוקט אין זיינע „קוועלנשריפטן", ז. 1-25. זע די באמערקונגען: דאָרטן ז. 239-245.

MONNIKHOFF. *Lebensbeschreibung Spinoza's.*

אין דער הקדמה זיינער צום קורצן טראַקטאַט. געדרוקט בא פרוידנטאל. ז. 105-108.

STOLLE-HALLMAN. *Reisebeschreibung.*

די טיילן, וואָס האָבן א שייכות מיט ספינאָזא'ן זיינען אָפּגעדרוקט בא פרוידנטאל, 223-230. זיי שטאמען פון 1703. ד ו נ י ן - ב א ר ק א ו ו ס ק י (דער יונגער דע ספינאָזא, ז. 35) האלט דיזאזיקע קוועלע פאר אויסערגעווינלאך וויכטיק.

די וויכטיקסטע ביאָגראַפיעס איבער ספּינאָזאַ

ALEXANDER, B. *Spinoza* (Geschichte der Philosophie in Einzeldarstellungen, B. 18). Muenchen, 1923. 180 pp.

א גוט, פּאָפּולער ביכל.

BORKOWSKI-DUNIN, ST. VON. *Der Junge de Spinoza. Leben und Werdegang im Lichte den Weltphilosophie.* Muenster, 1910, 634 pp.

דער מחבר איז א גלח און ווערט אָנערקענט פאַר'ן גרעסטן אויטאָריטעט אויפ'ן געביט פון ספּינאָזאַ פאָרשונג. ער איז אָבער שטאַרק טענדענציעז און די אידישע קוועלן זיינען אים באַקאַנט פון א צווייטער האַנט. די ביאָגראַפישע זייט פון זיין ווערק איז גלענצנד, צאַפּלדיק געשריבן. א גרויסן ווערט האָט דער אריינפיר, וואָס גיט א קריטישן אנאליז פון אלע קוועלן צו ספּינאָזאַ'ס ביאָגראַ־פיע (זייטן 1-87) און אָריענטירט גוט אין דער ספּינאָזאַ ליטעראַטור.

די וויכטיקסטע רעצענזיע איבער באָרקאָווסקי'ס בוך האָט אָנגעשריבן וויל עם מעייער אין דער „דייטשער ליטעראַטור צייטונג" פון 17טן דעצעמבער 1910.

BRUNSCHWICG, L. *Spinoza.* Paris, 1894. 224 pp.

COUCHOUD, PAUL. *Benoit de Spinoza.* Paris, 1902. XII & 306 pp.

די בעסטע פראַנצויזישע מאָנאָגראַפיע.

FISCHER, KUNO. *Spinoza.*

1909, XVI & 365 pp.

פינפטע אויפלאַגע.

מיט זייער וויכטיקע דערגענצונגען פון קאַרל געבהאַרד, דעם אויטאָריטאַטיווסטן ספּינאָזיסט פון אונזער צייט. דאָס בוך גופא האָט א קנאַפּן ווערט פאַר דער ביאָגראַפיע פון ספּינאָזאַ.

FREUDENTHAL, J. *Spinoza. Leben und Lehre.* Heidelberg, 1927. 350 & 270 pp.

דאָס איז א קלאַסיש ווערק. די דאָזיקע אויסגאַבע איז די צווייטע און איז רעדאַקטירט פון קאַרל געבהאַרד. דער צווייטער חלק, די לערע פון ספּינאָזאַ, ווערט געדרוקט צום ערשטן מאָל פון פרוידנטאַל'ס ירושה.

GUNN, ALEXANDER J. *Benedict Spinoza.* Melbourne, 1925.

אז אויסגעצייכנטע ביבליאָגראַפיע צום סוף פון בוך.

קלצקין, יעקב. ברוך שפינוזה, חייו, ספריו, שטתו, ליפסיה תרפ"ג.

די ביאָגראַפישע זייט פונם בוך איז גאָר שוואַך.

Mauthner, Fritz. *Spinoza, sein Leben und Wirken.* Dresden, 1922.

Mehlis, G. *Spinozas Leben und Lehre.* Freiburg, 1923.

האָט אַ קאַפּיטל איבער מיסטיק אין ספּינאָזאַ'ס פילאָזאָפיע.

Meinsma, K. O. *Spinoza en Zijn Kring's.* Gravenhage (Haag), 1896.

אַ דייטשישע איבערזעצונג מיט אַ פּראַכטפולער איינלייטונג פון ק אָ נ ס ט אַ נ ט י ן ב ר ו נ ע ר — דערשינען אין 1909, אין בערלין. אַ פונדאַמענטאַל ווערק פאַר ספּינאָזאַ פאָרשונג.

Pollock, F. *Spinoza, His Life and Philosophy.* London, 1899.

דאָס בעסטע ענגלישע בוך איבער ספּינאָזאַ.

ציטלין, הלל, ברוך שפינוזה, חייו, ספריו, ושיטתו הפילוסופית. ווארשע, 1914, 140 זז.

ביאָגראַפיש — שוואַך; דער אַנאַליז פון דער פילאָזאָפיע — מיט אַ סך וואַרעמקייט און פאַרשטייַן.

SPINOZIANA

Altkirch, E. *Im Lande Spinozas.* (Ost und West, 1910. Heft 2, p. 79-100.)

————*Spinoza im Portraet.* Jena, 1913.

זייער וויכטיק פאַר דער איקאָנאָגראַפיע פון ספּינאָזאַ.

————*Maledictus und Benedictus.* Leipztg, 1924.

Baasch, Ernst. *Hollaendische Wirtschaftsgeschichte.* Jena, 1927.

Baeck, L. *Spinoza's erste Einwirkung auf Deutschland.* Berlin, 1895.

Baeck, S. *Die Entstehungsgeschichte des portugiesischen* Gemeinde in Amsterdam und Rabbi Menasse ben

Israel. Frankfurt a. M., 1883.

Baltzer, A. Dr. *Spinoza's Entwicklungsgang besonders nach seinen Briefen geschildert.* Kiel, 1888.

די זייטלאַר 7-22 וועגן קאָלערוס'ן און לוקאַס'ן.

Blase, J. E. B. *J. Colerus en de groote twisten in de Luthersche Kerk zijner Dagen.* Amsterdam, 1920.

Borkowski-Dunin, St. *Zur Textgeschichte und Textkritik der aeltesten Lebensbeschreibung Benedikt Desponizas.* (Archiv, Band 18, 1-34.)

————*Nachlese zur aeltesten Geschichte des Spinozismus.* 1910.

————*Spinoza und Stensen.* (Stimmen der Zeit. Freiburg, B. 112, p. 126-138.)

————*Der este Anhang zu de Spinozas Kurzer Abhandlung.* (C. S. I, 63-80.)

————*Spinozas Korte Verhandelig van God, de Mensch en deszelfs welstand.* (Chronicon Spinozanum, III, 108-141.)

Bouillier, F. *Histoire de la Philosophie Cartesienne.* Paris, 1854. צוויי בענד.

Brunswig, Alfred. *Leibniz.* Wien-Leipzig, 1925.

Brunschwicg, Leon. *Spinoza et ses contemporains.* Paris, 1923. אַן אויסגעצייכנט בוך.

Cohen, Hermann. *Spinoza ueber Staat und Religion.* (Jahrbuch f. Jued. Gesch. u. Lit. 1915, p. 56 ff.)

Cohen, I. *Spinoza en de Geneeskunde.* Amsterdam, 1920.

Chmaj, Ludwick. *Andrzej Wiszowaty.* (Reformacja w Polsce. 1921. No. 3, 4.)

———— *De Spinoza a Bracia Polscy.* Krakow, 1924, 42 pp.

DALEN, J. L. VAN. *Willem Laurensz van Blijenberg.* (De Tijdspiegel, 1908, II.)

DILTHEY, WILHELM. *Weltanschauung und Analyse des Menschen seit Renaissance und Reformation.* Leipzig, 1923.

ENDE, VAN DEN F. *Drie Brieven aan Johan de Witt.* (C. S. I, 113-118).

פארעפנטלאכט פונ'ם היסטאָריקער י א פ י ק ס ע.

FISCHER, J. *De Geneescheeren on der Spinoza's Vrienden.* (Nederl. Tijdschrift v. Geneeskunde, 1921, April 2.)

FREUDENTHAL, JACOB. *Spinoza und die Scholastik* (Philosophische Aufsaetze, Eduard Zeller... gewidmet. Leipzig, 1887, p. 83-138.)

————*On the History of Spinozism.* (Jewish Quarterly Review, VIII, 1895, p. 17-70.)

————*Spinoza-Studien.* (Ztschr. f. Philos., 1896, Vol. 108, p. 238-282; vol. 109, p. 1-25.)

————*Ueber den Text der Lucaschen Biographie Spinozas.* (Zeitschrift f. Phil. und Phil. Kritik, 1905, p. 189-204.)

GASTER, M. *Ein Autographes Huldigungsschreiben an Sabbatai Zebi.* (Ost und West, 1906, 267-278.)

GEBHARDT, CARL. *Spinoza's Abhandlung ueber die Verbesserung des Verstandes.* Heidelberg, 1905.

זייער א וויכטיקע קוועלע פאר דער אנטשטייאונגס־געשיכטע פון דעם דאָזיקן טראקטאַט.

————*Spinoza als Politiker.* (Bericht ueber den III internationalen Kongress fuer Philosophie. Heidelberg, 1908, 263-267.)

————*Inedita Spinozana.* (Abhandl. d. Heidel. Akademie d. Wissen. Phil.-hist. Klasse, No. 13). 1916.

————*Die Schriften des Uriel da Costa.* Amsterdam, 1922.

אנטהאלט זייער וויכטיקע קוועלן פאר דער געשיכטע פון אידן אין אמסטערדאם, ווי אויך פארן פראבלעם פון די רעליגיעזע ספקות צווישן מאראנען.

Gebhardt, Carl.

הקדמות צו די דייטשע איבערזעצונגען פון ספינאזא׳ס פאליטישן טראקטאט (לייפציק, 1923) און טעאלאגיש פאליטישן טראקטאט (דארטן, 1922).

————*Der Name Spinoza.* (C. S. I, 272-276.)

————*Spinoza im Portraet.* (C. S. II, 247-251.)

————*Das Geburtshaus Spinoza's.* (C. S. II, 254-256.)

מיט צוויי טשיקאווע בילדער; איין בילד איז רעפראדוצירט אין דעם בוך.

————*Juan de Prado.* (C. S., III, 269-292.)

————*Von den festen und ewigen Dingen.* Heidelberg, 1926.

Gerhardt, C. J. *Leibniz und Spinoza.* (Sitzungsberichte der preuss. Akademie d. Wissenschaften. November, 1889.)

פארעפנטלאכט דעם געשפרעך מיט טשירנהויז איבער ספינאזא׳ס פילאזאפיע.

Gompertz, Th. *Leibniz und Spinoza. Ein Vorwurf fuer Historienmaler.* (Essay und Erinnerungen, Stuttgart, 1905, p. 144-148).

פריער געדרוקט אין: *Nation,* 1888

Graetz, H. *Die Sabbatianisch-messianische Schwaermerei in Amsterdam.* M. f. G. und W. d. J., 1876. p. 139-143.

————*Geschichte der Juden.* 3 Auflage, 1897. Band X, 153-233.

פארעלטערטע פרטים און דאטן: טענדענציעזע אין אפשאצונג.

Gruenbaum, Max. *Amsterdam von der west-oestlichen Seite.* (Kalender fuer Israeliten. Wien, 1858, p. 104-132.)

„קיינער קאן ניט דאס דאס הויז, וואו ער האט געלעבט; קיינער ווייסט אפילו ניט וואו ער איז באגראבן געווארן" — שרייבט גרינבוים אין יאר 1858.

GRUNWALD, M. DR. *Spinoza in Deutschland.* Berlin, 1897.

————*Portugiesengraeber auf deutschen Erde.* Hamburg, 1902.

GUGGENHEIM, M. *Zum Leben Spinoza's und die Schicksale des tractatus theol. politicus* (Vierteljhschr. f. wiss. Phil., XX, 121-142.)

GOETERS. *Die Vorbereitung des Piltismus in der reformierten Kirche der Niederlande.* 1911.

HILLESUM, J. M. *Uri ha Levi. De erste Mohel, Chazzan en Predikant der Port. Juden te Amsterdam in het jaar* 1593. Amsterdam, 1904, 52 pp.

————*De Spinozittische Spraakkunst.* Chronicon Spinozanum. I, 158-177.

HISSBACH, K. *Isi ein durchgeh. Gegensatz zwischen Spinoza und Leibniz vorhanden?* Weimar, 1889.

HORN, E. *Spinoza's Staatslehre.* Dresden, 1863.

HYLKEMA, C. B. *Reformateurs. Geschiedkundige Studien over de godsdienstige bewegingen uit de nadagen onzer gonden eeuw.* 1902. 2 vol.

וועגן די קאַלעגיאַנטן און קוויקערס אין האָלאנד. רייך אין מאַטעריאַל, שטאַרק פּארטייאיש אין באַלויכטונג.

JAPIKSE, N. *Johan de Witt: Geillustreerd onder toezicht van den schrijver.* Amsterdam, 1915.

פּאַראַן א דייטשע אויסגאַבע, לייפּציק, 1917.

JOEL, M. DR. *Spinoza's Theologisch-Politischer Traktat auf seine Quellen geprueft.* Breslau, 1870.

————*Zur Genesis der Lehre Spinoza's.* Breslau, 1871.

KAUFMAN, DAVID. *R. Jair Chajjim Bacharach* (1638-1702) *un seine Ahnen.* Trier, 1894.

וועגן שבתי צבי און די אידן אין היידלבערג.

KAYSERLING, M. *Un conflit dans la communaute His-*

pano-Portugaise a Amsterdam. (Revue des Etudes Juives, 1901, p. 275 ff.)

————*Menasse Ben Israel. Sein Leben und Wirken.* (Jhrb. f. d. Gesch. d. Juden, II, 1861, 83-188.)

KUEHLER, W. J. *Het Socinianisme in Nederland.* Leiden, 1912.

KUHNE, ALFRED. *Spinozas Tractatus politicus und die parteipolitischen Verhaeltnisse der Niederlande.* (Phil. Abhandlungen M. Heinze gewidmet. Berlin, 1906, p. 92-100.)

KNUTTEL, W. P. C. *Verboden Boeken in de Republiek de Vereenigde Nederlanden.* Haag, 1914.

KRAKAUER, MOSES. *Zur Geschichte des Spinozismus in Deutschland waehrend der ersten Haelfte des* 18. *Jahrhunderts.* Breslau, 1881.

LEFEVRE-PONTALIS, G. A. *John de Witt, grand pensionary of Holland.* London, 1885, 2 vol.

איבערגעזעצט פון פראנצויזיש.

LINDE, VAN DER A. *Spinoza. Seine Lehre und deren erste Nachwirkungen in Holland.* Goettingen, 1862.

MAUTHNER, FRITZ. *Der Atheismus und seine Geschichte im Abendlande.* Stuttgart, 1922.

באנד 1, 592-613 (דער סאציניאניזם) און באנד 2, 346-372 (ספינאזיזם).

MAYER, M. DR. *Spinoza's Berufung an die Hochschule zu Heidelberg.* (Chronicon Spinozanum, III, 20-44.)

MEIJER, W. *Wer war Lucas?* (Archiv. 1898, p. 270-278.)

————*Wie sich Spinoza zu den Collegianten verhielt?* (Archiv. 1901, p. 1-31.)

א קריטיק פון מענצל'ס בוך.

————*Johannes Casearius.* (Archief v. Nederl. Kerkgeschiedenis. 1902, p. 398.)

————*Spinoza's demokratische Gesinnung und sein.*

Verhaeltniss zum Christentum. (Archiv, 1903.)

פּאָלעמיק מיט מענצלן.

————*Nachbildung der im Jahre* 1902 *noch erhaltenen eigenhaendigen Briefe des Benedictus Despinoza.* Haag, 1903.

א פּראַכטפולע אנאסטאטישע אויסגאַבע פון ספּינאָזאַ׳ס 12 בריוו מיט א האָלענדישער, דייטשער און ענגלישער איבערזעצונג. געדרוקט אין א זייער באגרעניצטער צאָל עקזעמפּלארן. די פאקסימילע פון בריוו צו לייבניצן איז אנטנומען פון דער זאמלונג — לויט דעם עקזעמפּלאר, וואָס געפינט זיך אין אידישן טעאָלאָגישן סעמינאר אין ניו יאָרק.

————*Drie ambtelijke stukken betrekking nebbende op Spinozas levensgeschiedenis.* (Chronicon Spinozanum, I, 20-30.)

————*Nicolai Stenonis ad novae philosophiae reformatorem de vera philosophia epistola.* (Chronicon Spinozanum, I, 41-44.)

סטענאָ׳ס בריוו אָפּגעדרוקט דאָרטן. 31-40.

————*De veris et fictis Tractatus Theologico-Politici editoribus.* (C. S., I, 264-267.)

————*De Joanne Caseario.* (C. S., III, 232-252.)

MEINSMA, K. O. *Ueber die Unzulaenglichkeit der bisherigen Biografen Spinoza's.* (Archiv. 1896, 208-224.)

MENZEL, A. DR. *Wandlungen in der Staatslehre Spinozas.* Stuttgart, 1898.

————*Spinoza und die Collegianten.* (Archiv. 1902, p. 277-298.)

א ענטפער מעייער׳ן אויף זיין קריטיק פון מענצל׳ס בוך.

MEYER, W. *Jean Maximilien Lucas.* (Tijdschrift voor Boek-en Bibliotheekwezen, 1906.)

MOHL, v. R. *Geschichte und Litteratur der Staatswissenschaften.* 1855.

MURRIS, R. *La Hollande et les Hollandais au XVII et au XVIII siecle vus par les Francais.* Paris, 1925.

Myslicki, J. *Johnston i Spinoza.* Warszawa, 1922.

אויף פראנצויזיש געדרוקט אין C. S., I, 118-151

Olschki, Leonardo. *Galilei und seine Zeit.* Halle, 1927.

Paraira en da Silva Rosa. *Gedenkschrift ter gelegenheid van het 300-jarig bestaan der onderwijsinrichtingen Talmud Tora en Ets Haim.* Amsterdam, 1916.

Pflaum, Heinz. *Rationalismus und Mystik in der Philosophie Spinozas.* (Deutsche Vierteljahrsschrift fuer Literatur, Wissenschaft und Geistesgeschichte, 1926. I, p. 127-143.)

Philippsohn, Ludwig Dr. *Baruch Spinoza* (Jahrbuch fuer die Geschichte der Juden und des Judenthums. 1861, II, 189-259.)

אן אלטע ארבעט, וואס האט נאך איר פרישקייט ניט פארלארן.

Plenkers, W. S. *Der Daene Niels Stensen....* Freiburg, 1884.

Porges, N. *Das Wort Pharisaer bei Spinoza.* (Monatsschrift fuer Geschichte des Judenthums, 1917, 150-165.)

Presser, J. Dr. *Das Buch "de tribus impostoribus."* Amsterdam, 1926.

Prins, Izak. *De Vestiging der marranen in Noord-Nederland in de zestiende eeuw.* Amsterdam, 1927.

Radlinski, Ignacy. *Spinoza.* Rzecz historyczno-spoleczna. Warszawa, 1910.

————*Jezus, Pawet, Spinoza.* Rzecz historyczno-spoleczna. Warszawa, 1912.

Rooijen, van. *Inventaire des livres formant la Bibliotheque de Spinoza.* Hague, 1889.

Seeligman, S. *Amsterdam.* (Jewish Encyclopedia. 1901, Volume I.)

———*Ueber die erste juedische Ansiedlung in Amsterdam.* (Mitt. fuer jued. Volkskunde, Heft 17.)

———*Die Juden in Holland. Eine Charakteristik.* (Simonsen Festskrift, Kopenhagen, 1923, 253-257.)

———*Die Juden in Holland.* (Niederlaendisches Jahrbuch, Muenchen, 1924, p. 207-220.)

———*Het Marranen-problem uit oekonomisch oogpunt.* (Bijdragen en Mededeelingen van het genootschap voor de Joodsche Wetenschap in Nederland. Amsterdam, 1925, III.)

———*Bibliographie en historie. Bijdrage tot de Geschiedenis der eerste Sephardim in Amsterdam.* Amsterdam, 1927.

[SEVENSMA AND HILLESIUM.] *Gids voor de Tentoonstelling der Bibliotheca Rosenthaliana ter gelegenheid van het driehonderd-jarig bestaan der Hebreeuwsche typographie in Amsterdam* (1627-1927). Am. Januari 1927, 24 pp.

SILVA ROSA, J. S. DA. *Iets over den Amsterdamschen opperabbijn Isaac Aboab.* Amsterdam, 1916, 6 pp.

———*Geschiedenis der portugueesche Joden te Amsterdam.* Amsterdam, 1925.

———*Over de oudste portugueesche synagoges te Amsterdam.* (C. S., I, 267-272.)

———*Catalogus.... ter herinnering aan het Driehonderd-Jarig Jubileum van het eerste door Menasseh Ben Israel te Amsterdam gedrukte Hebreuwsche Boek.* Amsterdam, 1927, 39 pp.

SLEE, J. C. VAN. *De Geschiedenis van het socinianisme in de Nederlanden.* Haarlem, 1914.

———*De Rijnsburger Collegianten.* Haarlem, 1895.

SOLMI, E. *Benedetto Spinoza et Leone Ebreo Modena.* 1903.

SOMBART, W. *Die Juden und das Wirtschaftsleben.* Berlin, 1909.

STARCKE, C. N. *Baruch de Spinoza.* Kopenhagen, 1923, 392 pp.

דאָס בוך איז איבערזעצט אויף דייטש פון דר. קאַרל העלווינג.

STEIN, LUDWIG PROF. *Leibniz in seinem Verhaeltniss zu Spinoza.* (Sitzungsbericht der preussischen Akademie. 1888, No. 2, XXV.)

————*Ueber die litterarischen Nachlass und die Herausgabe der Opera Posthuma Spinozas.* (Archiv. B. I, Heft 4.)

————*Leibniz und Spinoza. Ein Beitrag zur Entwicklungsgeschichte der Leibnizischen Philosophie.* Berlin, 1890.

וויכטיקע קוועלן־זאַמלונג.

STRAUSS, LEO. *Zur Bibelwissenschaft Spinozas und seiner Vorlaufer.* (Korespondenzblatt des Vereins zur Gruendung und Erhaltung einer Akademie fuer die Wissenschaft des Judentums, 1926, p. 1-22.)

TAK, VAN DER W. G. *De Ludovico Meyer.* (C. S., I, 91-100.)

TALGEIMER, A. *Sootnoshenje klassow i klassowaja bor'ba w Niderlandach pri shyzni Spinozy.* (Wjestnik Kommunistycheskoj Akademjt, 1927, XX, 30-50.)

ULLMAN, S. DR. *Geschichte der Spanisch-portugisischen Juden in Amsterdam im XVII Jhr.* (Jahrbuch der Jued. Lit. Ges., Frankfurt a. M., 1907, V, p. 1-74.)

אַ גוטע, קאָנסטרוקטיווע מאָנאָגראַפיע.

VALKHOFF, P. *Constantin Huygens, poete et diplomate d'Etat hollandais et ses amities francaises.* La Haye (Haag), 1910.

VERWEYEN, J. M. *E. W. von Tschirnhaus als Philosoph.* Bonn, 1905.

WAETJEN, HERMANN DR. *Das Judentum und die Anfaenge der modernen Kolonisation.* Berlin, 1914.

קריטישע באמערקונגען צו זאָמבאַרט'ס בוך. זייער וויכטיק פאר דער עקאָנאָמיק פון די אידן אין אמסטערדאם.

WARYNSKI, T. - *M*YSLICKI - GEBHARDT. *Le Nom de Spinoza.* (C. S., II, 251-254.)

א וויכטיקע פּאָלעמיק בנוגע דעם נאָמען: ספּינאָזא.

WOLF, A. *Spinoza's Short Treatise on God, Man and His Well-Being.* Translated and edited, with an introduction and commentary, and a life of Spinoza by. . . . London, 1910.

אן אויסגעצייכנטע ביאָגראפיע.

————The oldest biography of Spinoza, edited with translation, introduction, annotations, etc. New York, 1927, 196 pp.

WOLF, LUCIEN. *Menasseh ben Israel's Mission to Oliver Cromwell.* London, 1901.

WOLFF, M. *De eerste vestiging der Joden in Amsterdam, hun politieke en economische toestand.* (Bijdragen voor vaderlandsche geschiedenis en oudheidkunde. Haag, 1910, Series 4, v. 9, 365-400.)

העברעאישע קוואַלן:

אסף, שמחה. מקורות לתולדות החנוך בישראל, כרך ראשון, תל־אביב, תרפ"ה.

אנטהאלט די אויסצוגן פון ר' שבתי בס („שפתי ישנים") און פון מוהר"ר שעפטיל דעם זון פון של"ה (ווי העמודים) איבער „עץ חיים" אין אמסטערדאם.

אבא אפפלבוים. רבי משה זכות ושפינוזה. העולם 1926, נומער 10.

שמואל דוד לוצאטו (שד"ל). נגד שפינוזה.

איבערגעדרוקט אין זיינע געזאמלטע שריפטן. א. נ. מחקרי־היהדות, ווארשע, תרע"ג. חלק שני, 222־198.

עניני שבתי צבי.

א וויכטיקע זאמלונג פון דאָקומענטן ארויסגעגעבן פון א ה ר ן פ ר יי מ א ן דורך די חברה „מקיצי נרדמים", בערלין, 1912. די פּעטיציעס און אויפרופן פון דער אמסטערדאמער קהילה אפּגעדרוקט אויף ז. 138־112.

נ. סוקולוב. פרקים בתקופת האנוסים ויחוסם אל שפינוזה. „העולם", 1927.

געזען די נומערן פון 24 ביז 41.

סאָקאָלאָווס ארבעט איז א זאמלונג פון מאטעריאלן, אן א סיסטעמע און מיט זייער ווייניק חידושים.